STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05602

EYROPEISHE LITERATUR

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייראפעאישע און יודישע ליטעראטור.

א זאמעלבוך פון ערצעהלונגען, סקיצען, הומאָרעסקען
און געדיכטע פון די פּאָפּולערסטע יודישע און
אייראָפּעאישע שריפטשטעלער.

רעדאגירט דורך **אברהם רייזען.**

VI באנד.

פערקויף:	פערלאַג
געזעלש. „צענטראל", ווארשא.	„פּראגרעס", ווארשא.

ווארשא, תרע"ד.

אינהאלט.

№ 33.

1) שרה מאַלקאַלב (ערצעהלונג) . . י. וואַסערמאַן.
2) פֿאוסט (טראַגעדיע) . . . געטהע.
3) ראָמעאָ און יוליא (ערצעהלונג) . . אַ. סטרינדבערג.
4) * * * (געדיכט) . . . י. בלייכער.
5) שותּפֿים (ערצעהלונג) . . . א. קאַהאַנאָווסקי.
6) ליעבע קלאַנגען (געדיכט) . . שרה רייזען.
7) קנוט האַמסון (ביאָגראַפֿישער עטיוד) . צבי כהן.
8) אין אָווענד (געדיכט) . . . א. וואָלקאָוויטשער.
9) אויף שבעה ימים . . . ק. רייזען.
10) די ליעדער פֿון יונגען אַפּעג . . א. האנסאָן.
11) ליטעראַרישע נייעס . . .

№ 34.

1) דזשאַקס טאָג-בוך . . . ג. ד. מאָפּאַסאַן.
2) הערבסט-פֿאַנטאַזיע . . . ג. איַיזען.
3) האָפֿנונג . . . . י. בלייכער.
4) דאָס גאַנצע לעבען . . . אַ. סטרינדבערג.
5) דער גאַסט . . . . שרה רייזען.
6) אלול-מאָטיווען . . . . ה. ד. נאָמבערג.
7) אויף אַ זייגערל . . . . א. רייזען.
8) ליעבע (ליעדער) . . . א. רייזען.
9) פֿאוסט פֿון געטהע . . . י. בלייכער.
10) אַ שפּיעל (געדיכט) . . . ש. ל. קאַוואַ.
11) נייע ביכער (רעצענזיע) . . . בן-קלמן

№ 35.

1) דזשאַק'ס טאָג-בוך . . . ג. ד. מאָפּאַסאַן.
2) דער קוואַל (געדיכט) . . . נ. איַיזען
3) די ווילדע שוואַם . . . אָועלס.

4) יִינגענגע לי (געדיכט) . . . ע. פּאָע.
5) אויף א קאַלאַמאַשקע . . , מ. טייטש.
6) נישט וועק . . . . מ. ברכהן.
7) שטערען און מענשען . . . י. בלייכער.
8) פֿאוסט . . . . געטהע.
9) וועגען פֿאוסט אויף יודיש . . מ. קאַטץ.

№ 36.

1) די ליעבע נאָכ'ן טויט . . . ליל אָדאַן.
2) וועָנוּם . . . . . קיפּלינג.
3) גאָטס ווילען . . . . ר. דעהמעל
4) זשאַבע טענצלער . . . ע. פּאָע.
5) פֿון וואַנען שטאַמט פֿילאַנטראָפּיע? . א. רייזען.
6) דער שופר . . . . העָרשעלע.
7) דער פּאַספּאָרט סיסטעם . . חר"ן.

№ 37.

1) צום סוף — טענץ . . . . פ. ראָזענגערי.
2) דאָס פּעסעל . . . . ג. ד. מאָפּאַסאַן.
3) די פֿיער פֿון נאָרוועגען . . צבי כהן.
4) דער אַרבייטסמאַן (געדיכט) . . ד. לעהמאַן.
5) נאָכ'ן רעגען . . . ״
6) דאָס גרויסע געווינס . . . שרה רייזען.
7) דער נביא . . . . נאָך לערמאָנטאָוו.
8) מאַדאַם ברײַנע . . . . א. רייזען.
9) דער וואָלקען . . . . נ. אייזען.
10) דער ווינד . . . . נ. אייזען.

№ 38.

1) ענטטוישונג . . . . ט. מאַן.
2) דעמיר-קאַיאַ . . . א. קופּרין
3) דאָס הארץ אַלס פֿעררעטער . . ע. פּאָע.

4) חוה׳ס טרויער . . . ר. דעהמעל.
5) בערג-געשיכטען . . . ה. היינע.
6) זשאַק בעניאָ , . . . פּאַול הייזע.
7) I די לבנה, II דער דיכטער . . נ. אייזען.
8) אונפּערגעסליכקייט . . . שרה רייזען.
9) דער אויסלענדער . . . אַ. קאַצענעלענבאָגען.
10) די פּעררעטערין (געדיכט) . . אַ. רייזען.

№ 39.

1) דער געדיזאַ קאַוואַלקאַנט . . אַ. פראַנס.
2) וועלט אונטערגאַנג . . . אַ. טורגענעוו.
3) די צוויי רויזען (געדיכט) . . א. שטיינבערג.
4) ער און זי . . . . הערמאַן באַנג.
5) אין וועג (געדיכט) . . . יעקב שטיינבערג
6) אין אַ רעגען טאָג . . . יעקב פאַט
7) דער וואַלד ברענט . . . ה. כ. ץ.

33 טע העפט

אייראָפּעאישע ליטעראַטור

שרה מאַלקאָלם.

(ערצעהלונג)

אַם ענדע פון יאָהר זיעבּענצעהן-הונדערט צוויי-און-דרייסיג, אונטער דער רעגירונג פון קעניג געאָרג דעם צווייטען, האָט דער לאָנדאָנער נאַכט-וועכטער ביי זיין פירטען מאָל אַרומגעהן נאָהנט פון טעמפּלעבּאַר, דערזעהן ליעגען אַ יונג מיידעל אויפ'ן גאַס אָהן בּעוועגונג. ער האָט זי געפּרובּט אויפהויבּען און דערמינטערן, נאָר זעהענדיג, אַז זיין מיה איז אומזיסט, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ טויער פון אַ נאָהענטען הויז און האָט דאָרט אָנגעקלאַפּט אויפצוּוועקען די איינוואוינער. באַלד האָבּען זיך בּעווי־זען מיסטריס לידיאַ דונקאַמבּ'ס דיענסטמיידען, אויך מיסטער דזאָן קער־רעלל, וועלכער האָט געוואוינט אין דעמזעלבּען הויז אויפ'ן צווייטען שטאָק און איז ערשט אַהיים געגאַנגען פון שענק, האָט זיך אָבּגעשטעלט נעבּען דער גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אַרום דער אָהנמעכטיגער. זי האָט אויסגעזעהן אַנ'אָרימע פון דעם אָרימסטען שטאַנד; אָבּגעריסענע, שמוציגע קליידער זענען געהאַנגען אַרום איהר אויסגעמאָגערטען קערפּער. דאָס גרויע, וואָלענע קלייד האָט איהר קוים געגרייכט בּיז איבּער די קניה, איהרע האָהר פון יענעם קופּער-פאַרבּ, ווי בּיי אַ סך פון די איר־לענדערינס, זענען געווען בּעשמירט מיט גאַסען-שמוץ און זענען אַראָבּ־געהאַנגען פונאַנדערגעפלאָכטען אַרום איהר האַלז און איבּער די אַקסלען. אויך האָט געקלעבּט אין זיי אַ בּיסעל בּלוט, און בּעת מען האָט זי בּע־טראַכט, האָט מען דערזעהן אַ וואונד אויפ'ן אָרעם, עטוואָס נידעריגער פון אַקסעל.

מיסטער דזאָן קעררעלל, אַ מענש, וועלכער האָט געוואוסט אַלע פערוואָרפענע ווינקעלעך פון שטאָדט און האָט געקענט אַלע אַרט-מענשען פון לאָנדאָן, האָט ערקלערט, אַז דאָס מיידעל געהער וואַהרשיינליך צו די וועשענס פון טעמפּלע. דערווייל האָט מען דאָס מיידעל אַריינגעטראָגען

אין הויז אַרײַן ; פּאַראוים האָט דער נאַכט-וועכטער צוגעלויפֿטען מיט זײַן
לאַנטערנע. דונקאַמב אַפּינף זוּן-זיבעצנציג-יאָהריגע זקנה, האָט זיך אויפֿ-
געכאַפּט פֿון טומעל און איז אַרויסגעקומען אין פֿאָדערהויז. זי האָט גע-
הייסען אַרײַנטראָגען די פֿערוואונדעטע אין קיך אַרײַן און האָט בעפֿוילען
מען זאָל צוגרייטען פֿאַר איהר אַ געלעגער נעבען אויווען, דערנאָך האָט
זי געבראַכט אַ שטיקעל לייווענט און האָט אַליין צוגעהאָלפֿען פֿערבינדען
איהר דעם פֿערוואונעטען אָרעם.

אויף מאָרגען איז נאָך אַלץ דאָס אונבעקאַנטע מיידעל נישט געקו-
מען צו זיך. איהרע אויגען און דאָס מויל זענען געווען פֿערמאַכט, דער
קערפּער איז געווען אונבעוועגליך. מען האָט אַריבערגעשיקט נאָכ'ן דאָק-
טאָר רום, ווען ער איז געקומען און האָט דערזעהן, אַז ער דאַרף פֿער-
שווענדען זײַן קונסט אויף אַנ'אָרימע גאַסען-מיידעל, האָט ער געהויבען
מיט די פּלייצעס און האָט געהייסען אָדער-לאָזען, נישט בעטראַכטענדיג
אפילו די וואונד אויפֿ'ן אָרעם, דורך וועלכער עס איז שוין אַזוי אויך
גענוג געווען בלוט אויסגערונען. דער רעצעפּט האָט גאָרנישט געהאָלפֿען ;
עס איז אַריבער דער גאַנצער טאָג און די פֿרעמדע איז נאָך אַלץ געלע-
גען, ווי אין דער ערשטער מינוט ; מען האָט גאָרנישט געקענט דערגעהן
עפּעס וועגען איהר, נישט פֿון וואַנען זי איז געקומען אַהער, ווי אַזוי זי
הייסט און נישט ווי אַזוי זי איז פֿון לעבען אומגעקומען, — דען בים-
ליכווייז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז שוין אוים מיט איהר און עס
איז שוין נישטאָ מעהר וואָס צו טהון פֿאַר איהר, נאָר אַ קבר צו בעזאָר-
גען. די אײַנוואוינער זענען געווען זעהר אויפֿגערעגט דורכ'ן צופֿאַל. דזאָן
קעררעלל'ס אַ פֿרײַנד און אַ צימער-קאַמעראַד מיסטער געהאַגען, וועל-
כער איז די פֿאָריגע נאַכט אַהיים געקומען פֿריהער ווי געוועהנליך, האָט
געהערט אַ שטאַרקען געשריי אַרום איינם אַ זייגער בײַנאַכט אין דער
זײַט פֿון סט. דזאַמעס, נאָר דערמיט איז נאָך גאָרנישט געווען דער-
קלערט. דזאָן געהאַגען איז אַרונטערגעגאַנגען אין מיסטריס דונקאַמב'ס
קיך אַראָב, בעטראַכט דאָס אונבעוועגליכער מיידעל מיט'ן נישט-צוטרוי-
ען פֿון אַ מענש, וואָס קען גוט די פֿאַלשקייטען און די גנבה'שע שטיק-
ליך פֿון די בעטלער און האָט אַנ'עצה געגעבען, צוצולעגען איהר צום
נאָז אַ בלאָז-זאַק אָדער קיצלען מיט גליהענדע אײַזענם איהרע פֿים-זוילען,
פֿונדעסטוועגען האָט ער מיט רחמנות בעטראַכט דאָס קינדערישע, שמאָ-
לע געשטאַלט, פֿון וועלכע ס'האָט, דאַכט זיך, ווי אונבעמערקט גע-
פֿליעסט דאָס לעבען, ווי וואַסער פֿון אַ הוילער האַנד.

עס איז שוין געווען טונקעל, די אָהנמעכטיגע האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו אָטעמען, אין קיך זענען נאָר דעמאָלס געווען דאָס שטובּמיידעל און דאָס שיק־מיידעל און יענע האָט באַלד אַריינגערופען דער ווירטהין. ווען מיסטריס דונקאָמב איז צוגעקומען צום געלעגער, איז זי געבליבען שטעהן ערשטוינט, ווי צוגעשמידט צום אָרט. זי האָט געקוקט אויף אַ געזיכט, וואָס איז געווען אויסגעלעזט פון אַלע ערדישע צרות. אַ זאַנפטער שמייכעל האָט זיך אויסגעבּרייטערט אַרום איהר מויל און ווי עס וואָלט פון אינוועניג אַרויסגעשפּראָצט, האָט עס איהרע ליפּען צושפּריים. עס האָט, אָהן צווייפעל, אַ טרוים אַרומגענומען איהרע געפּענטעטע געדאַנקען און האָט פּאַר זיי אויפגעשלאָסען דעם טויער אין אַ לאַנד פון וואונדער און גליק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שלאָפענדע האָט געהערט מלאכים־שטימען, דען זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהאָרכט; עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ געטליכעס וועזען האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר און האָט דעם שווערען יאָך פון איהרע שרעקליכע ליידען אַראָבגענומען, דען זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געקוקט אויף עמיצען און אויף איהר שטערען האָט גערוהט אַ שימער פון דאַנקבאַרקייט און ערלייכטערונג. די איבעריגע מיידען, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעקומען איינע נאָך דער אַנדערער, האָבען פערוואונדערט אַרומגערינגעלט דאָס בעט, דער טרוימערינ׳ס שמייכעל איז אַריינגעדרונגען טיעף, טיעף צו זיי אין האַרץ אַריין. גאָטס־פאַרכטיג זענען זיי געשטאַנען די הענד פערלעגט אויף די ווייסע, האַלענדישע שירצען און האָבען אַריינגעקוקט אין פּייער פון דעם דאָזיגען טרוים, ביז זייערע אויגען האָבען אויפגעגלאַנצט און זיי האָבען דערשפּירט עפּעס, ווי אַן אונצופריעדענהייט מיט׳ן צושטאַנד פון דער דאָזיגער וועלט און פון זייער איינענעם דאַזיין. ענדליך האָט איינע, פון די, וואָס זענען געקומען צום לעצט, אָנגעהויבען הויך צו בעטען און דורך דעם האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס מיידעל פון איהר טוידטען־שלאָף און האָט געעפענט די אויגען.

און ווידער איז עס געווען אַ געזיכט, ווי אַלע געזיכטער, אָדער וועניגסטען, ווי פילע אַנדערע; די הייליגקייט איז פערשוואונדען פון איהר געזיכט און די ווייבער, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום איהר אין אַ קרייז, האָבען זיך דערפיהלט פערשעמט און אונצופריעדען. יעדערע האָט געוואָלט וויסען דעם נאָמען פון אַזאַ אונגעוועהנליכע פּערזאָן און זי האָט גאַנץ גערן געענטפערט, אַז זי הייסט שרה מאַלקאָלם. אויסערדעם האָט מען מעהר גאָרנישט געקענט געוואָר ווערען פון איהר, וואָס

מעהר מען איז צו איהר צוגעשטאנען מיט פראגען, אלץ איינגעשפארטער איז זי געווארען, זי האט אויסגעזעהן איבערגעשראקען און האט געשוויגען, עס האט אפילו נישט געהאלפען די צוגעלאזענקייט פון דער גוט-הערציגער ווירטהין, וועלכע האט איהר אהן אויפהער פערזיכערט, אז זי וועט קענען בלייבען ביי איהר אין הויז, אז ביי איהר וועט זי קריגען ארבייט און זיך קענען פערדינען איהר ברויט און זי דארף זיך נישט שרעקען פאר קיין שום געפאהר, פאר וועלכע זיך אפט דערמאהנענדיג, זי האט אזוי מורא געהאט. אבער אומזיסט; פערדעכטליך און ערשראקען זענען געפלויגען איהרע אויגען פון איין געזיכט צום צווייטען, זיך נישט-אבשטעלענדיג זאנפטער אויף קיינעם און אז זי איז פארטיג געווארען מיט'ן איבערקוקען אלעמען, האט זי אומרוהיג א זיפץ געטהון און האט מיט פערדראס אראבגעלאזט די אויגען צו דר'ערד. די גוט-הערציגע מיסטרים דונקאמב האט געהייסען אריינברענגען עסען פאר איהר און שרה האט מיט אפעטיט אויפגעגעסען ביז'ן לעצטען ביסען ברויט, דערנאך האט זי געמוזט אראבווארפען פון זיך די שמאטעס און האט געקריגען אנשטענדיגע קליידער אנצוטהון. א מיידעל האט איהר צוגעהאלפען אויסצוקעמען די וואונדערבארע, רויטע האהר, וועלכע האבען איהר געגרייכט ביז'ן שין-ביין און זענען געווען אזוי געדיכט, אז זיי האבען געקענט דיענען איהר אנשטאט א מאנטעל.

שרה מאלקאלם איז איבערגעבליבען אין הויז. זי האט געמוזט טהון די נידעריגסטע ארבייט און דעם קלענסטען דיענער'ס א דיענערין זיין. דעם גאנצען טאג איז זי אומגעלאפען דא אראב די טרעפ דא ארויף די טרעפ, געלאפען פאר אלע איינוואוינער פון הויף אין גאס אריין, אויסגעזוכט דער מאדאם'ס שוים-הינדטעל, ווען ס'איז פערלוירען געווארען און ברענגען ביער פון שענק פאר'ן שטאל-יונג. שרה! האט מען געהאלטען אין איין רופען פון דער פריה ביז שפעט ביינאכט. שרה דא און שרה דארטען. און נאך ווינציג אט די אלע לויפענישען, אומשאפען און קאמאנדעווען, האט זי זיך נאך געמוזט שטענדיג אבוועהרען פון די גראבע מענערישע פאדערונגען; סיי פון די דזענטעלמענער, וועלכע זענען צו איהר ארויפגעקראכען שכור'ערהייד אויף די שטיגען, ביז די געשטופעלטע בעקער-יונגען, וועלכע האבען בעגינען געקלאפט אין טויער. שרה האט געהאט א סך ארבייט, אבער זי איז ווינציג געשלאפען. ווען זי האט געענדיגט פוצען די שטיוועל און די קליידער, איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, דאס גאנצע הויז איז שוין

געשלאָפֿן. שאָקלענדיג זיך פֿון מידקייט, פֿלעגט זי אַנידערפֿאַלן אויף איהר געלעגער, אין אַנ'אָבגעצאַמט קעמער'ל, וואו זי מיט דער שיק-מיידעל זענען אויף שטרוי-זעק געלעגען.

דאָך איז זי אין האַרצען געווען צופֿרידען מיט איהר לאַגע, אָבי מען האָט זי נאָר צורוה געלאָזט מיט ווערטער, נישט פֿונאַנדערגעפֿרעגט און נישט נאָכגעפֿאָרשט איבער איהר פֿערגאַנגענהייט. דאָס שטענדיגע פֿרעגען: „פֿאַרוואָס?" און „ווען?" איז איהר ערגער געווען, ווי ליידען הונגער און קעלט. דאָס איינע האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזען, אַז דזאָן קעררעלל האָט געטראָפֿען, זי איז טאַקי געווען אַ וועשין אין טעמפּלע, נאָר ס'איז שוין געווען מעהר ווי אַ יאָהר, מען האָט געגעבען צו וויסען, אַז זי האָט זיך ביז אַהער זעהר נישט ערליך אויפֿגעפֿיהרט און אַנדערע האָבען פֿערזיכערט, אַז מען האָט זי געזעהן אין געוויסע קנייפּעס, זיך אָבגעבען מיט אַזעלכע מענשען, מיט וועלכע קיין אַנשטענדיגער מענש וואָלט זיך אין ערגיץ נישט געוואָלט טרעפֿען.

מיט אַזעלכע רכילות איז מען אָבער באַלד מיעד געוואָרען און ענדליך האָט מען זיך אָנגעהויבען ווייניגער צו קימערן וועגען שרה'ן. מען האָט איהר געלאָזט לעבען און אָטעמען און דאָס איז שוין פֿאַר איהר גאַנץ גענוג געווען. קיין בעזונדערן פֿערלאַנג צו זעהן דעם הימעל האָט זי נישט געהאַט, האָט די זון איהר אַמאָל אַ גלעט געטהון, איז עס שוין פֿאַר איהר גענוג געווען. אויף אַ בליק, וואָס איז געווען געווענדט צו איהר, האָט זי נישט געענטפֿערט, פֿאַר עמיצינס אַ שמייכעל האָט זי נישט געהאַט קיין געגען-שמייכעל. שפּאָט-ווערטער — אָדער זי האָט זיי נישט פֿערשטאַנען, אָדער ס'איז איהר אין איין אויער אַריין און דורכ'ן צווייטען — אַרויס. זי האָט זיך נישט בעקלאָגט אויף איהר לאַגע, און דערפֿאַר האָט עס אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געווען צופֿרידען מיט איהר גורל, און געהער צו יענע מענשען, וועלכע שלעפּען דורך דאָס לעבען; מיעד-פֿערוואָגעלט, אָהן אַ בליק אויף פֿערגעניגען און פֿריינדליכקייט.

דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַנ'אייגענשאַפֿט, דורך וועלכען די הויז-לייט האָבען נישט אויפֿגעהערט צוקוקען אויף איהר ווידער, ווי אויף עפּעס אַ בעזונדער בעשעפֿעניש, זאָגאַר פֿערדעכטליך. זונטאָג בעת אַלע האָבען געזוכט פֿערוויילונגען, געגאַנגען שפּאַצירען און זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע קליידער, איז שרה געבליבען זיצען איינער אַליין

אין שטוב און האָט געקוקט שטאַר פאַר זיך, מיט אַנ׳אויסדרוק, ווי זי וואָלט עפּעס בעטראַכט, ווי געבויט אַ פּלאַן פון אַ שרעקליכע נקמה און דאָס האָט אויף גאַנצע שעה׳ן די אונבעוועגליכקייט פון איהר געזיכט, ווי אַ מאַסקע געמאַכט. איהרע טונקעל=בלויע אויגען האָבען געקוקט אין זיך; איהרע אָרעמס, וועלכע האָבען אַרומגעשלענגעלט איהרע קניה, האָבען דעם קאָפּ און די אַקסלען געצויגען פאָראויס, און אַזוי איז זי געזעסען נישט קוקענדיג אויף דעם שפּאָטען פון אַלע און דאָס שרעקען זיך פון אַלע פרומע, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז שרה מאַלקאָלם איז אַ מכשפה און האָט צוטהון מיט נישט=גוטע און דעריבער איז זי בעשטראָפט געוואָרען פון גאָט צו זיין פערשטאַרט אין די יום=טוב=טעג.

דאָס איז געוועזן דער טרוים, וואָס האָט אַזוי געווירקט אויף איהר, דער פערגעסענער טרוים. די נשמה האָט איינמאָל פערזוכט דאָס גליק, האָט דאָס פערלוירענע געזוכט און האָט דאָס נישט געפונען. זי האָט זיך דייטליך דערמאָהנט, ווי עפּעס הערליכעס איז דאַמאָלס אויפגעקוואָלען פון דער פינסטערניש אין איהר לאַנגען שלאָף; אַ גליק, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט, האָט איהר האַרץ איבערגעפּולט און אַרויסגעשפּרוצט דורך איהר מויל און ס׳האָט אויסגעזעהן, ווי ס׳וואָלט אַ שמייכעל אַרום איהרע ליפּען אויפגעבליהט. דערנאָך איז דאָס ערוואַכונג געקומען, — איהרע אויגען האָבען שוין מעהר גאָרנישט געזעהן, און דאָס האַרץ האָט שוין מעהר גאָרנישט געפיהלט. אַבערגלויביש, שווערענדיג האָט זי געטראַכט וועגען דער שעה, וואָס האָט איהר גאָרנישט איבערגעלאָזען, נאָר בענקשאַפט נאָך עפּעס רעטזעלהאַפטעס, אונבעקאַנטעס.

איינמאָל איז מיסטער געהאַגען אַהיים געקומען און אַריינגעהענדיג אין הויף אַריין, האָט ער מיט אַ פּייף צוגערופען דזאָן קערללען צום פענסטער און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז היינט אין אָוועגד קומט צופאָהרען פון שאָטלאַנד קיין לאָנדאָן אויף זיין חתונה פראַנציס רהיימער, זייער ביידענ׳ס אַ חבר; אַ שליח האָט די נאַכריכט געבראַכט. דזאָן קערעלל האָט זיך געפרעהט און האָט געענטפערט, אַז צום גלייכסטען וואָלט געווען, ער זאָל אויף די עטליכע טעג אַהער פערפאָהרען. מיסטער געהאַגען האָט שוין געוואָלט פערלאָזען דעם הויף, נאָר פּלוצלונג האָט ער דורך דער פאַרנאַכטיגער האַלב=דונקעלהייט דערזעהן שרה׳ן זיצען פאַר דער אָפענער שטאַל=טהיר, וועלכע האָט אָבגעפליקט אַ געקוי=

לעטע גאַנז. חאָטש ער האָט זיך געקלערט, אַז עס לוינט אפילו נישט די מיה, האָט זיך איהם דאָך פערגלוסט אַ קוש צו טהון דאָס מיידעל מיט די טונקעלע זומער-שפּרענקלעך אויפ'ן געזיכט. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען נישט-רעדענדיג קיין וואָרט, אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד איהר קאָפּ און האָט די ליפּען אויסגעשפּיצט; אָבער דאָס וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר לייכט, האָט זיך פאַר אונאויספיהרבאַר אַרויסגעוויזען; ווילד-אויפגערייסענע אויגען האָבען איהם אָנגעקוקט און צוויי שטאַרקע הענד האָבען זיך אָנגעשפּאַרט ווי שטיקער שטאָהל אין זיין ברוסט. דאָ האָט זיך זיין תאווה נאָך מעהר אָנגעצונדען, ער האָט זי געכאַפּט ביי די אַקסלען און האָט זי אַריינגעשלעפּט אין שטאַל אַריין, וואו איבער די לעדיגע קאַרעטעס האָט געצאַנקט אַ קליין לעמפּיל, און האָט איהר אַנידערגעוואָרפען אויפ'ן שטרוי, נאָר, ווען ער האָט זיך שוין געוואָלט אַראָבבייגען צו איהר, איז ער פּלוצלונג אָבגעשפּרונגען פון איהר אַ דערשראָקענער מיט אַ געשריי. שרה'ס גאַנצע געזיכט איז געווען בעשמירט מיט בלוט און עס האָט אַ שרעקליכען אויסזעהן געהאַט; חאָטש ער האָט באַלד דערזעהן די אמת'ע סבה: פון דער גאַנז'ס האַלז, וואָס שרה האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענד, איז נאָך בלוט גערונען און האָט אויסגעשמירט דער מיידעלס געזיכט; אָבער זיין תאווה-געפיהל איז פערביי, און ער איז אַ דערשראָקענער און אַנ'אויפגערייצטער אַוועקגעגאַנגען.

ווען שרה איז געבליבען אַליין, איז זי געגאַנגען צום ברונעם און האָט זיך אָבגעוואַשען דאָס געזיכט און די הענד, דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ראַנד פון ברונען און האָט זיך פערזונקען אין מחשבות. דערווייל איז נאַכט געוואָרען און צווישען צוויי הויכע ווענד, איז אויפ'ן בלוילּיכען הימעל די לבנה אויפגעשטיגען. זי האָט זיך געוואונשען, אַז פון די שטערען זאָל אַ גאָלדענער בעכער ווערען און איהר צו די פיס פאַלען; זי האָט זיך געוואונשען: אַז עס זאָל זיך פון דער דעמעדונג אַנ'אָדלער-גייסט ענטפּלעקען און איהר שרעקליכער געגענוואַרט צונעהמען. אָבער דאָ האָט מען ווידער גערופען: שרה! שרה! מיסטריס דונקאָמב האָט בעגריסט אין פאָדערהויז אַ נאַר-וואָס אָנגעקומענעם גאַסט, וועלכער איז געשטאַנען אונטען און דערנאָך מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגען. פאַר'ן הויז איז געשטאַנען אַ קאַרעטע, אין וועלכע ער איז געקומען צופאָהרען. דזאָן געהאַנגען האָט געהאָלפען דעם דיענער אַראָבנעהמען די פּעק. „גיב נאָר אַכטונג, אַז עס זאָל דאָרט גאָרנישט פער-

געסען ווערען !" האָט זיך געהערט דעם יונגענמאַנ'ס שטים ; עס איז גע=
ווען אַ שענע, קלינגענדע שטים, און אַנגענעהם פאַר'ן אויער, אַ
שטים אין וועלכע עס האָט געקלונגען אַ ליעבע צו שפּאַס. ער האָט
זיך אומגעקעהרט נאָכאַמאָל און האָט מיט אַ פערזאָרגטע מינע אָבגענומען
עפּיס אַ זאַך פון דעם בעדיענטען. „וואָס איז דאָס ?" — האָט געהאַנגען
געפרעגט — „געוויס אַ כלה=מתנה ?" דער יונגערמאַן האָט צוגעשאָקעלט
מיט'ן קאָפּ, דאָס געזיכט האָט איהם געשטראַהלט פון פרייד אָדער פון
שטאָלצקייט. ער האָט אויפגעעפענט דעם צודעק און האָט געוויזען דזאָן
געהאַנגענ'ען אַ בעכער פון ריינעם גאָלד, מיט עדעל=שטיינער בעציהרט,
וואָס האָט געבילדעט אַ פייערדיגען קרייז הינטער'ן מויל=ראַנד. מיסטער
געהאַנגען האָט געהאַפּט מיט ערשטוינונג דעם בעכער און האָט לאַכענדיג
אויסגעשריען „נו, אַזאַ כלה=מתנה וועט שוין דאַכט זיך מעהר קיינער
אין ענגלאַנד נישט קריגען, מיט אַזאַ כלי קען זיך אפילו נישט בעריה=
מען אַ קעניגליכער שאַנק=קאַמער".

שרה האָט געמוזט אַרויפבריינגען ווײַן פון קעלער. איהרע אויערן
האָבען פערנומען דעם בעפעהל, אָבער אין איהרע געדאַנקען איז עפּעס
אַנדערש פאָרגעקומען, בשעת זי איז אַראָבגעגאַנגען מיט'ן וואַקס=ליכט
אין קעלער אַראָב, האָט זי צוליעב דער דונקעלהייט, אַלץ מעהר דעם
שענעם בעכער געזעהן. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע
גליק פון לעבען, מוז זיין פערבונדען מיט'ן בעכער, און אויב זי וועט
איהם נישט האָבען, נישט קענען אָנרופען איהם איהר אייגענם, וואָלט
זי געוואָלט חאָטש איינמאָל האַלטען איהם אין איהר האַנד, צודריקען
איהם מיט ביידע הענד, אַרומנעהמען איהם מיט אַלע פינגער, ווי עפּיס
אַזוינס, וואָס מען האָט מיט'ן גאַנצען קראַפט פון האַרצען בעגעהרט.
בשעת די קיהלע, פייכטע לופט האָט אין וועלען איהר אַ שלאָג געטהון
אין געזיכט אַריין, איז איהר פערלאַנג אַזוי שטאַרק געוואָרען, ווי עס
וואָלט אַ גליהענדע בענקשאַפט איהר ברוסט איינגעשנורט. וואָס איז דאָס
געווען ? נישט דאָס גאָלד, נישט די עדעל=שטיינער האָבען זי אַזוי געצוי=
גען, נישט די פאָרשטעלונג פון דעם בעכער'ס הויכען ווערט, אָ־ער
עפּעס אַנדערש, פאַר וועלכעס מען קען זיך קויפען אַזוינס וואָס איז טייַ=
ער ; נײַן, עס האָט איהר אויסגעוויזען, אַז דער בעכער איז עפּעס אַ
קמיע, וואָס איז אימשטאַנד צו פערוואַנדלען דאָס פינסטערע לעבען אין
ליכטיגקייט און פרעהליכקייט, און איז בעשאָנקען מיט אַ געטראַנק, וואָס
אַז מען טרינקט פון איהם קען מען שטאַרקען דאָס דורשטיגע לייב און

גליקליך זיין, זי האט נאך קיינמאל אין לעבן נישט געוואלט עפעס מיט אזא הייסן בעגעהר, ווען זי איז געהארכזאם געגאנגען גנב'ענען נאכט־ביי־נאכט מיט מארי טראצי און די ביידע ברידער אלעקסאנדערס, וועלכע האבן זיך געניט דערצו, האט זי געקוקט מיט פעראכטונג און וועהטאג אויף דאס אנגעראבעוועטע און האט נישט איינמאל איהר טייל אוועקגעשענקט.

ציטערנדיג איז זי אריינגעקומען אין קיך אריין, און פון די פלעשער, וועלכע זי האט ארויפגעבראכט, איז איינע פון איהר האנד ארויסגעפאלען און איז צובראכען געווארען. די קעכין האט פון כעס געכאפט א ברענענדיגען שייט פון פייערדיגען אויווען און האט עם געווארפען שרה'ן, וועלכע איז געשטאנען מיט בלויזע פיס אין פליסענדען רויטען וויין. שרה האט פערבארגען דאס געזיכט אין די הענד און איז שווייגענדיג אוועקגעלאפען דערפון. איהר ארבייט האט זיך שוין נישט מעהר געריהרט פון ארט, ווי איהרע הענד און פיס וואלטען פון בליי געווען, די ליפען און די צונג האבען איהר געברענט. געפלאגט פון א שטארקען פערלאנג, וועלכען זי האט נישט געקענט בייקומען, האט זי זיך ארויפגעגנב'ט אויף די שטיגען, ביז פאר'ן צימער, אין וועלכען עם האט זיך אריינגעצויגען דער יונגערמאן. דער שליסעל־לאך איז געווען פערשטעלט מיט'ן צינגעל פון שליסעל, הינטען דורכ'ן שפאלט פון טהיר האט ארורכגעלויכטען. בשעת זי האט צוגעלעגט דאס אויער צו דער טהיר, האט זי געהערט, ווי דער יונגערמאן זינגט אינוועניג; זי האט אויך פערשטאנען די ווערטער:

זינדיג הארץ מיינס, וואס שרייסטו וועגען גאלד,
האלט עס פעסט, עס זאל נישט אוועק,
די כלה, וואס וואלט אלץ האבען געוואלט,
טראגט א קלייד פון הימעל־בלויען זייד.
און האסטו נישט, און קענסטו איהר גארנישט געבען
אזוי פארערט זי פון דיר דיין יונג בלוט און לעבען.

* *

*

אויפ'ן צווייטען שטאק, איז די טהיר פון דואן קערעל'ס צימער אויפגעמאכט געווארען מיט א ליאריס און זיין באס־שטימע האט געקלונ־

גען דורכ'ן הויז. שרה איז צוריק אראבגעגאנגען, דער ווילדער אונרוה פון איהר הארץ האט זי שוין מעהר נישט געקענט שטילען. ביסליכווייז איז די נאכט אנגעקומען, די שעה, ווען זאגאר שרה'ס פיס האבען שוין געדארפט רוהען. דער טויער איז שוין געווען פערמאכט, דער טויער-היטער איז שוין געשלאפען. נאר שרה האט נישט געקענט איינשלאפען, אויף איהר הארטען געלעגער האט זי זיך אומגעווארפען פון איין זייט אויף דער אנדערער. קוים האט זי צוגעמאכט די אויגען, האט זי באלד פאר זיך דערזעהן דעם גאלדענעם בעכער און איהר איז קאלט און ווארם געווארען. אין מיטען דער נאכט, האט זי זיך אויפגעהויבען שטיל פון איהר געלעגער, דאס קלייד זיך אנגעטהון, ארויסגעגאנגען מיט נישט-זיכערע טריט אין הויז אריין, און לאנגזאם איז זי ארויפגעגאנגען מיט די שטיגען צו פאנצי רההימערס צימער. אויף יעדען טרעפיל זיך אבגעשטעלט און הינטערגעהערט. עס איז נישט געווען גאנץ פינסטער; דורכ'ן פענסטער'ל, וואס איז איבער'ן הויז-טויער, האט די לבנה אריינגעשיינט און האט געלויכט מיט א גרינעם פאס-ליכט דעם ברייטען שטיגען-פארענצע. באלד איז זי ווידער געשטאנען פאר דער טהיר און האט זיך איינגעהערט, אלעס איז געווען שטיל, נאר איהר אייגען הארץ האט געקלאפט ווילד און הויך. זי האט פאמעליך ארויפגעלעגט די האנד אויף דער מעטאלענער קליאמקע און האט א ציטער געטהון, ווען די טהיר האט זיך, ווי פון זיך אליין געעפענט. דאס צימער איז געלעגען פאר איהר אין א וואונדערליך דאפעלטען בעלייכטונג; דורכ'ן פענסטער האט אריינגעשטראהלט די לבנה און אויפ'ן נאכט-טישעל ביים בעט, האט אנ'אייל-לאמפ געברענט. א האלב-אויסגעטהוענער איז דער יונגלינג געשלאפען, און א בוך, אין וועלכען ער האט געלעזען, איז געווען ארויסגעגליטשט פון דער אראבגעהאנגענער האנד, און איז געפאלען צו דער ערד; דאס און די אונפעריגעלטע טהיר האבען בעוויזען, אז ער האט נאך נישט גערעכענט צו געהן שלאפען, נאר ער איז פון שלאף איבערגעוועלטיגט געווארען. ווען שרה וואלט אין דעם אלעמען געוואלט זעהן א גוטען סימן, וואלט עס אהן צווייפעל געווארען אין איהרע אויגען, ווען זי האט דעם ציעל פון איהר פערלאנג דערזעהן נאהענט פאר זיך אויפ'ן טיש שטעהן: דעם גאלדענעם בעכער אויף איין זייט פון דער לבנה גרין בעגלאנצט און אויף דער צווייטער זייט — מיט רויטליך-ליכט פונ'ם נאכט-לאמפ. זי איז צוגעגאנגען און האט איהם געכאפט מיט ביידע הענד, ארומגענומען מיט די פינגער דעם שאץ און האלטענדיג איהם

אין איהרע הענד האָט זי געפֿיהלט אַ גליקליכקייט שטראָמט דורך יעדען איינציגען פֿינגער אין קערפּער אַריין. מיט דורשט האָט זי געדריקט דעם בעכער צום מויל, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָנטרינקען פֿון דעם לעדיגען בעכער, פֿון לעדיגען בעכער האָט זיך דערהערט, ווי ס׳וואָלט אינווענדיג גערוישט און עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַ וואַרימער, געשמאַקער געטראַנק גיסט זיך אַראָב אין איהר האַלז און פֿיהלט אָן איהר לייב ביז צו די צייהן און די האָהר־שפּיצען. ווען זי האָט שוין געהאַט דעם בעכער, האָט זי געטראַכט, גיך אַוועקצוגעהן פֿון דאַנען, אַנטלויפֿען פֿון דעם דאָזיגען הויז, אָבער פּלוצלונג האָט זיך איהר פֿערגלוסט אַ קוק צו טהון אויפ׳ן יונגענמאַנ׳ס געזיכט, און זיך אויסצומאָלען, ווי ער וועט אויסזעהן פֿון וועהטאָג מאָרגען, ווען ער וועט דערזעהן, אַז די כלה־מתנה איז פֿערשוואונדען.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, זיך אַ ביסעל אָנגעבויגען און האָט דערזעהן אַ פֿריינדליך געזיכט, זי האָט געוואָלט אַ געשריי טהון, נאָר זי האָט זיך בייצייטענס אָפּגעהאַלטען. מיין טרוים, — האָט זי אין זיך געטראַכט שלוכצענדיג, — מיין טרוים. דעם דאָזיגען יונגלינג האָט זי אין טרוים געזעהן, מיט די זעלבע באַקען גערויטעלט פֿון שלאָף, ערשט שלאָפֿענדיג האָט זי איהם דערקענט. שמייכלענדיג איז ער צו איהר געקומען, צוזאַמען זענען זיי ביידע געגאַנגען אין אַ שטראַהלענדען הויז אַריין און האָבען זיך דאָרט פֿער׳קנס׳ט, צוליעב איהר איז ער געקומען אַהער, איהר האָט ער דעם בעכער געבראַכט און דאָך האָט זי געמוזט אַנטלויפֿען. צוזאַמענגעקאָרטשעט האָט זיך שרה אומגעדרעהט און האָט גיך דעם צימער פֿערלאָזען, פֿערגעסענדיג די טהיר צו פֿערמאַכען. זי איז אַראָבגעלאָפֿען פֿון די שטיגען און איז אַריין אין צימער, וואו איהר מיט־שלעפֿערין האָט געשנאָרכט, זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויפ׳ן געלעגער און געקוקט פֿאַר זיך אין דער לופֿט אַריין. דעם בעכער האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטען אין האַנד. ביי איהר אויפ׳ן ברוסט האָט ער אויפֿגעלעבט און האָט גערעדט צו איהר. עס האָט זי אָנגעכאַפּט אַ שרעק, זי האָט אויפֿגעשאַרט די שטרוי פֿון שעניק נעבען דער וואַנד־זייט און האָט איהם דאָרט בעהאַלטען, אָבער ער איז נאָך נישט געווען גענוג פֿערבאָרגען און נאָך העכער גערעדט צו איהר. שרה האָט עס נישט געקענט אַריבערטראָגען, זי איז אויפֿגעשטאַנען. ציטערנדיג פֿון קעלט איז זי אַרויסגעלאָפֿען אין הויז אַריין, און האָט געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל שוין אַוועק. זי האָט אָבגעריגעלט דעם ריגעל פֿון טויער, געעפֿענט און איז אַרויסגע־

לאָפען אויף דער גאַס. אַ הפקר=הונד איז בילענדיג צו איהר צוגעלאָפען.
אַנטלויפענדיג פון דער לבנה=שײַן, איז זי געלאָפען דורך דער נאַכט,
נישט=וויסענדיג וואוהין זיך צו ווענדען. עס האָט זי געטריבען אין אַ
קירכע אַרײַן. זי האָט געוואָלט גאָט בעטען, ערשינען פאַר גאָט׳ס אַנ=
געזיכט האָט זי געוואָלט, ס׳האָט די ליבע זי אָנגעגריפען, און ערשט
האָט זי געוואוסט, אַז די ליבע פערברענט זי דעם קאָפּ און די פּים
און טרײַבט דאָס בלוט אַזוי גיך, אַזש אַלע אָדערן ברענען אין איהר. זי
האָט קײנמאָל גאָט נישט געקענט, און יעצט האָט זי איהם שוין דער=
קענט; זי האָט געלײקענט אין קריסטענטום, יעצט אָבער האָט זי שוין
געגלויבט אין איהם.

דערווײַל האָט זיך פאַר מיסטער דונקאָמב׳ס הויז אָבגעשטעלט אַ
קאָמפּאַניע פון דרײַ פערזאָן: צווײ מענער און אײן פרוי, דאָס זענען גע=
ווען די בײדע ברידער אַלעקסאַנדער און די גענע מאַריע טראַטץ. די
בײדע ברידער אַלעקסאַנדער, בעריהמט אין דער פערברעכער=באַנדע,
זענען געווען אַ צווילינג און האָבען אויסגעזעהן אַזוי ענליך אײנער צום
צום צווײטען, אַז אײנמאָל אין ווײַטשעפּעל, בעת זײ זענען געווען שכור,
האָט מען אײנעם אָבגעשניטען דעם לינקען אויער, כדי מען זאָל זײ קע=
נען אונטערשײדען. זײ זענען דאָס געווען די, וועלכע זענען פאַר עטליכע
וואָכען אַרויסגעגאַנגען מיט שרה מאַלקאָלם פון אַלדעמאַנ׳ס ביער=שענק,
כדי אויסצופיהרען אַ גוט צוגעגרײטען אָנפאַל בײַם „בילעהאַט“ אויף
ברעאַד סטריט. נאָר שרה האָט זיך דאַמאָלס אָבגעזאָגט צו נעהמען
אַנ׳אַנטײל אין דעם, דען פון זײערע רײד איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז
דאָס הײַנטיגע מאָל וועט מוזען פערגאָסען ווערען בלוט. עס איז פאָר=
געקומען צווישען זײ אַ קורצער שטרײַט, טאָם אַלעקסאַנדער האָט דאָס מײ=
דעל אַנידערגעוואָרפען, און בולל אַלעקסאַנדער, דער וואָס אָהן דעם אוי=
ער, האָט זי געשענדעט, בעת זי איז אין אָהנמאַכט געלעגען; דאָס האָט
ער זיך שפּעטער בעריהמט, דען שרה האָט איהרע חברים אַלץ צוליעב גע=
טהון, נאָר איהר קערפּער האָט זי נישט געגעבען. וואָכען זענען אַריבער;
מאַריע טראַטץ האָט זיך צופעליג דערוואוסט, אַז שרה איז אָנגעקומען
פאַר אַ דיענסט צו מיסטריס דונקאָמב אין הויז אַרײַן, און זאָפאָרט איז
בעשלאָסען געוואָרען, אויסצונוצען דער געלעגענהײט, אָבער אַלע מיט=
לען זיך צו דערנעהנטערען צו שרה׳ן האָבען זיך נישט אײַנגעגעבען: בײַ
טאָג האָט מען זיך נישט געטאָרט ווײַזען פאַר איהר, אויס מורא טאָמער
וועט זי זײ נאָך פערראַטען און בײַנאַכט ווידער איז דאָס הויז געווען

פערמאַכט אַרום, ווי אַ פעסטונג. דאָך ווען מאַריע טראַץ, זייער שפּיאָנין האָט זיי איבערגעגעבען, אַז צו מיסטעריס דונקאָמב אין הויז האָט זיך אַריינגעצויגען אַן׳אייִדעלמאַן פון שאָטלאַנד, האָבען טאָם און ביל ביי זיך פעסט בעשלאָסען, וואָס עס זאָל נישט פאָרקומען, מוזען זיי עפּעס אונטערנעהמען. גוּט שטריק־לייטער, שפּרינג־און זעג־געצייג, האָבען זיי זיך געלאָזען אַהין און זענען אָנגעקומען פּונקט אין דער צייט, ווען די לבנה איז פערגאַנגען אונטער די דעכער. צום ערשטען האָבען זיי געוואָלט אָנקלאַפּען אין טויער, אויף אַזאַ אַרט, אַז שרה זאָל זיי באַלד דערקענען; ווייל שרה איז געשלאָפען נאָהענט פון טויער, וואָלט זי זיי געקענט דער־הערען, טאָמער וועט עפענען אַן׳אַנדערער, איז ביי זיי געבליבען, מען זאָל איהם הרג׳ענען, אויב ער וועט זיין אומבעוואָפענט און נישט צוגע־גרייט דערצו. זעהר איבעראַשט זענען די עלענדע געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז דער טויער איז אָפען; זיי האָבען געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ נעץ זיי אַריינצוחאַפּען, פאָרזיכטיג האָבען זיי אָבגעוואַרט, נאָר קיין שום פערדעכטיכעס האָט זיך נישט בעוויזען. מאַריע טראַץ איז געבליבען אויף דער וואַך, ביידע אַלעקסאַנדערס זענען אַריין אַהין, אַרויפגעקראָכען אויף די טרעפּ, אַ ליכטיגער שימער פון אויבען האָט זיי דעם וועג בעלויכטען און זיי האָבען געפונען אַן׳אָפענע טהיר פון אַ ציי־מער. מאַריע טראַץ, וואָס איז געשטאַנען דערנעבען אין אַ ווינקעל, ווען דער שאָטלענדער איז פון וואַנען אויסגעשטיגען, האָט זיי פונאַנדערגע־זאָגט, ווי אַזוי ער זעהט אויס, און ווען זיי האָבען דעם שלאָפענדען דערזעהן, האָבען זיי נישט געצווייפעלט, אַז זיי האָבען זייער קרבן דער־גרייכט. זיי זענען געווען שאַרפע קעפּ און געשיקטע אַרבייטער; זיי האָ־בען גאַנץ גוט געוואוסט, וואו מען פערבאַרגט אוצרות, כדי צו דער־גרייכען זייער צוועק, האָבען זיי געמוזט אַ שרעקליכען טהאַט בעגעהן; און ס׳איז אַזוי געשעהן, ווי ס׳האָט געמוזט געשעהן, ווייל פון אָנהויב אָן, ווען ס׳איז ביי זיי בעשלאָסען געוואָרען זייערם צו דערגרייכען, איז אַזוי אָנגע׳חתמ׳עט געוואָרען.

ווען שרה איז צוריקגעקומען און האָט דערזעהן אין דער פינסטער פאַר דונקאָמב׳ס הויז אַ געשטאַלט, האָט זי זיך זעהר דערשראָקען, ווייל יעצט האָט זי זיך ארומגעזעהן, ווי שלעכט זי האָט געטהון איבערלאָזענ־דיג דאָס שלאָפענדע הויז אומבעוואָרענט. זי איז נעהענטער צוגעקומען, און מאַריע פאַרשעמענדיג ווער דאָס איז, איז איהר אַנטקעגען געגאַנגען, דאָ האָבען זיי זיך ביידע דערקענט, „דו ביזט דאָס שרה" — האָט מאַר־

יע געזאָגט מיט צוטרוי און האָט אַרויפגעלעגט די האַנד אויף דער מיטעלס אַקסלען, שרה׳ס האַרץ איז געוואָרען פול מיט פינסטערע פאָרגעפיהלען, זי איז געוועזען אַזוי דערשלאָגען, אַז זי איז אַזש נישט געוועזען אימשטאַנד צו שטעהן אויף די פיס און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די שטיינערנע טרעפ. מאַריע טראַץ האָט מיט אַ פערשטעלטע צערטליכקייט זי געפרעגט, ווי אַזוי עס איז איהר געגאַנגען און פון וואַנען קומט זי ערשט אַזוי שפּעט בייַנאַכט און צי וואָלט זי נישט געוואָלט געהן צוריק צו זיי. שרה האָט געקוקט פאַר זיך אין דער נאַכט אַריין און האָט אפילו נישט געהערט, וואָס זי רעדט צו איהר; זי האָט געפיהלט, אַז דאָרט אין הויז קומט איצט עפּעס שרעקליכעס פאָר, דערנאָך האָט זי פערבאָרגען דאָס געזיכט אין די הענד און האָט אָנגעהויבען ביטער צו וויינען. „הער דאָך אויף!“ — האָט מאַריע טראַץ זי געבעטען, זיך אַרומקוקענדיג אין אַלע זייטען און אויבען צום פענסטער אַרויף, — „הער דאָך אויף, מיר וועלען דיר גוט בעצאָהלען!“ „אָט בין איך ערשט געווען ביז הינטער דעם שוויב-בויגען. ביי פיז-טרעט-קאָאורט“ — האָט זיך שרה וויינענדיג געקלאָגט, — „איך האָב געזוכט אַ קירך, כ׳האָב געוואָלט בעטען צו גאָט, דאָס האַרץ פאַר איהם אויסגיסען און האָב איך שוין יאָ אַ קירך געפונען, איז דאָרט אַלץ געווען פערמאַכט, פאַרוואָס איז גאָט אין זיין אייגען הויז פערשלאָסען?“ נאָך שטאַרקער האָט זי די הענד צום געזיכט געדריקט און נאָך העכער איז איהר געוויין געוואָרען. פונ׳ם טויער זענען גיך אַרויסגעשפּרונגען ביידע אַלעקסאַנדערס, געלאָפען באָרפוס, געהאָרכט פאָראויס, געהאָרכט אומרוהיג הינטער זיך, זיך אונטערגעהערט אין גאַס אַריין און געפליסטערט אין דער שטיל, די הענד צולעגענדיג צום מויל: „לויף! לויף! לויף!“ באַלד זענען זיי שוין פערשוואונדען פונ׳ם אָרט, זאָגאַר נישט בעמערקענדיג שרה׳ן. מאַריע טראַץ איז זיי נאָכגעלאָפען מיט אַ ווילדען געשריי, — זי האָט מורא געהאַט, מען זאָל זי אין איהר טייל נישט אָבנאַרען.

עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. שרה איז אַריינגעגאַנגען אין הויז אַריין און האָט פערשפּאַרט דעם ריגעל, אינוועניג איז אַלץ ווי פריהער שטיל געוועזען. שאָקלענדיג זיך פון מידקייט, איז זי אויפ׳ן שטרוי-זאַק אַנידערגעפאַלען, שלאָפען האָט זי שוין נישט געקענט, די גלידער איהרע האָבען געדוהט, אָבער איהרע אויגען און די ברוסט האָבען געברענט. איך בין אַ פערלוירענע — האָט זי געטראַכט. עס איז געוואָרען ליכטיגער, זי האָט דערזעהן אויבען אין סופיט אַ רויטען פלעק,

פונקט איבער'ן זעלבען אָרט איז געווען פראַנץ רהיימער'ס צימער, וואָס פאַר אַ פלעק קען דאָס זיין? — איז איהר אַ געדאַנק דורכגעפלויגען דורכ'ן קאָפּ און זי האָט דערזעהן, אַז עס טריפט עפּעס אַראָב, און נאָך אַ ווײַלע ווידער און ווידער, עס האָט אין איהר העמד אַראָבגעטריפט. ווען ס'איז געוואָרען נאָך ליכטיגער האָט זי דערקענט, אַז דאָס איז בלוט, דאָס האַרץ איז איהר פערגליווערט געוואָרען, ווי ס'וואָלט דער טויט אהין אַרייַנגעדרונגען. איך בין אַ פערלוירענע, — האָט זי איבערגעחזר'ט, ווען זי איז אויפגעשטאַנען. דער בעקער האָט שוין אָנגעקלאַפּט אין טויער, אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך אויך דאָס שיק=מיידעל אויפגעכאַפּט און דעם זעהענדיג בלוט, איז זי אַ דערשראָקענע אַוועקגעלאָפען פון געלעגער. שרה איז געגאַנגען נאָך מילך אויף קאַווע; ווען זי איז צוריקגעקומען, זענען שוין געשטאַנען אַ סך מענשען פאַר'ן טויער און איינער האָט דעם אַנדערן דערצעהלט, אַז מען האָט דאָ אַ מענש געהרג'ט. מיסטער קניגט, וועלכער האָט אויך געוואוינט אין דעמזעלבען הויז, האָט אַראָבגעקוקט דורכ'ן פענסטער אין אַ נאַכט=העמד און האָט געשריען. שרה האָט זיך שוויַיגענדיג דורכגעשפּאַרט דורך די מענשען און איז אַרייַן אין טויער. פון די שטיגען האָבען אַננאַ לעווע און מיס אָלעפאַנט אַראָבגעטראָגען דער מיסטריס דונקאַמב אַנ'אָהנמעכטיגע. דערנאָך איז אַראָבגעקומען דזאָן קעררעלל, זיין פּנים איז געווען וויַיס ווי שניי, מען האָט אָנגעזעהן אין איהם, אַז ער וויל עפּיס זאָגען, נאָר ער קען נישט, פאַר שרעק איז איהם דער לשון אָבגענומען געוואָרען. ער איז ערשט פינף אַ זייגער אין דער פריה אַהיים געקומען, אַזוי לאַנג האָט ער זיך אַרומגעטריבען אין קאַפע=הויז פון קאַווענט=גאַרטען. ער האָט גאָרנישט בעמערקט עפּעס פערדעכטיגעס, ווען ער איז אַהיימגעקומען; פראַנץ רהיימער'ס צימער איז געווען פערמאַכט. אויבען האָט מען געהערט, ווי דזאָן געהאַגען ברומט פון וועהטאָג, וועלכער האָט בעקלאָגט אין דעם ערמאָרדעטען זיין טהייערסטען פריַינד. דער המון האָט זיך געשטופּט אין הויז אַרייַן, דזאָן קעררעלל און דער שטאַל=יונג האָבען געהאַט אַרבייט, נישט צו דערלאָזען די מענשען, וואָס האָבען זיך געשטופּט אויף די שטיגען אַרויף. שרה איז אַ ווייַלע געבליבען שטעהן, אַלעמען אָנגעקוקט מיט אַ שטומען בליק, פּלוצלונג האָט זי זיך קאָנוואולסיש צוזאַמענגעקאָטשעט און האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי די שלעפען. זי איז אַרויפגעלאָפען אויף די שטיגען, אַרייַנגעפאַלען אין צימער פונ'ם אומגליקליכען יונגלינג און זיך שטום אָהן ווערטער געוואָרפען פאַר זיין

בעט. „געמיינע צויג, טראג זיך פון דאנען!“ — האט דזאן געהאגען געשריען, איהר אנגעחאפט ביי די האהר און געוואלט אוועקשלעפען זי פון בעט, אויף וועלכען עס איז געלעגען דער בלייכער מענש מיט'ן איבערגעשניטענעם האלז. דא האט איהם אבער שרה אנגעקוקט מיט א פאר אויגען, פאר וועלכע ער איז פערגליווערט געווארען. איצט האט ער זיך דערמאהנט אן איהר בלוט־בעשמוצטען געזיכט און עס איז איהם געווארען אונהיימליך אויפ'ן הארץ, עטליכע מיידלאך זענען געשטאנען אויפ'ן שוועל און צוגעקוקט, וואס דא איז פארגעקומען, צווישען זיי איז אויך געוועזען די קעכין און זי האט זיך אויך דערמאהנט, ווי שרה, איז געלעגען אין אווענד געשטאנען אין וויין, ווי אין א קאלוזשע בלוט. דער פאליסמאן איז געקומען, א סך מענשען האבען זיך אין דרויסען פערזאמעלט, דאך איז עס געלונגען דעם טויער צופערמאכען. ווי פון פיעבער געטריבען איז שרה ארויסגעגאנגען פון צימער און אראבגעגאנגען הינטען אין קיך, זיך געמאכט עפעס טהון, מיט א גערונצעלטען שטערן האט זי זיך ג... זעלט ביים פייער און האט זיך געווארימט די הענד, באלד האבען אנגעהויבען אנצוקומען די מיידלאך איינע נאך די אנדערע. זיי האבען זיך געס'וד'עט צווישען זיך, עס זענען פארביי אנ'ערך פון עטליכע שעה, האט זי גיקריגען א בעפעהל, אז זי זאל ארויסגעהן צו מיסטער געהאגען. שרה איז ארויס מיט אנ'אראבגעלאזטען קאפ, פארביי געלאפען דורך דזאן געהאגען און דזאן קעררעלל, וועלכע האבען אויף איהר געווארט אין פארערהויז און איז גלייך ארויין צו זיך אין צימער, דארט איז זי געשטאנען ציטערנדיג, הארכענדיג און שנעל אטעמענדיג. ביז די ביידע מענער זענען אריינגעקומען צו איהר. „ביזט געשלאפען די היינטיגע נאכט?“ — האט דער מילדער מיסטער קעררעל געפרעגט. זי האט נישט געענטפערט. „פארוואס איז דיין קלייד ביז צו די קניה איינגעשמירט אין בלוט?“ — האט דזאן געהאגען געפרעגט. „איך בין אויבען געשטאנען אויף די קניה, דאס ווייסט איהר דאך“, — האט זי געענטפערט, קוים וואס מען האט איהר געהערט. „עפים פיהרסטו זיך מיר זעהר מאדנע אויף, ווייז נאר, אפשר האסטו אין בוזים פערבארגען געלד?“ — האט ווייטער דזאן געהאגען געפארשט. גלייך איז ער צו איהר צוגעגאנגען, האט אריינגעשטעקט די האנד צו איהר אין בוזים און געזוכט הינטער די ברוסטען און ווען זי האט זיין האנד אונטער'ן ארים דערפיהלט, האט זי א ציטער געטהון און האט דעם קאפ אויף הינטען פערווארפען, א שטיק העמד מיט'ן בלוטיגען פלעק האט זיך ארויסגע־

זעהן, „און פון וואַנען איז דאָס בלוט?“ — האָט מיט אַ האַרבען טאָן מיסטער געהאַנגען געפרעגט, שרה האָט געוויזען אין דער הויך צום סופיט. „פון דאָרט איז עס אַראָבגערונען“, — האָט זי געענטפערט, נישט פערשטעהענדיג זײַן טאָפּעלטען מײַן. דערװײַל האָט מיסטער דזאָן קערעל אָנגעהויבען צו זוכען בײַ איהר אין שעניק, און האָט פלוצלונג מיט אַ שטאַרקען געשרײַ אַרויסגעשלעפט פון דאָרט דעם בעכער. דער בעכער האָט זיך געשאָקעלט אין זײַן האַנד. דזאָן געהאַנגען האָט פאַר איבעראַשונג געדריקט די הענד צום האַרץ.

„איך ווײס, אַ פערלוירענע בין איך!“ — האָט שרה געשריען, גערן וועל איך דעם טויט איבערטראָגען. זי איז אַנידערגעפאַלען און האָט דזאָן געהאַנגען׳ס קניה אַרומגעקלאַמערט אַזוי פעסט, אַז ער האָט זיך קוים געקענט בעפרײַען פון איהר. איהרע אויגען האָבען זיך געדרעהט און זענען כמעט פערגאַנגען. שרעקליכע זיפצען האָבען זיך אַרויסגעדרענגט פון דער טיפעניש אין איהר צעוועהטאָגטען האַרץ. דזאָן קערעל איז אַרויפגעלאָפען אויבען, באַלד זענען אַראָבגעקומען צוויי פאָליסלײַטע און האָבען שרה׳ן אַוועקגעפיהרט אין געפענגניש קיין נעוגאַטע. אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען: אין איהר אַרבײַטס־קלייד און מיט דער בלויער היטעל אויפ׳ן קאָפּ.

ווען מען האָט זי געבראַכט פאַר׳ן ריכטער סיר ראָגער, האָט זי נישט געקענט רעדען. עס איז געווען אַ יאָמער זי אָנצוקוקען, סיר ראָגער האָט אויף איהר רחמנות געהאַט, איהר פערשוינט אויף דעם דאָזיגען מאָל און האָט זי געהײַסען אַרײַנפיהרען צוריק אין קאַמער אַרײַן. זי האָט זיך נישט געלייגט, זי איז נישט אַרומגעגאַנגען, שטום איז זי געשטאַנען בײַ די קראַטען פון פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אויפ׳ן פינסטערן הויף אַרויס און זי האָט געזעהן, ווי עס האָט אָנגעהויבען צו רעגענען און נאַכט צו ווערען, און האָט אין דרויסען דאָס רוישען פון ווינד געהערט. און ווען עס איז געוואָרען אײַנזאַם און פינסטער אַרום איהר, האָט זי פלוצלונג דערשפירט אין איהר לײַב אַ וואונדערבאַרען קלאַפּען. פון אָנהויב האָט זי זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם, עס איז אויך אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגען געוואָרען, דערנאָך אָבער האָט זיך עס שטאַרקער איבערגע׳חזר׳ט. פערוואונדערט האָט זי נאָכגעטראַכט איבער דעם, וואָס קען דאָס קלאַפּען בעדײַטען? און ווען זי האָט דאָס צום דריטען מאָל דערשפירט, האָט אַ גליקליכער שמײַכעל אויף איהר פנים אויפגעשטראַהלט, דערזעלבער, וואָס דאַמאָלס בײַ מיסטרים דונקאָמב אין

הויז . זי האָט דערפּיהלט אַ קינד אין שויס . אין טרוים האָט דער גע־ליעבטער מיט איהר חתונה געהאַט , אין טרוים איז ער צו איהר געקו־מען און אין טרוים האָט ער זי בעגליקט . זי האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל פונ'ם קאַלטען , פינסטערן קאַמער ; דערזועלבער קאַמער , וועלכער האָט פריהער אין איהרע אויגען אויסגעזעהן אַזוי ענג און טרוי־עריג , איז ערשט אין איהרע אויגען געוואָרען ברייט , פרעהליך . זי איז געזעסען מיט אַנ'אויפגעשטראַהלט געזיכט און זיך איינגעהערט אין זיך און נאָכאַמאָל האָט עס זיך איבערגע'חזר'ט . זי האָט געגלויבט , אַז זי שפּירט עס , זי פיהלט יעדעס איינציגע פון די קלייניגקע גליעדערליך . איצט האָט זי געגלויבט גאָט , וואָס ער האָט זי צום גוטען געפּרובט און האָט זיך געפרעהט צו שטאַרבען מיט'ן געהיימניש אונטערן האַרץ . נעמיס איז דאָס געווען דערזועלבער לוסט־געקרוינטער מלאך , וואָס האָט איהר מיט'ן געליעבטען צוזאַמען געפּאָרט , וועלכער וועט אויך אויפ'ן חעג פון טויט ביז צו די טויערן פון גן־עדן , איהר אַרויפבעגלייטען . „אָרימער , קליינער בעשעפעניש" — אַזוי האָט זי גערעדט שמייכלענדיג פאַר זיך אין איהר שויס אַריין . „ביזט נאָך איצט אין דער פינסטערניש , באַלד אָבער וועסטו אויסגעלעזט ווערען , פייגעלע מיינס , און דו וועסט פליע־געליך האָבען און דו וועסט זיך אין דער ליכטיגקייט באָדען" . — אַזוי איז זי ביסליכווייז איינגעשלאָפען . קיין שום צווייפעל האָט נישט בעהערשט איהר וואונדער , וואָס איז געשעהן אין איהר .

ווי ערשטווינט איז סיר ראָגער געוואָרען אויפ'ן אַנדערן טאָג , ווען שרה איז פאַר איהם ערשיענען מונטער און רוהיג , אויף אַלע פראַגען אַ קלאָרען אַנטוואָרט געגעבען און נישט אַרויסגעוויזען די חרטה און די דערשלאָגענהייט פון אַ שולדיגען, אָדער שטוינען אין שמערץ פון אַנ'אונ־שולדיגען , אויף דער פראַגע : צי זי איז דעם מאָרד בעגאַנגען , האָט זי געענטפערט : ניין . זי האָט דערצעהלט , אַז זי איז אַוועקגעלאָפען פון הויז , אַז זי איז געווען ביי דער קירך פינ־טרעט־קאָורט , דאָרט , וואו ס'ברענט זיך אַ לאָמפּ , אַז זי האָט זאָגאַר געזעהן מיסטער אָאַקס פון דער טעמזוער גאַס . וואָס האָט זי דאָרט געטהון ? — האָט איהר גע־פרעגט דער ריכטער . „זי האָט געוואָלט גאָט בעטען" — האָט זי געענט־פערט , — דערנאָך איז זי צוריקגעקומען און האָט פאַר מיסטריס דונ־קאַמב'ס הויז געטראָפען מאַריע טראַץ . זי האָט דערצעהלט , וואָס עס איז דערנאָך פאָרגעקומען . אויך האָט זי דערצעהלט , ווי אַזוי זי איז גע־וואָרען אַ מיטהעלפערין פון די ביידע ברידער אַלעקסאַנדער'ס , ווי אַזוי

זי האט אנ׳עלענדע, א הונגעריגע ארומגעבלאנזעט איבער די גאסען. זי האט קיינמאל נישט געהאט קיין עלטערן, קיין היים און איז שטענדיג געווען איינזאם, אהן פריינד. זי האט זיך דערמאהנט, אז איינמאל, ווען זי איז נאך א קינד געווען, איז זי געפאהרען אויפ׳ן ים, אבער פון וואנען און וואוהין, דאס האט זי נישט געוואוסט. איבערהויפט איז זי זעהר ארים געווען אין ערינערונגען.

ווען אבער אין די רעד איז דער ריכטער ארויפגעקומען אויפ׳ן בעכער, וועלכען מען האט געפונען ביי איהר אין שעניק, איז זי אנטשוויגען געווארען — נישט ווי א פערברעכער, וואס האט מורא זיך צו פערראטען, נאר ווי א מענש, וואס וויל און מוז פערבעהאלטען א געהיימניש. דעם רעטעניש, וועלכען זי אליין האט נישט פערשטאנען און איז געבליבען פאר איהר אונפערשטענדליך, האט זי אויף איהם נישט געקענט געבען קיין אנטווארט, איהר צונג האט אויף דעם קיין ווערטער נישט געפונען, און פון דער טיעפעניש פון איהר הארץ האט א שטים איהר בעפוילען צו שוויייגען. דערנאך איז זי ווידער אריינגעפיהרט געווארען אין איהר קאמער און צוויי היטער זענען איהר נאכגעקומען, פאר וועלכע זי האט זיך געמוזט אויסטהון און זיי האבען אונטערגעזוכט איהרע קליידער, די האהר פונאנדערגעפלאכטען, זי געפרעגט, צי האט זי נישט ערגיץ־וואו עפיס פערבארגען, וויל געלד האט מען אויך גע׳גנב׳ט. שרה האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ, „דאס מוזט איהר זיך שוין ווענדען צו די ביידע אלעקסאנדער׳ס״ — האט זי געזאגט און נישט קוקענדיג, וואס זי איז געווען נאקעט, האט זי זיך אזוי אויפגעפיהרט, אז די ביידע אלטע האבען זיך געוואונדערט אויף דעם.

מאריע טראץ און די ביידע אלעקסאנדער׳ס האט מען נישט געקענט געפונען. אויפ׳ן אנדערן טאג האט מען שרה׳ן ארויסגענומען פון געפענגעניש און איהר געבראכט פאר׳ן מת פון דעם ערמארדעטען יונגלינג. די ריכטער און די אונטער־ריכטער זענען געווען דערביי און פון דערוויטענס זענען געשטאנען דואן געהאגען און דער פאליסמאן. שטום האט שרה געקוקט אויף דעם וואקסענעם געזיכט, איהרע אויגען האבען געגלאנצט פון טרעהרען און הארציג־געריהרט האט זי די הענד צוזאמענגעלעגט. דואן געהאגען, האט אויסער זיך פון צער און צארן צונויפגעדריקט דעם פויסט און האט איהר א זעץ געטהון אין געזיכט, איידער ס׳האט ווער בעוויזען נישט דערלאזען דערצו. זי האט זיך א שאקעל געטהון, אבער זי האט נישט געשריען; באלד איז זי ווידער געשטאנען

גלײך און האָט מיט די הענד פערדעקט די אויגען, װעלכע האָבען געפלאַמט. „װאָס טהוט איהר מיר, מיסטער געהאָגען?״ — האָט זי װײנענדיג געמורמעלט.

דערנאָך איז זי װידער געגאַנגען קײן נעװגאַטע און מען האָט איהר געשטעלט פאַר די עדות. עס זענען הויפּטזעכליך געװעזען די פרויען, װעלכע האָבען דערצעהלט שרה׳ס מאָרגעס אויפפיהרען זיך, איבער איהר כשוף אויך װעגען די מעשה מיט דעם פערגאָסענעם װײן איז צורעד געקומען. עס האָבען זיך אַרײנגעמישט אַנדערע, װעלכע האָבען איהר געקענט פריהער און האָבען אויף איהר אָנגערעדט שלעכטס; װען אַ מענש געפינט זיך אין אַנ׳אומגליק, װילען אַלע, װעלכע ער איז אַמאָל נישט געפעלען געװאָרען, אויסלאָזען צו איהם זײער האַרץ. זי האָט זיך געהאַלטען פעסט און װירדיג, קײן איבעריג װאָרט איז פון איהר מויל נישט אַרויס, אָבער זי האָט נישט דורכגעלאָזט קײן לײכטזיניגען חשד, זי זאָל דעם אָנקלאָגער מיט אַ שאַרפזיניגע פראַגע ביז׳ן בײן אײנקריכען, אַזוי, אַז זי האָט זעהר אָפט דעם אָנקלאָגער געבראַכט אין אַ פערלעגענהײט. איהר אויפפיהרען זיך האָבען ענדליך געבראַכט דערצו, אַז יעדער איז נײגיריג געװעזען זי צו זעהן, געבילדעטע מענשען זענען געקומען זעהען זי און הערען איהר. עס האָט אין איהר אויפגעװאַכט אַ פרעמדער, שטאָלצער גײסט זינט מען האָט זי אין געפענגניש אַרײנגעזעצט. די היטער, די פּאָליציאַנטען און דער טהיר־שליסער, אַלע האָבען זיך נישט געקענט בענוג אָנריהמען איהר גוטסקײט, איהר געפעליגקײט, איהר מונטערקײט און רוהיגען כאַראַקטער, און זי האָט געגאָסען מעהר פרײהײט, װי אַנ׳אַנדערער. אַז איהר גורל איז שוין געװעזען בעשטימט, אין דעם איז גאָר קײן צװײפעל נישט געװעזען, מען האָט זי נאָר געװאָלט די עטליכע לעצטע טעג פערגרינגערן.

ענדע מערץ איז זי געװאָרען פעראורטײלט צום טויט און דער היטער האָט עס איהר אין אָװענד אָנגעזאָגט, אַז זי מיט נאָך זעקס־זיבען אַנדערע פערברעכער, װעלען אויף דער פלעט־סטריט געהאַנגען װערען. זי האָט גאָרנישט געענטפערט, מיט קלאָרע אויגען און אַ קלאָרען אויסדרוק האָט זי אין דער הויך געקוקט, אין דער דאָזיגער מינוט איז דאָס שמאָלע געזיכט איהרס פערענדערט געװאָרען און אין אַ בילד פון ערגרײפענדער מענשליכקײט אויף איהר שטערן האָט גערוהט דער װאונדערגלויבען און אין די אויגען האָט דער טויט געפינסטערט.

אַ שרעקליכער שטורעם איז אין יענעם אָװענד געװעזען. אויף און

אַב איז שרה אומגעגאַנגען אין איהר קאַמער, די איינציגע זאָרג, וואָס זי האָט געהאַט, איז געווען, אַז קיינער זאָל איהר שוואַנגערשאַפט נישט בעמערקען, וואָס איז שוין יעצט אַ ביסעל אָנזעהענדיגער געווען, דען אַ שוואַנגערע טאָר נישט היינגעריכטעט ווערען. בשעת זי איז אַזוי אומגעגאַנגען הין און צוריק, איז אַריינגעקומען צו איהר אין קאַמער אַריין דער גייסטליכער, אַ מילדער מענש, וועלכער האָט נישט נעקאַרגט קיין ווערטער פאַר די זינדיגע און האָט זיין גנאָד מיט'ן פאַרגעבונג איינגעטיילט לויט דער מאָס פון דער חרטה. לאַנג האָט ער אין שרה'ן אַריינגערעדט, זי זאָל אָפען אויסזאָגען, אָבער אויף אַלע זיינע ווערטער. האָט זי געענטפערט מיט אַ פריינדליכע מינע און אַן'איינגעקשנ'ט שווייגען, און ענדליך האָט זי געזאָגט ווארים: „ווען כ'וועל שוין ליגען אין קבר, וועט דאַמאָלס דער אמת אויפשטעהן”.

דערנאָך איז זי ווידער געבליבען אַליין, זי האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן געלעגער און גליקליך זיך צוגעהערט, ווי דאָס קינד בעוועגט זיך ביי איהר אינוועניג, ווי עס וואָלט זיך שוין נישט קענען דערוואַרטען, און די ליכטיגקייט שוין געוואָלט. „האָב נאָר געדולד, נשמה'לע פון מיין טרוים”, — האָט שרה געשעפטשעט אין זיך — „באַלד וועלען מיר זיך לאָזען אין וועג אַריין און דו וועסט ביי דיין פאָטער אַ שעהן בעטעלע קריגען, ער איז דער שענסטער פון אַלע מענשען”. זי איז איינגעשלאָפען און רוהיג איז זי געשלאָפען ביז עס איז טאָג געוואָרען, וואָס איז געווען אויך אַזוי פינסטער און שטורמיש, אַז דאָ אין קאַמער האָט ער זיך גאַנץ ווייניג געקענט אונטער שיידען פון דער נאַכט. נאָך מיטאָג זענען עטליכע מענשען אַריינגעקומען צו איהר אין קאַמער, דער לאָרד אָבערריכטער און אַ שאָטישער איידעל-מאַן, דעם ערמאָרדעטענ'ס אַ פעטער. ער איז אַ ביסעל עהנליך געווען צו פראַנץ רהיימער, אָבער בעזונדער האָט שרה'ס אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען דורך אַ בליק פון רחמנות, וועלכער האָט אַנדערש, ווי דעם גייסטליכענ'ס בליק, אַריינגעדרונגען טיעף ביז אין איהר נשמה אַריין. שרה האָט איהרע אָרימס אויסגעשפרייט, איהר געזיכט האָט קראַמפּפהאַפט געציטערט. „נאָך איין מאָל נאָר לאָזט מיר דעם גאָלדענעם בעכער צו מיין מויל צודריקען”, — האָט זי געשריען, זיך אינגאַנצען שוידערנדיג, אָבער קיינער האָט איהר געשריי נישט פערשטאַנען, מען האָט געמיינט, אַז זי איז פון זינען אַראָב.

זעקס אַ זייגער איז געקומען דער אויסרופער קיין נעוגאַטע, און

האָט פאַרגעלעזען די נעכטען פון די, וואָס דאַרפען דעם קומענדיגען טאָג שטאַרבען. אַ געוויסער טשעמבערס, וואָס איז געזעסען אין דעם קעגענ־איבערדיגען קאַמער, אַ שרעקליכער מערדער, האָט שרה'ן געבעטען, זי זאָל אום גאָט'ס ווילען אויסהערען, צי וועט מען דאָרט דערמאָהנען זיין נאָמען. שרה האָט זיך געשטעלט אויפ'ן פענסטער און זיך צוגעהערט; גלייך נאָך איהר אייגענעם נאָמען, האָט מען דערמאָהנט טשעמבער'ס נאָמען. זי האָט ביי זיך בעשלאָסען, דאָס נישט אויסצוזאָגען דעם אומ־גליקליכען, כדי ער זאָל האָבען אַ רוהיגע נאַכט, אָבער ער האָט עס דאָך ערפאַהרען. דער היטער איז געקומען אויף זיין לעצטען וואַך. אָהן מיה האָט שרה דערגרייכט, אַז ער זאָל איהר אַריבערלאָזען צום ווינענ־דיגען מערדער. זי האָט איהם געפרעגט, צי זאָל זי מיט איהם בעטען נאַכט? „יאָ, שרה!" — האָט ער אויסגעשריען — „פון טיעפסטען האַרץ", זי האָט אָנגעהויבען מיט איהם צו בעטען און ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי אַזוי געשטאַנען אויף די קניה, ביז אַלע לאָמפּען זענען אויסגעגאַנגען. זיי האָבען אפילו נישט בעמערקט, ווי די איבעריגע צום־טויט־פערורטיילטע, זענען אַריינגעקומען, וועלכע דער היטער האָט ווייטערע טהירען אויפגעשלאָסען און זיי האָבען מיט־געבעטען. זיי האָבען געקוקט אויף שרה'ן, ווי אויף אַ היילינע, און וואָס נעהענטער עס איז געקומען די ביטערע שעה, האָבען זיי אַלץ מעהר געפיהלט, ווי ווייטערע הערצער ווערען לייכטער. די הי ערם האָבען אין דער דאָזיגער נאַכט פערגעסען אָן שלאָפען, ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז חאָטש איינמאָל האָבען אַראָבגענידערט די מלאכים פון הימעל אין גהינם פון נעווגאַטע.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טאָג און די העלע באַרדיכען זענען ערשיענען אָבצופיהרען די פערורטיילטע צו דער תליה. פינף מענער זענען זיי געווען: איין מערדער, צוויי אונטערצינדערס, איין מסור און אַ רעוואָלוציאָנערער מאַטראָז. מיט געזאַנג זענען זיי געגאַנגען איבער'ן הויף פון געפענגניש, און שרה'ן האָבען זיי אַריינגענומען אין דער מיט. און כדי זי זאָל נישט פערנעצט ווערען פון רעגען, האָט טשעמבערס אויסגעטהון זיין קאַפּטאַן און האָט עס אַרויפגעלעגט אויף איהרע אַקסלען. אין ביידע זייטען פון שרה'ן זענען געגאַנגען די ביידע אונטערצינדערס און האָבען זי פערזיכערט, אַז זיי האָבען נישט קיין מורא פאַר'ן טויט, אַזוי זענען זיי געקומען צום בלוטיגען אָרט. שרה האָט געדאַרפט אַרויפגעהן די ערשטע. אפילו דער פראָסטער פעביל, וועלכע האָבען זיך פערזאַ־מעלט אויפ'ן שוי־פּלאַץ האָבען שטאַר אַרויפגעקוקט אין אַ שווייגענדע

אויפגערעגטקייט, און קיינער האָט נישט געקענט פערגעסען דעם יובעל־פרעהליכען טוים־אָנגעבראַיטען אויסדרוק אויף איהר געזיכט. בשעת מע האָט פערלעגט דעם שטריק אויף איהר האלז, האָבען אַ סך געגלויבט, אז זיי האָבען געזעהן, ווי זי האָט געהויבט אַ קוש אין דער לופט און די זון האָט זיך אויף אַ רגע פון די וואָלקענס בעפרייט און זיך צוגעקוקט.

* *

*

נישט אין דעם, וואָס איז ווירקליך און גרייפבאַר שפּיעלט זיך דאָס ענטשיידענדע לעבען פון מענשען. דאָס טיעפסטע צו וואָס דער מענש בינדט צו זיין נשמה, איז אַ רויך... אַ טרוים... אַזוי ווערען גליק און אומגליק — אַ בלויזער נאָמען!...

איבערזעצט פון דייטש: פּ—ק.

געטהע.

פֿאַוסט.

(טראַגעדיע).

פֿאַנדעלנדע פּערזאָנען.

דאָקטאָר פֿאַוסט	ליזעטאַ.
מעפיסטאָפעלעס	פראָש.
וואַגנער	בראַנדער.
וואַלענטין, מאַרגעריטאַס ברודער	זיעבעל.
מאַרגעריטאַ.	אַלטמייער.
מאַרטהאַ שווערדליין, איהר נאַכבארין.	אַ סטודענט.

פויערים, זעלנער, שטאָדט-לייט, בעל מלאכות, קנעכט, שול-קינדער, בעטלער, הימלישע גייסטער און גייסטער פון גיהנם.

ערשטע טייל.

נאַכט.

אַ הויכער, ענגער חדר מיט אַ געוועלבטען סופיט. פֿאַוסט אונרוהיג זיטצט ביי'ם שטענדער אויף אַ בענקעל.

פ אַ ו ס ט .

איך האָב שטודירט פילאָזאָפיע,
יוריספרודענץ און מעדיצין,
און לײדער אויך טהעאָלאָגיע...
געזוכט, געפאָרשט פון זײ דעם זין.
און בין בײַ אַלעם וואָס איך קען,
דערזעלבער נאַר הײַנט ווי געוועזן!
מאַגיסטער, דאָקטאָר רופט מען מיך,
צעהן רונדע יאָהר איז שוין ווי איך,
ניט ווייסענדיג ניט ווען ניט וואָס,
פיהר די תלמידים פאַר'ן נאָז.
כ'זעה אײַן — מיר קענען גאָר נישט וויסען,
דערפון ווערט שיעור מײַן האַרץ צוריסען.
סאיז אמת כ'בין נאָך אַלץ מעהר חכם
פון אַל די דאָקטאָרס' און גלחים,
מיך פלאָגט קײַן צווייפעל, חאָטש איך קען איהם,
מיך שרעקט קײַן שד און קײַן גיהנם, —
ס'איז אָבער אויך די פרייד צורונען
איך ווייס, כ'האָב רעכטס דאָ ניט געפונען,
איך ווייס, אַז כ'בין פאַר קײנעם גרעסער,
און וועל די וועלט ניט מאַכען בעסער.
כ'פערמאָג קײַן גוטס און האָב קײַן געלד
קײַן כבוד און קײַן ווערטה אין וועלט,
עס וואָלט אַ הונד אַזוי נישט לעבען!
כ'האָב מיט קבלה מיך דרום אָבגעגעבען.
אַך, וואָלט איך גײַסטער אויפגעוועקט,
דאַן וואָלט מיר סודות זײַן ענטפלעקט,
כ'וואָלט נישט בעדאַרפט מיט קאַלטען שווייס,
פערצעהלען דאָס וואָס איך נישט ווייס,
און די יסודות פון דער וועלט,
וואָלט איך מיר קלאָהר דאַן פאָרגעשטעלט,
כ'וויל זעהען וואָס ווירקט, וואָס שאַפט, וואָס נאַהרט
און ניט דורך ווערטער זײַן גענאַרט,

אָ זעה אַראָב, לבנה־שײַן,
צו לעצטען מאָל יעצטצט אויף מײַן פּײַן!
נישט אײַנמאָל שוין ביז מיטערנאַכט
האָב איך בײַם שטענדער דאָ פערבראַכט;
חען ס׳פאַלט פון ביכער און פּאַפּיר,
מײַן בלאַסער פרײַנד, דײַן שײַן אויף מיר
אָ וואָלט איך זעהען דײַן אָנגעזיכט,
אויף בערג אַרומגעהן אין דײַן ליכט!
אויף בערג זיך מיט די גײַסטער טראָגען,
אויף לאָנקעס זיך נאָך זילבער יאָגען,
זיך פונ׳ם וויסענסיאָך בעפרײַען,
און אין דײַן טהוי אויף ס׳נײַ געדײַען!
ווע! שטעק איך אין געפענגעניס נאָך?
פערפלוכטעס, ענגעס שטײַנער־לאָך!
וואו ס׳פאַלט דער ליעבער הימעל־שײַן
דורך גלאָז געמאָהלטע קום אַרײַן.
בעשרענקט פון אָט דעם ביכער פּאַק,
וואו ווערים נאָגען דרין געשמאַק,
וואו אין דער הויך ביז דעם געוועלב
פוילט דאָס וואַסער, פון צײַט שוין געלב,
מיט גלעזלעך, פלעשלעך אָנגעשטעלט
מיט אינסטרומענטען אָנגעקראַמט
אַלץ זאַכען, וואָס פון זײַדעס שטאַמט
דאָס איז דײַן חעלט! דאָס הײַסט אַ וועלט!
און פרעגסטו נאָך וואָרום אַזוי.
איז באַנג דאָס האַרץ ביז אין דײַן ברוסט,
וואָרום אײַן אונפערשטענדליך ווע
פער׳סם׳ט דיר יעדע לעבענסלוסט?
אַנשטאָט לעבענדיגע נאַטור,
וואוהין גאָט הײַסט דעם מענשען געהן
איז רויך און מתים־לופט דאָ נור
אַ טויטער גוף, און אַ געבײַן.
אַנטלויף! אַנטלויף אין ווײַטען לאַנד!
און דאָס געהײַמניספולע בוך,

פון נאָסטראַדאַמוס אייגנע האַנד,
ווערט זיין דיין פיהרער, דורך זיין שפּרוך.
וואָלסט דאַן דעם שטערענס גאַנג דערגעהן
און ווען נאַטור נאָר עפּעס ווייזט,
דאַן קענסט דורך זעעלענסקראַפט פערשטעהן
וואָס רעדט אַ גייסט צום אַנדער גייסט.
אומזיסט אָבער דעם טרוקנעם זין
דער הייליגער צייכען דיר ערקלעהרט:
איהר גייסטער שוועבט אַהער, אַהין;
גיט מיר אַן ענטפער, אויב איהר הערט!

(ער עפענט דאָס בוך און בעטראַכט דעם צייכען
פון מאַקראָקאָסמוס).

איבערזעצט י. בלאַייך.

אויגוסט סטרינדבערג.

ראָמעאַ און יוליאַ.

דער מאַן איז פון אָװענד געקומען אהײם מיט א ביכעל נאָטען און זאָגט צו זײַן פרױ:

— נאָכ'ן עסען װעלען מיר שפּיעלען אין פיער הענד.

— װאָס איז דאָס, די נײַע שטיק, װאָס דו האָסט געבראַכט? — פרעגט די פרױ.

— איך האָב געקױפט „ראָמעאַ און יוליאַ", איז דאָס דיר בע־קאַנט?

— אָה, געװיס, — ענטפערט די פרױ, — אָבער איך װײס נישט, אױב איך האָב דאָס װען עס איז געזעהן אױפגעפיהרט.

— אָה דאָס איז גרױסאַרטיג! איך דערמאָהן זיך אָן דעם, װי אָן אַ יוגענד־חלום, אָבער נאָר אײן מאָל האָב איך עס געהערט שפּיעלענדיג, און דאָס איז געװען מיט צװאַנציג יאָהר צוריק.

נאָכ'ן עסען, װען די קינדער זענען אַװעק שלאָפען און אין הױז איז געװאָרען שטיל, האָט דער מאַן אָנגעצונדען די ליכט אױפ'ן פּיאַנאָ. ער האָט אױפגעמישט דעם פּאָדערבלאַט: „ראָמעאַ און יוליאַ".

— דאָס איז די שענסטע קאָמפּאָזיציע פון גונאָ, — זאָגט ער — און איך גלױב נישט אַז דאָס זאָל זײַן צו שװער. און זײ האָבען אָנגע־פאַנגען שפּיעלען: דע־דור, פיער־פערטעל־טאַקט, אַלעגראָ.

— דאָס איז שען, נישט אמת?

די פרױ האָט צוגעגעבען.

— איצט לאָמיר שפּיעלען דעם מאַרש, — זאָגט דער מאַן — דאָס איז זעהר אַ שענער מאַרש. איך דערמאָהן מיך די גרױסאַרטיגע כאָרען פון קעניגליכען טעאַטער.

זײ שפּיעלען דעם מאַרש.

— איז דאָס נישט וואונדערבאַר? — זאָגט דער מאַן טריאומפי־רענד, אַזוי ווי ער אַליין וואָלט פערפאַסט „ראָמעאָ און יוליאַ".

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס קלינגט ווי מעשענע מוזיק, — זאָגט די פרוי.

דער מאַן זוכט אין נאָטען־בוך און שטויסט זיך אָן אויף דער אַריע פאַר אַ סאָפּראַנאָ אין פינפטען אַקט און ער הויבט אָן פון דאָס ני־שפּיעלען.

— טראַם־טראַם־טראַם, — אַזוי האָט דער באַס געקלונגען.

— ווייסטו, — זאָגט די פרוי צום ענדע, — די מוזיק איז זעהר אַ געוועהנליכע.

דער מאַן איז אינגאַנצען נידער געשלאָגען און גיט צו, אַז דאָס קלינגט, ווי די מוזיק פון אַ שפּיעל־קאַסטען.

— איך האָב אַזוי געדענקט די גאַנצע צייט — זאָגט די פרוי.

— און איך געפין אויך, אַז דאָס קלינגט אַזוי אַלט־מאָדיש, און גונאָ איז אַזוי גיך אַלט געוואָרען! ווילסטו ווייטער שפּיעלען די „קאַוואַטינאַ" און דאָס „טערצעט", בעזונדער דערמאָהן איך מיר אָן אַ געוויסע זינגערין, וועלכע איז געווען געטליך אין דעם טייל.

נאָך דעם דאָזיגען שמועס, האָט דער מאַן אויס־געזעהן ווירקליך אוי־מעטיג און האָט אַוועקגעלעגט דאָס נאָטען־ביכעל, ער האָט געוואָלט פערשליסען די טהיר הינטער דער פערגאַנגענהייט.

— ווילען מיר אפשר אויסטרינקען אַ גלאָז ביער? — האָט גע־פרעגט דער מאַן.

זיי האָבען זיך געזעצט בײַם טיש און געטרונקען אַ גלאָז ביער.

— דאָס איז מערקווירדיג, — האָט אָנגעהויבען דער מאַן, — איך וואָלט נישט געגלויבט, אַז מיר זענען שוין אַזוי ווי אַלט געוואָרען. עס איז צוואַנציג יאָהר, זייט איך האָב דיזע אָפּערע צום ערשטען מאָל געהערט. איך בין דאַן נאָר־וואָס געוואָרען אַ סטודענט. האָב געהאַט פריינד און די צוקונפט האָט צו מיר געשמייכעלט. בעזונדער געדענק איך יענעם אָוועגד, ווען איך מיט מיינע צוויי חברים זענען געזעסען אין אָפּערא. מיט איניגע יאָהר פריהער האָבען מיר געהערט „פאוסט" און מיר האָבען בעוואונדערט דעם קאָמפּאָזיטאָר גונאָ. אָבער זיין „ראָמעאָ און יוליאַ" האָט אַלץ איבערטראָפען. דיזע מוזיק האָט אונז הינגעריסען, איצט זענען מיינע צוויי חברים טויט. פריטץ איז געשטאָרבען אַלס סעק־רעטאַר; פיליפּ — אַלס קאַנדידאַט פון מעדיצין; און איך, וועלכער

האָט געוואָלט ווערען מיניסטער, האָב זיך ענדליך געמוזט בעגנוגענען מיט אַ בוכהאַלטער־שטעלע אין אַ רעגימענט. ווי די יאָהרען זענען פערשוואונדען גאָר נישט בעמערקטערהייד! און איך האָב דאָך דאַלט זיך געזעהן, ווי די קנייטשען אַרום מיינע אויגען זענען געוואָרען אַלץ קענטיגער און אַז די האָהר אויף מיינע שלעפען זענען געוואָרען גרוי. אָבער אַז מיר זענען שוין אַזוי וויים אויפ'ן וועג צום בית־עולם, דאָס האָב איך נישט געגלויבט.

— יאָ, מיין פריינד, מיר זענען געוואָרען אַלט; דאָס קענסטו זעהן נאָך אונזערע קינדער, און אויך אויף מיר זעהסטו דאָס, חאָטש דו שווייגסט.

— דאָס ווייס איך גאַנץ גוט, מיין ליעבער, — האָט די פרוי געזאָגט מיט אַ באַנגען טאָן. — איך ווייס, אַז איך הויב אָן צו ווערען מיאוס, מיינע האָהר ווערען שיטערער און באַלד וועל איך מוזען לאָזען אַרויסציהען מיינע פאָדערשטע ציינער.

— אָבער, — זאָגט דער מאַן בעטראַכט, — מיר שיינט, אַז ביי אונז אין הויז קומט אָן די עלטער פיעל פריהער, וואָרום ביי מיין פאָטער האָט מען געשפּיעלט היידען און מאָצאַרט, חאָטש זיי זענען שוין געווען טויט נאָך פריהער, אַלס מיין פאָטער איז געבוירען געוואָרען. און איצט איז גונא שוין אַלט. אָה, ווי שווידערליך עס איז צו פיהלען, אַז מען איז שוין אַלט געוואָרען!

ער שטעהט אויף און זעצט זיך ווידער ביים פּיאַנאָ. ער נעהמט דאָס נאָטען־ביכעל און בלעטערט איהם ווידער איבער און זוכט, אַזוי, ווי מען זוכט אין אַ שופלאָד, יוגענד־ערינערונגען, וועלכע דריקען זיך אויס אין פערטריקענטע בלומען, בריעף, האָהר־לאָקען. זיינע אויגען האָבען געקוקט אויף די שוואַרצע נאָטען, וועלכע זעהן אויס, ווי קליינע פויגעלעך, וועלכע קלעטערן אויף דינע דראָטהען; ער זוכט אין די נאָטען פריהלינגס־טענער, דעם רייץ פון ליעבע, יובעלנדע טרעלען פון די ראָזאָווע טעג פון דער ערשטער ליעבע. דאָך האָט אַלעס איהם געבליקט ענטקעגען אַזוי פרעמד און קאַלט, אַזוי ווי די בלומען־צייט פון דער יוגענד וואָלט געווען פערוואַקסען מיט מאָך. יאָ, אַזוי איז דאָס, אַלעס פערוואַקסען, נישטאָ קיין ווידערקלאַנגען; אַלעס אויסגעטריקענט, פערוועלקט, אָבגעבלאַקירט, בעדעקט מיט שטויב.

אין צימער האָט זיך געהערט אַ זיפץ, אַזוי ווי דער דאָזיגער זיפץ וואָלט זיך אַרויסגעריסען פון אַ טויטער ברוסט און דאַן איז שטיל

נעהאָרען.

פלוצלונג זאָגט דער מאַן: „אָבער זאָנדערבאַר איז דאָך, וואָס דער פּראָלאָג אין דיזען קלאַוויר=אויסצוג פעהלט. ווי איך דערמאָהן מיך, איז דאָ דערצו אַ פּראָלאָג מיט האַרפען=בעגלייטונגען און אַ כאָר.

און ער האָט אָנגעהויבען אונטערזינגען די מעלאָדיע, וועלכע קלינגט, ווי אַ טייכעלע, וואָס פליעסט אַרום פון אַ בערגעל. זיין גע־זיכט איז געוואָרען לויטערער, אויף זיינע ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל, די קנייטשען אַרום זיינע אויגען האָבען זיך אויסגעגלייכט; ער האָט אַזוי ווי אויפגעלעבט, האָט דערפיהלט אַ יוגענדליכע פרישקייט און מונטערקייט. ער האָט אָנגעהויבען זינגען מיט אַ פולער שטימע די באַס־פּאַרטיע.

זיין פרוי האָט אויך ערוואַכט פון איהרע שווערמוטיגע מחשבות, זי האָט געקוקט מיט ליכטיגע אויגען און געפרעגט פערוואונדערט:

— וואָס איז דאָס?

— „ראָמעאָ און יוליא“! אונזער „ראָמעאָ“ און אונזער „יוליא“!

און ער שפּרינגט אויף פון שטוהל און לעגט אַוועק פאַר דער ער־שטוינטער פרוי דאָס נאָטען=ביכעל.

— גיב נאָר אַ קוק, יענע קאָמפּאָזיציאָן איז געווען פון אַנ'אַנ־דערן פּערפאַסער. די אָבער, לעז נאָר, איז אַנ'אַנדערע. אָה, מיר זע־נען נאָך גאָרנישט אַזוי אַלט! די דאָזיגע מוזיק פערשטעהען מיר, זי פילט אָן אונזערע נשמות מיט פרייד און יוגענד אַזוי ווי אַ מאָל. אָה, מיר זענען נאָך גאָרנישט אַזוי אַלט!

די פרוי קוקט אויף די געדיכטע, נאָך גלענצענדע האָהר פון דעם דרייסיג=יאָהריגען מאַן, אויף זיין גלאַטען שטערען און זיינע פייערדיגע אויגען, און זאָגט, שטראַהלענדיג פון שמחה:

— יאָ, דו זעהסט נאָך אויס, ווי אַ יונגערמאַן פון פינף און צוואַנציג יאָהר.

— און דו, דו זעהסט אויס ווי אַ יונג מיידעל. איך האָב באַלד פערשטאַנען, אַז דאָ איז געווען אַ טעות אין די נאָטען. יאָ, איך האָב עס באַלד פערשטאַנען.

— און איך האָב וועגען דעם אויך געטראַכט, אַנדערש האָב איך זיך נישט געקענט פאָרשטעלען.

און זיי זיצען ביידע און שפּאַסען איבער זייער טעות און ווער פון

זיי איז עלטער. זיי שמועסען ביידע, ווי א פּאָר קינדער און זיי וואונ־דערן זיך, ווי אזוי האָבען זיי פריהער ענטדעקט און געדערט פון גרויסע האָהר און קנייטשען אויפ'ן פּנים, ווארום אין אמת'ן איז דאָס גאר נישטאָ, אָה, זיי זענען נאָך יונג, יונג!...

י. בלייכער.

* *
*

קען די פערוועלקטע בלום צוריק אויפבליהען
אויב ס'טרינקט איהר הארץ א טרעהר אן? — ניין.
איך ווייס
און אין מיין הארצען וואונדען גליהען.

די וואונדען גליהען, אויבינג איז די פּיין
דער גרויל און שרעק
פון אלץ וואָס איז און דארף אזוי נישט זיין
אין מיינע טעג.

צבי כהן.

קנוט האַמסון.

(צו זיין 50-יעהריגען יובילעאום)

מיט 13 יאָהר צוריק איז עס געווען. האַמסון האָט דאַמאָלס אַרויסגעלאָזט זיין דראַמע „אַבענד=רעטע”. האַמסון רופט דאָרט אויס יונג און פול מיט לעבען: „פאַרוואָס דולדעט איהר די ליגען, איהר יונגע! פאַרוואָס געהט איהר נישט אויף דער גאַס אַרויס און זוכט=אויף דעם מענש פון 50 יאָהר און זאָגט צו איהם אַזוי: פון וועג דו אַלטער! מיר זענען יונגער פון דיר. דיין לעבען איז צו ענדע. מאַך אַנ'אָרט פאַר אונזערע! שטאַרב, אום גאָטעס ווילען!” —

און נישט לאַנג, פאַר עטליכע יאָהרען ערשט, האָט האַמסון געהאַלטען אַ רעדע, פאַר וועלכע אַלע גוטע בירגער און בעלי=בתים קענען איהם עד=היום נישט מוחל זיין. דאָס איז נישט געווען קיין רעדע, נאָר אַנ'אויפרוף צו אַ רעוואָלוציע, אַ רעוואָלוציע קעגען אַלטקייט. ער האָט שטרענג אויפגעפאָדערט די יוגענד צו טהון איהר פפליכט; אַרויסצוטרייבען מיט געוואַלד די אַלטע פונ'ם לעבען, מ'זאָל זיך וועגען זיי נישט קימערן, מ'זאָל זיי איגנאָרירען, אָדער מאַכען אונשעדליך. אַלטע — האָט געדונערט זיין שטים — זענען די פיינד פון לעבען. זיי, די לייט, וועלכע געהן אַריבער די גרעניץ פון 50 יאָהר.

דעם פירטען אויגוסט פון דעם יאָהר, איז אָבער אָט דער פרערינגער קעגען אַלטקייט, קנוט האַמסון, אַליין אַלט געוואָרען 50 יאָהר, און די וועלט האָט געפייערט זיין 50=יעהריגען געבורטס=טאָג.

ווי דענקט איצט דער אַ ל ט ע ר קנוט האַמסון וועגען אַלטקייט?

פאַר עטליכע חדשים האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ נייעם ראָמאַן „אַ וואַנדערער שפּילט מיט דער סאָרדינע”. דאָרט געפונען מיר אַזאַ

שטעלע:

„אַ וואַנדערער שפּילט מיט דער סאַרדינע, ווײַל ער איז אַלט געוואָרען אַ האַלב־הונדערט יאָהר. איך קען דאָס אויך אַזוי אויסדריקען: ווען עס איז אַ שענער טאָג — פרעהט ער זיך שוין נישט מיט איהם, און אויב ער פערשטעהט, אַז דאָס קומט, ווײַל ער איז אַלט — פּײַניגט איהם נישט ו ר געדאַנק... איך האָב צײַט מײַן לעבען פיעל אַרומגעוואַנדערט און איך בין טעמפּ און אָבגעבליהט, אָבער איך האָב נישט אין מיר די נאַרישע עלטער־משוגעת, אַז איך בין אויף דער עלטער נאָך קליגער געוואָרען, ווי איך בין געוועזען. איך האָף, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט קליגער ווערען. דאָס איז אַ צייכען פון פּאָרפאַל. און ווען איך דאַנק גאָט פאַר מײַן לעבען, איז עס נישט דערפאַר; וואָס איך פיהל זיך ערשט רייף און שטאַרק, נאָר ווײַל איך האָב מיך שטענדיג געפרעהט אויף דעם, צו לעבען, הייסט עס. די אַלטקייט מאַכט נישט רייפער. דאָס אַלט־זײַן גיט נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי — אַלטקייט...

נו, זעהט איהר, האַמסון, ווערענדיג אַליין אַלט 50 יאָהר, האָט ער דאָך אַלס נישט קיין רעספּעקט פאַר די עלטער. האַמסון איז זיך געבליבען טרײַ. ווי פריהער וואַרפט ער שטיינער אין די אַלטע און אין זיך אַליין.

דערזעלבער יונגער האַמסון, איז אויף דער עלטער האַמסון. האַמסון איז יונג אין זײַן אַלטקייט. האַמסון איז נישט אַלט געוואָרען.

האַמסון שענקט זײַנע העלדען שטענדיג זײַן „איך". דער לעצטער העלד — איז אַ וואַנדערער, האַמסון איז עס דאָס, דער וואַנדערער, האַמסון איז אין זײַן לעבען געוועזען דיכטער, וואַנדערער און אַרבייטער.

אַ גרויסער דיכטער, מיעד פון דער ציוויליזאַציע, אַנטלויפט ער אויך פון דער גרויסער שטאָדט און ווערט אַ פּראָסטער וואַלד־אַרבייטער, אין דער נאַטור.

נישט וועניגער ווי דיכטער, איז קנוט האַמסון געוועזען אַ וואַנדערער און אַנ'אַרבייטער. געבוירען אין לאָם דעם פיערטען אויגוסט פון יאָהר 1860, איז ער, ווען ער איז אַלט געוועזען 4 יאָהר, געקומען אין זײַנע היימאַט אויף דער אינזעל־גרופּע לאַפּאָסען אין נאָרד־לאַנד. דאָ האָט ער בעקומען די שטאַרקסטע אײַנדריקען פון'ם לעבען. צו 15 יאָהר איז ער געקומען קיין באָדע אַלס שוסטער־לעהרלינג, צו 17 יאָהר לאָזט ער אַרויס זײַן ערשטעס ווערק „בירגער" (אַנ'ערצעהלונג פון פּויערים־לעבען) און אַ קליינעם עפּאָס „איין ווידערזעהן".

באלד נאכדעם ווערט ער א משא-טרעגער ביים פארט פון בארגע, דערנאך ווערט ער א געהילף-לעהרער, א משרת אין א געריכטס-הויז, א שטיין-האקער, א וואלד-ארבייטער (ביים האלץ-האקען). ער שטעלט זיך אויך אלס טאג-ארבייטער, צום סוף נעהמט ער וואנדערן, קומט קיין קריסטיאנא, הונגערט דארט און לעבט אלץ דורך, וואס ער בעשרייבט שפעטער אין זיין „הונגער".

דערנאך וואנדערט ער קיין אמעריקא, ווערט דארט א פעלד-ארבייטער, שפעטער א טראמוויי-קאנדוקטאר אין טשיקאגא און האלט דער-ביי פילאזאפישע און ליטערארישע לעזונגען. ווייטער וואנדערט ער אוועק קיין ניופינלאנד און ווערט דארט א פישער. דריי יאהר האט ער אבגע-ארבייט אויף יענעם איינזאמען אינזעל.

מיט דעם געלד, וואס ער האט דארט אבגעשפארט, לאזט ער זיך קיין פאריז און אין יאהר 1889 לאזט ער ארויס זיין בוך „פון דעם מאדערנעם גייסטיגען לעבען אין אמעריקא". א יאהר שפעטער ערשיינט זיין ווערק „הונגער", וועלכעס שטעלט איהם באלד אוועק אין דער ער-שטער רייהע פון די נארוועגישע שרייבער.

מ'האט געזעהן: ער האט דאס לעבען נישט לייכט גענומען. ער האט אלץ דורכגעלעבט. ער האט געליטען.

פון דעמאלט-אן לאזט ער יעדעם יאהר ארויס א ווערק. אזוי איין-און-צוואנציג יאהר. די גאנצע צייט אבער, איז ער נישט געזעסען אויף אן ארט, נאר געוואנדערט. און אזוי איז ער אויך אפילו אין די לעצטע יאהרען. פאראיאהרען זומער, איז ער געווען אין קאפענהאגען, דעם ווינטער און פריהלינג פון דעם יאהר אין סאליען. איצט איז ער אין קאפאנג און אויף דעם ווינטער — ווי עס איז געווען א נאטיץ אין דער אויסלענדישער פרעסע — האט ער זיך שוין געדונגען א פויערים-וואוינונג אין עלווערום.

קנוט האמסון קען נישט רוהען אויף איין ארט. ער מוז וואנדערן. ער איז א וואנדער-נשמה. וואטש ווען ער זאל וועלען, קען ער לעבען רוהיג אויף א בעשטימט ארט. ער וואנדערט שוין איצט נישט, ווי אין זיינע יונגע יאהרען, צוליעב נויט. ער איז נישט ארים.

ווען ביערנסאן איז געשטארבען, האט דער „פעראיין בילדענדע קונסט" איהם געוואלט געבען די „דיכטער-עהרען גאזשע", וואס זי האט געגעבען ביערנסאנ'ען. האמסון האט עס אבער נישט געוואלט צונעהמען און ער האט אפען ערקלערט, אז ער האלט פאר אונפאסיג צו געבען

עפּענטליכע געלדער, אַזעלכע קינסטלער, וועלכע האָבען שוין געמאַכט א קאַריערע.

דאָס, וואָס האַמסון איז אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט פינאַנציעל, האָט ער רוסלאַנד צו פערדאַנקען. ער איז דער ליעבלינג פון דער רוסישער אינטעליגענץ. פון דער רוסישער אינטעליגענץ געהערען אָבער דריי־פיערטיל — צו דער יודישער אינטעליגענץ, וועלכע לעזט איהם אויף רוסיש. האַמסון איז בעליעבט ביי דער יודישער יוגענד. ביי איהם געפינען זיי דאָס זייעריגע: דעם טאָן פון ליידען אין גלות.

יאָ, אין רוסלאַנד האָט זיך האַמסון פּאָפּולער געמאַכט, ווי אין קיין אַנדער לאַנד, אפילו נישט אין זיין אייגען נאָרוועגיען. דאָרט אין זיין היים רעספּעקטירט מען איהם שטאַרק, אָבער פּאָפּולער איז ער נישט. קיין איינציגעס פון זיינע ווערק, האָט דאָרט נישט געהאַט קיין גרעסערע אויפלאַגע, ווי 7000 (דאָס האָט אויך נאָר ערדרייכט זיין „וויקטאָריע".) ער איז מיט דעם גלייך צו זיין לאַנד־ברודער איבסען. ער, ווי איבסען האָבען אין אויסלאַנד זייער פּובליקום, ווערען אין אויסלאַנד געשעצט, אין אויסלאַנד פּאָפּולער.

אין נאָרוועגיען ווייסט מען, אַז ער איז דער איינציגער גרויסער דיכטער, וואָס נאָרוועגיען האָט איצט, אָבער נישט פיעל ווייסען דאָס.

נאָך ביערנסאָנ׳ס טויט, האָט די גאַנצע נאָרוועגישע פּרעסע איהם געקרוינט פאַר דעם פיהרער פון גייסטיגען לעבען פון דער נאָרוועגישער נאַציע.

האַמסון איז אַנ׳ארבייטער־פריינד. ער ליעבט פון הייסען האַרץ די ארבייטער. האַמסונ׳ען אלס סאָציאַליסט, אַלס ארבייטער־קעמפּפער קענען נישט פיעל. ווער עס וויל קענען דעם גאַנצען האַמסונ׳ען, דאַרף לייענען זיין טיעף־פילאָזאָפיש און קינסטלעריש ווערק, דעם ראָמאַן „נייע ערד", וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אין יאָהר 1893 און וועלכעס איז צוליעב דער גרויסער ווירקונג פון „הונגער" און „מיסטעריען" כמעט אינגאַנצען פערגעסען געוואָרען. און דאָך איז עס אַ גרויסעס, גייסט־רייכעס בוך. דאָרט זינגט ער אַ לויב־געזאַנג די ארבייטער.

אַלס ארבייטער־פריינד קען מען איהם אויך זעהן אין דער דראַמע „דאָס לעבענס שפּיעל" (דאָס איז דאָס מיטעל־שטיק פון דער טרילאָגיע: „ביי דעם רייכען פּאָרט". „דאָס לעבענס שפּיעל" און „אָווענד־רעטע"), דאָרט רעדט ער שטאַרק געגען דער אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד.

דאָס זעלבע איז אויך צו בעמערקען פון זיין לעצטען ראָמאַן.

האמסון איז געבליבען האמסון. 50 יאהר אלט און דאך נישט קיין אלטער, ער איז נאך יונג.
און דאס איז דער סוד פון א גרויסער נשמה...

איזאק וואלקאוויטשער.

אין אווענד.

עס טראגען זיך אום אבגעשטארבענע קלאנגען
פון גלאקען, וואס זענען וויט, וויט אויפגעהאנגען...
עס שוועבען ארום אבגעטאנטע געזאנגען...

עס שאקלען זיך נאקעטע בוימער און בויגען.
זיי קניהען און בעטען, די הענד אויסגעצויגען,
און גיסען די טהוי פון די וויינענדע אויגען...

עס סוד'ען זיך, יאגען זיך ווינטעלעך קיהלע...
די ערד און דער הימעל, די גאנצע וועלט-שטילע...
...א, זייט יעצט מתפלל, אין שעה פון מחילה...

אפרים קאַגאַנאָווסקי.

שותפים.

(אַ בילד)

(עֶנדעֶ)

דאַמאָלס טהוט די יודענע אַ קוויטש, לויפט, פאַלט איבער דער שוועל און פערשליעסט אונטער זיך די טהיר, און דער „פערשטעלטער" שטעהט אַ פּאָר מינוט מיט אַרויסגעשטעקטע ווייסע צייהן און שמייכעלט...

פאַר „פייפקען" האָבען אַממעהרסטען מורא יונגע מיידלאַך, ווען זיי זעהן איהם, לויפען זיי אין שטוב אַריין, אָדער בעהאַלטען זיך און פייפקע זעהענדיג דאָס, לויפט הינקענדיג נאָך, און דעריאָגענדיג דאָס מיידעל, גיט ער איהר אַ ריס פאַר'ן צעפּיל. דאָס מיידעל לויפט אין שטוב אַריין מיט אַ הילכיגען קוויטש, דאַמאָלס קוקט דעם מיידעלס מאַמע האַלב־אַרויס פון דער טהיר און נעהמט זיך אָהן פאַר איהר טאָכטער:

— פע, שעמט אייך! אַנ'אַלטער משומד זאָל זיך טשעפּען צו יונגע מיידלאַך, אַ מבין? האָט מיר ס'קינד איבערגעשראָקען! פייפקע ענטפערט גאָרנישט, נאָר שטרעקט אויס אַ האַנד נאָך אַ גראָשען.

— אַ מכה וועט מען אייך געבען! — האַקט די יודינע צו די טהיר.

און פייפקע, זעהענדיג, אַז ער וועט שוין דאָ גאָרנישט מאַכען, וויצעלט זיך, ווינקט, שיקעלט און מאַכט צו מיט דער צונג.

— ק—צ—צ! קום מאַמעלע!...

שימקע" איז אַ יונגער יונג, אַ הויכער און אַ שמאָלער מיט אַ טיעף־אַרויפגעלאָזענעם, ברייטען, שוואַרצען קאַפּעליוש, וואָס לעגט אַ האַלב־קיילעכיגען טונקעלען שאָטען, איבער זיינע טיעפע, שוואַרצע אוי־

גען און לאנגער שפּיציגער נאָז. מיט שנעלע טריט געהט ער פון איין הויז צום צווייטען און מעג קיינער נישט זיין, שטעלט ער זיך אוועק שפּיעלען. ביים שפּיעלען קוקט ער נישט אויף קיינעם, די אויגען האלט ער צו, אזוי, אַז ס'דאַכט זיך, אז ער איז איינגעשלאָפען, האלטענדיג דעם קאָפּ אין דער קרים אויפ'ן פידעל. שפּיעלען שפּיעלט ער לאנג און הערט אויף דאַמאָלס, ווען מ'שטופּט איהם הארט דעם גראָשען אין דער האנד אריין, דאַמאָלס האַפּט ער זיך אויף און לויפט שנעל, ניט אומקוקענדיג זיך, צו אַ צווייטען הויז...

פון דער צווייטער זייט, איבער'ן פינסטערן בארג־רוקען, זענען פלוצלונג צוויי שווארצע פלעקען אויסגעוואקסען און אַ רוף געטהון:

— פּייפקע, ביסט דאָ?!

— „פערשטעלטער", „שימקע"?!

— יאָ! וואו ביסטו?

— קומט אהער דאָ אונטערן קוסט, איהר זענט אויסגעווייקט?!

פּייפקע האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט'ן שטעקען, לויט'ן קלאַפּ זענען זיי צו איהם צוגעקומען. דער „פערשטעלטער" מיט „שימקען", ביידע הויכע, שמאָלע. דער פערשטעלטער מיט אַ זעקעל אויף די פּלייצעס, ביי שימקען איז אַנ'אויפגעהויבענע פּאָלע, אונטער וועלכער ער האלט דעם פידעל מיט'ן בויגען, אַלע דריי האָבען זיך געלעגט אונטער די קוסטעס.

דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט.

— זעהסט, ווי די וואָלקען צוגעהען זיך שוין! רופט זיך אָן פּייפּ־קע צום „פערשטעלטען", קוקענדיג אויפ'ן הימעל, ווי די שווארצע וואָל־קען נעהמען זיך אין שמאָלע לאנגע פּאסען צוזאמען און לאָזען זיך אַרויף אין האָריזאָנט.

— ס'לייטערט זיך, הא?

— יאָ, זעהסט דאָרט אַ שטערענדעל זעהט זיך שוין!

— ס'קען נאָך היינט זיין אַ שענע נאַכט! — רופט זיך אָן שימקע.

— הלוואי! — שיקעלט פּייפקע — איך בין אויסגעווייקט פונ'ם קאָפּ ביז די פיס!

— שפּירסט ווי ס'שמעקט נאָכ'ן רעגען? ציהט דער „פערשטעל־טער" מיט די נאָזלעכער.

שימקע שמעקט די לופט און עטעמט ברייט.

— ווייס איך, וואָס מוז מיר דאָס שמעקען, ס'זאָל כאָטש ווערען טרוקען, מ'זאָל זיך כאָטש קענען אויסרוהען אויפ'ן באַרג! — קרעכצט פּייפקע.

אַלע שווייגען.

— כ'געדענק... ווען כ'בין נאָך א קינד, אַ יונגעל געווען...

— רעדט דער פערשטעלטער פערטראַכט — אין אַזאַ נאַכט... האָב איך באָרפוס אין די וואַסערלעך געפּליעסקעט!... אַמאָל אַ שטיקעל גלאָז זיך אין פוס אַריינגענומען... האָט די מאַמע גע'חלש'ט... צום בלינדען „ציעסלאַרז" נאָך אַ מאַשין געלאָפען...

— חע, חע! — לאַכט פּייפקע — די מאַמע האָט זיך דער־שראָקען, געמיינט דו וועסט שטאַרבען דערפון!

שימקע זיצט דעם קאָפּ אַראָבגעלזט, פערקלערט...

צווישען דעם קלינגענדיגען געשווענקערייַ פון די טראָפּען רעגען, וואָס קאַפּען פון די בוימער, ערגיץ ווייט אין אַנ'עק הימעל, מורמעלט נאָך אַ דונער, ווי פון שלאָף... די שטיקער שוואַרצע וואָלקען שפּאַל־טען זיך, טראָגען זיך שנעל צום האָריזאָנט און נאָך זיי בלייבט דער הימעל בלוי־גרינליך און דורכזיכטיג און אין זיין דונקעלהייט פינקלען נייַע זילבער־שטערנדלעך, ווי אויסגעוואַשענע פונ'ם רעגען. לייכטע ווינדטלעך טראָגען זיך קיהל און טיעף איינגעהאַלטען רוישען די וועלדער...

שימקע נעהמט דעם פידעל אין דער קרים איבער'ן האַרץ און גלעט לייכט מיט די פינגער איבער די סטרונעס, און די סטרונעס ציטערן אָב מיט אַ שטילען, שאַרפענדיגען אָבקלאַנג, און ס'דאַכט זיך פון די טענער, אַז ערגיץ ווייט, ווייט אין דער נאַכט, טראָגט זיך אַ שטילער, זיסער חלום אַהער... עפּעס ליכטיגע, שטיל־פלאַטעריגע מלאכים, ציהען זיך מחנות'ווייז אַהער... אַהער... שטיל.

דער „פערשטעלטער" הויבט פלוצלונג אויף דעם קאָפּ און דער־צעהלט ווייטער:

— שבת... פלעגען מיר אַ סך יונגלעך צום „דזיעדזיץ" אין הויף אַריינגעהן, רייסען באַרנעס מיט עפּעל. דער „דזיעדזיץ"... אַליין האָט געהייסען קלעטערן אויף די בוימער... ליעב געהאַט... יודישע קינ־דער... פלעגט אויספּרובען שבת... צי מ'וועט נעהמען אַ צווייער... און נעבען דעם הויף האָט דער „פּאַחציאַרז" געוואוינט. אָה!...

— דער „פּאַחציאַרז", גיטעלעס טאַטע? — פרעגט נייגיריג

פײַפקע און שיקעלט.

— יאָ, גיטעלעס טאַטע, גיטעלעס...

און דער „פערשטעלטער" קוקט זיך פלוצלונג אַרום און אין זײַנע טיעף־גרינע אויגען בעווײַזען זיך טרעהרען, קייקלען זיך איבער זײַנע בלײַכע באַקען אין בערדעל אַרײַן.

— חע, חע! — צולאַכט זיך פײַפקע. — ער האָט זיך גאָר צעווײַנט דער „פערשטעלטער", נאָך גיטעלען מיט די שוואַרצע אויגעלעך, מיט די רויטע ליפּעלעך זיך פערבענקט! חע, חע! נאָר באַלד ווערט פײַפקע שטיל און בויגט אַוועק דעם קאָפּ, דערזעהענדיג, ווי דער גרויסער, מגושם׳דיגער „פערשטעלטער" ליגט אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג און ווײַנט און כליפּעט ווי אַ קינד.

אַ מינוט איז שרעקליך שטיל...

— אוי, וואו זענען מײַנע יונגע יאָהרען? גיטעלע, גיטעלע!... הודזעט דער „פערשטעלטער" און פײַפקע קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען און צובײַזערט זיך שיקלענדיג:

— זעהסט, האָסט חרטה אויפ׳ן שותפות! כ׳האָב דיר געזאָגט; זאָלסט נישט צונעהמען קײַן דריטען! און ער ווײַזט אָן אויף שימקען.

שימקע הערט איהם נישט, ער קלערט.

און דער פערשטעלטער הודזעט:

— גיטעלע, גיטעלע!

פלוצלונג האַפּט זיך שימקע אויף, חאַפּט דעם פידעל אונטער דער גאָמבע און הויבט אָן שפּיעלען.

לײַכט און לאַנגזאַם בעוועגט זיך זײַן האַנד מיט׳ן בויגען, ציהט זיך אויף, ציהט זיך אײַן. און דער ווײַטער נאַכט אַרײַן גיסען זיך, ציהען זיך אַזעלכע שטילע, שטילע טענער:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס ווײַנט אַ שטילער טאָן — שלענגעלט זיך שפּיציג אַ דין זילבער קול׳כעל, טיעף און שאַרף אין דער שטילער נאַכט אַרײַן... און ווײַטער ווײַנען, בעטען שטילע, אומעטיגע טענער, ווי פערבלאָנזשעטע:

— הערט אונז! הערט אונז! מיר ווילען אײַך דערצעהלען...

ווי פרישע קוואַל־וואַסער אויף אַ פער׳חלש׳טען פון היץ, גיעסען זיך די טענער צום „פערשטעלטען" אין האַרץ אַרײַן...

און ער מורמעלט חליפּענדיג:

— שפּיעל שימקע, שפּיעל, כ׳וויל הערען.

ווי אַ שפּילער, קלאָרער ווייך־בעלויכטענער שפּיעגעל איז די לבנה פון אונטערן וואַלד אויפגעשוואומען. און דעם רוקען פונ׳ם וואַלד־באַרג בעלויכטען, וואו ס׳האָבען זיך געטראָגען די שטילע, זאַנפטיגע טענער פון שימקעס שפּיעלען, — געשטערט פונ׳ם כראָפּען פון פּייפּקעס טיעפען שלאָף...

שׂרה רייזען.

ליעבע קלאַנגען.

דיין אָטהעם איז דופט פון ראָזעס פון צאַרטע
איך שעפּ איהם אַריין!
דיין שטימע איז ליעבער, ווי קלאַנגען פון האַרפּע,
ווי זיס און ווי פיין!
דיין בליק איז דער אָבקלאַנג פון גאָלדענע שטערען,
וואָס פינקלען ביינאַכט.
און דו ביזט מיין ליעבע, וואָס רופט מיך אין לאָקט מיך
מיט פייוועלשער מאַכט!..

פרישמאַן און ראָדענבאַך.

ס׳איז א פאקט, אז סאַן פּעטערס קירך אין רוים, זעהט אוים, ווי דער קאזאנסקי סאָבאָר אין פּעטערבורג, דערפון איז געדרונגען, אז מיקעל־אַנזשעלאָ האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן קאזאנסקי סאָבאָר און איז געגאַנגען און האָט אויסגעבויט אין רוים פונקט אזוינעם. אזוי האָט אויך דער פראַנצויזישער דיכטער ראָזענבאַך א קוק געטהון אויף דוד פרישמאַנ׳ס מעשה אין „טעאַטער וועלט" „דער טאַנץ" און איז געגאַנגען און אנגעשריבען פונקט אַזאַ ערצעהלונג „די פּראָצעסיאָן".

— מילא, זאָל זיין, אז דאָס האָט דוד פרישמאַן גענומען זיין מעשה ביי ראָדענבאַכען, — וועט איהר זאָגען, — נו, מה רעש? עס טרעפט דען נישט אַזוי, וואָס? — עס טרעפט. בעת א קעניג בויט זיך, זאָגט היינע, האָבען קבצנים פון וואָס צו לעבען. זשאָרזש ראָדענבאַך איז געווען אַ קעניג...

זשאָרזש ראָדענבאַכ׳ס ערצעהלונג איז אַזאַ:

די אַלטצעהניאָהריגע דאָראָטעאַ האָט געליבט אָהן א גרעניץ צום ערשטען מאָל, גיך אָבער איז איהר גליק פערשוואונדען. פון איהר אונגעטריַיען איז איהר אַ רינגעל פערבליבען, און כל זמן זי האָט דאָס רינגעל אויפ׳ן פינגער געטראָגען, האָט זי אַלץ געהאָפט, אז איהר געליעבטער וועט זיך נאָך צו איהר אומקעהרען. איינמאָל האָט אין איהר שטעדטיל אַן׳אומגליק געשעהן: פונ׳ם קירכענטהורם, אין וועמענס שאָטען איהר הויז איז געשטאַנען, איז דער גלאָק אַראָבגעפאַלען און זיך צובראָכען. די שטאָדט האָט אַ פּראָצעסיאָן אַרויסגעשיקט מעטאַלען אויף אַ נייעם גלאָק צו זאַמלען. ווען די פּראָצעסיאָן איז צו דאָראָטעאַ׳ס טהיר צוגעקומען, האָט זי במעט געגעבען איהר ווילען איהר רינג אין וואָגען צווישען אַנדערע מעטאַלען אריינגעוואָרפען און פון דעם אויגענבליק אָן האָט זי דערפיהלט, אז זי האָט אַליין צו איהר האָפנונג אַ סוף געמאַכט. דערפאַר אָבער ווען דער נייער גלאָק, וואו איהר רינג איז געווען פערשמאָלצען, האָט געקלונגען, האָט זי געהאַט דעם טרייסט, אז

איצט איז איהר ליד שוין ניט מעהר אַליין איהר פערזענליכער ליד, נאָר איז זיך צוגאַנגען אין אַלגעמיינעם פּיין פון לעבען.

אָט אויף דער הערליכער ערצעהלונג, האָט דוד פרישמאַן געוואָרפען אַנ'אויג. נו, מהיכי תיתי. איז אָבער אַ צרה, יודען האָבען ניט קיין קירכען-גלעקער, און דוד פרישמאַן וויל דורכאויס, אַז אין זיין ווערק זאָל זיין אַ יודישער גייסט, און צוליעב דעם יודישען גייסט עפענט דוד פרישמאַן דעם חומש און געפינט די מעשה מיט'ן עגל, טאַקע אַ גאָלדענע מציאה! פאַר'ן עגל האָט מען געברויכט גאָלד, פאַר'ן עגל, ניט פאַר אַ גלאָק וועט זי אַוועקגעבען דאָס רינגעל. גוט, וואָלט ער זיך דאָ אָבגעשטעלט. האָסט געחאַפּט וואָס דו האָסט געחאַפּט, קיינער האָט ניט געזעהן, געה קעהר זיך איצט אָב אין אַ ווינקעל, נאָג, נאָג עס דאָרטען אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט עפּעס אַריינזויגען און גיב נאָכדעם אַרויס וואָס דו קענסט, שוין פון זיך, וואָרום מעהר חאַפּען איז אַ סכנה. וואָרום איצט הויבט זיך אָן אַנ'אַנדער מעשה. איין זאַך איז פערשמעלצען די לעצטע האָפנונג פאַר'ן גלאָק פון טהורם, אין וועמענס שאָטען איהר הויז איז געשטאַנען, און גלאָק, וואָס סימבאָליזירט דאָס לעבען, וואָס קלינגט צו גליק אויף חתונות און בעגראָבונגען און אַנדערע — אַוועקגעבען עס כדי צו שאַפען אַ גאָט.

דוד פרישמאַן וויל אָבער פון גאָרניט וויסען. ער חאַפּט ווייטער, שריט ביי שריט געהט ער צוזאַמען מיט ראָדענבאַכ'ס ערצעהלונג, וואו מען קען צו שרייבען און פעריודישען שרייבט ער צו און פעריודישט, וואו מען דאַרף זיין קאַרג איז ער קאַרג, רעדט געצעהלטע ווערטער, טאַקע דיזעלבע ווערטער, וואָס ביי ראָדענבאַכ'ען. למשל: פלוצלונג האָט זיך דאָס רינגעל אַראָבגעגליטשט פון איהר פינגער און איז אַריינגעפאַלען אין גרויסען וואָגען, וואו ס'האָט זיך פערמישט (מיט דאָס איבעריגע) אַזוי איז ביי ראָדענבאַך אין דער רוסישער איבערזעצונג: „און פלוצלונג האָט זיך דאָס רינגעלע אַראָבגעגליטשט פונ'ם פינגער און אין אַ מינוט שפּעטער איז עס געלעגען אין דעם גרויסען גאָלד-באַרג אין וואָגען". שטעהט געדרוקט ביי פרישמאַנ'ען אין טעאַטער-וועלט: „אין דער דאָזיגער מינוט האָט דאָס מעדעל פלוצלונג אויף קלאָר געוואוסט, אַז איהר אויסדערוועהלטער וועט שוין קיינמאָל צו איהר ניט צוריק קומען און אַז פאַר איהרטוועגען איז ער שוין געשטאָרבען אויף אייביג". לייענט מען ביי פרישמאַנ'ען גלייך נאָך דעם. „אין דעם מאָמענט האָט דאָראָטעאַ בעגריפען, אַז איהר האָפנונג איז פערניכטעט, אַז די ליעבע וועט זיך שוין ניט

אומקעהרען, אַז איהר חתן איז פאַר איהרטוועגען געשטאָרבען" — איז ביַי ראָדענבאַכ'ען.

באַלד דערויף קומט ביַי ראָדענבאַכ'ען דער סוף פון דער ערצעהלונג, וואו ס'ווערט קלאָר די אידעע פון איהר, אַז פאַר'ן מענשען איז אַ טרייסט, ווען ער קען זיַין פערזענליכען שמערץ פערשמעלצען מיט דעם אַלגעמיינעם שמערץ פון לעבען. אָט דעם געדאַנק דאַרף דוד פריִשמאַן נאָך כאַפּען, ווארום קיין אייגענעם פערמאָגט ער ניִשט, ווי אָבער קען זיך צו פריִשמאַנ'ס עגל פאַסען דער געדאַנק, וועלכער פליסט אַרויס פון ראָדענבאַכ'ס סודזשעט, וואָס האָט צו טהון גאָר מיט אַ קירבענגלאָק?

פאַסט עס זיך טאַקע ניִשט. מען דאַרף דאָך אָבער צונויפבינדען אַנ'עק מיט אַנ'עק — האָט ה' פריִשמאַן ערפונדען גאָר אַנ'אָריגינעלען מיטעל — ער טאַנצט! צום סוף טאַנצט ער! (דערפאַר הייסט זיַין מעשה „דער טאַנץ") אַזוי לאַנג טאַנצט ער ביז עס טאַנצט זיך ביַי איהם אַרויס ראָדענבאַכ'ס לעצטער געדאַנק.

— „זי האָט אין זיך ניִשט קיין נשמה נאָר אַ דערוועהלטען, און ניִשט דער דערוועהלטער איז ער, נאָר אַ רינג, און ניִשט אַ רינג, נאָר איהר לעבען איז עס... איצט איז עס אויך ניִשט מעהר איהר לעבען, נאָר אַ גאָט איז עס — און די נשמה איז אַריַין אין דערוועהלטען, דער דערוועהלטער אין רינג, דער רינג איז געוואָרען דאָס לעבען, דאָס לעבען איז געוואָרען גאָט, דער שמערץ האָט אויפגעהערט און עס איז נאָר אַ גאָט פאַרהאַן. עס איז ניִשט מעהר איהר שמערץ, עס איז דער שמערץ פון אַלעמען". — אָט איז זי ראָדענבאַכ'ס פּראָזע, וואָס האָט זיך אויסגעטאַנצט.

טפוי!

„כ'וואָלט בעסער זיַין אַ קאַץ און שריַיען מיאַו, איידער צו זיַין איינער פון אַזעלכע קריצלער". —

אַזוי האָט געזאָגט... שעקספּיר!

א. וויַיטיגער.

ק. רייזען.

* *
*

אויף שבעה ימים
צוגיסט זיך מיין טרויער,
ווי עס קומט דער הערבסט,
דער הערבסט דער גרויער.

מיין ליער בעקלאָגט
די וויסטע פעלדער,
מיין צער איז גרויס
אויף די נאַקעטע וועלדער

ווי תכריכים דער נעבעל,
וואָס ביין טייך פערצויגען,
מיך שרעקען די וועלען
ווי ביי מתים די אויגען...

אָלאַ אַנסאָן.

די ליעד פון יונגען אָפּעג.

דאָס אַלטע איך איז אויסגעשטרעקט אויף ווייסע לייליכער געלעגען און האָט גע־האַלטען בײַם אָבשטאַרבען. דאָס נײַע איך איז אין דערנאָהענט געזעסען. זײַן גע־שטאַלט איז אין דער דונקעלהייט ניט קענטיג געוועזען.

— העלף מיר, — האָט דאָס אַלטע איך געקרעכצט.

— דו בעטסט הילף בײַ אַ שונא? — האָט דאָס נײַע איך געפרעגט.

— העלף מיר!

— ניין, דו וועסט שטאַרבען.

דער קראַנקער האָט אַ ציטער געטהון אין זײַן פאַרלעצטען טוידטליכען פיבער; ער האָט געשריען, זיך געקלאָגט, אַז שוואַרצע מײַז שפּרינגען איבער'ן ווייסען לײַלעך, איבער'ן פּנים און די הענד.

— דאָס קעהרען זיך אום דײַנע אַלטע געדאַנקען, — האָט אַ זאָג געטהון אַ שטים פון דער דונקעלהייט, — דײַן מוח שפּײַט אויס די אומרייניקייט, וועלכע האָט זיך אין איהם געפונען.

— צו דען האָסטו קיין רחמנות?

— ניין, פאַר דיר איז ניטאָ. דו ביזט אַ פייגער, ווען בײַ מיר בעטסטו רחמים, האָסט דו דען ווען עס איז אויף מיר יאָ רחמנות געהאַט? ווען בײַ דײַן מוטער איז די ברוסט פול מילך געוועזען, האָסט דו זיך געטיילט מיט מיר? ווען איך בין געלעגען און געפרווירען אויפ'ן שטיינערנעם דיעל, האָסט דו מיר דען פאַרגעלייגט אַ בעט און צוגעדעקט מיך?

— שווייג — — — האָב רחמנות אויף מיר.

— ווען איך בין אויסגעוואַקסען און אַ מאַן געוואָרען, געדענקסט דו, ווי דו האָסט מיך פערטריבען פון דײַן הויז, ווי דו האָסט מיר די פיס געוואָלט אָבהאַקען און אויסשטעכען מיר די אויגען כדי בלינד און הינקענדיג מיך מאַכען.

דער שטאַרבענדער האָט אָנגעהויבען ווי אַ צוטראָטענע שלאַנג זיך צודרעהען, און די ווינקלען פון זײַן מויל האָט זיך אַ בלוטיגער שוים בעוויזען.

— און געדענקסט דו, ווי דו האָסט אָנגעערדט דײַנע קרובים און פרײַנד מיך צו האַסען, באַלײדיגען און פערסמען מײַן לעבען? איהר פלעגט בעהאַלטען ראָס צוגע־גרײטע פאַר מיר עסען, און מיר פלעגט איהר געבען נור רעשטען... די, וועמען איך האָב ליעב געהאַט, האָט איהר פערוואָרפען מיט בלאָטע פון אײער אײגענער נשמה... איצט וועסט דו שטאַרבען!

אַ פערצווײפעלטער געשרײ האָט זיך דאַן אַרויסגעריסען בײם קראַנקען, גלײך ווי דער טוידט וואָלט זיך אײנבײגען איבער זײן געלעגער. ער האָט געשריען וועגען דעם, אַז מען זאָל קריכען איהם אין מויל, פערקלײבען זיך איהם אין מאַרך. ער האָט זיך געדרעהט און געקרעמפּט מיט'ן גאַנצען קערפּער, מיט די הענד און פיס, און האָט אויסגעלאָזען זײן לעצטען אָטהעם...

ליטעראַרישע נײַעס.

דער יונגער שריפטשטעלער ד. קאַסעל האָט פערענדיגט אַ גרויסען ראָמאַן מיט'ן נאָמען „אין דאָרף".

עס איז ערשיענען אַ זאַמעלבוך „דאָס יאָהר" מיט אַרטיקלען, ערצעהלונגען און ליעדער פון י. ל. פרץ, יעקב שטײנבערג, י. מרגלית, שרה רײזען, י. בלײכער, ג. שאַפּמאַן, און אַנדערע.

אין פערלאַג „ביכער פאַר אַלע" זענען ערשיענען צוויי בענדער „נײַע ווערק" פון אַברהם רײזען. אײן באַנד פּאָעזיע, דער צווייטער — ערצעהלונגען.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Нимсенъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

דזשאקורם טאג-בוך *).

ערשטעס קאפיטעל.

טעג און נעכט האב איך אלץ געדענקט וועגען דעם ערשטען קוש, וואס וועט בעשטעטיגען אונזער פערלאבונג. איך האב נישט געוואוסט וואו כ'זאל איהר דעם קוש טהון. אויף איהר שטערען נישט; — דאס איז עהנליך צו א פאמיליען-קוש. אויף איהרע הענדע האהר אויך נישט; וויל בעצאהלטע הענד האבען זיי געקאמט. איך זאל איהר גאר א קוש טהון אויף איהרע אויגען, אויף די פערמאכטע אפפלען, וואס זעהן אויס ווי פליגעל, — האב איך מורא, אז דאס וועט מיך דערמאהנען אן דעם לעצטען קוש, וואס מען טהוט אויף די פערמאכטע אויגען פון א טויט ווייב, וואס מען האט שטארק געליבט. אפשר גאר אויף איהרע ליפען?! אויף איהר שען געשניצטעס מויל?! ניין! דאס טאר איך נישט, דאס וועל איך נישט בעזיצען, ביז די לעצטע הימלישע מינוט, ווען העלענא וועט ענדליך זיין מיינע. איך וועל איהר קושען אויף דעם אנגענעהמען חן-גריבעלע, וואס שניצט זיך אויף איהרע באקען, בשעת זי איז פרעהליך, בשעת זי שמייכעלט. און וואס האט מיך אזוי אויפגערעגט אין דער ערשטער פלירט-נאכט.

אונזערע עלטערען זענען גראד אין שטוב נישט געווען, זיי האבען

---

*) דער דאזיגער מאנוסקריפט איז געפונען געווארען צווישען די פאפירען פון דזשאקום איקס', וואס האט מיט עטליכע יאהר צוריק בעגאנגען א זעלבסט-מארד אין א געוויסען האטעל.

שפּאַצירט אין גאָרטען. מיר זענען אַלזאָ אַליין געבליבען. איך האָב מיך אויפגעהויבען פון אָרט, בין צו איהר צוגעגאַנגען און האַלטענדיג איהרע ציטערנדע הענד אין מײַנע, האָב איך איהר אין אויער געשעפּטשעט:

— איך בין גליקליך, העלענאַ! און איך ליעב דיך! און האָב איהר האַלב־תמ'עוואַטע אַ קוש געטהון אויף דעם שענעם גריבעלע. זי האָט אַ ציטער געטהון, ווי פון אַ בריה, איז אַ ביסעל רויט געוואָרען און מיט אַ ליעבליכען בליק געזאָגט:

— אויך איך ליעב דיך און בין זעהר גליקליך.

איהר צומישטקייט און שנעלע געפיהלס־אויסדריקע האָבען ענט־פּלעקט די פלעקלאָזיגקייט פון אַ ריין געוויסען. מיר האָט הנאה געטהון די קינדישע אונשולד, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט, און איהר צניעות'־דיג רויט ווערען. „עס איז אַנ'אָנזאָג אויף גליק״ — האָב איך געטראַכט, און בשעת־מעשה אַ קלער געטהון, אַז איך בין איהר נישט ווערטה. איך האָב זיך האַלב־פערשעמט ביי דעם געדאַנק, אַז איהר דאַרף איך צו זיך אין אין די אָרעמס ברענגען און אַריינטהון אין איהרע אונשול־דיגע הענד, דאָס איבערבלייבעניש פון אַ רואינירט האַרץ, וואָס איז פעראונרייניגט מיט אויסגעלאַסענקייט, וואָס איז געווען אַ שפּיעל־צייג אין די הענד פון אונווירדיגע פרויען, וואָס איז פער'שיכור'ט מיט לי־גענס. איך האָב געפיהלט, דאָס עס וועט אָבשטאַרבען פון ביטערניש און אָבשטויסונג...

צווייטעס קאַפּיטעל.

זי האָט זיך שנעל צוגעוואוינט צו מיר און זיך האַסטיג געביטען פון אַ יונג מיידעל אויף אַ פול־ענטוויקעלטע פרוי. זי איז שוין מעהר נישט דאָס איינפאַכע מיידעל, דאָס געפיהלפאָלע קינד, מיט וועמען איך פלעג נישט וויסען וואָס צו רעדען און וועמענס קינדערשע פראַגעס פלע־גען מיך צוטומלען. זי איז קאָקעטיש, און איהר שטעל, איהר לאַך, איהר ריהר, איז פערפיהרעריש. מען קען מיינען, אַז מיט דעם פּרובט זי איהר איינפלוס אויף מיר, און פיהלט געוויס, דאָס איך האָב שוין נישט קיין איינענעם ווילען. זי טהוט מיט מיר, וואָס איהר געפעלט, איהרע לאַשצענדע הענד טראָגען זיך וואו זיי ווילען. און איך בין אַזוי

פרעהליך, דאָס צייטענווייז שרעק איך מיך זעלבסט פאַר דער איבערמאָס פון מיין גליק-זעליגקייט.

מיין לעבען איז איצט זעהר אַנגענעהם. עס איז אַן׳אַנגענעהמע שטראָף; די נאָכמיטאָגער און אָוועגדען, ווען מיר פערברענגען אײנאַנעם. זי לעהגט אָן איהר קאָפּ אויף מיינע אַקסלען, האַלט מיינע הענד אין איהרע, און פערמאַכט האַלב איהרע וואונדער-שענע אויגען. און אין דער פּאָזע מאָלען מיר זיך אויס אונזער צוקונפטיגעס לעבען. איך בעדעק איהר מיט קושען, און אָטעם איין דעם זאַנפטען געשמאַק פון איהרע הערעלעך, וואָס זענען פיין ווי זייד און וואָס זעהען אויס, ווי אַן׳אויריאָל אַרום איהר קייזערליכען שטערען. דאָס אַלץ רייצט מיך, מאַכט מיך אומזיכער. מיט איין וואָרט: עס פּייניגט מיך. און דאָך בין איך געניינט צו וויינען, אַז די צייט קומט ווען מיר מוזען זיך שיידען. איך עקזיסטיר נאָר דאַן, ווען כ׳בין מיט איהר.

איך קען נישט שלאָפען, אין דער פינסטערניש ערשיינט זי פאַר מיר; צאַרט, העל און רויטליך. אַזוי אײדעל איז זי, אַזוי עלעגאַנט איז איהר געשיקטע טאַליע, איהרע קליינע הענד און פיסליך, איהר גראַציעזער קאָפּ, און דער שפּאָטישער און שטיפערישער בליק, וואָס ליעגט אין איהר שמייכעלע. די העלקייט פונ׳ם מאָרגענשטערן בלויכט איהרע בליקען. און אַז איך דערמאָהן זיך, דאָס זי וועט זיין מיין פרוי, בין איך געניינט צו זינגען, און אַ לוסט נעהמט מיך אָן הילכיג אַרויסצושאַלען מיין נאַרישע ליעבעס-שפּראַך אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט.

העלענאַ ווייזט אויס צו זיין אונגעדולדיג. עפּעס איז זי די לעצטע צייט אַזוי נערוועז, זי וואָלט אַפּנים געוואָלט אויסמעקען די צוויי וואָכען, וואָס מיר האָבען נאָך צו-וואַרטען. און איהר פאָטער האָט נעכטען מיט רעכט בעמערקט, דאָס „זי זעהט אויס, ווי אַ זעלנער, וואָס ערוואַרט מיט אונגעדולד זיין אורלויב".

דריטעס קאַפּיטעל.

איך ווייס נישט פון וואַנען די שרעק האָט זיך גענומען, וואָס האָט מיך אַזוי פּלוצלונג בעפאַלען, און בעלעגט מיין גאַנצען קערפּער, ווי

אַ האָגעל גיפטיגע פיילען. וואָס מעהר דער טאָג, אויף וועלכען איך האָב אַזוי שטאַרק געהאָפט, האָט זיך דערנעהנטערט, דעסטאָ מעהר אַנגסטליך, נערוועז און געפּייניגט פון אונזיכערהייט בין איך.

איך ליעב און בין ליידענשאַפטליך געליעבט, און עס גיבען גאַנץ ווענינ פאָרליך, וואָס פאַנגען אָן זייער נייע רייזע, — נאָך אַן׳אונבעקאַנט לעבען, מיט די זעלבע האָפנונגען און אַזוי פיעל גליקס־פערזיכערונג, ווי מיר ביידע.

מיין צוטרוי צו דער מיידעל, מיט וועלכע איך געה חתונה האָבען, איז זעהר שטאַרק. און אויב עס וואָלט זיך צווישען אונז אַריינגעחאַפּט עפּעס — וואָס קען אונז צושיידען, וואָס וואָלט אונז געטריבען צו אַ ריכטיגע און אונפערמיידליכע מחלוקת, אָדער ווען העלענאַ זאָל אַ שטייגער קראַנק ווערען אויף אַזאַ קראַנקהייט, וואָס וואָלט איהר שנעל אַוועקגענומען פון מיר, וואָלט איך בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד אָהן אַ מינוט נאָכקלערונג. דאָך בין איך בעאונרוהיגט, ווייל איך ווייס, דאָס פיעל האָבען געמאַכט אַ תל פון זייער לעבען, און האָבען אויך פערלוירען זייער ליעבע אויפ׳ן וועג. זיי האָבען פערהאַסט זייערע ווייבער, און אַליין פערהאַסט געוואָרען, אין די ערשטע קאַפּיטלען פון בעזיצען, פון צוזאַמען לעבען, אין די ערשטע נעכט פון צערטליכקייט און אינטימיטעט.

וואָס קען דאָס העלענאַ ערוואַרטען אין איהר צווייפעלהאַפטער אונשולד, וואָס איז אין מיינע אויגען פערקלענערט געוואָרען, דורך די סודות, וואָס זי פיהרט די לעצטע טעג מיט איהרע אויסגעגעבענע פריינד, און דורך די לעהר־יונגעלשע קושען. וואָס זענען ליעבעס געריכטס־הויז? וואָס בעזיצט זי? און אויף וואָס האָפט זי? וועט איהר אויסגעפּיינערטע, צאַרטע און ציטעריגע נאַטור לאָזען זיך בייגען און זיך אונטערגעבען דער פיינליכער צוואַנג פון דער ערשטער אומאַרמונג? וועט זי נישט רעבעלירען געגען די גוואַלדזאַמע אַטאַקע, וואָס פערוואונדעט און שמערצט?... מוז עס ווירקליך דערצו קומען? ווען דער שענסטער ליעבעס־אידעאַל איז אין אַ געפעהרליכע שפּיעל איינגעשטעלט, ווען די קלענסטע זאַך קען מאַכען דער פרוי ענטוועדער אינגאַנצען לעכערליך, אָדער אינגאַנצען גליקליך; מאַכען, אַ ביז יעצט פערגעטערטע, לאַכען, אָדער וויינען.

איך קען נישט קיין שענערע און מעהר צוציהענדע בעשעפעניש, אַחוץ העלענאַ׳ן. איך בין שוין כמעט אויסגעצעהרט פון דער פיבערהאַפטער ליעבע. איך דורשט נאָך איהרע ליפּען און וואָלט וועלען, אַז

יעדער איבר אין איהר קערפער זאָל צו מיר געהערען. איך ליעב איהר שטאַרק, און דאָך וואָלט איך אַלעס, וואָס איך פערמאָג אַוועקגעגעבען, איך זאָל שוין איבערקומען די דאָזיגע שטראָף; איך זאָל ווערען מיט אַ וואָך עלטער און נאָך גליקליך . . .

פיערטעס קאַפּיטעל.

בשעת די געסט האָבען געטאַנצט האָט מיך מיין שוויגער אַוועקגערופען אָן אַ זייט, און מיט טרעהרען אין די אויגען, צו מיר געזאָגט מיט אַ ציטעריגער שטימע:

„דו געהסט יעצט פון אונז צונעהמען די טייערסטע זאַך, וואָס מיר האָבען פערמאָגט, און וואָס מיר האָבען צום שטאַרקסטען געליעבט . . . איך בעט דיך דעריבער, זאָלסט איהר אָבהיטען פון דער קלענסטער אונאַנגענעהמליכקייט, זאָלסט זיין גוט און איידעל צו איהר. איך שטיץ מיך אויף דיין ערנטליכקייט און ליעבע, און האָף דאָס זיי וועלען איהר פיהרען און זיין איהרע היטערס אין דעם געפעהרליכען פּאַריז” . . . האָבענדיג צולאָזט איהרע געפיהלען מעהרער און מעהרער, האָט זי צוגעגעבען: „דו דענקסט געוויס נישט, דאָס איך האָב איהר אונטערדריקטעט וועגען איהרע נייע פפליכטען און צושטערט דערמיט איהר אונשולד, וואָס איז געווען אַ פאָלגע פון מיין ערציהונג. אַז צוויי מענשען פערגעטערן זיך, ווי איהר ביידע, לערנען זיי גאַנץ שנעל, דאָס וואָס זיי האָבען פריהער נישט געוואוסט”.

איך האָב שיער נישט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, אַזעלכע טעאַטער־פּראַזען, האָבען אין מיינע אויגען אויסגעזעהן לעכערליך און צוויפעלהאַפט. דאָס מיינט אַלזאָ, אַז די דאָזיגע אַנשטענדיגע פרוי, איז אייביג געווען אַ פּאַסיווע, ביינזאַמע און נאָכגעבענדע נשמה, וואָס האָט אין איהר לעבען איין ציטעריגע מינוט נישט געהאַט. און וואָס האָט קיינמאָל נישט גענאָסען די הימלישע זיסקייט פון איהר מאַנ׳ס צאַרטע אומאַרמונג. איצט, — טראַכט איך, — ווייס איך שוין, פאַרוואָס אַמאָל זייענדיג אין קלוב, האָב איך בעמערקט, ווי דער אַלטער שאַרט זיך פון איהר ביי דער ערשטער געלעגענהייט אַוועק, און האָט אַנדערע פערבינדונגען, וואָס קאָסטען איהם טייערער, אָבער אין וועלכע ער געפינט

האָטש אַ באַויסזעהן פון ליעבע.

ווי נאַריש עס איז צו רופען דאָס העכסטע גליק וואָס ליעגט אין בעזיצונג, וואָס מאַכט דעם מענש פאַר אַ הימלישׁ בעשעפעניש, וואָס הויבט איהם העכער איבער אַלעם; די דעספּאָטישע פּיין פון אַנשולד, וואָס האָפט, וואָס וואַרט, און וואָס בענקט נאָך די געהיימניספאָלע, אונבעקאַנטע און קורצע ליידען, אין וועלכע עס ליגט די שפּראַכע פון קומענדען גליק, דאָס איינציגע גליק, פון וועלכען דער מענש ווערט קיינמאָל נישט מיעד, — צו רופען אָט דאָס אַלץ אַ פּפליכט?

און דאָס שטיקעל אונטערריכט אין דער לעצטער מינוט, וואָס איז דאַכט זיך געווען גאַנץ פּראָסט און געוועהנליך און וואָס איך האָב איי־גענטליך געבּרויכט צו ערוואַרטען, האָט מיך דענערווירט און אַריינגע־וואָרפען אין אַ פערלעגענהייט, פון וועלכע איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט אַרויסוויקלען. איך האָב גוט געדענקט די אַבסורדע מעשה'ליך, וואָס מען הערט גאַנץ אָפט צווישען גוטע ברידער, נאָך אַ וואויל מיטאָג. מיט וואָס קאָן איך פּרובען די ליעבע ביי איהר און ביי מיר? און וועט די ליעבע, וואָס איז ביז איצט מיין גאַנץ לעבען, אַפּויר־קומענדיג פון דער דאָזיגער פּרובע, זיין שטאַרקער, אָדער שוואַכער? איך האָב אַ בליק געוואָרפען אויף דער קאַרעטע, אין וועלכע מיין פיעל־פער־געטערטע איז געזעסען, איהר קאָפּ האַלב בעהאַלטען, אונטער די פע־דערן פון איהר פעכער. זי האָט אַ מורמעל געטהון אין אַ האַלב־בייזיגע שטימע:

— דו זעהסט אוים ברוגז'ליך, טייערער, עפּעס ליעגט אַ שפּאַ־טישער שמייכעל אויף דיין געזיכט, איז עס אַ דאַנק אונזער חתונה? אויב עס געפעלט דיר נישט, האָסטו נאָך צייט צו זאָגען ניין.

צופריעדען און פער'כשופ'ט פון איהר ליעבען בליק, האָב איך גאַנץ שטיל, כמעט אין איהרע קליינינקע אויערליך געזאָגט:

— איך פערגעטער דיך! און די לעצטע מינוטען, וואָס צושיידען אונז נאָך, זענען גאַנצע יאָהרען אין מיינע אויגען, מיין טייערע העלענאַ!

פינפטעס קאַפּיטעל.

אַ גאַנצע טאָג, געכמען און היינט, בין איך געווען פערנומען מיט

איבערדריסיגע צערעמאָניעס, וועלכע איך האָב מעכאַניש אַדורך געמאַכט.
צום ערשטען קומט דער „יאָ“ פאַר דעם ציוויל-בעאַמטען, וואָס קלינגט, ווי דער טעגליכער ענטפער אין קירכע, פון וועלכען מען איילט זיך וואָס שנעלער פטור צו ווערען, און וואָס דערמאָהנט איינעם אָן אַ קייזערליכען בעפעהל, וואָס מען איז געצוואונגען צו טהון, און אין אַ קנעכטשאַפט, וואָס וועט פיליכט זיין איבערלעסטיג; וויסענדיג, אַז דאָס לעבען איז אונטערגעוואָרפען אונטער פערשידענע ענדערונגען.
נאָכדעם קומט דער גאָטעס-דיענסט אין קירכע. מיר שטעהן פאַר אַ דעקאָרירטען אַלטאַר און הערען זיך צו צו די שטימען פון כאָר, צו דער ערנסטער מוזיק פון אָרגעל, און צו דער בוימאַיילדיגע רעדע פון אַלטען פאַסטאָר, וואָס דערצעהלט מיט שטאָלץ, „אַז די איינענע כלה, האָט ער צום טויפען צוגעגרייט“. אַ ביסעל שפּעטער קומט דאָס ווינשע-ניש און דו ווערסט בעפאַלען פון מענשען, וועלכע דו האָסט נאָך קיינמאָל, אָדער גאַנץ זעלטען געזעהן און וועלכע דו דערקענסט גאָרנישט.
אונטער אַ לאַנגען טיולענעם שלייער, וואָס האָט כמעט בעדעקט איהר גאַנצען קערפּער, די סימבאָלישע אָראַנזש-בלומען אויף איהרע האָהר, דאָס ווייסע קלייד, איהרע אַראָבגעלאָזטע אויגען און גראַציעזע פיגור האָבען העלענאַ'ן געגעבען דאָס אויסזעהן פון אַ „פּסיחיאָ“, וועמענס אונשולדיגע האַרץ איז אָבגעגעבען געוואָרען צו ליעבע. איך האָב געפיהלט, ווי אונגוציג און געקינסטעלט די דאָזיגע פאָרמאַליטעטען זענען, ווי אונבעדייטענד דער גאַנצער פּורים-שפּיעל איז אין פערגלייך מיט דעם קוש; דער טריאומפירענדער, ענטפלעקענדער און פער'שכור'נ-דער קוש, וואָס בעהעפט די ליפּען פון ווייב צו די ליפּען און גאַנצען קערפּער פון מאַן. וואָס מאַכט פון דער אונבעפלעקטער בתולה, אַ פרוי. און זאַלבט איהר פאַר אַ צוועק, וואָס בעשטעהט אין צאַרטע ליעבעס-לאַסקעס, חלומות און קומענדע עקסטאַזען.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

העלענאַ ליעבט מיך און איך פערגעטער זי. זי האָט פערלאָזט איהר עלטערנ'ס הויז, מיט דער זעלבער פרעהליכקייט, וואָס מען פער-לאָזט אַ הויז בשעת מען געהט אויף אַ פערוויילונג. זי האָט כמעט נישט

אָנגעקוקט די זאַכען, וואָס זי לאָזט אונטער זיך, און וואָס האָבען איהר אייגענטליך געבראויכט אין עפּעס צו עראינערען און צו וועלכע מען ברויך דאָס לעצטע מאָל אַ ליעבליכען בליק ווענדען, זי איז אַוועק אָהן אַנ׳אָבשיעדס-טרעהר, וואָס דער ערשטער קוש ווישט געוועהנליך אויס.

זי האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פויגעלע וואָס האָט זיך פון זיין שטייג אַרויסגעכאַפּט און ווייס נישט וואו זיך צו בעזעצען, און ער קלאַפּט מיט די פליעגעליך, זייענדיג בעגייסטערט פון דער פרייער ליכטיגקייט און טרילט אָהן אויפהער. זי פלעגט ווידערהאָלען עטליכע מאָל די אייגענע ווערטער, ווי זי וואָלט פער׳שכור׳ט געווען, און איהר לאַכען האָט געקלונגען, ווי דאָס ברומען פון אַ טויב. אַרײנקוקענדיג איינמאָל טיעף אין מיינע אויגען, מיט איהרע, וואָס זענען געווען מאַט, מיט איהרע אָרעמס ווי אַ בראָנזלעט אַרום מיין האַלז, און איהרע גליהענדע באַקען אויף מיינע, האָט זי פּלוצלונג געזאָגט:

„זאָג מיר, מיין טייערער, וואָלסטו נישט אַוועקגעגעבען צעהן פון דיינע יאָהרען, אַבי מיר זאָלען שנעלער דערגרייכען דעם ענדע-פונקט פון אונזער רייזע?“...

די דאָזיגע ליידענשאַפטליכע פראַגע, האָט מיך אַזוי בעאונרוהיגט אַז איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך זאָל איהר ענטפערן. עס האָט מיר גערוישט אין קאָפּ, ווי איך וואָלט געשטאַנען ביי דעם עק פון אַ טיעפען אָבגרונד. — ווייס זי שוין דאָס, וואָס איהר מוטער האָט איהר נישט געזאָגט? האָט זי שוין ערלערנט דאָס, וואָס זי האָט ביז איצט נישט געקענט? און אַז דאָס האַרץ, וואָס איך האָב פערגליכען מיט דעם האַרץ פון דער הייליגער יונג-פרוי, איז שוין ווען עס איז געשעדיגט געוואָרען?

אָ, איהר ווייסע שלייערס, וואָס האָבען בעהאַלטען דאָס רויט-ווערען, די האַלב-פערמאַכטע אויגען און ציטערנדע ליפּען פון אַ פסיחיא! איהרע קליינע הענדטליך, וואָס זי האָט אויסגעצויגען אין אַ געשטאַלט פון תפלה אַנטקעגען דעם דעקאָרירטען אַלטאַר, איהרע אונשולדיגע און צויבערפולע פראַגען, וועלכע האָבען אַזוי בעגייסטערט די טיעפעניש פון מיין וועזען, זענט איהר בלויז אַ ליגען געווען?! אַ וואונדערבאַרע שוואַרץ-קינסטלעריי?!

נאָר בין איך דען נישט אונגערעכט און נאַריש צו ערלויבען אַזעלכע געדאַנקען מיך צו בעהערשען, און לאָזען פערגיפטען די טיעפע ליעבע, וואָס איז מיין איינציג גליק, מיט אַזא נאַרישע איינבילדונג!

וואָס פאַרא נידעריגען חאַראַקטער איך האָב דאָס, אַז אַזאַ איינפאַכע, ליעבליכע און גאַנץ נאַטירליכע פראַגע, זאָל מיך אַזוי בעאונרוהיגען. איך ה : דאָך געבראַכט צו ענטפערן העלענאַ׳ס פראַגע, מיט מיין גאַנץ האַרץ וואָס געהער צו איהר און איהר זאָגען:

— יאָ! צעהן אָדער צוואַנציג יאָהר! ווייל דו ביזט מיין איינציג גליק, מיין איינציגער וואונש, מיין איינציגע ליעבע.

זיעבעטעס קאַפּיטעל.

איך האָב נישט געוואָלט וואַרטען, ביז העלענאַ וועט אויפשטעהן, און בין אַראָבגעשפּרונגען פון בעט, וואו זי איז נאָך געשלאָפען. איהרע האָהר זענען געווען צעוואָרפען אויף דעם מיט טיול-אַרומגעזוימטען קישען. די קאָליר פון איהר געזיכט איז געווען דוכזיכטיג, איהרע ליפּען האַלב אָפען, ווי זי וואָלט פון עפּעס טרוימען. זי האָט אויסגעזעהן איבערוועלטיגט פון שלאָף, און קוקענדיג אויף איהר בין איך זעהר גערירט געוואָרען.

איך האָב אויסגעטרונקען פיער גלעזליך שאַמפּאַניער, איינס נאָך דאָס אַנדערע, נאָר דאָס האָט נישט געשטילט מיין דורשט. איך בין געוועזן פיבערהאַפט און וואָלט אַוועקגעגעבען די טייערסטע זאַך אין דער וועלט, פאַר אַ זאַך, וואָס זאָל מיך פלוצלונג אינטערעסירען, אין וועלכע איך זאָל מיך פערטהוען, און וואָס זאָל מיך אַרויסשלעפּען פון דעם זומפּ, אין וועלכען מיין האַרץ און געהירען זענען געווען בעגראָבען. איך האָב מורא געהאַט צו אַנערקענען די זאַך, וואָס כאַכט מיך אַזוי נידערגעשלאָגען, וואָס פּייניגט מיך אַזוי אונברחמנות׳דיג און וואָס מאַכט וואַהנזיניג פון טרויער. איך האָב קיין מוטה נישט געהאַט אויפריכטיג אַריינצוקוקען אין דעם מוטנעם אָבגרונד פון מיינע יעצטיגע געדאַנקען. אַליין מיך צו פרעגען און זיך שטאַרקען.

עס וואָלט דאַכט זיך געווען אַזוי געמיין, אַזוי שענדליך צו טראָגען אַזאַ חשד, אָהן וועלכע עס איז אורזאַכע. צו בעשולדיגען דאָס געטליכע בעשעפעניש, וואָס איז נאָך קיין צוואַנציג יאָהר נישט אַלט, וועמען איך ליעב אַזוי שטאַרק, און וואָס ליעבט דאַכט זיך מיך אויך. און איך האָב געפיהלט, אַז איך ווער רויט פון שאַנדע, דערמאָהנענדיג זיך,

דאָס איך האָב געצווייפעלט אין איהר אונשולד. אַך, צו וואָס האָב איך אינגאַנצען חתונה געהאַט?!

איך האָב געהאַט אַ נומען איינקופט און האָב געקענט לעבען, ווי עס האָט זיך מיר געגלוסט; צאָהלען שענע פרויען, מיט וועלכע איך פלעג פון צייט צו צייט צוזאַמענקומען, און וואָס האָבען מיר צייטענווייז געוויזען אונערוואַרטעטע סימנים פון ליעבע. איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט אינגאַנצען פאַנגען, און כדי צו האַלטען מיין האַרץ וואַרעם, האָב איך געהאַט עטליכע ראָמאַנטישע בעציהונגען מיט פרויען פון דער העכערער געזעלשאַפט. אַ פּאָר פון יענע הערליכע פלירטען, וואָס האָבען חאָטש אַנ׳איוסזעהן פון ליעבע, און וואָס פילען אוים די פּוסט־קייט פון אַ נוצלאָזען לעבען מיט אַ פּאָר אונערוואַרטעטע סענסאַציעס, מיט קליינע פפליכטען, און צווייפעלהאַפטע פערגניגענס.

און וועל איך יעצט זאַגען, ווי איינע פון יענע שיפען, וועלכע אַ אומגעלומפּערטער דרעהע ביי דעם רודער, פיהרט צוריק צום באָרטען, באַלד נאָכדעם ווי זי פערלאָזט דעם האַפען? וואָסערע שרעקליכע פּראָבעס ערוואַרטען מיך? וועלכער טרויער און וועלכער קאַמפף!

מיינער אַ פריינד, אַ וויצליגג, האָט אַמאָל אין אַנ׳אָוונד, ווען איך האָב פערלוירען איינע פון די בענק, וואָס מאַכען אַנ׳עפּאָכע אין אַ קאַרטען־שפּיעלערס לעבען — געזאָגט צו מיר אין אַ וויציגען טאָן:

„ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט, דזשאַקוס, וואָלט איך מיך נישט פערלאָזט אויף דאָס גליק, ווי דו, ווערסט דערפאַר פריהער אָדער שפּעטער בעצאָהלען“.

פריהער אָדער שפּעטער.

איך האָב גאַנץ פּאָזיטיוו געעפענט די טהיר פון אונזער שלאָף־צימער. העלענאַ איז געלעגען אין אַ שווערען שלאָף, וואָס קומט אָפּט נאָך אַ פער׳שכור׳ונג. ווער ווייסט, מעגליך, אַז עפענענדיג איהרע אויגען און זייענדיג ערשטוינט, זיך נישט געפונענדיג אין מיינע אָרעמס, איז זי מאַט געוואָרען און איז אַריינגעפאַלען אין אַזאַ מאַכטלאָזען שלאָף. איך האָב געוואָלט מיר אַליין געבען צו פערשטעהן, און זיך ברענגען פּנים־אל־פּנים, מיט די דאָזיגע פערשאָלטענע פראַגען, ווי מען טהוט מיט אַ שרעקעוודיג פערד, אַז עס שטויסט זיך אָן אָן אַ זאַך, וואָס שרעקט עס איבער. איך האָב געוואָלט צוריקרופען יעדע שטונדע, יעדע מינוט פון דער ערשטער ליעבעס־נאַכט און פון איהר אַרויסציהען די געהיימניסע...

העלענאַ'ס בליק און ליכטיגער שמייכעל איז געווען איבערפולט מיט גליק. זי האָט געהאַט די מינע פון אַ זיגער, וואָס איז שטאָלץ אויף זיין טריאומף און האָט כמעט נישט געוואוסט, וואָס זי טהוט און זאָגט. אַ גאַנצען טאָג איז זי אַרומגעלאָפען אין אַ לייכט מאָרגען-קלייד פון פורפור זיידענעם טיול. האַלב-פערבלענדעט פון די זונען-שטראַהלען און ביינאַכט פון די ליכטיגע לאָמפען, וואָס האָבען אויף זיך געהאַט אַבאַזשורען אין דעם געשטאַלט פון ראָזע בלעטער.

אין איהר בענעהמונג איז מעהר נישט געלעגען די צומישטקייט, די גאָכקלערונג, די צוריקציהונג פון די אָרעמס, וואָס זענען געווען צו איהר אויסגעשטרעקט, אָדער פון די ליפען וואָס האָבען געבעטען. קיין סימן פון די אומגעלומפערטקייט, וואָס ווייזט די נשמה פון דער בתולה, פריי פון יעדער אונריינקייט. זי איז געזעסען אויף מיינע קניהען, איהרע נאַקעטע אָרעמס אַרום מיין האַלז און פריי געאָפפערט איהרע ליפען צום קושען. זי פלעגט לאַכען נערוועז, איהר גאַנצע עסטעטישע פיגור האָט אַ ציטער געטהון בשעת איך האָב זי ליידענשאַפטליך געקושט, און געזאָגט מיר זאַכען, וואָס פאַסען געשעפטשעט צו ווערען אויף דעם קישען. אַ געהיימניספאָלע מאַטקייט האָט געשוועבט איבער איהרע אויגען און האָט צושפרייט איבער איהרע נאָזלעכער.

פּלוצלונג האָט זי שפּאָטיש אַ בליק געטהון, ווי זי וואָלט זיך רייצען מיט דעם אַבענד-ברויט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליין טישעל; קאַלט פלייש פון פערשידענע סאָרטען, פרוכטען, קיכענס און אַן'עמער אייז פון וועלכען ס'האָט אַרויסגעקוקט דער האַלז פון אַ פלאַש שאַמפּאַניער. זי האָט פרעהליך אַ זאָג געטהון:

— איך בין גאָרנישט הונגעריג, טייערינקער, מיר וועלען האָבען נאַכט-עסען שפּעטער, ווי מיינסטו?

זי האָט זיך האַלב-אויסגעדרעהט, און געוואָרפען איהרע בליקען אויף דעם גרויסען בעט, וואָס האָט אויסגעזעהן בלייך אין דעם שאָטען פון ווינקעל וואו ס'איז געשטאַנען. די צוויי ווייסע און אונבעריהרטע קישענס האָבען עס צוגעגעבען אַן'ערנסטען אויסזעהן. זי האָט שוין נישט געלאַכט, אין איהרע אויגען איז געלעגען אַ בלוּליכער גלאַנץ, ווי אין ברענענדיגען אַלקאָהאָל. איך בין צומישט געוואָרען, העלענאַ האָט קיין שום ווידערשטאַנד נישט בעוויזען.

אָ! די נאַכט פון פרייד און לייד, די נאַכט, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געברויכט אויסצולאָזען!

איך האָב בעשלאָסען צו זיין געדולדיג, ווי א סלעדאָוואַטעל, וואָס זוכט די שפּורען פון א פערברעכען און האָב זיך אונטערגענומען גוט אויסצופאָרשען דאָס לעבען פון דער דאָזיגער פרוי פון וועמענס פערגאַנגענהייט איך האָב קיין אהנונג נישט געהאַט. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל סוף כל סוף געפינען עטליכע פאַקטען, עטליכע וויכטיגע דאָקומענטען, אָדער אַ דיענסט־מיידעל, וואָס איז פיללייכט געווען איהר מיטהעלפער.

דאָך האָב איך זי פערגעטערט, מיין צויבערשענע העלענאַ. און וואָלט אויף אַלעם בעשטאַנען, אַבי זי זאָל נאָר זיין דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט, וואָס איז מיין איינציגער וואונש געווען, ווען דיעזער שרעקליכער נאַכט־חלום זאָל נאָר פערשוואונדען, און מעהר צווישען אונז נישט פאָרקומען.

אַז זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי צו מיר גערעדט מיט איהר שטיפעדרישער שטימע. אָה! איהרע קושען, נאָכאַמאָל איהרע קושען, און ווידער איהרע קושען, טראָטץ אַלעם!

איך זאָל דאָס האָבען געגלויבט בלינדערהייד, געגלויבט ליעגענדיג אויף מיינע קניהען, אַז זי מאַכט נישט קיין שפּאָס פון מיינע ליעבעס־ערקלערונגען. אַז זי האָט פריהער צו קיינעם נישט געהערט, און וועט אייביג קיין אַנדערנס נישט זיין, נאָר מיינע!

אכטעם קאַפּיטעל.

איך וואָלט געוואָלט פערוואַנדעלט ווערען אין איינעם פון יענע קרעפּטיגע, און פעטע גלחים, צו וועלכע עס קומען פרויען, און זענען פאַר זיי מתודה זייערע בעהאַלטענסטע עבירות; ווען זיי טרויען אָן זייערע נשמות, און פון וואַנען זיי בעטען גאַנץ אָפט עצות. שטעלט אייך פאָר, העלענאַ קומט צו מיר און קניהט פאַר מיר אַנידער, איך בעלעג זי מיט פראַגען, און ביסליכווייז ווער איך פון איהר אַלץ געוואָהר.

ווי נאָר איך קום זיך צונויף מיט אַ פרוי, יונג אָדער אַלט, גיב איך באַלד אונזער געשפּרעך אַ קיצעלדיגע ריכטונג. איך פערגעס אָן די איינגעהאַלטענהייט, און זאָג זיי שטעכעדיגע וויצען און ווערטער וואָס האָבען אַ דאָפּעלטע בעדייטונג, וואָס רעגען אויף. און ביסליכווייז ציה

איך זײַ אַרויף אויף דעם געֶשפּרעֶך, וואָס אינטעֶרעֶסירט מיך אַממעֶהרסטעֶן; אויסצוגעֶפינעֶן וואָס זײַ פּיהלעֶן אין קעֶרפּעֶר און אין גײַסט, אין די עֶרשטעֶ נאַכט פון זײַעֶר חתונה. טײַל מאַכעֶן זיך, ווי זײַ פעֶרשטעֶהן מיך ניט, ווערעֶן רויט און לאָזעֶן מיך שטעֶהן, ווי אַ מאַן אָהן מאַניערעֶן, ווי איך וואָלט זײַ בעֶלײַדיגט און געֶוואָלט מיט גוואַלד אויפרײַסעֶן דאָס קאָסטבאַרעֶ קעֶסטעֶלעֶ, אין וועֶלכעֶן זײַ האָבעֶן בעֶהאַלטעֶן זײַערעֶ זיסטעֶ עֶראינעֶרונגעֶן.

טײַל ווידעֶר פעֶרשטעֶהעֶן מיך צו גוט. זײַ דעֶרשמעֶקעֶן דעֶרין עֶטוואָס קאָמישעֶס און צווײדײַטיגעֶס, האָטש זײַ ווײסעֶן ניט געֶנוי וואָס עֶס איז. זײַ לאָזעֶן מיך אויסרעֶדעֶן און עֶנדליך האַפּעֶן זײַ זיך אַרויס פון דעֶר פעֶרלעֶגעֶנהײַט, דורך אַ קונציג שטיקעֶל פרעֶכהײַט, אָדעֶר אַ שאָס מיט געֶלעֶכטעֶר.

צווײ דרײַ, עֶס זענעֶן געֶוועֶן די קלײַניקעֶ אַנפעֶנגעֶרס, וואָס רעֶדעֶן אָהן אַנ׳אויפהעֶר, און בעֶריהמעֶן זיך מיט זײַעֶר אויסגעֶלאַסעֶנהײַט. די יעֶניגעֶ, וואָס מעֶן קעֶן גאַנץ גרינג איבעֶרלאָזעֶן אָהן אַ פוס אויף וואָס צו שטעֶהן. זײַ האָבעֶן מיר דעֶרצעֶהלט זײַערעֶ אײַנדרוקעֶן, מיט אַ מין איראָנישעֶ צופרידעֶנהײַט, איך האָב אָבעֶר אין זײַערעֶ רעֶד ניט געֶפונעֶן עֶפּעֶס, וואָס זאָל מיך בעֶרוהיגעֶן, אין וועֶלכעֶן ס׳זאָל זײַן עֶטוואָס עֶרנסטעֶס, וואָהרעֶס און ריהרעֶנדעֶס.

דעֶר דאָזיגעֶר הויכעֶר מנהג האָט זײַ אַמוזירט, ווי עֶס וואָלט געֶוועֶן אַ סצעֶנעֶ פון אַ קאָמעֶדיעֶ. דאָס ביסעֶלעֶ ליעבעֶ, וואָס זײַ האָבעֶן אַמאָל געֶפיהלט צו דעֶם מאַן, מיט וועֶמעֶן זײַ האָבעֶן זיך פעֶראײניגט אויף זײַעֶר גאַנץ לעֶבעֶן, איז ביסליכווײַז פעֶרשוואונדעֶן. און פון דעֶר גאַנצעֶר זאַך געֶדעֶנקעֶן זײַ בלויז די לעֶכעֶרליכעֶ און העֶסליכעֶ טײַל. און זײַ האָבעֶן עֶס געֶשילדעֶרט, ווי אַ מין פאַנטאָמימעֶ, אין וועֶלכעֶר זײַ האָבעֶן געֶשפּיעֶלט אַ שלעֶכטעֶ ראָלעֶ. אָבעֶר די דאָזיגעֶ בעֶשעֶפּעֶנישעֶן, האָבעֶן קײנמאָל ניט געֶליעבט און זענעֶן ניט אַזוי פעֶרגעֶטעֶרט געֶוואָרעֶן, ווי מײַן העֶלעֶנאַ. זײַ האָבעֶן חתונה געֶהאַט עֶנטוועֶדעֶר צוליעב געֶלד, אָדעֶר אויס מורא זײַ זאָלעֶן ניט בלײַבעֶן קײן אַלטעֶ מײדעֶן, און אויך האָבעֶן זײַ געֶוואָלט האָבעֶן מעֶהר פרײַהײַט, און פּטור ווערעֶן פון אַנ׳איבעֶרדריסיגעֶ אויפזיכט.

נאַרישעֶ ליאַלקעֶס, אָהן קעֶפּ און אָהן העֶרץ. זײַ בעֶזיצעֶן אפילו ניט די כמעט קראַנקעֶ נעֶרוועֶזיטעֶט, די לוסט נאָך ליעבעֶ און ליעבעֶס אינסטינקט, וואָס איך האָב געֶפונעֶן אין מײַן ווײַב׳ס נאַטור, און וואָס

האט מיך צוגעצויגען, אין דערזועלבער צייט, וואס עס האט מיך אזוי געשראקען.

אבער נאך אלעם, ווער קען מיר דען אויסווייזען מיין טעות? ווער קען צושטערען די דאזיגע פינסטערניש, אין וועלכע כ׳בין אינגאנצען פערלוירען, וועלכעס נס קען מיר אומקעהרען מיין גלויבען אין איהר?

ניינטעס קאפיטעל.

העלענא האט פערשטאנען, אז איך בעהאלט עפעס פון איהר, אז איך בין טרויעריג, אז א דראהענדע הינדערניס שטעהט צווישען אונז ביידע, און אז עפעס א חשד דריקט און פייניגט מיך, רייסט מיך אוועק פון איהרע ארעמס, פערגיפטעט און צושטערט די ליעבע, אין וועלכע איך האב געהאפט צו געפונען פרישע יוגענד, גליק און רוהע, — מיין טרוים פון טרוימען.

זי האט מיט מיר וועגען דעם נישט גערעדט, זי האט אפנים מורא געהאט, פאר אנ׳אפענע ערקלערונג, וואס קען פיליייכט מאכען א תל פון איהר ליעבע. זי פלעגט מיך בעהאנדלען מיט א מין ליעבעס-וואונשענדע אויפמערקזאמקייט, און מאכען מיין לעבען אנגענעהם, ווי נאר מעגליך, אז קיין זאך אין דער וועלט זאל מיך דערפון נישט אוועקרייסען. זי וואלט מיך אפשר געהיילט, ווען מיין משוגעת, וואלט נישט זיין א וואונד, וואס האלט זיך אין איין עפענען און וואס קיין באלזאם אין דער וועלט קען נישט היילען.

צייטענווייז פלעגט זיך מיר דאכטען, אז איך האב ווידער אויפגעלעבט, אז איהרע לאסקעס האבען מיך אבגעלייזט און מיך גערעטעט, איך האב געמיינט, דאס דער דאזיגער צווייפעל וועט מעהר נישט נאגען מיין הארץ און דאס איך וועל איהר פערגעטערען ווי פריהער, אין אזא צייט פלעג איך מיך ווארפען צו איהרע קניה, נעהמען איהרע הענד, וואס זי פלעגט אין נאכגעבונג ארונטערלאזען אין מיינע, און זיי קושען, קושען. אדער אריינקוקען אין איהרע ליעבליכע און הורכזיכטיגע אויגען, ווי אין א שטיק בלויען הימעל, וואס ערשיינט פלוצלונג פון אונטער שווערע שווארצע וואלקענס אפיר אין שטורם-צייט און מורמלען, די טרעהרען שטיקענדיג מיין האלז:

„דו ליעבסט מיך, אמת? מיט דיין גאנץ הארץ ליעבסטו מיך? ווי איך דיך? זאג עס מיר נאכאמאל מיין טייערע, ווידער דאס איינציגע מעהר נישט ווי דאס איינע".

און זי פלעגט ענטפערען, מיט א פרעהליך שמייכעלע אויף איהרע ליפען:

„ווייסטו עס דען נישט אליין? קענסטו דען נישט יעדע מינוט זעהן, דאס איך ליעב דיך, דאס איך בין אינגאנצען דיין, און לעב נאר פאר דיר און דורך דיר?"

און איהרע קושען האבען אין מיר אריינגעגעבען פריש לעבען און האבען מיך פער'שכור'ט, ווי איינער, וואס קומט צוריק פון א ווייטע און געפעהרליכע רייזע, און וועלכע ער איז פערצווייפעלט געווען אויב ער וועט אמאל ווידערזעהן זיין געליעבטע און קומענדיג צוריק טרעפט ער איהר, זיי פאלען זיך וואהנזיניג אין די ארעמס אריין און פערגעסען אין דער הימלישער מינוט, דאס זיי וועלען שטארבען פון פרעהליכ-קייט...

צעהנטעס קאפיטעל.

די קלארע פלעקען פון אונזער הימעל, זענען אבער געוועזען קורצע ערשיינונגען און די ליידען וואס האבען זיי נאכגעפאלגט, זענען אלץ ביטערער און שמערצליכער געווארען. איך האב געוואוסט, דאס העלענא ווערט יעדען טאג מעהר בעאונרוהיגט פון מיינע פרעמדע בענעהמונגען און האב פערשטאנען, דאס די קלעגליכע עקזיסטענץ צו וואס איך האב זי פערארורטיילט, מיין אונמעסיגע ליעבע, וועלכע אג'אונערקלערליכע קאלטקייט און מרה-שחורה פלעגט נאכפאלגען, האט איהר אינגאנצען צו-מישט. זי איז נישט געוועזען מעהר די זעלבע און פלעגט זיך פון מיר האלטען פון ווייטען, זי האט אבער נישט געקענט בעהאלטען איהר טרויער און האט מיך שטענדיג געפייניגט מיט פראגען און זיי איבערגע-חזר'ט מיט א מין פערדאסטע איינגעשפארטקייט: „האט זי מיך אמאל דערביייזערט?" „האט זיך מיר שוין צוגעגעסען דאס פאמיליען-לעבען?" „פיליכט פריוואטע צרות; שווערע חובות וואס איך קען נישט צאהלען, אדער אפשר איז עס פאמיליען-אנגעלעגענהייטען, אדער פריהערדיגע

פערבינדונגען מיט אַ פרוי וואָס איך האָב איבערגעריסען און פון וועלכע ס'קען אַרויסקומען אַ סקאַנדאַל? אפשר טײלען מיר אַנאָנימע בריעף אויס צרות?״ — מיט איין וואָרט: „וואָס איז עס?״.

מײן ענטזאַגונג האָט איהר נאָכמעהר צובײזערט. זי האָט פערדראָסיג געשוויגען, איהרע געהירען האָבען דערווײל געאַרבײט און איהר האַרץ איז מעהר פערשטײנערט געוואָרען. נאָר צי האָב איך איהר דען געקענט זאָגען דעם חשד, וואָס האָט אָנגעפילט מײן לעבען מיט טרויער און מיך אינגאַנצען פערשלונגען? וואָלט עס דען נישט געווען געמײן צו בעשולדיגען איהר אין אַזאַ נידערפאַל אָהן וועלכע ס'איז אורזאַכע אָדער שפור? וועט זי דען פערגעסען אַזאַ בעלײדיגונג?

עלפטעס קאַפּיטעל.

איך האָב מעהר נישט געוואוסט וואו איך געה, איך בין געלאָפען ווי אַ באַהן אין פולער שנעלקײט אין אַ געדיכטען נעבעל און צושטערט מיט איהר געראויש און פײפערײ די שטילקײט פון די שלאָפענדע פעלדער אין אַ צײט ווען דער מאַשיניסט קען נישט אונטערשײדען די טוישענדע פײערליך פון די סיגנאַלען און באַלד וועט אַ שרעקליכער שטוים אַראָבוואַרפען דער באַהן פון די רעלסען און מאַכען פון אַלע וואַגאָנעס אַ הויפען שפענער.

איך האָב מיך געשראָקען איך זאָל נישט משוגע ווערען און האָב צײטענווײז נאָכגעזוכט, אויב בײ וועמען פון מײן פאַמיליע האָבען זיך אַמאָל נישט געוויזען סימנים פון פסיכישע קראַנקהײט און אויב אײנער פון זײ איז נישט געווען אַמאָל אַ פּאַציענט אין אַ דול־הויז. איך האָב נאָכגעקלערט אויב דאָס לוסטיגע לעבען, וואָס איך האָב אַ לאַנגע צײט געפיהרט, האָט אַמאָל נישט געווירקט אויף מײנע געהירען. אויב איך וואָלט געווען אַ פרומער אָדער געגלויבט אין כשוף, וואָס פײניגט אַזוי פיעל אונרוהיגע גײסטער, וואָלט איך אפשר געמײנט, דאָס אַ שונא האָט מיר כשוף געטהון און געלעגט אַנ'אונבעמערקבאַרע נעץ פאַר מיר און ער האָט דאָס אויסגעקלערט מײנע געדאַנקען און אַרויסגערופען מײנע האַנדלונגען צו וועלכער אַזאַ פרײער, אָפענהערציגער און גוט־ערצויגענער מענש ווי איך, בין נישט פעהיג. דער דאָזיגער שונא וויל דאָס צושטערען

דאָס גליק פון וועלכען מיר ביידע האָבען געטרוימט.

אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך איבערגעגעבען דער פערשטעלטער פּראָפּעסיע פון אַ שפּיאָן. עס איז מיר געלונגען אויסצוגעפונען דאָס דיענסט-מיידעל, וואָס פלעגט העלענאַ'ן בעדינען פאַר אונזער חתונה און וועלכע זי האָט ליעב געהאַט ווי אַן'אייגענע שוועסטער, זי פלעגט מיט איהר איבעראַל מיטגעהן, איהר אויפוועקען יעדען פריה-מאָרגען, איהר קעמען און אָנקליידען. זי איז געווען יונג און שען און מען האָט געקענט בעמערקען, דאָס פאַריז האָט זי אַ ביסעל אויסגעפיינערט, איהר צוגעגעבען אַ גלאַנץ און דאָס זי פערשטעהט שוין איהר שווערע פּראָפּעסיע פון אָנפאַנג ביז צו ענדע.

איך בין אָבער שפּעטער דערגאַנגען, דאָס די טוגענד איהרע איז נאָר אַן'אויבערפלעכליכע זאַך, בעזונדערס פון דער צייט אָן וואָס זי האָט אָנגעהויבען בייטען אָפט איהרע בעלי-בתים, דאָס זי האָט ליעב צו געהן אויף פּובליק-בעלער און צוטיילט איהרע געפעליגקייטען בלויז צווישען מענער פון איהר קאַנט און וואָס פערנעהמען אַ פאָרנעהמליך אָרט אין אַ דראַגונער-פּאָלק און דאָס זי פערשפּענדעט איהר געלד אין פערד-לויפערייַ און אין קאָסטבאַרע קליידער. איך בין זיכער געווען דאָס איך וועל איהר מאַכען רעדעוודיג ענטוועדער מיט געלד אָדער מיט אַ שפּיצעל און האָב זיך בעשטעלט מיט איהר צו טרעפען אין אַ פריה-מאָרגען אויף אַ שטילע אַלעע.

אין אָנפאַנג האָט זי מיך אויסגעהערט מיט גרויס איבעראַשונג און האָט מיר נישט געענטפערט, ווי זי וואָלט נישט פערשטעהן וואָס איך מיין, נאָר אַז איך האָב איהר פערשפּראָכען עטליכע הונדערט פראַנק און איהר כלומר'שט געגעבען אָנצוהערען, אַז איך ווייס דאָס זי פלעגט טראָגען די שליחות פון העלענאַ'ן צו איהרע ליעבהאָבער; דאָס מען האָט זיי געקענט, זיי נאָכגעשפּירט און גאַנץ אָפט זיי געטראָפען אַהיים געהן פון אַ שטיל געסיל וואו עס וואוינען מעהרסטענטיילס יונגעלייט, האָט זיך דאָס פויגעלע בייזיג פערקרימט, אַ ציה געטהון מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

„וואָסערע חוירים טייל מענער זענען, צו האָבען אַזעלכע אייגפעלע און דערמיט פּעראורזאַכען אַזאַ אויסגעצייכענט קינד ווי מאַדמואַזעל, ליידען".

„הערט מיך אויס! איהר עקעלט מיך מיט אייער געלד און שמוציגע מעשה'ליך און מיך גלוסט נישט אייך צו זאָגען דאָס וואָס איהר

טראָגט אַרום אין אײַער קראַנקען קאָפּ״.

זי האָט זיך אומגעדרעהט און שנעל אַנטלאָפען. איהר פרעכהײט און צאָרנדיגער ענטפער האָט מיך געפרעהט און איז געווען ווי אַ הײלזאַמער באַלזאַם צו מײַן פערוואונדעט האַרץ.

איך האָב זי געוואָלט צוריקרופען און איהר זאָגען, אַז עס איז [illegible]ווען אַ שפּאַס דאָס איך בין איבערגעגעבען צו מײַן ווײַב און האָב עס אומישגע געטהון כדי צו הערען ווי מען ריהמט איהר, זי איז שוין אָבער געווען ווײַט און איך האָב געפיהלט, ווי געמײַן און לעכערליך איך בין, ווי נידעריג איך בין געזונקען און האָב געשוואוירען דאָס די שענדליכע לעקציע זאָל זיך מעהר נישט איבער׳חזר׳ן און דאָס פון הײַנט אָן און ווײַטער זאָל איך מיך ווײַזען פאַר העלענאַ׳ן אַלס אַנ׳איבערגעגעבענער מאַן אַזעלכער ווי זי פערדינט און מיר האָט זיך געדאַכט דאָס איך בין געהײַלט...

און דאָך בין איך ווידער געווען דאָס אָפּפער פון די זעלבע מחשבות און אונטערגעוואָרפען אונטער דעמזעלבען צווײַפעל און האָב גע׳טענה׳ט, אַז דאָס מײדעל האָט געלײקענט ווי אַלע פרויען ווען זיי פערטײדיגען זיך, דאָס זי האָט געשפּעט פון מיר און אפשר האָט עמיץ דערפון געוואוסט און איהר צעווייסען געגעבען זי זאָל האַלטען דאָס מויל. איך בין אַלזאָ פעראורטײלט צו קעמפּפען אין דער דאָזיגער פינסטערניש און זינקען אין דעם זומפּ פון וועלכען איך קען זיך בשום אופן נישט אַרויסקריגען.

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

אַלע ווײַסען פון גאָרנישט; נישט דער אויפזעהר פון דעם קלויסטער וואו זי איז געווען ביז זיעבענצעהן יאָהר, נישט די דיענסטען אויך די גובערנאַנטקע געדענקט נישט, אַז העלענאַ זאָל האָבען געווען אַ קינד וואָס איז שווער אײַנצוהאַלטען אָדער אַמאָל געהאַט געדאַנקען וואָס פּאַסען נישט פאַר איהר עלטער, אדרבא, זי געדענקט גוט דאָס העלענאַ האָט קײנמאָל נישט געהאַט אין זיך די סימנים פון אַ קאָקעטקע אָדער פון אַ מײדעל מיט שלעכטע אינסטינקטען.

עס איז אָבער פאָרט נישט קײן חילוק! די דאָזיגע איז קײן בתולה

געווען, וואָס האָט אַזוי פריי אַרומגענומען מיין האַלז מיט איהרע נאַקעטע הענד, וואָס האָט אַזוי ברייה צוריקגעצאָהלט מיינע קיש, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוויזען אַ צייכען פון איבערראַשונג אָדער ווידערשטאַנד און וואָס האָט זייענדיג מיט מיר אַן אַלעס פערגעסען. ניין! דאָס האָט נישט געקענט זיין אַ ריינע פרוי.

עס וואָלט פיליישט בעסער געווען ווען איך וואָלט באַלד אין אָנפאַנג זיך בעפרייט פון דער פער'שיכורונג, וואָס האָט מיך בעצויבערט און וואָלט אַנטלאָפען פון דעם צימער וואו אַזאַ שענדליכער ליגען איז פערצערהרט געוואָרען. איך האָב געברויכט אויסצונוצען יענע מינוטען אין וועלכע זי האָט זיך געפיהלט שוואַך, אַ צייט ווען זי איז אונפעהיג געווען צוזאַמענצונעהמען איהרע געדאַנקען, זי וואָלט דאַן מיט טרעהרען מתודה געווען אויף איהרע אַלטע זינד פאַר וועלכע זי איז אפשר גאַר נישט פעראַנטוואָרטליך. מעגליך אַז דורך מיין שטאַרקע אָנהאַלטונג אָדער דורך געוואַלט, דעמאָלט ווען זי וואָלט זיך געשראָקען פאַר מיינע צאָרניגע געזיכטס-ציגע און מיינע צוזאַמענגעדריקטע פויסטען, וואָלט איך איהר געצווינגען צו עפענען פאַר מיר די געהיימניסע פון איהר האַרץ און מיר דערצעהלען די טרויעריגע ליעבעס-געשיכטען.

און עס קען זיין, געריהרט פון איהר אונטרייסטבאַרקייט וואָלט איך אויף איהר מיטלייד נעקריגען און צוזאַמען מיט איהר וואָלט איך געקלאָגט אויף די שווערע משא, וואָס מיר ביידע וואָלטען געהאַט צו טראָגען. איך וואָלט איהר פערגעבען און וואָלט געעפענט מיינע אָרעמס זי זאָל זיך אין זיי אַריינוואַרפען ווי אין אַנ'עיר-מקלט.

וואָלט דען נישט יעדער מאַנספּאַרשוין, וועלכער שמועסט נאָך אַ וואוילער יונג וואָס זוכט אונשולדיגע מיידלאַך, באַלד געקענט בעמערקען איהר צוקאָכטקייט? און וואָלט דען נישט אַזאַ פּאַרשוין איהר היפּנאָטאָזירט מיט ליעבליכע רעד און קינסטליכע שטיפעריי און זי דערמיט געבראַכט צו אַ שטופע פון פאָלשטענדיגע אונטערטעניגקייט, צו דער אונטערטעניגקייט פון אַ חיה וואָס וואַרפט זיך אונטער דעם מאָמענט און קלערט נישט וואָס מאָרגע וועט זיין און וואָס די פאָלגען פון אַזאַ טהאָטזעגען.

בין איך ווירקליך איהר נאַר? און דער נאַר פון וועלכען עס איז אויסוואורף? האָט זי ווען געליעבט און ליעבט זי נאָך דעם מאַן צו וועלכען זי האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט? ווער קען מיר בעהילפיג זיין און מיר דאָס אַלעס זאָגען? ווער קען מיר געבען זיכערע פאַקטען;

ענטוועדער דאָס זי איז אונשולדיג און איך בין געמיין ווייל איך האָב זי בעשולדיגט, אָדער זי איז שולדיג און פאַלגליך מעג איך איהר בעהאַנדלען ווי אַ נאַנצווירדיגע פרוי.

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

אויב איך וואָלט התונה געהאַט ווען איך בין נאָך יונג געוועזען אָדער איך האָב אָנגעהויבען זינקען אין דעם זומפּ פון פּאַריזער לעבען וואָס לאָזט איבער אונאויסמעקבאַרע סימנים אויף דעם האַרץ און גאַנצען קערפּער — אויב איך וואָלט נישט געוועזען דאָס שפּיעלצייג אין די הענד פון אונווירדיגע מעטרעסען, וואָס האָבען פון מיר גערויבט דאָס גלויבען אין יעדע פרוי — אויב איך וואָלט נישט געוועזען אַזוי אָבגעוואוינט פון יעדע העכערע שטרעבונג און אַזוי זאַט מיט אַלעם ווי איך בין, וואָלט איך אויך געהאַט די זעלבע מחשבות?

איך האָב געוואַרט אַזוי לאַנג ביז איך האָב שוין אָנגעהויבען צוריק צו געהן פון לעבען און געזוכט טרייסט און קראַפט אין וויין, ערשט דאַן בין איך צוגעגאַנגען צו דעם ריינעם און טוגענדהאַפטען, איך בין אָבער צו שנעל איבערגעגאַנגען פון די דאָזיגע אויסגעלאַסענהייטען, פון די איבערטריבענע צופריעדענשטעלונגען וואָס פערדאַרבען אונז, פון די־זע אויסגעלאַסענהייטען אין וועלכע מען האָפט צו געפינען נייע אונפערזוכטע צערשטרייאונגען, צו די ריינע סענטימענטאַליטעטען פון פערלאָבונג, צו דעם אונבעשרייבליכען גליק פון צוזאַמענלעבען, צו דער ערשטער הייליגער פעראייניגונג וואָס שטעלט צוזאַמען דאָס גאַנצע היודאַט-לעבען.

וואָלט נישט גלייכער געוועזען אַז איך וואָלט בעסער געוואַרט, מיך צוערשט צוגעגרייט צו די דאָזיגע טראַנספאָרמאַציע און מיך געטובל'ט ווי אַ פרומער פאַר תפלה פון דער אומריינער פערגאַנגענהייט, איידער איך האָב מיך פערבונדען מיט אַזאַ געטליך קינד, וועמען אַ צופאַל האָט געוואָרפען אויף מיין וועג?

די רעאַקציע איז געוועזען צו שנעל און צו געוואַלדיג פאַר אַזאַ געזונדען ווי איך, איך בין געוועזען שוואַרץ און האָב מיר מיין נייעם איידעאַל געמאָלען אַזוי חיים, אַזוי ריין און הימליש, אַזאַ מאָ'שטענדיגע אונערפאַהרענהייט, אַזאַ אונבעשרייבבאַרע צניעות און אַנגענעהמע אַטמאָ־

לומפּערטקייט, דאָס העלענאַ'ס פרעהליכקייט, איהר אונאײַנגעהאַלטענקייט און פוּרכטלאָזיגקייט האָט מיך צומישט און ערוועקט אין מיר דעם דאָזיגען חשד.

און דאָך ווייס איך, אַז אַלע היינטיגע מיידליך זענען ניט דאָס, וואָס איך האָב פון איהר פערלאַנגט. די אינגאַנצען אונערפאַהרענע, די אײַנפאַכע, עקזיסטירען בלויז אויף דער בינע. אַ היינטיגע מיידעל הערט און זעהט צופיעל זאַכען; אין דער היים און אין דער געזעלשאַפט און עס איז אונמעגליך, אַז אַזעלכע זאָל ניט וויסען, וואָס דער רעזולטאַט פון ליעבע איז.

העלענאַ ליעבט מיך, זי האָט עס מיר אַזוי פיעל מאָל געזאָגט און יעדען טאָג ווען איך נעהם איהר אין מיינע אָרעמס אַרײַן איבער'חזר'ט זי עס מיט מעהר זיכערהייט. זי האָט געוויס פערשטאַנען דאָס איהר שענהייט האָט מיך בעקעהרט און דאָס צוליעב איהר האָב איך מיך דאָס אָבגעזאָגט פון מײַן פריהערדיגע לעבען און זי דענקט אפשר אַז איך וועל ניט צופריעדען זײַן אויב זי וועט זיך מאַכען פאַר אַ צו אונשולדיג מיידעל און דאָס איהר שעמעוודיגקייט, איהר צוריקהאַלטונג וועט אין מיינע אויגען אויסזעהן לעכערליך.

איך האָב מיך אַליין בעשולדיגט בבדי איהר ניט צו בעשולדיגען. איך האָב אַליין שטודירט מײַן קראַנקהייט, איך האָב געוואוסט, אַז איך בין אונגערעכט. איך האָב געוואָלט זײַן אונגערעכט און האָב מיך אַליין געגעבען צו פערשטעהן, ווי נאַריש און שענדליך אַזאַ חשד איז און דאָך איז מיך דערזעלבער חשד בעפאַלען, מיך פערדרעטעריש געהיטען און איך בין פון איהם אינגאַנצען אײַנגעשלונגען געוואָרען.

פּיערצעהנטעס קאַפּיטעל.

אונזערער אַ פרײַנד האָט אונז היינט ביים מיטאָג דערצעהלט אַ געשיכטע פון פערגוואַלדיגונג, פאַר וועלכע אַ מאַן וועט אין עטליכע טעג אַרום גע'משפּ'ט ווערען:

„אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן אַ זעהר שענע, איז פּלוצלונג שוואַך געוואָרען, איהר רויט געזיכט איז ווי אַ וואַקס געל געוואָרען און איהרע אויגען זענען איהר טיעף אין דאָס בלאַסע געזיכט אַרײַן. איהרע

עלטערען האָבען זיך דערשראָקען און האָבען זי גענומען צו אַ דאָקטאָר. ער האָט זי פּאָרזיכטיג אונטערזוכט געדעדט האַלבע ווערטער וועגען איהר קראַנקהייט און האָט ענדליך געראַטען די אַלטע לייט זיי זאָלען דאָס מיידעל צו איהם ברענגען יעדען טאָג אַ חודש צייט, ווייל ס'איז אַ קראַנקהייט וואָס מען מוז גרונדליך שטודירען".

„די אַלטע לייט זענען נישט געווען קיין רייכע האָבען קיין פרעמדע דיענסטען נישט געהאַלטען און זייענדיג אַליין בעשעפטיגט אויך בערוהיגט פון דעם גוטמוטיגען און ערנסטען בליק פונ'ם דאָקטאָר האָבען זיי ערלויבט זייער טאָכטער, זי זאָל צו איהם יעדען טאָג אַליין געהן".

„דער אַלטער מאַן האָט זיך מיט איהר זעהר פיעל אָבגעגעבען, האָט פערזוכט איהר לויז צו מאַכען פון איהר שעמעוודיגע נאַטור און מיט קונציגע פראַגען איז איהם געלונגען געוואָהר צו ווערען די סודות פון איהר לעבען. ער האָט אַ לאַנגע צייט געהאָרכט צו איהר האַרץ געהאַלפען איהר אַן און אויסטהון אויף אַ זעהר פּאָטערליכען אופן און איז געווען אַזוי ליעבליך, אַזוי לאַשצענד אַז דאָס אָרימע מיידעל איז אַזש רויט געוואָרען און האָט זיך געפיהלט אונבעקוועם פון דעם אַלעם. דער אַלטער האָט גלייך בעמערקט דאָס מיט גוטען, וועט ער גאָרנישט מאַכען; האָט ער איהר געגעבען שלאָף-געטראַנק און אויף אַזאַ אופן זי געשענדעט".

„זי האָט זיך אויפגעהאַפּט נישט וויסענדיג וואָס מיט איהר איז געשעהן און האָט זיך געפיהלט אַ ביסעל שוואַכער ווי תמיד עפּעס ווי זי וואָלט בעטויבט געוואָרען פון אַ שטאַרקען דונער. פון דער צייט אָן פלעגט איהר דער דאָקטאָר הייסען קומען זעלטענער און ענדליך האָט ער איהר ערקלערט דאָס זי איז געזונד און ברויך מעהר אינגאַנצען נישט צו קומען. צוויי חדשים זענען אַוועק און דאָס מיידעל וואָס האָט זיך אין אָנפאַנג געפיהלט בעסער און לעבעדיגער איז ביסליכווייז ווידער שוואַך געוואָרען און פלעגט שלעפּען איהרע פיס ווי אַ שווערע משא וואָלט איהר געדריקט".

„זיי האָבען נאָך דעם אַלטען דאָקטאָר נישט געהאַט בעצאָהלט און מורא האָבענדיג ער זאָל זיי נישט מאָהנען האָבען זיי איהר גענומען צו אַנ'אַנדערען דאָקטאָר וועלכער האָט זיי אין אַ וויציגען טאָן ערקלערט דאָס זי טראָגט. די אַלטע לייט זענען פון צרות שיער נישט משוגע געוואָרען. טראָגט? וואָס הייסט עס? און פון וועמען?"

„זיי זענען געווען אָרימע אָבער דורכאויס אָרענטליכע מענשען און

דאָס נייעס האָט זיי געמאַכט גרויזאַם. זיי האָבען געפּייניגט דאָס אָרימע מיידעל זי זאָל זיי זאָגן ווער איהר פערפיהרער איז געווען. דאָס אָרימע מיידעל האָט זיך געוואָרפען פאַר זייערע פיס האָט געוויינט און געריסען איהרע האָאָר פון פערצווייפלונג און געשוואוירען, אַז דאָס איז אַ ליגען דאָס אַזאַ שענדליכע זאַך האָט מיט איהר קיינמאָל ניט פּאַסירט און דאָס דער דאָקטאָר האָט עס אודאי געזאָגט אין אַ שפּאַס אָדער געהאַט אַ טעות. נאָר איהר בעטען זיי זאָלען זיך בערוהיגען האָט ניט געהאָלפען זיי האָבען אָוועקגעדרעהט דעם קאָפּ און דער איינציגער ענטפער איז געווען: „זאָג אונז זיין נאָמען“.

„אַז זי האָט ענדליך בעמערקט דאָס דער פאָרם פון איהר קערפּער ענדערט זיך, האָט זי ערשט פערשטאַנען אַז מען האָט זי ניט גענאַרט. זי איז געוואָרען ווי אַ געפאַנגענע חיה, האָט קיין וואָרט ניט גערעדט איז בעוועגלאָז געזעסען אין אַ פינסטער ווינקעלע און האָט דאַמאַלס ניט רעבעלירט געגען די קלעפּ, וואָס האָבען געמאַכט צייכענס אויף איהר בלאַס און אונטערטעניג געזיכט. זי האָט זיך אויפריכטיג געפּרובט צו דערמאָהנען אין יעדע פערגאַנגענע מינוט פון איהר לעבען און נאָך אַ לאַנג נאָכקלערען האָט זי ענדליך געטראָפען ווער איהר פערפיהרער איז“.

„און אין פערצווייפלונג האָט זי אָנגעשריבען פאָלגענדע ווערטער:

„איך שווער פאַר אייך מיינע ליעבע עלטערען דאָס איך בין גאָרניט שולדיג, דער אַלטער דאָקטאָר פלעגט מיך בעהאַנדלען זעהר פרעמד און פיעל מאָל בין איך גענייגט געווען אַרויסצולויפען פון זיין צימער. איינמאָל האָט ער מיר געגעבען שלאָף-געטראַנק און מעגליך אַז ער איז דער דאָזיגער וואָס......

„און ניט האָבענדיג דעם מוט צו ענדיגען די יאָמערליכע ווערטער, איז זי אַראָב צום וואַסער און האָט זיך דערטרונקען. איהרע עלטערען האָבען געלאָזט אַרעסטירען דעם אַלטען דאָקטאָר, וואָס האָט שוין געהאַט פערגעסען אין דער גאַנצער געשיכטע און ער האָט זיך שפּעטער מודה געווען“...

מיט אַ בייזען בליק אַזעלכען וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן און פערהאַרטעוועטע געזיכטסציגע, האָט זיך העלענאַ צוגעהערט צו דער דאָזיגער געשיכטע, ענדליך האָט זי געזאָגט מיט אַ האַרטע שטימע:

— און אַזאַ שופט וועט ניט געהן אויף דער גילאָטינע?

איז עס מעגליך דאָס זי איז אויך אַן אָפּפער פון אַזאַ טהאַט?

פינפצעהנטעס קאַפּיטעל.

נאָר אויב העלענאַ איז נישט קיין שוואַכער מאָנסטער, ווי די יעניגע מיידליך וואָס האָבען נישט קיין האַרץ, די דאָזיגע וואָס קענען אָבּנאַרען און ליגען זאָגען און וועמענס פערגניגען בעשטעהט אין דעם; צו מאַכען די יעניגע וואָס זענען געפאַנגען פון זייער שעהנהייט, שפּילען די ראָלע פון לעכערליכע קאָמיקער. אויב די מאַסקע פון איהר יוגענד האָט נישט פערדעקט אַ פערדאָרבענע נשמה און אויב ס'איז פאַרהאַן אין איהר לעבענס-געשיכטע אַן אומגליקליכער עפּיזאָד אין וועלכען זי האָט געליטען די שרעקליכע פּיין פון פערגוואַלדיגונג און אַדורכגעגאַנגען די אַלע ליידען פון פערוויסטונג, שאַנד און שפּאָט, וואָלטען דען נישט איבערגעבליבען עטליכע סימנים; געפאַלענקייט, מעלאַנכאָליע א. ד. ג. וואָס וואָלטען געצייגט דאָס אין איהר קערפּער ענטוויקעלט זיך אַ מיסטישע קראַנקהייט און דאָס ערגעץ-וואו אויף אַן אומבעקאַנט אָרט אויף איהר לייב, ליעגט אַן אומהיילבאַרע וואונד?

זי וואָלט צייטענווייז אַרויסגעוויינט, וואָלט געווען פערטיפט אין מחשבות און רעדענדיג צו איהר וואָלט זי צוטומעלט געוואָרען, די הויזליכע און אַנדערע אַנגעלעגענהייטען וואָלטען איהר נישט אינטערעסירט, מיינע קושען וואָלטען געווען פּיינליך פאַר איהר און וואָלטען ערוועקט אין איהר שוואַכען קערפּער אַ פיבערהאַפטען ווידערשטאַנד.

און מיין געדאַנק מאָלט פאַר מיר אַ פרוי פון אַזאַ שיקזאַל: זי זעהט אויס ווי אַ שווינדזיכטיגע וואָס איהרע טעג זענען געצעהלטע און וועלכע ווייס עס. זי שמייכעלט קראַנקהאַפט ווען איינער טרייסט זי און זאָגט איהר אַז ער וועט זי היילען; ווען מען פרובט אַריינצובלאָזען אין איהר טרייסטלאָזע נשמה אַ פונק פון האָפנונג, זי רעדט נישט נאָר זיצט גאַנצע טעג ביים פענסטער און פונ'ם קוקען פון איהרע טרויערישע אויגען ווייזט אויס, אַז זי זעהט דאָרט אין דער טיעפעניש פון הימעל געהיימניספאָלע זאַכען; לאַנגע און צוציהענדע סטעזשקעס און וואונדערשענע אַלעען.

העלענאַ איז אָבער דער היפוך פון אַזאַ פרוי; זי שטרעבט נאָך פערגניגען, גענוס איז איהר אידעאַל און איהר קינדערישע לאַכען און שול-מיידעלשע קונצען זענען אַ צוגאָב צו די פערפיהרישע גראַציע פון איהר גוט ענטוויקעלטען פרויען-קערפּער. זי איז העכסט פערפיהריש און ליעבען איז איהר איינציגע שאַפונגס-קראַפט. זי דענקט פון קיין

זאַך ניִשט אַ חוץ קלײנע קאָקעטישע אַקטען און צאַרטע ליעבעס=לאַסקעס. די לאַסקעס וואָס פיהרען דער פרוי צום העכסטען טריאומף, צו דער שטופע וואָס ברענגט די מענער צו זײערע פיס און רײצט אויף דאָס בלוט אין זײערע אָדערן.

אַמאָל איז אַזאַ פרוי מײן אידעאַל געווען, אָבער איצט רעגט מיך אויף דאָס אונענדליכע פערגניגען, וואָס וואָלט געווען אַן'אַרויספאָדערונג אַ מין פרעכע בעריהמונג און די ליפּען וואָס זוכען מײנע און וואָס גיבען זיך אַזוי פרײַ און שטיפעריש אונטער, פײניגען מיך און מאַכען מיך טרויעריג ווי פון זײ וואָלט געוועהט אַ ליגען.

ווי קלעגליך איך בין! וועל איך מיך אַמאָל אַרויסהאַפּען פון די דאָזיגע נאַכט וואָס ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער וואָס האַלט מיך אין געפענגניש און וואָס שטעלט אויף אַן'אונדורכזיכטיגע וואַנד צווישען מיר און העלענאַ'ן. וועט זי ניִשט סוף כל סוף זײן די שטאַרקערע? און וועט זי מיך אפשר אײנהילען אין אַזוי פיעל ליעבע,, דאָס איך וועל ענדליך צוריקגעפונען דאָס גליק וואָס איך האָב פערלוירען? עס וועט דאַן זײן ווי אַ רוהיגער און העל=בעלויכטענדער הימעל וואָלט פּלוצלונג ערשײנען, וואָס וועט מיך מאַכען פערגעסען אַן דעם שרעקליכען נאַכט=חלום און אַ גענעזענער וועל איך פאַלען אויף מײנע קניהען און מיך בוקען צו איהר שענהײט מיט אַ פערוועהטאָגט האַרץ געקרענקט פון געוויסענביסע און גרײט זיך צו איהר אָבצוגעבען אויף, אײביג נאָכמעהר לײדענשאַפטליכער ווי אין יענע הימלישע נאַכט פון אונזער פערלאָבונג.

(ע נ ד ע ק ו מ ט)

איבערזעצט: י. טופּמאַן.

נ. איוזען.

הערבסט — פאַנטאַזיע

עס בעווייזט זיך פונ׳ם נעבעל
אַ סקעלעט אין הויך אין דאַר,
און די ביינער־הענד געשלאָסען,
קוקט ער, קוקט ער שטום און שטאַר.

און די שווארצע אויגענלעכער
איז פון פינסטערניש אַ קוואל,
און פון אָטהעם פונ׳ם קאַלטען
שוידערט, שוידערט איבעראַל.

ר׳שטעהט און קוקט... און ניט אַ שמוצער —
קומט אַ מחנה מתים אָן,
רינגעלט איהם אַרום און דרעהט זיך
דרעהט זיך מיט אַ שווארצע פאָהן.

יוערט דער הימעל אָנגעכמורעט
און די ערד — אין טריב, אין נאַס;
בלומען וועלקען, בלעטער פאַלען
פאַלען טויט אין מיטען גאַס...

גיט ער נאָכאַמאָל אַ שמוצער —
און ניטאָ די מחנה מעהר;
מ׳זעהען זיך בלויז חורבות, קברים,
און אַרום איז וויסט און לעער,

און עס ווערט אין נעבעל=שלייער
באַלד פערהילט אויך ער אליין, —
קוים נור הערט מען ווי ער ריהרט זיך,
ווי עס קלאַפּט זיך ביין אָן ביין...

י. ד. מוסע

האָפּענונג

ווען אונז בעריהרט די האָפּענונג
און שלייכט קאָקעטיש הארט פערביי,
און פּלוצלינג ווערד נישט מיט איין שוואונג
און ווינקט און לאַכט אונז צו אויף ס'ניי —

וואו געהט דער מענש? — וואו ס'האַרץ זיינס רופט. —
עס פאָלגט אַ שוואַלב דעם ווינד נישט מעהר,
בעת זי באָדט זיך פריש אין לופט,
ווי ס'פאָלגט אַמענש זיין האַרץ בעגעהר.

דו בישופ'סט אַלץ נאָר האָפענונג!
ווייסט דו אליין כאָטש גוט דיין וועג?
דעם מזל אויף די אַלטע טעג
האָט מוג אַביישלעפרין—בלוט=יונג!

י. בלייבער

א. סטרינדבערג.

דאָס גאַנצע לעבען
אין פערלויף פון איין שעה.

אַ וואונדערבאַרע געשיכטע, וועלכע איך האָב נישט פערשטאַנען, גאָר פון וועלכע איך האָב זיך געדאַרפט דערמאָהנען. איינמאָל אין דער פריה האָב איך ערוואַכט, ווי עס שיינט, אָהן בעזונדערע אורזאַכען, אין אַ העכסט פרעהליכען צושטאַנד. צוליעב אַן׳אונבעקאַנטער נייגונג בין איך אין שטאָדט אַריין געגאַנגען.

וואַנדערנדיג, אַליין נישט וויסענדיג וואוהין, בין איך פלוצלונג אַריינגעקומען אין דער טייל שטאָדט, וואו איך בין געבוירען געוואָרען און אויפגעוואַקסען. איך האָב געזעהן אַ קינדער-גאָרטען, אַ שולע, אַ פאַמיליען-הויז, כ׳בין דורך אַ שמאָל זייטען-געסיל אַדורכגעגאַנגען, כ׳בין פאַר אַ פאָלקס-שוהלע פאַרבייגעגאַנגען אין וועלכע איך האָב אַמאָל זייענדיג אַ סטודענט, צוליעב אַרימקייט אַ שטעל פון אַ לעהרער פערטרעטען.

דערנאָך האָב איך צוויי פערשידענע הייזער געזעהן, אין וועלכע איך האָב אַלס הויז-לעהרער געליטען.

איך האָב זיך אומגעקעהרט אויף צפון-זייט, איך בין פאַרבייגעגאַנגען נעבען דער שוהלע, אין וועלכע איך האָב אויך אין צרות פערבראַכט. אויפ׳ן מאַרק נעבען אַ הויז, וועלכעס איז אַמאָל אין דער יוגענד געוועזען דאָס איינציגע וואוהין מיר זענען צונאַסט געגאַנגען. מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָט אין דעם הויז מיין גרעסטער שונא געוואוינט. איך בין פאַרבייגעגאַנגען נעבען אַ הויז אין וועלכען מיין שוועסטער האָט מיט דרייסיג יאָהר צוריק געהייראַט.

נעבען צווייטען הויז, אין וועלכען מיין ברודער האָט אַמאָל אין איהם שווערע יאָהרען איבערגעלעבט.

נעבען דער דריטער שוהלע אין וועלכע איך בין לעהרער געווען, אין דעם הויז וואוינט ביז דער יעצטיגער צייט נאָך מיין ערשטער פערלעגער. איך בין פאַרבייגעגאַנגען נעבען אַ געביידע אין וועלכע איך האָב מיט פיערציג יאָהר צוריק צום ערשטען מאָל מיין דראַמאַטישע קאַריערע אָנגעפאַנגען — דאָרט האָט מען מיין ערשטע דראַמע אויפגעפיהרט, כ'בין פאַרביי דאָס הויז אין וועלכען איך האָב צום ערשטען מאָל געהייראַט...

ס'איז געוואָרען ליכטיגער, איך האָב דערזעהן אַ מעבעל־לאַגער אין וועלכען כ'האָב זיך צום לעצטען מאָל אַלעס נויטיגעס איינגעקויפט. כ'בין פאַרבייגעגאַנגען דורך אַ הויז אין וועלכען ס'האָט מיט דריי יאָהר צוריק מיין פרוי מיט מיין קינד געוואוינט.

אין פערלויף פון איין שעה האָב איך אין ליכטיגע בילדער מיין גאַנץ לעבען אַדורכגעלעבט, ס'האָט נאָר געפעהלט דריי יאָהר און איך וואָלט צו דער געגענוואַרט צוגעקומען. דאָס גאַנצע לעבען מיינס האָט פאַר מיינע אויגען אַדורכגעשוועבט, אַזוי ווי איך וואָלט זיך געפונען אין אַ גוסס'דיגען צושטאַנד אָדער אויפ'ן טוידטען־בעט געלעגען.

כ'האָב מיך צוריקגעקעהרט אויף צפון־זייט, וואו עס האָט מיין לעצט קינד מיט זיין מוטער געלעבט. דאָס געפיהל האָט מיר אונטערגעזאָגט אַז איך בעדאַרף מיט זיך מיטברענגען: פערפומע פאַר דער מוטער, קליינינקייטען פאַר'ן קינד, — ער איז היינט צום ערשטען מאָל אין קינדער־גאָרטען געגאַנגען. — איך האָב די לוסט נאָך פערפומע ערלעדיגט; זיי האָבען בעדאַרפט האָבען אַ פיעלפאַרביגען בלומען־געשמאַק, נאָר איך האָב קוויטען געקויפט. כ'האָב געוואָלט נאָך קויפען, נאָר איך האָב מעהר נישט געפונען. אויף אַזאַ אופן בין איך צום הויז צוגעקומען. די זון האָט אין די פענסטער אַריינגעקוקט, דער טיש איז געווען צום פריהשטיק סערווירט מיט קאַווע אויפגעשטעלט, אַלץ האָט געפינקעלט מיט אַ שענקייט, מיט גליק, מיט הרחבה און ליעבליכקייט; איך בין ליעבליך אויפגענומען געוואָרען. אין דערזעלבער סעקונדע האָב איך דערפיהלט, אַז מיין פינסטער לעבען בלייבט הינטערשטעליג, פונקט יעצט האָב איך דאָס גליק פון לעבען דערפיהלט!

שרה ריזען .

דער גאַסט.

(דערצעהלט פון א מאַן)

אין שטוב זענען געסט . . . אַלע לאַכען לוסטיג , זאָרגלאָז און איך האָב זיי פערלאָזען , ווייל מיר איז זעהר אומעטיג , זעהר אומעטיג . — סבות אויף דעם האָב איך א סך , אָבער די ערשטע און וויכטיגסטע איז די , וואס דער דאָקטאָר ראָזדאָווסקי מיינער א חבר פון דער יוגענד — אַ מענש מיט א גאַר שוואַכען חאַראַקטער , וועלכער איז נישט געווען אימשטאַנד צו פערבעהאַלטען אין זיך עטוואס פינסטערעס — האָט זיך מיר מודה געווען , אַז מיינע לונגען זענען אָבגענוצט פאַר דעם עולם-הזה , ער האָט אפילו באַלד געהאַט חרטה אויף זיין אומעטיגער ענטדע-קונג , האָט געוואָלט חאַפּען צוריק מיט פיעל בעווייזען , אַז מיט קראַנקע לונגען קען מען אויך לעבען ביז אין זיעבען עלטער אריין , אָבער יעדער בעווייז האָט מיך ווייניג איבערציינגט — און האָט געקלונגען , ווי א פאַל-שע , פלאַכע טרייסט .

איך אַליין האָב אָפט געטראַכט , אַז מיינע לונגען זענען זעהר שוואַך און האָב זיך געשראָקען , אָבער דאָך איז אין האַרצען געווען א שטאַרקע האָפנונג , וועלכע מיין חבר האָט מיט זיין ענטדעקונג ביי מיר צוגענומען — און האָט בעפעסטיגט און בעשטעטיגט א שרעקליכען אורטייל — צוגענומען אַלע ספקות וועגען איהם — און אַנ׳איבערצייגטער האָב איך זיך גענומען וואַרטען אויפ׳ן טויט .

די דאָזיגע אַרבייט מוז נישט זיין גאָר אַנגענעהם אפילו פאַר די טיעפסטע זקנים און שאַרפסטע סקעפּטיקער , וואָס נעהמען זיך דאָס לע-בען פאַר דער קלענסטער נישט געלונגענער נאַרישקייט . נעהמען דעם טויט גוטווילינ , מעשה בעל-הבית איבער איהם איז נישט גלייך , ווי צו וואַרטען אויפ׳ן טויט . איך מיין , אַז עס איז אַזוי פערשיעדען , ווי דער שפּיץ באַרג מיט זיין אָבגרונד .

דערצו נאָך איז געקומען צו מיר אַ גאַסט, אַן׳אויסלענדישער סטודענט מיט לאַנגע האָר, מיט — מ׳מוז מודה זײַן — אַ מיעף־חנ׳עוודיג געזיכט און מיט געזונדטע שטאַרקע לונגען, וואָס ערלויבען איהם לוסטיג און יונג צו לאַכען.

און אַט דער דאָזיגער יונגער סטודענט פערשאַרפט מיר נאָכמעהר מײַנע לײַדען וועגען טויט —

און אין קאָפּ קומען געדאַנקען און געהען אַוועק, געדאַנקען ערהאַבענע, טיפע, ליכטיגע אײַנע צו די אַנדערע, אַלע אַלין אײַנס פײַנליכע — און איך קען זיך פון זיי נישט בעפרײַען:

„ווען וועט ער קומען דער טויט אין דעם קאַלטען רעגענדיגען הערבסט־טאָג, ווען דער וואָלקענדיגער הימעל וועט ליגען חמאַרנע און יאוש׳דיג אויף דער אַלטער זקנה דער ערד?“ — „אפשר וועט עס זײַן אין פריהלינג אין אַ זונען־טאָג“, — קומט אַן׳אַנדער געדאַנק, — „ווען דער הימעל וועט הויך און ברײַט, בלוי און דורכזיכטיג ליגען איבער דער יונג־אויסגעציערטער פערליעבטער ערד“...

אַלע לאַכען לוסטיג — און בײַ קײנעם איז נישטאָ קײן מחשבה וועגען טויט! גליקליכע!

ווען מ׳טראַכט נישט וועגען טויט — דאַן איז ער גאָר נישטאָ, דאַן איז פאַרהאַן נאָר לעבען, לעבען, לעבען! אָבער איך קען זיך נישט בעפרײַען פון די מחשבות פון טויט — און בין אַזוי אומגליקליך, ווי שאול ווען שמואל הנביא האָט איהם געבראַכט די אַכזר׳דיגע בשורה. מיר האָט דאָס געטהון ראָזאָווסקי ווען ער האָט בעפעסטיגט מײַן אורטהייל.

וועט מײַן שטוב — מײַן מלוכה אויך איבערגעגעבען ווערען אין בעסערע הענד — צו דעם שענעם חנ׳עוודיגען סטודענט? דער געדאַנק פײַניגט און וואַרפט אויף מיר אַן אַ מרה־שחורה.

און מײַן ווײַב געפעלט קענטיג דער שענער סטודענט. ער איז איהרער אַ ווײַטער קרוב... מיט איהם פערפיהרט זי טיפע אינטערעסאַנטע שמועסען און דאַמאָלס פינקלען בײַ איהר אַזוי די אויגען און ווי שען עס זענען דאַמאָלס איהרע בלויע, טונקעל־בלויע, גרויסע, קינדערשע אויגען...

נעכטען אָווענד האָב איך זיי בײדען איבערגעלאָזען אַלײן און בין אַוועק — בין אַוועק צו זיך אין צימער, דאָ האָבען מיך אַרומגענומען אַלע מײַנע געדאַנקען, די שוואַרצע שאָטענס פון טויט, ס׳איז מיר געוואָרען

שרעקליך און איך האָב אָנגעקלונגען און באַלד האָבען זיך דערהערט ווייכע טריט.

— דו האָסט געקלונגען, — האָט זי געפרעגט מיט איהר אָגגענעהמער, רוהיגער שטים.

זי איז געשטאַנען אויפ׳ן שוועל אַ שלאַנקע מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט אין אַ ווייסען פּעניואַר און האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קעניגין.

— קום צו נעהענטער, — האָב איך זי געבעטען קענען מיין ווילען ביז, יאַשע — (אַזוי הייסט דער אויסלענדישער סטודענט) — וועט וואַרטען...

מיט שנעלע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיך אָנגענומען פאַר׳ן האַנד האָט מיר טיעף אַרייַנגעקוקט אין די אויגען און האָט וואונדערליך געשמייכעלט...

— מיין ליעבער, — האָט זי גערעדט מיט איהר רוהיגער ברוסט־שטים, — דו ליידסט אויף איפערזוכט...

— איך האָב היינט דיין יאַשען... — נאָר באַלד האָט מיך געשראָקען, דאָס וואָס כ׳האָב איהם אָנגערופען „דיינער“. — ער איז פלאַך, נאַריש און וואָס טהוט ער דאָ אַזוי לאַנג?

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג...

— ביזט נישט געזונד, ביזט נישט געזונד, — האָט זי שטיל גערעדט און געגלעט מיט איהר צאַרטער האַנד מיין שטערן, די באַקען...

— איז נישט געזונד, — האָב איך געזאָגט מיט כעס און האָב אַראָבגענומען איהר האַנד פון מיין געזיכט, — וועסטו שנעל התונה האָבען מיט יאַשען...

מיט ברייט אויפגעעפענטע קינדערשע אויגען האָט זי געקוקט אויף מיר, דערנאָך איז זי אַנידערגעפאַלען אויף דער סאָפקע און האָט זיך ביטער צעוויינט...

און וואָס זי האָט מעהר געוויינט, אַלץ איבערצייגטער בין איך געוואָרען אין דעם, אַז אַזוי וועט מוזען געשעהן. איך בין אַרויס פון צימער.

אין עס־צימער איז הין און צוריק יאַשע אומגעגאַנגען טיעף פערטראַכט. זיין חנ׳עודיג געזיכט איז געווען מיט אַ שטילען אומעט פערדעקט, ווי ביי אַ פערליעבטען וואָס בענקט נאָך דער געליעבטער.

הויך, שלאַנק, אַ ברייטפּלייציגער האָט ער ביי מיר ערוועקט אַ

מיעפע פיינדשאַפט צו זיך געמישט מיט קנאה און דער געדאַנק, אַז יענע שענע פרוי , וואָס איז יעצט אַזוי אומבעגרענצט מיינע, וועט איבערגעהן צו איהם מיט מיין נאַנצען פערמעגען , האָט מיך משוגע געמאַכט...

אין ווינקעל־מישעל אין קעסטעל איז געלעגען מיין רעוואָלווער , מיט שטילע טריט בין איך צוגעגאַנגען , גנבה'דיג שטיל האָב איך איהם אַרויסגענומען , בעהערשט פון אמת'ע משוגעת האָב איך אין איהם געציעלט .

ער האָט מיך בעמערקט . וואָס פאַר אַ אויגען איז עס געווען! גאָט אין הימעל !

איך האָב אַרויסגעוואָרפען דעם רעוואָלווער פון האַנד און בין אַרויסגעלאָפען אין דרויסען .

ווי מיאוס , ווי נאַריש ! אַלין האָבען עס אָנגעמאַכט די שרעקליכע געדאַנקען , מיין קרענק . די מיעפע רחמנות איבער זיך אַליין !

איך האָב זיך געלאָזט געהן איבער די שטילע נאַכט־גאַסען ס'איז געווען אַ העלע לויטערע נאַכט , אַ הויכער ווייטער הימעל, לויטער בלוי מיט קליינע בערגליך דורכזיכטיגע וואָלקען , און די ערד ליגט אויסגעצויגט אַ רוהיגע , אַ דונקעלע , עפּוואָס אַ פער'דאַגה'טע , ווי אַ גוטע מאַמע ווען זי זעהט איהרע נישט גאָר גליקליכע קינדער , וואָס קומען אויף איהר און פערשווינדען — קומען און פערשווינדען — מיט זייערע נישט־זיכערע האָפנונגען , נישט־זיכערע ספקות , נאָר די לבנה גיט גלייכגילטיג זילבערנע שטראַהלען די אַלטע און פרישע קברים און גלייכגילטיג קוקט זי אַריין אין די אַלע מקומות , וואו עס קומען אָן אַנדערע נשמות שנעלע דורכגעהער פון דער אייביגער ערד... איך בין שפּעט געקומען אַהיים...

מאָרגען האָט מיר מיין ווייב געזאָגט , אַז יאַשאַ פאָהרט אָב .

זי איז געווען רוהיג און מילד , ווי שטענדיג און איך האָב נישט געקענט פערשטעהן אויב זי ווייס וואָס עס האָט געקענט געשעהן .

יאַשאַ'ן האָב איך אויסגעמידען אַ גאַנצען טאָג צו טרעפען , אָבער יעצט ווען עס זענען געקומען געסט צו זיין אָבשייד , מוז מען אַריינגעהן , ווי עס זאָל נישט זיין שווער...

יאָ , מ'דאַרף אַריינגעהן צו די געסט...

ה. ד. נאָמבערג.

אלול=מאָטיוו.

דער טאָג גערט אויס אין שטילע פאַרבען,
אין מידיגקייט; — עס וועהט אַ קיהלער ווינד, —
ווער רופט? — אַליין בין איך געבליבען,
און געבען מיר די אלול=נאַכט.

אַליין! ווילד=פרעמד איז מיר דער הימעל,
און פרעמד דער גאָט, די איבינקייט,
דער טויט איז פרעמד, זיין שטומע רוה, —
און טרויריג, טרויריג איז דאָס לעבען.

אַ רגע נור געדויערט דאָס גליק,
און ווידער בלייבט די איינזאַמקייט,
די איינזאַמקייט אין מיטען רויש פון לעבען,
די פינסטערניש אין מיטען העלען טאָג.

אברהם רייזען.

אויף אַ זייגער׳ל.

(הומאָרעסקע)

יעקב ליבעס, אַ בחור פון אַ יאָהר צוואַנציג, איז געוועזען אַ לערער אין סעראַנקאַ, טאַקע דאָ וואו ער איז געבוירען געוואָרען, וואו ער האָט פערלוירען זיינע עלטערען און וואו ער האָט געלעבט איינזאַם און עלענד, מפרנס זייענדיג זיך פון דעם, וואָס ער האָט די סעראַנקער בחורים און מיידלעך געלערנט יודיש שרייבען, אַ ביסעל רוסיש און אריטמעטיק ביז דראָב, אָדער ווי עס האָט געהייסען אין סעראַנקאַ ביז „תשבורת“; חאָטש ער האָט אין „תשבורת“ אויך געהאַט אַ היבשע ידיעה, אַ ביסעל פון „מבחר החשבון“ און אַ ביסעל פונ׳ם „צפנת פענח“, נאָר ביי איהם האָט עס קיינער ניט געפאָדערט: „למאי? אונזערע גרויסע געשעפטען וואָס מיר פיהרען — פלעגען סעראַנקער יודען זאָגען — וועלען מיר קענען אויסקומען מיט חבור אליין“.

און אַזוי וואָלט זיך יעקב דער לעהרער געלעבט גאַנץ רוהיג, ווען ער וואָלט זיך בעגנוגען מיט דעם וואָס ער האָט, דאָס הייסט, האָבען האָט ער אפילו גאָרניט געהאַט אויסער אַ קורץ רעקיל וואָס דערפאַר האָט ער געקענט קריגען שענערע לעקציעס — מיט אַ פּאָר הויזען אויף וואָך און שבת און אַ פּאַלטאָ וואָס ער האָט געקויפט אַ געניצטען אין דער גרויסער שטאָדט פיר דריי קערבלעך, וועלכען ער פלעגט טראָגען ווינטער און אויך זומער אין קאַלטע רעגענדיגע טעג. אָט ווען ער וואָלט זיך דערמיט בעגנוגעט און וואָלט ניט וועלען נאָך עפּעס, וואָלט ער זיך געלעבט גאַנץ רוהיג, נאָר אַ מענש בעגנוגעט זיך דאָך קיינמאָל ניט און דאָס איז אַגנוער אומגליק. יעקב׳ן האָט זיך פערגלוסט אַ טאַשען-זייגער׳ל.

ער פלעגט אפילו זאָגען, אַז ער דאַרף איהם צוליעב זײַן פּרנסה: די שעות. למשל, ער קומט צו געהן צו חיים שמואל דעם שנײַדער אויפ׳ן „אוראָק״ (אַזוי פלעגט ער זיך אויסדריקען) און דאָרט איז קײַן זיי־גער נישטאָ; טהו, מאַך! זיצען ווענינער, פּאַסט נישט, נישט אַזוי ווי עס פּאַסט נישט, ווי דער בעל־הבית (חאָטש אַ שנײַדער, נאָר קוים צאָהלט ער געלד איז ער דאָך אויך אַ בעל־הבית...) וועט אויסרעדען; זאָל איך זיצען לענגער איז אַ׳עבירה די צײַט און ער קען נאָך פערשפּעטי־גען דעם צווייטען אוראָק און אַגב פלעגט ער זיך גלאַט שעמען: ס׳טײַטש אַ לעהרער אָהן אַ זײגער׳ל! ווי אַזוי פּאַסט עס! בפרט אַ סך בעלי־בתים און איבערהויפּט תלמידים עזות־פּנים׳ער, ווי עס טרעפט זיך אין די קלײנע שטעדטליך, פלעגען איהם אָפט אויפוואַרפען:

— זאָגט מיר, פּאַני אוטשיטעל, וואו איז דאָס אײַער זײגער׳ל?

ער פלעגט ווערען רויט און פערשעמט און פלעגט ענטפערען מיט אַ המצאה׳לע:

— בײַם זײגערמאַכער...

נאָר אין האַרצען פלעגט עס איהם ברענען, גוט באַנג טהון און ניט אײַנמאָל ליעגענדיג בײַנאַכט אין זײַן חדר׳ל, פאַר וועלכען ער האָט געצאָהלט פינף גילדען אַ חודש אויף אַלע זײַנע הוצאות (ד. ה. אויף זײַנע בעלײַכטונג, עס האָט אַלס אַ רעכענונג!) פלעגט ער זיך אומוואַרפען אין דעם צוּבראָכענעם בעטיל און אַלײן טראַכטען: וואו נעהמט מען אויף אַ זײגער׳ל.

ער איז שוין אפילו אײַנמאָל געווען בײַ איטשע דעם זײגערמאַכער און געפרעגט:

— פאַר וויפיעל, זאָגט מיר ר׳ יצחק, קען מען בײַ אײַך קויפען גאָר אַ וואָלוועל זײגער׳ל? טאַקע גאָר, גאָר אַ וואָלוועלס, מען זאָל מעהר נישט ווי קענען זעהן ווי שפּעט עס איז.

— גאָר, גאָר אַ וואָלוועלס — פלעגט דער זײגערמאַכער איבער־רעדען — דאָס איז דאָך עפּעס נישט קײַן „בײגעל״! גאָר, גאָר אַ וואָל־וועלס דאַרף קאָסטען אַ רובל פינף.

„פינף רובל!״ — פלעגט יעקב זיך פערטראַכטען — דאָס איז אפילו נישט טײַער, אָבער וואו נעהמט מען זיי? איך פערדיען סך הכל 10 רובל אַ חודש, העלפט ווערט פערפאַלען און די איבעריגע איז קוים קוים אויף צום לעבען.

און אַזוי איז יעקב אַוועקגעגאַנגען מיט גאָרנישט פוּנ׳ם זײגער־

מאַכער, וועלכער האָט איהם אפילו אומגעקערט און איהם געוויזען אַ זייגער׳ל, וועלכען ער קען איהם לאָזען גאָר װאָלוועל פאַר צוויי קערבליך. גאָר יעקב האָט זיך געשעהמט אזא זייגער׳ל צו קויפען.

— פע, דאָס איז דאָך אַ „ציבעלע״, האָט ער אויסגעשפיגען, ווער טראָגט עס היינט! דאָס פּאַסט פאַר אַ רב, אָבער נישט פאַר אַ לעהרער!

און יעקב איז אומגעגאַנגען אויף זיינע „אוראָקען״ אָהן אַ זייגער׳ל, פיעל מאָל געזעסען איבער דער צייט דאָרט וואו עס איז קיין זייגער נישט געווען און פערשפּעטיגט די שעה׳ן און מען פלעגט איהם אויסרעדען:

— וואָס שפּעטיגט איהר זיך אַזוי? די „שעה״ אונזערע איז פון נײַן ביז צעהן און איהר קומט עלף! זענט איהר אַ לעהרער דאַרפט איהר האָבען אַ זייגער!

— ער וועט ווערען אַ חתן וועט איהם די כלה שיקען אַ זייגער׳ל — פלעגט אַ זייטיגער זיך אַרייַנוויצלען און יעקב׳ן פלעגט עס שטעכען ווי מיט נאָדלען, נאָר ער פלעגט שווייגען, טראַכטענדיג:

— זיי זענען דאָך נערעכט!...

איינמאָל, קלערענדיג: וואו קריגט מען געלד אויף אַ זייגער׳ל? איז יעקב׳ן אײַנגעפאַלען אַ גליקליכער געדאַנק:

— איך וועל לייען ביי לייבע דעם וואָכערניק אַ פינף־רובלדינגאַ אויף וואָכער, אויסצוצאָהלען אַלע וואָך אַ פערטעלע, איך וועל אָבשפּאָרען פון רויבערן, פון טהע און פון נאָך קלייניגקייטען.

אויף מאָרגען אין׳ דער פריה האָט יעקב גראָד דערזעהן לייבע דעם וואָכערניק אין גאַס. ער האָט זיך מיט איהם דערפרעהט, ווי ער האָלט דערזעהן זיינעם אַ לייבליכען ברודער: ס׳טײַטש אזא בעל־טובה! ער וועט דאָך איהם ממש ראַטעוועןןן!...

ער איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ ביסעל מיט מורא, פאָרט אַנ׳על־מערער מענש, האָטש ער איז אַ גומער, וואָס טהוט טובות מיט אַ שטערטיל יודען...

— איך האָב ביי אייך ר׳ לייב געוואָלט עפּעס פרעגען... — האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען, ווי ער וואָלט מורא האָבען אויסצורעדען זיין בקשה.

— אדרבה, פרעג, לאָמיך הערען! — האָט לייבקע געענטפערט בנעימות — איז דאָס אַ רעכטע זאַך נישט קיין יונגעלשע, וועל איך אייך אודאי אויסהערען, מהיכא תיתי!

— איך האָב געוואָלט ביי אייך בעטען איהר זאָלט מיר לייהען פינף רובל אויף א זייגער׳ל, איך וועל אייך צאָהלען וואָכער — האָט ר׳ יעקב קוים אַרויסגערעדט.

— אויף א זייגער׳ל? — האָט ר׳ לייבע איבערגעפרעגט — אויף א רעכטען זייגער׳ל?

— ניין, פאַר א רובל פינף. — האָט יעקב געענטפערט.

— דו ווייסט אריינקומען צו מיר פאַרנאַכט וועלען מיר זעהן — אויב דאָס איז א רעכטע זאַך, ווי איך האָב שוין געזאָגט, וועל איך לייהען.

יעקב האָט קוים דערוואַרט פאַרנאַכט און איז אַוועקגעגאַנגען צו לייבען.

— אהאַ, דאָס ביזטו מאַקע! זיץ! — האָט איהם ר׳ לייב פריינד־ליך בעגעגענט — א פינף־רובלדיגע ווילסטו, דאַכט זיך, אויף א זיי־גער׳ל, צי וואָס?

— יאָ, אויף א זייגער׳ל — האָט יעקב זיך געשטאַרקט צו ענטפערען.

— פאַרוואָס נישט, מען קען לייהען.

— איך וועל זעהן אייך צאָהלען די וואָכער ריכטיג. — האָט זיך יעקב געמוטהיגט.

— דאָס פערשטעהט מען, — האָט ר׳ לייב געזאָגט, גלעטענדיג די באָרד — ווייסטו צאָהלען עהרליך די וואָכער וועט דיר גאָט העלפען, אַנ׳עהרליכען מאַן העלפט גאָט... — ווייז נאָר אָנקוקען דאָס זייגער׳ל.

— ווי הייסט?.. ; — האָט יעקב אויסגעשטעלט די אויגען פער־וואונדערט.

— וואָס קוקסטו? — האָט איהם ר׳ לייב געפרעגט מיט א שמייכעל, — דאָס זייגער׳ל ווייז א קוק טהון, איך דאַרף דאָך זעהן צי עס איז ווערט דאָס געלד וואָס דו ווילסט לייהען.

— דאָס זייגער׳ל האָב איך נאָך נישט געקויפט, — האָט יעקב תמ׳עוואַטע געענטפערט — אָט דאָס בעט איך דאָך ביי אייך לייהען „אויף א זייגער׳ל"...

— און איך האָב געמיינט, אז דו בעטסט ביי מיר „אויף א זיי־גער׳ל" דאָס הייסט: דו ווילסט לאָזען מיר א משכון דאָס זייגער׳ל, ווי עס פיהרט זיך און איך וואָלט, מהיכי תיתי, געלייהען אויף איהם, פאַרוואָס נישט? א טובה טהון האָב איך ליעב...

— ר׳ לייב! — האט זיך יעקב געבעטען — וואס דארפט איהר דעם משכון? איך וועל אייך אזוי אויך אויסצאהלען, איהר מעגט מיר גלויבען, אויף נאמנות.

— ניין ברודער, דאס קען איך ניט! אויף נאמנות לייהען איז היינטיגע צייטען א גרויסע ריזיקע... אויף א זייגער׳ל, מהיכי תיתי! אויך בתנאי, אז דאס זייגער׳ל זאל ליגען ביי מיר און נישט ווי דו האסט געמיינט...

* *

*

נאר אין א פאר חדשים נאך דער דאזיגער מעשה האט יעקב פארט געקויפט א זייגער׳ל. ער איז געווארען שטאלצער, פרעהליכער און קומענדיג אויפ׳ן „הויף" פלעגט ער גלייךדאריסנעהמען איהם פון וועסט-טעשיל און מיט שטאלץ אויסרופען: צעהן מינוט צו צוויי...

— ביז צעהן מינוט צו דריי! — פלעגען די תלמידים אויסרופען.

— און אויף דעם גאנג פינף מינוט? — פלעגט ער בעמערקען און דאס איז אויסגעקומען, אז דריי פערטעל אויף דריי דארף ער אוועקגעהן.

זיין גליק האט אבער לאנג נישט געדויערט. זיין פאלטא, וועלכער האט איהם ערהליך געדיענט דריי יאהר האט זיך אין דער לעצטער צייט אזוי מיאוס צוריסען, אז אנ׳אנדערען פאלטא צום קומענדיגען ווינטער איז איהם נויטיגער געווען, ווי דאס זייגער׳ל און גלייך ווי דער ערשטער שניי איז אויסגעפאלען איז דאס זייגער׳ל אריינגעפאלען צום בעקאנטען וואוכערניק...

א. רייזען.

ליעבע קלאַנגען.

I

נאָך דיר...

נאָך דיר וואָלט איך קיינמאָל געוויינט
מיין קעניגין — כלה...
דו ביזט דאָך אַ מיידעל געווען,
אַ מיידעל ווי אַלע...

איך האָב נאָר דיין ליעבע געליעבט,
זי איז געוועזן טייער,
נו, האָט זי דיר איצט אויסגעברענט,
אוועק מיט'ן פייער.

און אויב איך דערמאָן דיך נאָך אָפט,
ניט דיך אָבער מיין איך,
דו ביזט מיר אַ פרעמדע אַצינד —
די ליעבע בעוויין איך...

II

איינע פון מיינע געליעבטע...

איינע פון מיינע געליעבטע
האָב איך, אַ פערצאַגטע, אַ בעטריעבטע,
מיט בעקעלעך בלאַס,
געטראָפען אין גאַס.
מיר האָבען זיך געגעבען די הענד
און דאַכט זיך, דערקענט...

איך האָב מיך געשפירט
אַזוי ווי אַ וואַנדרער, וואָס האָט לאַנג געאירט
און לאַנג איבער ים'ען געשוואומען,
איז איינמאָל אַהיים דאָך געקומען —
נאָר אַלץ איז געוועזן שוין פערוויסט —
און אַלץ האָט מיט קעלט איהם בעגריסט.

III

מלוכות.

האָב איך אַ מלכה דאַן בין איך אַ מלך,
פיהר אַ מלוכה, רעגיער,
איז מיר די מלכה פערלאָרען — אויס מלך,
און די מלוכה מיט איהר.

אָ, וויפיעל מלוכות האָב איך שוין פערלאָרען!
מלכות — זיי זענען ניט מהיה.
כ'וואָלט דאָך אַ מלכה נאָך איינע גענומען —
אומעטיג איז סיי ווי סיי...

גֶעטהע.

פאוסט.

טראגעדיע

(פאָרזעצונג)

אַ, וועלכע זעליגקייט איז׳ם אויגענבליק
נעהמט דורך מיין הארץ און אלע מיינע גליעדער!
איך פיהל — דאס יונגע הייליגע לעבענסגליק
אין נערווען אדערען גליהט איצט ווידער.
האט דא אַ גאט די ציישענס אויסגעקריצט
וואס שטילען איין מיין אינערליכען ראזען,
און פילען אן מיין הארץ מיט פרייד עקסטאזען,
און מיט געהיימניספולער מאכט מיר איצט
ענטפלעקען די נאטור אין אלע איהרע פאזען?
בין איך אליין אַ גאט! עס טאגט!
כ׳זעה דא אין יעדען ציעם שטריך דאס לעבען,
ס׳ליעגט פאר מיין זעעל זיין שאפען און זיין שטרעבען.
כ׳בעגרייף איצט וואס דער חכם האט געזאגט:
„די גייסטער וועלט פערשליסען נישט קיין שלעסער,
טויט איז זיין הארץ, זיין זינען איז פערמאכט
שטעה אויף, מיין תלמוד, דרום, און געה זיך בעסער
דיין ברוסט אויסבאדען אינ׳ם מארגען-פראכט“.
ווי איז עס אלין אין איינם פערוועבט,
איינס אין דעם אנדערעןווירקט און לעבט!
ווי שטייגען הימעלסכוחות אויף און אב

פון עמערס גאָלדענע אויף דר׳ערד אַראָב
אַ ברכה לאָזען פאַלען.
דורך דר׳ערד פון הימעל
אין האַרמאָני דורך וועלטען שאַלען.
וואָס פאַר אַ שפּיעל! דאָך אַך! אַ שפּיעל נאָר בלויז!
אונענדליכע נאַטור, כ׳בעגעהם דיך ניט! ענטבלויז
דיין בוזים מיר — דעם קוואַל פון יעדען חיות!
וואָס ערד און הימעל נאָהרט
נאָך וואָס מיין קראַנקע ברוסט איצט גאַנץ
ער קווועלט. און איך פערשמאַך, מיר ווערט ס׳שוין מיאוס.

(ער בלעטערט אונגעדולדיג דאָס בוך און דערזעהט דעם
צייכען פון ערד גייסט)

דאָס צייכען ווירקט גאָר אַנדערש אויף מיר איין
אָ, גייסט פון דר׳ערד ביסט נאָהענט, דו!

גייסט.

איך זאָל ערשיינען דיר האָסט מיר בעפוילען,
מיין קול האָסט הערען און מיין פּנים זעהן בעגעהרט,
כ׳האָב צו דיין מעכטיגען פערלאַנגען מיך געקעהרט,
אַט בין איך! — נו, וואָרום איז פול מיט גרוילען
דיין זעלע? — וואו איז יענע ברוסט,
וואָס האָט צו שאַפען זיך אַ וועלט געלוסט,
און זי אין זיך אַרומגעטראָגען,
פין שטאָלצער פרייד מיט אונז, די גייסטער, גלייך
צו שלאָגען?
וואו ביסטו, פאַוסט, וועמענס קול האָט זיך צו מיר
געהויבען,
וואָס האָט אַזוי געשטרעבט צו מיר נאָך אויבען?
ביסטו דאָס ווער בלויז פון מיין הויך אַליין
איצט ציטערט איין מיט יעדען גלידער און ביין?
אַ וואָרעם, וואָס פערקריכט אין שרעק!

פאַוסט.

זאָל איך דיך פלאַמגעבורט אויסווייכען ?
איך בין עס, פאַוסט, כ׳בין דיינסגלייכען !

גייסט.

איך שווים אין לעבענסשטראָם, אין שטורם פון טעג
פאָראויס און צוריק,
כ׳פליה אום הין און הער !
אַ קבר און וויעג,
אַן אויביגעס מעער,
אַ וועבען און וועבען,
אַ גליהענד לעבען,
ביים ריישענדען וועבשטוהל פון צייט וועב און נייה
אַ לעבעדיג קלייד פאַר די גאָטהייט אַזוי.

פאַוסט.

דו, ווער עס האָט די גאַנצע וועלט אומקרייזט
דו שאַפענדער ! ווי נאָהענט פיהל איך מיך צו דיר !

גייסט.

ביסט נאָהענט וועמען דו בעגרייפסט, נאָר יענעם גייסט.
בישט מיר !

(פאָרטזעצונג קומט)

ש. ל. קאַווּאַ.

I

אַ שפּיעל.

שטאַרקער בין איך פאַר מיין קראַפט,
דאָך שוואַבער פאַר מיין ווילען;
איך האָב פון מיין לעבען אַ שפּיעל געמאַכט —
אַצינד קאָן איך שוין מעהר נישט שפּיעלען.

געשטאַרבען, פערשוואונדען מיין הייסער פערלאַנג
נאָך איידער ער איז געוואָרען דערפילט...
לעבען מיינס, צו וואָס שפּיעלען מעהר?
איך האָב שוין אַלץ פערשפּיעלט.

II

ליבעס-וועה.

שיין מיידעל, האסט מיין הארץ פערוואונדעט...
זיין איך שטיל פון צער און וועה.
אך, שטענדיג מוז איך איינזאם און טרויער פערזינקען;
געבליבען בין איך עלענד. וואו איז מיין גאלדענע פעע?
שרעקליכער טרוים! וויפיעל ליידען און וועהטאג!
און שטארקען ווען וועל איך מיין הערצטאג דערטרינקען.

די זון געהט אויף און שיינט און פלאמט,
עס דופטען די בלומען אויף גאטס שענער וועלט...
מיין אייגענע וועלט נאר איז פינסטער און וויסט;
די ליבטיגע פלאמען יאגען אן אויף מיר א קעלט!
שיין מיידעל, האסט מיין הארץ פערוואונדעט
און דער קוואל פון טרעהרען פליסט און פליסט.

נייע ביכער .

נייע שריפטען פון יהואש ערשטער און צווייטער באנד .

פערלאג „יהואש“ ניו-יארק

„און דאך א גרויסער פאעט !“ מוז מען ניט ווילענדיג אויסרופען ביים פערמאכען די צוויי נייע בענדער לידער פון יהואש . א שאך נאר , וואס צו ליעב קליינע פעהלער , ניט וואהלקלינגענדע ריימען , ערטערווייזדיגע שווערע עברי א. ד. ג. קליניגקייט מוז מען צוגעבען דעם „און דאך !“ וועלכער האט אייגענטליך געקענט דורכגעלאזט ווערען , ווייל יהואש איז ווירקליך א גרויסער פאעט מיט א נשמה , וואס האט איינגעזאפט אלע פארבען פון נאטור , אריינגענומען אלע קלאנגען פון וועלט , סענס און לעבען און האט עס צוריק ארויסגעזונגען אין פיעלע הערליכע טענער , אין בונטע בילדער און אין א הארמאנישען ריטם ,

דאס שיפעל :
זים און חימליש רוישט דאס שיפעל ,
גלאנצענדיג אין זונען-שיין ,
פלוידערט קינדערט דורכ'ן וואלד-בארג
און די ביימער שלאפען איין . . .

איינגעלוליעט מיט זיין סורמעל
האט ער אויך די בערג ארום ,
ער אליין נאר הערט און פלאפערט ,
ערד און הימעל הערען שטום .

כ'ליגנ האלב וואך און האלב פערדרימעלט ,
ווי פערנעבעלט איז דער זין ,
דורכ'ן שלעפערדיגען מוח
פלאטערט זיך דאס ווערטעל-גרין .

לאנגזאם מישען זיך צוזאמען
בארג און הימעל, גראז און קוואל
און דער חלומ'דיגער טומעל
פון א װײטען װאסער פאל . . .

נאטירליך איז דאס דאזיגע ליעד ניט דאס בעסטע, אבער און זעלבסטען צײלען האט דעם דיכטער געלונגען אױך צו פערלאקען צום טײכעל, צום װאלד און איבערגע־בען אױך זײן אײגענע שטימונג. און דאס איז דער עיקר!
יהואש פערמאגט אויך אין זײנע ליעדער אזעלכע פערל:

א פעלד-בלום װיעגט איהר קאפ ענטציקט
און ס'פאלט א דימענט טרער
ארונטער אין איהר בוס

(אבענד-קלאנגען)

שענער װי אלץ אבער זענען די יודישע לעגענדען, װעגען װעלכע עס איז װערט צו שרײבען א בעזונדער אבהאנדלונג. דא מוזען מיר נאר בעמערקען, אז דער אײנציגער אדער כמעט דער אײנציגער, װאס האט איבערדיכטעט די יודישע-לעגענדען אין פערזען-פארם איז יהואש, און דער פאר אלײן װעט איהם דאס פאלק פעראײביגען פונקט, װי ער האט דעם פאלקס מתנות, די לעגענדען אין הערליכע פערזען פעראײ־ביגט.

שװאך זענען, אמאל אפילו נאך מעהר װי שװאך זײנע פאליטישע, נאציאנאלע און —ליעבע ליעדער. און די לעצטע איז צו פיעל קאפ, און די ערשטע — פראזע!

די האסט מיך און צװײען צושפאלטען (?)
די האסט מײן נשמה צעריסען . . .

דאס איז ניט קײן ליעד, דאס איז א קריג צװישען מאן און װײב,
אט דערפאר זאגען מיר נאכאמאל:
„און דאך איז יהואש א גרויסער פאעט און זײנע צװײ נײע בענדער שרײבען װעגען א שאין אין דער יודישער ליטעראטור.

ב. ק.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

35 עס העפט

אייראפעאישע ילוסטראטור

דזשאַקורס טאָג-בוך

(ע נ ד ע)

זעכצעהנטעם קאפּיטעל.

בלויז אַ בליק צו געבען אויף אונזער שלאָפצימער איז געווען פאַר מיר פיינליך. איך האָב מיך דערפאַר געשראָקען און האָב מיך דאָרט געפונען אונבעקוועם, עפּעס האָב איך דאָרט געשפּירט אַן'אָבשטויסענדען ריח. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז העלענאַ חזר'ט דאָ איבער אַ ראָלע וואָס אַן'אַנדער האָט איהר אויסגעלערנט, און איך האָב געהאָפט, דאָס אין א מינוט פון פערגעסונג וועט זי אויסרופען אַ פרעמדען נאָמען און דער־מיט מגלה סוד זיין. אַ גאַנצע נאַכט פלעג איך וואַכען, מיינע אויערן אָנגעשטרענגט, טאָמער וועט זי זיך אין שלאָף פערראַטהען און אַרוים־מורמלען עטליכע ווערטער, וואָס קענען העלפען צו ענטפלעקען איהר פערגאַנגענהייט, מיינע שלייפען פלעגען דאַן קלאַפּען און מיין גאַנצער קערפער פלעגט ציטערן פון אויפרעגונג.

ווען די דאָזיגע געדאַנקען זענען אַריבער און זעהענדיג איהר שלאָ־פען אַזוי רוהיג, ווי אַ קליין קינד וואָס האָט זיך פערמאַטערט שפּיעלענ־דיג; איהרע ליפּען אָפען, איהרע האָהר צוואָרפען און מעסטענדיג די נאַרהייט, וואָס ליעגט אין מיין האַס און די לעסטערנדע וואַהנזיניגקייט פון מיין אייפערזוכט, איז מיין האַרץ פלוצלונג ווייך געוואָרען און איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ צושטאַנד פון אויסערגעוועהנליכען טרויער. גרויסע טראָפּענס קאַלטען שווייס אויסגעמישט מיט טרעהרען האָבען בעדעקט מיינע באַקען, איך האָב זיך אויפגעהויבען כדי זי נישט צו וועקען מיט מיין שלוכצען.

דאָס האָט לאַנג נישט געקענט דויערן, און איך האָב איהר ערקלערט, אַז איך פיהל מיך מיעד און וועל שלאָפען אין מיין אייגענעם צימער. זי האָט געמאַכט א גלויביגע מינע און א זאָג געטהון:

„ווי דיר געפעלט, מיין טייערער". נאָר איהרע בלויע אויגען האָבען פלוצלונג געקריגען אזא אנגסטליכען, אזא ליידענדען אויסזעהן, אַז איך האָב געמוזט אוועקקעהרען מיין קאָפּ, כ'זאָל זיי נישט זעהן.

זיעבעצעהנטעס קאַפּיטעל.

איך האָב מיך צוריק געפונען אין דעם אַלטען הויז, דאָסמאָל אָהן איהר. אין דעמזעלבען הויז וואו העלענא פלעגט פערברענגען איהר וואַקאַציע-צייט, אין דעם צימער, פון וועלכען די לאָדענס זענען נאָך נישט געווען געעפענט פון דער צייט אָן וואָס מיר זענען אוועק מיט זיעבען חדשים צוריק. צו וואָס בין איך געקומען אויף דעם אָרט, וואו די רוהיגע שטילקייט פון דאָרף, די איינזאַמקייט און מיינע ערינערונגען האָבען מיך אויף ס'ניי צורודערט און אויפגעוועקט מיינע ליידען? איך האָב דאָ געליטען מעהר ווי אין פּאַריז, שטענדיג געדענקט פון העלענען, איהר געזעהן און געהערט אין מיינע האַלוצינאַציעס.

וואָס דערצעהלען מיר די בריעף, וועלכע איך האָב אַרויסגענומען פון איהר שרייב-טיש וואָס זי פלעגט בענוצען מיידעלווייז? וואָס זאָגען מיר די באַלל-קאַרטען וואָס האָבען געשטעקט אין איהר שפּיעגעל, אין וועלכען זי פלעגט זיך אַליין פערגעטערן? וואָס לאָזען מיר וויסען איהרע קליידער, דאָס פערשטויבטע מעבעל, וועמענס רוה מיינע ציטערנדע הענד האָבען געשטערט? גאַרנישט, גאַרנישט.

זיצענדיג ביים מיטאָג האָב איך מיך אויסגעשמועסט מיט דעם אָרענטליכען פּאַר-פאָלק, וואָס האָט נאָך אין לעבען נישט פערלאָזט דאָס הייזעל און וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר די צווייטע בעזיצער דערפון. איך האָב צו זיי גערעדט אין דעם געשטאַלט פון א מאַן וואָס ליעבט זעהר זיין ווייב, וואָס וויל נאָר רעדען וועגען איהר און וואָס געפינט אינטערעס אין די קלענסטע איינצעלהייטען פון איהרע קינדער-יאָהרען. איך האָב צו זיי גערעדט מיט א מין פרעהליכע נאַהענטקייט, וואָס גיט צו די פויערים קוראַזש און מאַכט זיי בערעדעוודיג. עטוואָס

שפעטער ווען א ביסעל וויסער ווין האט לויז געמאכט זייערע צונגען, האבען זיי געפלוידערט וועגען איהר, וואס זיי האבען ליעב געהאט ווי אן'אייגען קינד.

„איז העלענא געווען צולאזען ווי אנדערע מיידליך?" „האט זי ליעב געהאט דאס דארף-לעבען?" „האבען איהר די יונגע פויערים ליעב געהאט?" „און האט זי ווען עס איז געוויזען בעזונדערע אויפמערקזאמקייט איינעם פון זיי?"

און די פויערים פלעגען טרינקען אנשפארענדיג זייערע עלענבויגענס אן דעם טיש און ארויסזאגען זייערע ליעב-ווערטער, אין א שטימע וואס איז געווען מאנאטאן, ווי א שפינרעדעל און האבען זיך פערלוירען אין אן'ענדלאזער און נארישער פלוידעריי וואס האט מיך געמאכט גענעצען; זיי האבען געשילדערט איהרע מיידעלשע שפיצלעך, וועלכע האבען לחלוטין נישט ענטפלעקט די זאך, וואס איך האב געזוכט; די שפורען פון איהר ערשטער ליעבע, איהר געפעהרליכע פלירטאציע אין וועלכער זי איז פיליכט פערפיהרט געווארען.

אלט און יונג האט וועגען איהר גערעדט מיט דער גרעסטער אי-בערגעבענהייט און אלע האבען דערצעהלט ווי גוט און וואוילטהעטיג זי איז געווען און פרעהליך ווי א פויגעל אין א ליכטיגען זומער-טאג. „זי פלעגט אויף זיי מיטלייד האבען", זיי בעדויערן און פאר קיין זאך נישט מורא האבען, אפילו די חיות פלעגען איהר אויך ליעבען".

„זי איז כמעט די גאנצע צייט געווען אליין און האט קיינמאל נישט געהאט צו טהון מיט בעגלייטערס. זי פלעגט האלטען איהר צימער ריין פון געסט און אז דער גלאק האט בעקאנט געמאכט דאס אנקומען פון פרעמדע געסט, פלעגט זי זיך בעהאלטען אין גארטען. איהרע א מוהמע האט איהר אמאל געזאגט, אז מיט אזעלכע בענעהמונגען וועט זי קיין חתן נישט קריגען; דערויף האט זי מיט געלעכטער געענטפערט, אז זי וועט זיך בעגעהן".

„זי האט זיך קיינמאל נישט בענוצט מיט רכילות און זידלעריי און האט נישט געפלירטעוועט אפילו מיט די שענסטע יונגעלייט פון דארף". איינער פון די פויערים, אן'אלטער, וועמען א לאנג-יאהריגע ארבייט האט אין צווייען איינגעבויגען, האט געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען:

„ווען איהר האט חתונה געהאט מיט דער יונגער דאמע האבען מיר דאן אלע געזאגט, אז אין דער גאנצער וועלט איז נישט פארהאן א גליקליכערער פון אייך".

זאָל איך זיי גלויבען ? זענען זיי דען נישט פּראָסטע און אָפענע נשמות, וואָס ווייסען נישט פון קיין ליגענס און זענען נישט פּעראינטערעסירט מיך צו נאַרען ? און וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט העלענא'ן פון דער צייט ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען ביז דער צייט ווען זי איז אַ פרוי געוואָרען ?

בין איך ווירקליך דער איינציגער וועם צווייפעלט אין איהר ? דער איינציגער וואָס בעשולדיגט און פּערדעכטיגט איהר ? איך, וואָס פלעג זי אַזוי ליעבען, וועמענס איינציגע האָפנונג, איינציגער וואונש זי איז געווען ? מעג מיך גאָט אַראָבפיהרען פון דעם וועג, וואו איך בלאָנזשע, פון וואַנען איך רוף נאָך הילף און וואו מיין עלענד פּערגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג. גיב מיר גאָט דאָס הויכע פּערגניגען, כ'זאָל פעהיג זיין צו געניסען איהרע צאַרטע לאַסקעס אָהן אַ שום שלעכטער מחשבה, כ'זאָל פעהיג זיין זי צו ליעבען ווי זי ליעבט מיך, און אויב איך מוז אָבקומען פאַר מיינע זינד, אויב איך מוז צאָהלען פאַר מיינע אונאיינגעהאַלטענע פּערגעניגענס מיט פּראָצענט, בעט איך דיך, גיב מיר דעם טויט אַלס אַ כפּרה מיט די איינע ערלויבניש איהר צו פּערגעטערן, צו גלויבען אין איהרע קושען, צו גלויבען אין איהר ליעבע האָטש איין שטונדע, האָטש עטליכע מינוטען.

אכצעהנטעס קאַפּיטעל.

איך האָב מיך היינט פּלוצלונג דערמאָהנט אָן אַ קאָמישען אָווענד, וואָס איך האָב אַמאָל פּערבראַכט בחור־ווייז ביי מיינער אַ בעקאַנטער דאַמע. נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך געהאַט גוט פּערוויילט, זענען מיר אַלע געגאַנגען, טייל מיט שרעק טייל גלייכגילטיג אַריינגעגאַנגען אין איינעם פון די קליינע צימערן, וואו עס איז געזעסען אַ פרוי, וואָס האָט פּערשטאַנען חכמת־היד.

אַז עס איז געקומען צו מיין רייהע האָט מיך די פרוי אַוועקגעזעצט אַנטקעגען איהר, גענומען מיין האַנד צווישען איהרע לאַנגע און שלאַנקע פינגער, זי בעטאַפּט געקוועטשט און געגלעט איהר, ווי עס וואָלט געווען אַ שטיק וואַקס, פון וועלכען זי געהט אויסקנעטען אַ געוויסע זאַך.

איהרע שווארצע קליידער, ערנסט געזיכט, דינע ליפען און אויגען וואס האבען געהאט א קופער=קאליר, האבען דער דאזיגער פרוי געגעבען א געהיימניספאלען און בעפעהלענדען אויסזעהן. זי איז געווען נישט יונג און נישט אלט און האט געהאט אין זיך עפעס וואס בעאונרוהיגט דעם וואס בעטראכט זי, און איך מוז מודה זיין, אז מיין הארץ האט געקלאפט מעהר ווי תמיד, ווען זי האט בעטראכט די שטריכען פון מיין לינקער האנד דורך א גרויס פערגרעסער=גלאז, די צייכען וואו עס ווייזען זיך געהיימניספאלע בוכשטאבען, וואס האבען א טייוועליש אויסזעהן און שטעלען צוזאמען א גרויסע מ.

זי האט אויסגעזעהן זעהר פעראינטערעסירט אין דער זאך, האט מיר פון צייט צו צייט געזאגט שטיקלעך פון מיין פערגאנגענהייט און האט מיר געגעבען האלבע אנצוהערענישען. מען האט געקענט מיינען, אז איהרע אויגען פאלגען אין די דאזיגע קארבען נאך, דעם אונבעקאנטען וועג פון שיקזאל. זי האט מיר געזאגט אין קורצע ווערטער, אז איך האב געהאט און וועל האבען גוטע שאנסען. אז איך נוץ אויס מיין פיזישע קראפט מעהר ווי די מאראלישע, אין ליבעס=אפערען וואס דויערן נישט לאנג און אז דער טאג ווען איך וועל באמת ליבען (צו בוצען איהר אויסדרוק) ווען מען וועט מיך ווירקליך פאנגען, וועט זיין אנ׳איילייטונג צו שטארקע ליידען און צו א קראנקהייט, פון וועלכער איך וועל קיינמאל נישט געהיילט ווערען. צוקומענדיג צו דעם צייכען וואס מען רופט „לעבענס=שניט" איז די שווארצע דאמע פלוצלונג געווארען מרה=שחורה׳דיג, האט זיך אבגעשאקעלט און געמאכט א מינע, וואס האט בעדייט, אז איהר גלוסט זיך נישט פארטצוזעצען איהר טרעפעכץ. פלוצלונגהאט זי א זאג געטהון:

„אייער לעבענס=שניט, הערר, איז אויסגעצייכענט, איהר וועט לעבען ביז די עלטער פון זעכציג יאהר, נאר זייט פארזיכטיג, איהר זאלט עס נישט אויסנוצען צו פריי און אונמעסיג, היט אייך פון שטארקע ליעבעס=געפיהלען און ליידענשאפטליכע קאטאסטראפעס, ווייל אין דער פולער לעבענס=קראפט פון אייער עלטער, בעמערק איך א ריס, אנ׳אונהיילבארע קרענק וואס ליעגט בעהאלטען טיעף אין אייער הארצען"...

איך האב מיך בעהערשט, מכלומר׳שט געשמייכעלט און בין פון איהר אוועק. אבער אלץ וואס זי האט מיר דאן געזאגט, איז יעצט פערווירקליכט געווארען. איך וואג נישט א בליק צו געבען אויף דעם ריס, ווייל דאס קען גאר מיינען איין זאך, וואהנזין.

וואַהנזין, מײַן טײַערע העלענאַ!

ניינצעהנטעס קאַפּיטעל.

איך בין געוואָרען אַזוי שלעכט, אַזוי טראַציג, [illegible] דאַס וואָלט מיך אינגאַנצען בעהערשט. איך האָב מקנא געווען אַלע די יעניגע וואָס האָבען געלעבט גליקליך און וועמענס לעבען איז פריי געווען פון ליידען. הערענדיג, אַז אין אַ געוויסען הויז איז פאָרגעקומען איינע פון די דראַמעס אין וועלכע הערצער בלוטען און ווערען צובראָכען, אין וועלכע די געמיינסטע פערדעטערישקייטען און ביטערסטע ליידען ווערען מיט אַמאָל אויפגעדעקט, האָב איך נישט געקענט בעהאַלטען מײַן צופריעדענהייט.

גט־סצענעס מיט זייערע טרויעריגע עפּיזאָדען, דאָס ראַנגלען זיך פון די אַדוואָקאַטען, וואָס ענטפּלעקט די שטאַרקסטע אונגליקען, די פּוסטקייט פון פיעל טרוימען, די געמיינע האַנדלונגען פון פיעל פרויען, די נידעריגקייט פון טייל געדאַנקען, די פוילע חיה וואָס דרעמילט אינ'ם האַרץ פון פיעל מענשען, — די אַלע זאַכען האָבען מיך צוגעצויגען, ווי אַן'אינטערעסאַנטע שפּיעל, אַ הערליכע אָפּערא, וואָס שלינגט איינעם איין פונ'ם ערשטען ביז'ן לעצטען אַקט. מיט דער גיעריגקייט פון אַ חיה האָב איך זיך איינגעהערט צו די ליידענשאַפטליכע בריעף, די וואַהנזיניגע תפילות און סודות, וואָס אַן'איינפאַכער אַדוואָקאַט פערגוואַלדיגט און לייענט עס מיט אַ שפּאָטישען טאָן, וואָס אַמוזירט אַזוי דאָס פּובליקום, וועלכעס קומט זיך פערווײַלען און גלאָצט מיט אַזאַ בעוואונדערונג אויף די אָפּפער פון ליעבע.

איך האָב נאָכגעפאָלגט די דאָזיגע ראָמאַנען פון אונגלייכשאַפט, וואָס זענען געליעענט געוואָרען קאַפּיטעל נאָך קאַפּיטעל אין זייער גאַנצער ברוטאַלער ווירקליכקייט און אַ דאַנק דעם האָב איך פערגעסען אָן מײַן איינענעם אונגליק. טיילמאָל פלעגט טרעפען, דאָס מאַן און ווייב זענען דערבײַ, עס האָט אויסגעזעהן, ווי איינער וואָלט דעם צווייטען געהאָלט אַרויספאָדערן, אָדער ווי זיי וואָלטען זיך געטראָפען אין אַ לעצטען שטרייט און בלאַס און פיבערהאַפט קוקען זיי זיך אָן און עסען איינס דאָס צווייטע מיט די אויגען, בעהאַלטענדיג זייער טרויער. אַן'אַנדער

מאל פלעגט טרעפען, אז דער ליעבהאבער אדער מעטרעסע זענען דערביי, זיי רייסען זייערע האנדשוה פאר כעס און רייסענדיג זיך צו די גראטעס וועלענדיג פערטיידיגען זייער ליעבע, שרייען זיי אוים צום אדוואקאט: „איהר זאגט ליגען!“ א. ד. ג. בעקאנטע האלטען זיי איין, דוימען זיי עפעס אין אויער אריין, דריקען זייערע הענד ווי נאך א לויה און פרובען זיי צו בערוהיגען.

עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה א חורבה און פיהל דעם ריח פון אנ'אמבולאנס, אין וועלכען עס קרעכצען שטארבענדע מענשען און די דאזיגע אונגליקליכע פערגרינגערן מיינע ליידען, נעהמען צו א טייל פון זיי.

איך לייען א צייטונג און זעה צווישען די רעקלאמעס אנ'ערנסטע און פערצווייפעלטע ביטע, פון איינעם וואס וויל זיך נאכאמאל צוזאמענטרעפען אן עלא פון פערגאנגענער ליעבע און פוסטע פערשפרעכונגען. דאס היילט מיך בערוהיגט מיך א ביסעל און מאכט מיך דענקען ווייניגער פון מיר אליין; דעם פערהאסטען אונהיילבאר'ען „איך“, וואס איך וויל צושטערען.

צוואנציגסטעס קאפיטעל.

די היץ איז געווען שטיקענד און מיר זענען נאכמיטאג ארויסגעפאהרען אויף א שפאציער.

עס האט אנגעהויבען צו ווערען שפעט, די טונקעלע אלעען האבען אויסגעזעהן, ווי איינזאמע לאבארינטען און שאטענדיגע אברוה-ערטער. דאס רוישען פון די בלעטער האט געקלונגען ווי א ליעבעס-געפליסטער, וואס איז פול מיט נסיון, און די ווייכקייט פון דער לופט און אונענדליכע מוזיק פון דער שטילקייט איז געווען פערפיהרעריש.

צייטענווייז האט זיך געוויזען א ליכט פון צווישען די בוימער און די האלבע לבנה האט ווי א בראנזלעט געשיינט אויף דעם רוהיגען הימעל. די קליינע וואסערליך, אין וועלכע די ארומיגע זאכען האבען זיך אבגעשפיגעלט, האבען זיך פלוצלונג ארויסגעוויזען פון אונטער דעם שאטען און דער פערשיכור'נדער געשמאק פון דעם היי און קארן-בלומען האט זיך געהויבט, ווי פון א בשמים-ביקס.

מיר האָבּעֶן צווישעֶן זיך נישט געֶרעֶדט, נאָר ציַיטעֶנווייַז האָט אונז אַ שטוים פון דעֶר קאַרעֶטעֶ געֶבּרעֶנגט נאָהעֶנט איינס צום צוויַיטעֶן. אַזוי ווי איך וואָלט געֶוועֶן צוגעֶצויגעֶן פון אַן'אומבּעֶוויגבּאַרעֶר קראַפט, האָבּ איך מיך געֶמוּזט אומקעֶהרעֶן מיט'ן פּנים צו העֶלעֶנאַ. איהרעֶ אויגעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶן פול מיט טרעֶהרעֶן און איהר געֶזיכט איז געֶוועֶן בּלאַס. איהר זעֶהעֶנדיג האָט מיַין גאַנצעֶר קעֶרפּעֶר אַ ציטעֶר געֶטהון.

פלוצלונג, ווי זי וואָלט שוין נישט געֶקעֶנט מעֶהר דולדעֶן, האָט זי זיך אַ וואָרף געֶטהון אויף מיַין האַלז, איהרעֶ ליפּעֶן כמעט אָנריהרעֶנדיג מיַינעֶ, און געֶזאָגט:

— „פאַרוואָס ליעבּסטו מיך נישט מעֶהר? פאַרוואָס מאַכסטו מיך אַזוי אומגליקליך? וואָס האָבּ איך דיר געֶטהון?"

זי איז אין מיַינעֶ הענד, זי איז בּעֶאַייַנפלוסט פון דעֶם צויבּעֶר, וואָס ליעגט אין דעֶר ליכטיגעֶר לבנה=נאַכט, וואָס צושפּיעלט דעֶר פרוי'ס נערווען, מאַכט איהר שוואַך און לאָזט זי איבּעֶר אָהן אַ שום ווילעֶן! און איך בּין געֶוועֶן זיכעֶר, אַז זי וועֶט מיר אַלעֶס זאָגעֶן און וועֶט מודה זיַין איהרעֶ זינד. איך האָבּ מיך געֶמוּזט בּעֶהעֶרשעֶן, איהר נישט אַ קוש צו טהון אויף די זיסעֶ און שטיפעֶרישעֶ ליפּעֶליך און האָבּ איהר קאַלט געֶעֶנטפעֶרט:

— „ווייסטו עֶס דעֶן נישט אַליין?... האָסטו דעֶן אַליין נישט געֶוואוסט, אַז איך וועל פריהעֶר אָדעֶר שפּעֶטעֶר געֶוואָהר ווערעֶן דאָס, וואָס דו האָסט פון מיר געֶוואָלט פעֶרהוילעֶן?"

זי האָט זיך אויפגעֶזעֶצט אַ דעֶרשראָקעֶנעֶ און האָט געֶזאָגט איבּעֶר'חזר'נדיג עֶטליכעֶ מאָל דיזעֶלבּעֶ ווערטעֶר:

— „וואָס האָבּ איך פון דיר פעֶרהוילעֶן? וואָס?"

איך האָבּ געֶזאָגט צופיעל און בּין געֶצוואונגעֶן געֶוועֶן צו עֶנדיגעֶן, חאָטש שפּעֶטעֶר האָבּ איך דעֶרויף חרטה געֶהאַט און אונטעֶר דעֶם געֶרויש פון דעֶר קאַרעֶטעֶ האָבּ איך פאָרטגעֶזעֶצט אין אַ הייזעֶריגעֶר שטימעֶ:

— „איז דעֶן מיַין וויַיטקייַט פון דיר נישט דיַין אייגעֶנעֶ שולד! און בּין איך דעֶן נישט אַליין דעֶר אומגליקליכעֶר? איך, וואָס האָבּ דיך געֶליעבּט און געֶגלויבּט אין דיר און וועמעֶן דו האָסט געֶנאַרט און פעֶרדאַמט צו לעֶבּעֶן מיט אַן'אַנדעֶרעֶנס מעֶטרעֶסעֶ?"

זי האָט מיר צו געֶהאַלטעֶן דאָס מויל מיט מיַינעֶ אייגעֶנעֶ הענד, האָט געֶאָטעֶמט שווער, איהרעֶ אויגעֶן בּרייט פונאַנדעֶרגעֶעֶפעֶנט, איהר געֶזיכט בּלייך, און איך האָבּ געֶמיינט, אַז אָט פאַלט זי אין אָהנמאַכט.

פלוצלונג האָט זי מיר שטיל געזאָגט:

— „זייַ שטיל! זייַ שטיל! דו שרעקסט מיך ווי אַ משוגע'נער".

די דאָזיגע ווערטער האָבען אין מיר דאָס בלוט פערפרוירען. איך האָב געציטערט פון קעלט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צווישען די בוימער זעה איך געשפּענסטער וואָס ווייזען מיר אָן דאָס אָרט, וואָס דער שיקזאַל האָט פאַר מיר אָנגעצייכענט. איך האָב געוואָלט אַרויסשפרונגען פון דער קאַרעטע און אַרייַנלויפען אין דעם טייַך, וואָס האָט מיך גערופען מיט אַ מוטערליכע שטימע, אייַנלאַדענדיג מיך צו אַן'אייביגען שלאָף, אַן'אייביגע רוה, נאָר העלענאַ האָט אויסגערופען צום קוטשער:

— „מיר פאָהרען אַהיים! טרייַב שנעל".

מיר האָבען מעהר אַ וואָרט נישט גערעדט, העלענאַ האָט דעם גאַנצען וועג קאָנוואולסיוו געשלוכצט און איך האָב געוואוסט, אַז אַלץ איז צו ענדע, איך האָב געטויט אונזער ליעבע.

איין-און-צוואנציגסטע קאַפּיטעל.

יאָ, אַלץ איז געווען געענדיגט און נאַריש געענדיגט. אָהן אַ שום ערקלערונג, אין וועלכע איך וואָלט פיליייכט געפונען פרישע קראַפט זיך צו בעפרייַען פון אַ פערהאַסטען יאָך און וואָס וואָלט מיר געגעבען די מעגליכקייַט צו פערשטויסען די דאָזיגע פרוי, וואָס האָט מיך גענאַרט, וואָס האָט מיך פערפיהרט מיט פאַלשע לאַסקעס און וואָס ברויך מעהר נישט צו טראָגען מייַן נאָמען.

אָבער ווער קען וויסען, אפשר וואָלט דאָס גליק, די צופריעדענהייַט, די ליעבע וואָס ווייס נישט פון קייַן שלעכטע מחשבות, די זעלבע ליעבע פון וועלכע איך האָב אַמאָל געטרוימט, ווען איך האָב געבעטען איהר האַנד און פון וועלכע איך טרוים נאָך איצט, מיט דער פערצווייפלונג פון אַ פערדאַמטע נשמה, וואָס קען אין גן-עדן נישט אַרייַנקומען; אפשר וואָלט דאָס אַלץ צוריקגעקומען!

— זי האָט מיך נישט געלאָזט רעדען, מיט איהר ציטערדיגע האַנד האָט זי אייַנגעהאַלטען דעם שטראָם וואַהנזיניגע ווערטער וואָס האָבען געהאַלטען בייַם אַרויספליסען פון דעם פערוועהטאָגטען האַרץ. די שרעקליכע אָנקלאַגע, וואָס אַ מעכטיגע און אונווידערשטעהענדע קראַפט

האָט מיך אָנגערייצט אַרויסצוזאָגען. און די זעלבע שרעקעדיגע ווערטער וואָס איהרע בלאַסע ליפּען האָבען געשעפּטשעט, האָבען מיך אויף ס'ניי פּערפּרוירען און אַדורכגענומען דעם מאַרך פון מיינע ביינער, ווי אַ שטאַרקער און דורכנעהמענדער ווינד.

— „איך האָב אָבער דאָך געהאַט מיין פערשטאַנד, ווען איך האָב איהר געזאָגט מיין חשד און האָב זיכער נישט געקענט אויסזעהן ווי משוגע! וואָס איז געווען דאָס אויסערגעוועהנליכע אין מיינע אויגען? וואָס האָט זי אַזוי געשראָקען? וואָס איז געווען דאָס גיפטיגע, דאָס אָנ־שטעקענדע אין מיין שטימע, וואָס האָט ביי איהר אַרויסגערופען אַזאַ געדאַנק? אפשר האָט זי קיין טעות נישט געהאַט? און איך האָב נישט געוואוסט וואָס איך רעד און האָב ווירקליך געהאַט יענע קרענק וואָס זי האָט דערמאָהנט און וואָס איך האָב מורא איבערצו'חזר'ן?

און עס דאַכט זיך מיר, דאָס איך זעה זיך אין אַ טרויער־שפּיע־געל איננאַנצען געביטען. מיין קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אַ לעדיגע און קלינגענדע זאַך, פון צייט צו צייט בעקומט עס אַ קלאַפּ, נאָך וועלכען עס פאָלגען שטאַרקע און לאַנג־דויערנדע קלעפּ פון אַ שווערען האַמער, וואָס פולען עס אָן מיט אַ ליאַרמענדען און בעטויבענדען געפּילדער, ווי דאָס געפּילדער פון אַ קירכען־גלאָק, נאָך וועלכען עס קומט די טויטע שטילקייט פון קבר.

און די שטימע פון עראינערונג, אַ שטימע וואָס דערצעהלט מיר העלענאַ'ס מיסטישע פּערגאַנגענהייט, וואָס רעדט צו מיר בלויז וועגען איהר און וואָס רופט צוריק די ערשטע נאַכט, די געהיימניספולע נאַכט פון פרייד און לייד, אין וועלכע איך האָב דאָס ערשטע מאָל געצוויי־פעלט אין איהר טרייהייט, דאָס אַלעס געהט מיט אַמאָל אַדורך דורך דער שטילקייט, ווי דער קלאַנג פון אַ דערווייטערטע מוזיק.

אָה! אפשר האָט זי קיין טעות נישט געהאַט?!

צוויי־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

איך בין געווים פערהאַסט אין איהרע אויגען און איך האָב פּער־לאָזט מיין היים, איהר אַ וואָרט נישט איבערגעלאָזט, צומאָל קיין זיי געזונד נישט געזאָגט. עס קען זיין, דאָס זי האָט אויף מיר מיטלייד און

עס קען זײַן, אַז זי האָט מיך פײַנד. ליבט, ליבען, ליבט זי מיך זיכער נישט, איך אַליין האָב בעגראָבען די ליבע, פאַר וועלכע איך וואָלט אַמאָל מײַן גאַנץ לעבען אַוועקגעגעבען. זי איז יונג און שען און וועט זיך טרײַסלען פאַר די דורכגעהענדע לײַדען, מיט אַ נשמה וואָס איז די אָבשפּיגלונג פון איהר אײַגענע. אַן'אַנדערער וועט אויספּילען מײַן אָרט, אויב ער האָט עס נאָך ביז איצט נישט געטהון. זי וועט זוכען צופריעדענהײַט און וועט פערקעהרען מיט אַנדערע מענער.

וואָס אינטריגירען זיי זי און איהר ליבהאָבער? וואָס וועלען זיי טהוען, כדי איך זאָל זיי נישט קענען שטערען? וואָס איז די נעץ, וואָס זיי שפּרײַטען פאַר מיר אויס? און וואָס קען נאָך מאַכען, דאָס איך זאָל ענדיגען מײַן קלעגליך לעבען אין אַ תפיסה?

נאָר דאָס איז אונמעגליך, עס קען קײנמאָל נישט געשעהן. העלענאַ איז מײַנע, זי איז מײַן אײַגענטום, מײַן גליק, איך פערגעטער זי און וויל זי אינגאַנצען פאַר מיר. (מעג זי זײַן שולדיג) איך וועל איהר קײנמאָל נישט פערלאָזען. איך וועל זיך האַלטען אָן איהרע קלײדער, זיך וואַלגערן בײַ איהרע פיס. איך וועל בײַ איהר בעטען ענטשולדיגונג, ווײַל איך דורשט נאָך איהרע קושען און איהר ליבע.

הײַנט, אין עטליכע שטונדען אַרום, אין אָווענד וועל איך זײַן מיט איהר אין אונזער צימער, אין אונזער בעט. איך וועל בעדעקען די באַקען פון מײַן גאָלד-האָריגע העלענאַ מיט אַזוי פיעל קושען, אַז עס וועט איהר נישט אײַנפאַלען, דאָס איך בין משוגע און אויב זי וועט אויסשרײַען, אויב זי וועט מיך אַוועקשטויסען, וועל איך זי טויטען, איך האָב עס בעשלאָסען.

איך וועל איהר אַ זעץ טהון מיט דעם אַראַבישען מעסער, וואָס ליעגט אין אַ שופלאָד פון טיש. איך זעה דאָס אָרט, ווי איך וועל אַרײַנשטירצען דעם שאַרפען קלינג אין דעם נאַקען פון איהר האַלז, וואָס איז בעדעקט מיט ווײַכע גאָלדענע לאָקען, דאָס זעלבע אָרט, וואָס האָט מיך אַזוי צוגעצויגען אין די רײַנע חתן-כלה-טעג און וואָס כ'פלעג וועלען בײַסען, ווי ס'וואָלט געווען אַ שטיק פרוכט. איך וועל עס טהון אין אַ געווויסען טאָג אויפ'ן לאַנד, ווען זי באָדט זיך אין זונען-שטראַהלען, וואָס מאַכען זי שימערירענד.

אָט דאָרט, וועל איך עס קינסטליך אַרײַנשטירצען, ביז צום העפטעל, ווי די, וואָס ווײַסען ווי אַזוי צו טויטען...

דריי-און-צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל

און דערנאָך ווען איך האָב זי שוין געטויט, וואָס וועט דאַן זיין?

די ריכטער נישט קענענדיג פערשטעהן אַזאַ אויסערגעוועהנליך פערברעכען, וועלען זאָגען, דאָס איך בין משוגע. מעדיצין-מענער וועלען מיך אונטערזוכען און וועלען עס בעשטעטיגען און מען וועט מיך אַריינשיקען אין אַ דול-הויז.

און יאָהרענלאַנג, וויל איך בין קרעפטיג, וועל איך איבערלעבען דעם עלענד, אונגעריהרט נאָר עטוואָס גייסטיג שוואַכער און וועל נאָך אַלץ זיין דער אָפּפער פון דער דאָזיגער איינרעדעניש דאָס זי האָט מיך געגאַרט און איז געוועזן אומריין און איך וועל טראָגען איהר שאַנדע מיט מיר, דאָס וועט זיין די איינציגע עראינערונג. איך וועל ליידען אָהן אויפהער.

דאָס אַלץ שרייב איך מיט ופלשטענדיגער קאַלטקייט און אין פולען פערשטאַנד. איך ווייס צו וואָס מיין בעשלוס וועט מיך פיהרען, דאָס מיינע מינוטען זענען געציהלטע און דאָס אַלץ אין מיין שאַרבען, מיט די אויסנאַהמע פון עטליכע ברעקליך פון מיינע אַמאָליגע געהירען, ווערט פערברענט פון אַ פייער, וואָס איך פערשטעה נישט.

איך ווייס, דאָס דער זעלבער קריזיס, וואָס האָט געוואָלט זיין דאַמאָלס, ווען איך האָב בעשלאָסען צו טויטען העלענאַ'ן, ווען אַנ'אונבעמערקבאַרע האַנד האָט מיך דערצו געשטופּט און ווען אַנ'אונהערבאַרע שטימע האָט מיך בעפוילען צו בעגעהן דעם דאָזיגען מאָרד, דערזעלבער קריזיס וועט יעצט קומען, אָבער אַנ'אַנדערער וועט זיין דער אָפּפער דערפון.

גוט, וואָס דער שיקזאַל האָט מיר האַטש איבערגעלאָזט אַ האַלב-אָפענע טהיר, דורך וועלכע צו אַנטלויפען פון לעבען איידער עס איז צו שפּעט, איידער דער פרייער, זוניגער און שטאַרקער מאַן, וואָס איך בין יעצט, ווערט דער קלענגליכסטער, דער צושטערנדסטער און געפעהרליכסטער שורקע.

* *

*

מעגען די דאָזיגע צייכען'ס פון מיין טרויער, אַריינפאַלען אין

העלענאַ'ס הענד, מעג זי זיי לייענען, פערשטעהן און מיך בעדויערן און אַ לאנגע צייט נאָך מיר טרויערן.

דאָ ענדיגט זיך דזשאַקור'ס טאָג-בוך.

איבערזעצט: י. טופפמאַן.

נ. אייזען.

דער קוואַל.

און שטיל און פול מיט טרויער
שלאָגט דער קוואַל און מורמעלט.
אָרימער! ווי וואָלט ער וועלען שטאַרק
אַ הויב טהון זיך און פריי צולאָזען זיך צו שטראָמען —
דריקט אויף איהם אַ שווערער שווערער באַרג,

מיין פריינד!
דו פרעגסט, פאַר וואָס עס שטורמען ניט פון הארץ די קלאַנגען,
ס'זענען מיינע טענער דיר צו קאַרג,
אַ, ליעבער פריינד, דערמאָהן זיך אין דעם קוואַל דעם שטילען:
עס ליגט אַ באַרג אויף איהם, אַ שווערער באַרג.

עדגאַר פּאָע.

ענגעבעל־לי.

(אוים ענגלישען)

לאַנג, לאַנג, מיט פילע יאָהר צוריק,
אין ים־קעניגרײַך, דאָרט װײַט, האָט זי
געװאױנט; געטרױמט פון גליק,
זי, די שענע, װאונדער שענע ענגעבעל—לי.
בלויז איין טרוים האָט זי בעזעסען!
איך זאָל איהר ליעבען — ניט פערגעסען.

אין ים־קעניגרײַך, דאָרט װײַט,
אַ קינד בין איך געװען, אויך זי;
האָבען מיר געליעבט זיך אַ לאַנגע צײַט —
איך און מײַן שענע ענגעבעל — לי
און הימלישע מלאכים — מיט פליגעל אויסגע־
שטרעקט,
האָבען אונז אין ליעבע מקנא זײַן געמענט,

אַט פּאַרוואָס, צוריק שוין אַ לאַנגע צײַט,
אין יענעם ים־קעניגרײַך, דאָרט װײַט,
האָט אַ בײזער, שטאַרקער שטורם־װינד
אײַנגעהילט דאָס צאַרטע קינד, —
די װאונדער שענע ענגעבעל—לי,
די פּראַכטפאָלל־שענע ענגעבעל—לי.

און אַ רײַכער קרוב איז געקומען
ער האָט פון מיר איהר צוגענומען,
אין אַ פּײַלטען קבר איהר געמאַכט אַן אָרט,
ווײַט, אין יענעם ים-קעניגרײַך — דאָרט,
און גײַסטער, רײַטענדיג אויף געפליגעלט-ווײַסע פערד
זענען אונז געווען מקנא אויף דער ערד.

אַט פאַרוואָס, אין יענער בײַזער צײַט,
אין ים-קעניגרײַך, דאָרט ווײַט, —
האָט, און וואָלקען אײַנגעהילט, אַ בײַזער ווינד
געטוידטעט ענעבעל-לי, דאָס צאַרטע קינד.
אונזערע הערצער, מיט ליעבע, האָבען העל געברענט
און פאַר קײן פאַל האָבען ניט געקענט
קײן מלאכים ווײַסע אין הימעל-הויך,
קײן שדים שוואַרצע אין גהנם-רויך,
צו שײדען מײַן גײַסט מיט דער נשמה,
פון ענעבעל-לי, מײַן אײנציגע נחמה.

שטענדיג, ווען איך שלאָף נור אײַן
בײַם זילבער-ווײַסען לבנה שײַן;
ווען איך טרוים פון ליעבע, גליק,
זעה איך נור דעם צויבער-בליק
פון מײַן שעהנער ענעבעל-לי
פון מײַן וואונדערשעהנער הענעקעל-לי

און אין דער שטילער טיעפקײט פון דער נאַכט
ליג איך נעבען איהר און טראַכט.
אויפ׳ן קבר, בײַם ים, דאָרט, ווײַט,
וואו ס׳רוישט דער וואַל דו גאַנצע צײַט.

איבערזעצט: פ. אַלעקסאַנדראָוויטש.

ג. אוּעֶלס.

די ווילדע שוואָם.

(אַ הומאָריסטישע ערצעהלונג)

מיסטער קומב׳ן איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען, ער האָט נעבעך געמוזט אַוועק פון זיין אונגליקליכע היים, וואוהין די אויגען ווענען איהם טראָגען. זייענדיג אונצופריעדען מיט זיך אַליין און בייז אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער קיינעם נישט געוואָלט אָנקוקען און ער איז אַראָבגעגאַנגען פון דער גאַס אויף דעם ברוק, אויף דעם וועג, וועלכער פיהרט אין דעם בלאָטיגען סאָסנאָווען וואַלד אַריין, זיין פערלאַנג איז געווען צו זיין אַליין, אַז ער זאָל אפילו נישט הערען דעם גערויש, וואָס עס מאַכען אָן די נפשות, וואָס זענען ענליך צו איהם. ער קען דאָס שוין מעהר נישט דערליידען. און שיטענדיג מיט אַזעלכע קללות, צו וועלכע ער איז נישט געווען צוגעוואוינט, האָט ער שרייענדיג איבערצייגט דער גאַנצער וועלט, אַז ער וויל דאָס שוין מעהר נישט דערליידען...

מיסטער קומב איז געווען אַ קליין, דאַר, בלאַס מענשעל מיט שוואַרצע אויגען און דינע שוואַרצע וואָנסעלעך. ער האָט געטראָגען אַ געקראָכמאַלעטען הויכען, שטעהענדיגען קראַגען, וועלכער האָט איהם אונטערגעשפאַרט דעם האַלז און האָט איהם בעשאַפען אַ פאַלשע דאָפעלטע גאָמבע. זיין אָבגעטראָגענער פאַלטאָ איז געווען אַרומגעזוימט מיט פאַלשע באַראַשקעס, וועלכע זענען שוין געוואָרען אינגאַנצען פערגעלט. אז מיר זאָלען צורעכענען די העל-ברוינע האַנדשוה מיט די אויסגעריבענע פינגער און מיט די שוואַרצע פלעקען, האָבען מיר שוין זיין גאַנצע הלבשה.

אַמאָל אין די גוטע אַלטע צייטען, ווען מיסטער קומב איז נאָך

געוועז א חתן, האט ער געהאט א מיליטערישע שטעל, — צום וועניגסטענס, אזוי האט פערזיכערט זיין כלה, די איצטיגע מיסיס קומב. נאר היינט, ווען זי איז שוין געווארען זיין פרוי, רופט איהם די מיסיס קומב — ס'איז א חרפה ארויסצוזאגען — „קארליקעל!“ זאל זי איהם האטש מעהר נישט רופען, ווי קארליקעל...

די אורזאך פון דער היינטיגער קריעג, איז ווידער געוועז די משוגע'נע זשעני. זשעני — איז מיסיס קומב'ס פריינדין, זונטאג קומט זי צו געהן צו מיטאג אהן א שום איינלאדונג, און פינקטליך יעדען זונטאג מוז זי מיסטער קומב'ן פער'סמ'ן דעם אווענד. זי איז — א הויכע און א שרייענדיגע, דיקע מויד, וואס האט ליעב העלע בלומען און לאכט שטענדיג. נאר היינט, האט זי, דאכט זיך, איבערגעחאפט די מאס, א חוץ דעם, האט זי נאך מיט זיך מיטגעשלעפט עפעס א קליינטשיקען, אויך אזא לאבוס ווי זי. מיסטער קומב האט נעבעך געמוזט שווייגען ביים גאנצען מיטאג, דאן ווען ביי איהם אין הארץ האט געשטורמט, ווייל אין דערזעלבער צייט האבען זיך די געסט און זיין פרוי פערוויילט און געלאכט גאר אונאנשטענדיג. גוט, ער האט דאס ווי עס דורכגעליטען, נאר באלד נאכ'ן מיטאג (געוועהנליך שפעט) איז שוין מיסיס קומב'ן נישט איינגעפאלען קיין בעסערער געדאנק, ווי אוועק צו זעצען זיך ביי דער פיאנא און אבטרעמפלען אזעלכע וואלסען, פונקט ווי עס וואלט געוועזן אין דער וואכען! א מענש ביט א גאל קען נישט צוקוקען אזא סדר! ס'איז דאך א חרפה פאר די שכנים! מען קען דאך נאך דערהערען אויף דער גאס! וואס וועלען מענשען מיינען? א מענש מיט א הארץ קען דאס נישט פערשווייגען.

מיסטער קומב האט טאקע אזוי געטהון. זיצענדיג נעבען פענסטער אבגערוקט פון זייער געזעלשאפט (דער קליינער לאבוס האט זיך אויסגעצייגען אויף דער סאפע), איז ער צום ערשטען בלאס געווארען און ער האט אנגעהויבען צו ציטערן פון קאפ ביז די פיס, דערנאך האט איהם פערפעהלט אטעם. קומענדיג צו זיך, ווי עס קען נאר א מענש, וואס האט נאך אין זיך א מיליטערישען שטעל (די מיסיס ווייסט געוויס נישט וואס ער רעדט), האט ער זיך ענדליך אומגערעהט און ער האט געזאגט מיט א טאן פון א התראה:

— היינט, איז דאכט מיר, זונטאג...

נאר וויל אויף זיינע רעד האט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, האט ער דיזעלבע פראזע נאכאמאל איבערגע'חזר'ט און דאסמאל שוין

מיט כעס.

די מיסיס זשעני האָט זיך ווייטער געטהון דאָס איהריגע און האָט ווייטער געשפּיעלט, נאָר די מיסיס קומב, וועלכע האָט געבלעטערט אין די נאָטען־ביכלעך, האָט בלעטערנדיג אַ זאָג געטהון:

— נו, וואָס נאָך? וואָס האָט מען דיר שוין נישט אַליעב געטהון? מ'טאָר זיך אפשר נישט פערוויילען?

— אויף קלוגע פערווײַלונגען וואָלט איך מיך נישט געבייזערט — האָט געזאָגט דער בעל הבית — איך בין נאָר בייז אויף אײַער מוזיק, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר זונטאָג.

— און וואָס בין איך שולדיג? — האָט אַ געשריי געטהון זשעני, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער טאַבורעטקע און האָט זיך גיך אומגעדרעהט, ביי וואָס די טאַבורעטקע האָט אַ שרעקליכען סקריפּ געטהון.

קומב האָט דערזעהן, אַז עס מוז דאָ פאָרקומען אַ מלחמה, האָט ער זיך דערום אין איהר אַרייַנגעלאָזט, פערליערענדיג דערביי די בעזינונג, ווי עס געשיעהט ביי אַלע שעמעוודיגע און נערוועזע מענשען.

— כ'בעט אייך, איהר זאָלט פאַרזיכטיגער זײַן מיט'ן בענקעל, — האָט ער אַ זאָג געטהון העכער ווי מען דאַרף, — פערגעסט נישט וויפיעל איהר וועגט.

— זאָל אייך נישט אָנגעהן' איך בעט אייך, וויפיעל איך וועג — האָט זשעני געענטפערט, ווערענדיג שטאַרק אויפגערעגט — וואָס איז אייך דאָס אָנגעגאַנגען מײַן שפּיעלען?

— פאַרוואָס קענט איהר נישט ערלויבען קיין מוזיק אום זונטאָג, מיסטער קומב? — האָט אַ פרעג געטהון דער נייער גאַסט, אויסשרייענדיג במעט יעדעס אות, אַרויסלאָזענדיג לאַנגע וואָלקענס רויך און שמייכלענדיג איראָניש.

נאָר די מיסיס קומב האָט דערווייל דערצעהלט איהר פריינדין וועגען דעם, אַז ער איז גאָרנישט ווערט מען זאָל איהם אויסהערען.

— יאָ, איך קען נישט ערלויבען — האָט געזאָגט מיסטער קומב צום נייעם גאַסט.

— קען איך אפשר וויסען פאַרוואָס? — האָט ווידער אַ פרעג געטהון דער נייער גאַסט, שפּיעלענדיג זיך מיט'ן פּאַפּיראָס און פרעהענדיג זיך מיט זיין נצחון איבער מיסטער קומב.

דאָס איז געווען אַ דאַרער יונגערמאַן אָנגעטהון אַ ביסעל פּאַצעטיש אין אַ העלע מאַרינגאַרקע און פון אויבען אַ ווייסען שניפּס מיט אַ פּערל־

מוטערען שפילקעלע. מיסטער קומב האט געקלערט, אז ער וואלט גע־
ווים בעסער געטהון, ווען ער וואלט געקומען צום מיטאג אין א פראק
אדער צום ווענינסטנס אין א שווארצער מארינארקע.

— דערפאר, — האט מיסטער קומב אנגעפאנגען — וויל מיר
געפעלט עס נישט. איך בין א געשעפטס־מאן און איך דארף אלזא לעגען
מיין אויפמערקזאמקייט אויף דעם געשמאק פון די פערזאנען, מיט וועלכע
איך קום אין בעציהונג. קלוגע פערוויילונגען...

— זיינע בעציהונגען! זיינע פערבינדונגען! — האט די מיסים
קומב געזאגט מיט איראניע. ווי לאנג מיר הערען דאס שוין.

— אויב עס געהען אייך נישט אן מיינע פערבינדונגען, — האט
מיסטער קומב בעמערקט — טא פארוואס האט איהר מיט מיר חתונה
געהאט?

— דאס איז ווירקליך א פראגע! — האט א געשריי געטהון מי־
סים זשעני, אויסדרעהענדיג זיך צוריק צו דער פיאנא.

— גאט מיינער, וואס איז דאס פאר א מענש! — האט מיסים
קומב געזאגט — איך דערקען אייך מעהר נישט. אנפאנג...

זשעני האט אנגעהויבען שרעקליך צו טרעמפלען.

— הערט! — האט א געשריי געטהון מיסטער קומב, ארויסקו־
מענדיג ענדליך פון די כלים, אויפשטעלענדיג זיך שוין שרייענדיג הויך.
— איך זאג אייך, אז איך וועל דאס נישט ליידען!

אפילו די פאלדען פון זיין פראק האבען אנגעהויבען צו ציטערן,
ווי זיי וואלטען מיטגעפיהלט זיין בעליידיגונג.

— נאר נישט קיין געוואלד־טהאט, בעט איך אייך! — האט גע־
זאגט דער נייער גאסט, אויפהויבענדיג זיך פון דער סאפע.

— און איהר, ווער זענט איהר אזעלכער? — האט מיסטער
קומב א געשריי געטהון ווילד.

זיי האבען אלע מיט איינמאל אנגעהויבען צו רעדען, דער נייער
גאסט האט געזאגט, אז ער איז מיסים זשעני'ס חתן און אז ער וועט
נישט ערלויבען איהר צו בעליידיגען; מיסטער קומב האט געזאגט, אז
ער קען זיך דאס טהון אומעטום, נאר נישט דא; די מיסים קומב האט
געזאגט, אז איהר מאן וואלט זיך געמענט שעמען צו בעליידיגען אזעלכע
געסט און אז ער איז טאקע נישט מעהר ווי א קארליקעל; נאר סוף כל
סוף האט מיסטער קומב געבעטען די געסט, אז זיי זאלען זיך אבטרא־
גען און ווען זיי זענען דערמיט נישט געווען איינשטימיג, האט ער גע־

וואָגט, אַז ער אַליין וועט אַוועקגעהן...

אַרויסלויפענדיג אין קאָרידאָר מיט טרעהרען אויף די אויגען, האָט ער לאַנג נישט געקענט אָנטהון דעם פּאַלטאָ, ווייל דער אַרבעל פון פראַק האָט זיך מורא'דיג פערדרוקט אַזש ביז אויף דער פּלייצע. און אין דערזעלבער צייט האָט זיך פון גאַסט-צימער געלאָזט הערען אַ קייכען, און די חצופה זשעני האָט מיט אַלע כחות געטראַסקעט אַ מאַרש, גלייך ווי זי וואָלט אַרויסגעיאָגט דעם בעל-הבית פון זיין אייגענער שטוב. ווערענדיג פאַרטיג מיט'ן פראַק, האָט ער אַזאַ האַק געטהון מיט דער טהיר, אַז די פענסטער האָבען אַזש געקלונגען. איך האָף, אַז די לעזער וועלען שוין איצט פערשטעהן, פאַרוואָס מיסטער קומב'ן איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען.

געהענדיג אויף דער בלאָטיגער סטעזשקע אונטער די סאָסנעס (עס איז שוין געווען אין מאָנאַט אָקטאָבער; דער גאַנצער וואַלד איז געווען פערלעגט מיט אַראָבגעפאַלענע געוויקסען און בעוואַקסען מיט שוואָמען), האָט זיך מיסטער קומב ערּאינערט די גאַנצע טרויעריגע געשיכטע פון זיין חתונה האָבען, וועלכע איז אין דער אמת'ן געווען נאָר אַ הינטער-פּיסעל. ער האָט איצט גאַנץ קלאָר פערשטאַנען, אַז מיסיס קומב האָט מיט איהם חתונה געהאַט; ערשטענס, דערפאַר ווייל זי האָט דאָך געמוזט מיט עמיצען חתונה האָבען און צווייטענס — ווייל עס איז איהר נמאס געוואָרען די שטענדיגע האָרעוואַניע צוליעב אַ שטיקעל ברויט. פונקט ווי מעהרערע פרויען פון איהר קלאַס, איז זי אויך געווען צו נאַריש, אַז זי זאָל קענען בעגרייפען די פפליכטען, וואָס זי האָט אין דער בעציהונגען צום מאַן און צו זיינע עסקים. זי האָט געמיינט, אַז נאָך דער חתונה וועט זי זיך נאָר אָנזעטיגען מיט פערגניגענס. זייענדיג אימער אַ היימליכע, אַ רעדעוודיגע און האָבענדיג ליעב פערגניגענס, איז זי באַלד אינגאַנצען אָבגעקיהלט געוואָרען, דערזעהענדיג, אַז שוין נאָך דער חתונה דאַרף זי נאָך אויך אַרבייטען און צופּאַסען זיך צום מאַנ'ס מיטלען. די לאַנגווייליגקייט און דאָס שטענדיגע מאַנגלען, האָט איהר געמאַכט פאַר אַ שלעכטע; די מינדעסטע דערמאָהנונג וועגען איהרע פפליכטען צום מאַן, די מינדעסטע בעמערקונג פון מאַנ'ס זייט וועגען איהר אויפפיהרונג, האָט באַלד אַרויסגעבראַכט פון איהר זייט אַ גאַנצען שטורם מיט פאָרוואורפען און בעשולדיגונגען, אַז ער איז צו דעספּאָטיש, פאַרוואָס איז ער שוין מעהר נישט אַזאַ ליעבער, ווי ער איז געוועזן ביז צו דער חתונה? און דער אָרימער, קליינטשיקער קומב, וועלכער

איז אין דער אמת'ן געווען אַ שעמעוודיגער און אַנ'עניו, ערצויגען אין די אידעען פון סמאַילס'עס „זעלבסט־הילף", האָט ער געשטעלט די פליכט העכער פון אלעם און האָט געהאַט אַ ציהונג צו זעלבסט־אָפּפערונג און מחילה. וואָס זשע איז זיך פאַרהאַן צו וואונדערן, אויב ער האָט זיך אין גיכען דערדיענט צו דעם נאָמען פון אַ צופרידענע קאַרליקעל?

פונקט אין דער צייט האָט זיך בעוויזען זשעני, אין דער ראָליע פון אַ מעפיסטאָפעל אין אַ קליידעל; עס האָבען זיך אַ שאָט געטהון מעשיות וועגען „אמת'ע" קאַוואַליערען, וועגען טעאַטערן, קאָנצערטען, בעלער, לוסט־רייזעס און נאָך. דערצו האָבען זיך נאָך אָנגעהויבען צו מעלדען מוהמעס און פעטערס פון זיין פרויס זייט און גלאַט משפחה, וועלכע האָבען אָבגעגעסען דעם אָרימען קומב'ן די ביינער, האָבען איהם בעליי־דיגט אויף יעדען טריט, האָבען איהם געשטערט אין עסק און האָבען בכלל געמאַכט אַ קליין גהינמ'ל פון זיין פריעדליכער היים. נישט איינמאָל איז ער שוין אַוועקגעגאַנגען פון דער היים פול מיט כעס און אויפרעגונג, שרייענדיג, אַז ער וועט עס נישט אויסהאַלטען און אויסברענגענדיג אויף אַזאַ אַרט די ענערגיע, וועלכער ער האָט געדאַרפט פאַר אַ ווירק־ליכע ענטוויקלונגענשטעלונג. דאָך האָט זיך איהם נאָך קיינמאָל דאָס לעבען נישט אויסגעוויזען אַזוי אומערטרעגליך, ווי אין דעם זונטאָג. מעגליך, אַז די אורזאַך דערפון איז געווען דער געמיינער מיטאָג, נאָר עס קען אויך זיין — אַז דאָס מיאוס'ע הערבסט־וועטער. עס קען אויך גאַנץ לייכט זיין, אַז ער האָט ערשט איצט פערשטאַנען, אויף וויפיעל זי האָט איהם אַליין פערדאָרבען אַלס געשעפטס־מאַן, איצט שטעהט איהם פאָר צו באַנקראָטירען און שפּעטער... זי וועט נאָך האָבען חרטה, נאָר עס וועט שוין דאַן זיין צו שפּעט!

און פונקט אין אַזאַ נייסביגען צושטאַנד האָט דער שיקזאַל גלייך, ווי אומישנע, געפיהרט קומב'ן אין וואַלד אַריין, וואָס איז געווען בע־וואַקסען מיט שוואָמען!

דער קליינער קרעמער פיהלט זיך אין אַלגעמיין זעהר אין אַ שלעכ־טער לאַגע, אויב עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיין פרוי איז איהם אַ שלעכ־טער געהילף. גט'ן זיך איז פאַר איהם נישט קיין עצה, ווייל דער גאַנצער קאַפּיטאַל — ליעגט אין עסק. די גוטע אַלטע פאָרמולע, וועל־כע לויטעט, אַז די חתונה איז אַנ'אייביגע פערבינדונג אויף פרייד און לייד, איז דערהויפט צוגעפּאַסט צו די קליינע קרעמער און אין אַלגעמיין צו דעם נישט־רייכען. די גראָבע אַרבייטער טמית'ן זייערע פרויען, און

די הערצאגען ווארפען זיי אוועק, אבער מענשען פון מיטעלען שטאנד, נידריגע בעאמטע, קליינהענדלער, מוזען נישט־ווילענדיג לעבען צוזאמען, נישט מעהר ווי פאנטאזירענדיג, אז עס וועט אמאל נאך בעסער ווערען. עס איז אלזא נישט קיין וואונדער, אז ביי אזעלכע בעדינגונגען, ווי די איצטיגע, איז מיסטער קמבוס געדאנק געוועזען פערנומען מיט מעסערס, פיסטאלעטען, קיך־געשיר, מיט א ריהרענדען בריעף צום פראקוראר, אין וועלכען ער איז זיך מודה אויף זיין פערברעכען און בע־שרייבט די סבות, — אין אלגעמיין מיט א שנעלע און ענערגישע רע־טונג פון דעם אלעם, וואס „ער קען שוין מעהר נישט איבערטראגען". דאך, ווען ער האט א ביסעל אונטערגעווארט, איז פון זיין גאנצען כעס נאר געבליבען א מעלאנכאליע. ער איז געגאנגען צו דער חופה אין דעמזעלבען פראק, אין וועלכען ער איז איצט געגאנגען אנגעטהון. ער גע־דענקט נאך די גאלדענע טעג פון זיין חתן־צייט, ווי זיי האבען ביידע צוזאמען שפאצירט אין דעמזעלבען וואלד, די גוטע האפנונגען אויף דער צוקונפט און נאך און נאך. צו וואס האט ער דאס אלץ געברויכט? איז דען די אמת'ע ליעבע טאקי נישט מעהר ווי א נול? און אויב אזוי, צו וואס־זשע לוינט צו לעבען?...

טראכטענדיג וועגען דעם ענין און דערמאהנענדיג זיך וועגען דעם קאנאל, דורך וועלכען ער איז אריבערגעגאנגען אויף דער בריק, האט מיסטער קומב דאך געצווייפעלט אין דער מעגליכקייט צו פערטיפען זיך אין איהם ביז איבער'ן קאפ, זייענדיג אפילו אזוי קליין־געוויקסיג. פונקט אין דער מינוט איז זיין בליק געפאלען אויף א שענע, העל־רויטע ווילדע שוואם, וואס איז געוואקסען נעבען וועג. צום ערשטען האט ער אויף איהר גלאט געקוקט, דערנאך האט ער זיך אבגעשטעלט, האט זיך א ביסעל איבערגעטראכט און אבגעריסען. ווילדע שוואמען ווייסט דאך יעדער, אז זיי זענען שרעקליך גיפטיג... נאר דער האט נאך אויסגע־זעהן בעזונדער מאדנע: א דיקער, א רויטער, א גליטשיגער מיט אזא מין ביטערן ריח...

דער ריח איז פונדעסטוועגען נישט געווען בעזונדער ביטער. שטע־הענדיג אזוי עטליכע סעקונדען, האט מיסטער קומב אבגעבראכען א שטיקעל פון דער ווילדער שוואם, פון אויבען אויף דעם ארט וואו עס איז געווען אבגעבראכען האט עס אויסגעזעהן מילך־ווייס, נאר אין איין מינוט איז עס געווארען געל און באלד דערנאך גרין, — אזא מין ביי־טונג איז אויך א גרויסער בעווייז וועגען איהר גיפטיגקייט... מיסטער

קומב האָט אָבגעבראָכען נאָך צוויי שטיקלעך, כדי זיי צו בעקוקען, זיי זענען מאָדנע געוויקסען — די שוואָמען, האָט ער זיך געטראַכט, און זיי זענען אַלע אַזוי גיפטיג, בעזונדער די! אַזוי פלעגט אימער זאָגען מיסטער קומב׳ס זעליגער פאָטער.

פאַרוואָס זאָל ער זיך טאַקע איצט נישט בעשליסען דערויף? קיין בעסערע געלעגענהייט צו בעשליסען זיך וועט ער שוין געוויס נישט געפינען... מיסטער קומב האָט פּרובירט צו צוקייען אַ שטיקעלע, געוועהנליך זעהר אַ קליינס — צוזאַמען מיט אַ וויין... מ׳שפּירט עס זעהר שטאַרק, אַז עס ווילט זיך אַזש אויסשפּייען, נאָר דער טעם — ניש-קשה, געפּעפּערט אַ ביסעל, ברענענדיג... צוקייענדיג, האָט מיסטער קומב איינגאַנצען אַראָבגעשלונגען דאָס שטיקעל, דערנאָך האָט ער נאָך פּערזוכט... ניש-קשה — גאָר ניש-קשה׳דיג... און דער עיקר — פערנעהמענדיג זיך דערמיט האָט ער גאָר פערגעסען אָן זיינע צרות. קייענדיג אַ שטיקעל נאָך אַ שטיקעל, האָט מיסטער קומב כמעט אויפגעגעסען די גאַנצע שוואָם, נישט-וויסענדיג אַליין וואָס ער טהוט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשפּיעלט מיט׳ן טויט. זיין פּולס האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען שנעלער; אין די שפּיצען פון די פינגער האָט ער דערפיהלט אַ קוריאָזע גליהונג; אין די אויערן האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרק גערויש; די פּנים האָבען זעהר שלעכט געדינט; מיט דער צונג האָט ער אָנגעהויבען צו פּליעטשען ווי אַ שכור.

— אַ טייערע זאַך! — האָט ער אַ געשריי געטהון, זיך וואַקלענדיג אַ ביסעל און ער האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגען, חאָטש נאָך אַ פּיצעלע!

דערזעהענדיג נישט ווייט פון זיך רויטע קעפּלעך פון ווילדע שוואָמען, האָט ער זיך געלאָזט געהן אַהין, נאָר ער האָט אפילו נישט בעוויזען צו דערגעהן נאָהענט צו זיי, ווי ער איז אומגעפאַלען מיט׳ן פּנים אַראָב און ער האָט פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין.

אָבגעלעגען אַזוי, איז ער פונדעסטוועגען נישט לאַנג. קומענדיג צו זיך, האָט ער זיך אויפגעזעצט און ער האָט אויפמערקזאַם אָנגעהויבען אָבצורייניגען דעם הוט, וועלכער איז אַריינגעפאַלען אין דער בלאָטע. דערנאָך האָט ער זיך געריבען דעם שטערן, כדי ער זאָל זיך דערמאָהנען, וואָס עס איז מיט איהם געשעהן. דוכט זיך, אַז ער האָט עפּעס געהאַט אַ צרה. דאַכט זיך, אַז ער האָט דאָרט אין דער היים צוגעטיילט יעדען, בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך געוואָלט מאַכען

לוסטיג ? דאָס הייסט נאַריש ! איצט האָט ער שוין נישט אין זיך קיין פּיצעלע בייזקייט ! ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי לוסטיג, און דאָס וועטער, איז דאַכט זיך, אויך זעהר אַנגענעהם. מיסטער קומב האָט זיך אפילו פּלוצלונג צולאַכט פון פרעהליכקייט, ער וויל שוין מעהר נישט זיין טרויעריג אין שטערען אַנדערע זייער פרעהליכקייט ! אָט וועט ער באַלד געהן אַהיים און וועט זיי אַלע בערוהיגען ! פונדעסטוועגען שאַדט נישט מיטצונעהמען אַ ביסעל ווילדע שוואָמען. זאָל עס זיי אויך וואויל בעקומען ! נאָר עס ווילט זיך עפּעס טרינקען — אין האַלז ברענט עפּעס, נאָר ס'איז גאָרנישט, ער וועט דאָס שוין טהון אין דער היים. אזוי איז ער דאָס געווען אַ נאַר ! צי מעג מען דען שטערען יענעמס פערוויילונג ? און די ווילדע שוואָמען דאַרף מען אַריינלעגען אין די אַרבעל פון פּאַלטאָ. חאַ-חאַ-חאַ-חאַ ! דאָס וועט זיין זעהר פרעהליך ! דעם אַרבעל ווידער דאַרף מען איבערדרעהען מיט דער פּאָטשעווקע אַרויס, אַזוי איז בעקוועמער... און לעכערליכער. איצט — מאַרש אַהיים און מיט געזאַנג !

נאָכדעם ווי מיסטער קומב איז אַוועק פון דער היים, האָט די מיסיס זשעני באַלד אויפגעהערט צו שפּילען, זי האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן געזיכט צום פּובליקום און געזאָגט :

— צוליעב אַזעלכע קלייניגקייטען מאַכט זיך אַזאַ גערויש !

— איצט זעהט איהר שוין, מיסטער קלאַרענס, ווי אַזוי איך לעב, — האָט די מיסיס קומב געזאָגט, ווענדענדיג זיך צום נייעם גאַסט.

— נו, וואָס איז דען ? ער איז טאַקע אַ ביסעל אַ היציגער, דאָס איז נאָך גאָרנישט, — האָט מיסטער קלאַרענס געענטפערט מיט אַ טאָן פון בערוהיגונג.

— איך מיין נישט דאָס, וואָס ער איז אַ היציגער, נאָר וואָס ער פערשטעהט מיך נישט — האָט די מיסיס קומב ווייטער גערעדט — ער האָט נישט אין זינען קיין שום זאַך אַ חוץ זיין געהעלבעל, לאָמיך דאַרפען אַ קאָמפּאַניע, אָדער איך זאָל דאַרפען געלד אויף אָנצוטהון זיך ווי עס געהער צו זיין, אַז איך זאָל האָבען אַ ביסעלע פערווייַלונג און אפילו ווען איך דאַרף גאָר געלד אין שטוב אַריין, אַזוי ווערט באַלד ביי אונז אַ קריעג. ער הויבט באַלד אָן אייַנצוטענה'ן וועגען „שפּאָרזאַמקייט", וועגען „דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און אַזוי ווייטער. איהר מעגט מיר גלויבען, אַז ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט, טראַכטענדיג אַלץ,

ווי אַזוי ער זאָל מיך קענען צוטשניידען אויף אַ פּאָר שילינג! איינמאָל האָט ער געפאָדערט, אַז מיר זאָלען עסען פראַנצויזישע פוטער! אַזוי ווי מיר האָבען אַ נאָט אויף דער וועלט! אפשר זאָל איך איהם שוין טאַקי פאָלגען!

— פערשטעהט זיך! — האָט זשעני צוגעבאַסעוועט.

— אײַב דעם מאַן איז טייער זיין פרוי — האָט מיסטער קלאַרענס געזאָגט — דאַרף ער זיין גרייט צו ברענגען איהר אַלץ פאַר אַ קרבן. נאָר איך — האָט ער צוגעגעבען, ליעגענדיג אומגעוואָרפען אויף אַ זייט פון זיין סאָפע און קוקענדיג אויף זשעני'ן — איך וועל פריהער נישט האָבען די דרייסטקייט חתונה צו האָבען ביז צו דער צייט, ווען איך וועל זיין אימשטאַנד גוט צו בעפריעדיגען מיין פרוי. ווען איך זאָל טהון אַנדערש, וואָלט עס געווען אַ געמיינע איינגעליעבע. דער מאַן דאַרף זיך פריהער אַליין דורכשלאָגען אַ וועג און נישט מיטשלעפּען די פרוי...

— איך בין מיט דעם נישט איינשטימיג, — האָט איהם זשעני איבערגעריסען — פאַרוואָס זאָל זיך טאַקי דער מאַן נישט בענוצען מיט דער הילף פון דער פרוי, אויב ער בעגעהט זיך נאָר מיט איהר ווי עס געהער צו זיין, דערהויפּט דאַרפען מיר...

— איהר וועט נישט גלויבען — האָט איהר די מיסיס קומב איבערגעריסען — וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געווען, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט איהם, כ'האָב שוין, דאַכט זיך, געדאַרפט איהם גוט קענען, ווארום ווען נישט מיין פאָטער, וואָלטען מיר דאָך אפילו נישט געהאַט קיין קאָטש צו פאָהרען צו דער חופה.

— גאָט מיינער! ציי דען האָט ער דאָס אויך נישט געוואָלט בעזאָרגען? — האָט מיסטער קלאַרענס געזאָגט מיט פערדרוס.

— ער זאָגט, אַז ער האָט געדאַרפט דאָס אויף אַ מין סחורה אָדער גלאַט עפּעס אויף אַ נאַרישקייט. יאָ, וואָס נאָך! ער האָט אפילו נישט געוואָלט דינגען קיין דיענערס! דאָס האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטען. ביי אונז קומט יעדעס מאָל אַרויס אַ גאַנצער שטורם צוליעב'ן געלד. ער קומט צו מיר און ברייננט מיר אַזעלכע מיני רעכענקעס, אַז ער וויינט שיער. „מיר וואָלטען געדאַרפט, זאָגט ער, חאָטש נאָר דאָס איינע יאָהר ווי עס איז דורכקומען, וועט זיך דער עסק דערנאָך שוין פערבעסערן". איך האָב זיך שוין צו דעם צוגעוועהנט. איך וויים, זאָג איך, אַז ווי מיר וועלען נאָר דאָס יאָהר ווי עס איז דורכקומען, אַזוי

וועט מען שוין דאָס צווייטע יאָהר אויך דאַרפען אַזוי דורכצוקומען, זאָג איך, אויב אייך ווילט זיך, אַז אייער פרוי זאָל זיך מאָרדעווען מיט פּראָסטע אַרבייט, זאָג איך, האָט איהר געדאַרפט חתונה האָבען מיט אַ שוואַרצע נעגערין און נישט מיט קיין אָרענטליך מיידעל, זאָג איך. איך האָב ביי מיין טאַטישי קיין וועש נישט געוואַשען, זאָג איך...

מיסיס קומב האָט נאָך אויסגערעכענט אַ לאַנגען צעטעל פון דעם זעלבען אינהאַלט און דער שמועס האָט זיך נאָך לאַנג געהאַלטען וועגען די פעהלערען פון איהר מאַן און איהר אונגליקליך מזל, נאָר איבערגעבען וועלען מיר נישט, ווייל פיעל פון אונזערע לעזער זענען געוויס אַליין געווען דער מיטעלפּונקט פון אַזעלכע שמועסען, אָדער צום ווייניגסטען האָבען זיי שוין אַזעלכעס געהערט... גענוג איז דאָס, אַז דער שמועס האָט זיך פערצויגען ביז נאַכט, ווען די מיסיס קומב איז געגאַנגען אויפשטעלען טיי און די מיסיס זשעני האָט זיך דערווייל אין איהר אַבוועזענהייט געזעצט אויף דער זייט פון דער סאָפע, צוזאַמען מיט מיסטער קלאַרענס.

— וואָס האָט זיך מיר עפּעס געדאַכט, ווי מען וואָלט זיך געקושט? — האָט זיך די מיסיס קומב געפרעגט מיט אַ וויץ, אַרייננעהענדיג צוריק אין גאַסט־צימער אַריין.

נאָך דער פּראַזע איז בעשאַפען געוואָרען אַ גאַנצער שמועס וועגען קושען זיך, וואָס האָט זיך פערצויגען איבער דער גאַנצער צייט פון דעם טיי טרינקען, ביז דער צייט, ווען עס האָבען זיך בעוויזען די ערשטע סמנים פון מיסטער קומב'ס צוריקקומען.

די דאָזיגע סימנים זענען בעשטאַנען אין אָנקלאַפּען אין דעם הענדטעל פון די אויסערליכע טהירען.

— דאָס קומט מיין מאַן און מיין הערשער! — האָט געזאָגט די מיסיס קומב. — ער איז אַוועק ווי אַ שרייענדיגער לייב און צוריקגעקומען איז ער געוויס שטיל ווי אַ לעמעלע.

עפּעס אַ זאַך איז אין געוועלב אומגעפאַלען — ווי עס זעהט אויס אַ בענקעל. אַלע האָבען פערהאַלטען דעם אָטעם און האָבען זיך איראָניש איינגעהערט. עס הערען זיך שוין שווערע, נאָר אונזיכערע טריט אין קאָרידאָר; דערנאָך עפענט זיך די טהיר און מיסטער קומב קומט אַריין, נאָר מיסטער קומב איז שוין גאָרנישט דערזעלבער. זיין שטייפער קאָלנער איז דורכגענעצט, איינגערינכט און הענגט; דעם פּאַלטאָ טראָגט ער אויף דער צווייטער זייט און די אַרבעל זענען פול מיט ווילדע

שוואָמען ; די עלבע שוואָמען קוקען אַרויס פון די וועסטעל-קעשענעס און זיי ליגען אַ גאַנצען באַרג אין הוט, וועלכען דער געעהרטער בעל-הבית האַלט אין זיינע הענד. די אַלע לייכטע ענדערונגען אין מיסטער קומב׳ס יום-טוב׳דיגען קאָסטיום, זענען אייגענטליך גאָרנישט אין פערגלייך מיט דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיסטער קומב׳ס געזיכט. ער איז טוידטליך בלאַס ; די אויגען אַרויסגעשטאַרצט, די אַפּלען צושפּרייט און די בלוטלאָזע, כמעט בלויע ליפּען זענען אויסגעקרימט און עפּעס אַזאַ מין שמייכעלע, וואָס איז אַ גרימאַסע.

— ללעב ! — שרייט אויס מיסטער קומב, זייענדיג נאָך אויף דער שוועל און פּרובירענדיג אָנצוהויבען טאַנצען. אַך קלוגע פערוויילונג ! טטטענץ ! אָט !

ער מאַכט עטליכע אונגעלונגענע טריט און ער הויבט זיך אָן צו נויגען פאַר׳ן פּובליקום, האַלטענדיג זיך קוים אויף די פיס.

— דזשים ! — גיט די מיסיס קומב אַ געשריי און מיסטער קלאַרענס איז געבליבען זיצען אַזוי ווי ער איז געזעסען מיט אַן אָפענען מויל.

— ער איז שכור. — זאָגט מיסיס זשעני שטילערהייד, האָטש זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ שרעקליכע בלאַסקייט ביי אַ שיכור׳ן אויפ׳ן געזיכט אָדער אַזעלכע צושפּרייטע אַפּלען.

מיסטער קומב האָט אויסגעצויגען צו קלאַריסען אַ פולע האַנד מיט ווילדע שוואָמען.

— עססססט ! — זאָגט ער — אַ טייערע זאַך !

ער איז, ווי עס זעהט אויס, פרעהליך און ווינשט אַלעמען גוטס. נאָר דערזעהענדיג, ווי יעדערער דערווייטערט זיך פון איהם, בייט ער זיך צום שלעכטען און ער גיעהט איבער אין אַ שרעקליכען כעס אַריין, ווי עס קומט געוועהנליך פאָר ביי די וואָס זענען פערגיפטעט פון געוויקסען. ער האָט זיך געוויס דערמאָהנט די קריגעריי פון אין דער פריה און דערום האָט ער באַלד אָנגעהויבען צו שרייען מיט אַזאַ שרעקליכער שטימע, וואָס מיסיס קומב האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

— ס׳איז מיין שטוב ! איך בין דער בעל-הבית ! עס וואָס מען גיט דיר !

קלאַרענס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען פאַר אַ פּחדן ; אַ קוקטהוענדיג אויף דעם צעווילדעטען בעל-הבית, איז ער אויפגעשפּרונגען און האָט זיך באַהאַלטען נעבען אַ בענקעל. מיסטער קומב האָט איהם אָנגע-

האפט פאר'ן קאלנער און האט איהם אנגעהויבען אריינצופאקען אין מויל אריין ווילדע שוואמען. זשעני און מיסיס קומב זענען מיט א געשריי אנטלאפען דורכ'ן קארידאר אין געוועלב אריין. דער טיש מיט די טייגעשיר זענען אומגעפאלען. מיסטער קלארענס מיט א פיזיאנאמיע, וואס איז געווען איינגעשמירט מיט שוואמען, האט זיך ארויסגעריסען פון קומב'ס הענד, איבערלאזענדיג דעם קאלנער פון זיין מארינארקע און איז אנטלאפען דורך דעמזעלבען קארידאר אין קיך אריין.

ארויסלויפענדיג אין קארידאר האט די מיסיס קומב געשריען: „פערמאכט איהם אין גאסט-צימער", נאר איהר מיטהעלפערין, די מיסיס זשעני, וועלכע האט שוין בעוויזען אריינצוהאפען זיך אין געוועלב אריין, האט פערמאכט די טהיר פון דעם אויבענדערמאהנטען קארידאר, דעריבער האט די מיסיס קומב געמוזט ארויפלויפען איבער די טרעפ אין דער הויך און זיך פערמאכט אין איהר שלאף-צימער.

בלייבענדיג אליין אין דער לאגע און דערזעהענדיג, אז דאס ווייב איז אנטלאפען, האט זיך מיסטער קומב נאך א קליינע בעטראכטונג געלאזט אין קיך אריין, וואו קלארענס האט זיך בעהאלטען, כדי צו פערמאכען דעם בעל הבית פון דער זייט, נאר ער האט אבער נישט געקענט געפינען דעם שליסעל. ווען מיסטער קומב האט זיך דערנעהנטערט, האט זיך קלארענס בעמיהט זיך צו בעהאלטען אין דעם שטובינען קעלער, נאר אזוי ווי פון איהם איז נישט פארהאן נאך קיין ארויסגאנג, איז ער אריינגעפאלען אין פלען. וואס דא איז פארגעקומען — קען מען אקוראט נישט וויסען, ווייל מיסטער קומב געדענקט שוין מעהר נישט און קלארענס מיידט אויס צו שמועסען דערפון. מ'דארף מיינען, אז מיסטער קומב'ן איז איבערגעגאנגען דער כעס און ער האט זיך ווידער פערוואנדעלט אין א גוטען יונג, וואס האט זיך גאר פריינדליך לוסטיג געמאכט איבער קלארענס'ן ער האט, דאכט זיך, געצוואונגען דעם לעצטען, אז ער זאל פערזוכען די ווילדע שוואמען, דערביי האט ער מיט איהם א ביסעל ארומגעהוליעט, געטאנצט. דערנאך האט ער איהם ארומגעוואשען אונטער'ן קראן פון דער וואסער-לייטונג און ער האט איהם אפילו אבגערייניגט דאס פנים מיט דעם פוץ-בערשטעל פון די שיך, און סוף-כל-סוף האט ער איהם ארויסבעגלייט דורך דעם אונטערשטען גאנג. מורא האבענדיג, אז ער זאל נישט נאכאמאל דערבייזערן דעם בעל-הבית, זעהענדיג נאך דערצו די פולע שטעך- און שנייד-אינסטרומענטען, וועלכע זענען געווען אין קיך, האט זיך קלארענס געמוזט נוטמוטיג

אונטערגעבען די אלע אפעראציעס.

ווערענדיג פארטיג מיט קלארענס'ן, האט זיך מיסטער קומב דערמאהנט אין זשעני'ן, וועלכע איז געזעסען פערמאכט אין געוועלב, ווייל דער שליסעל פון דער אויסערליכער טהיר איז געבליבען אין גאסט־צימער. פרובירענדיג פונדעססוועגען אויסצובעכען די טהיר פון קארידאר אין געוועלב אריין, האט מיסטער קומב דאך נישט געקענט ערפילען די אויפגאבע און ער האט געמוזט לאזען זשעני'ן צו רוה אויף א גאנצע נאכט און אזוי אויך זיין פרוי, וועלכע איז געזעסען אין איהר שלאף־צימער.

נאכדעם האט זיך מיסטער קומב געוואלט מאכען זעהר פרעהליך, האט ער זיך ווידער געלאזט אין קיך אריין, וואו ער האט אויסגעטרונקען (אדער ער האט אויסגעגאסען אויפ'ן דעק) פינף פלעשער שטארקען פארטער, וועלכע זענען געווען ספעציעל בעהאלטען פאר די מיסיס קומב, וואס איז געווען שוואך אין געזונד, ווייל מיסטער קומב אליין האט געהערט צו דער געזעלשאפט געגען אלקאהאל. אויפצושטאפען דאס ביער וואלט געווען פאר איהם צו לאנגוויילינ און דעריבער האט מיסטער קומב צווינגענדיג זיך א פאר פרעהליכע לידעליך, אבגעהאקט די העלזער פון די פלעשער מיט דעם טייערסטען געפעס, וועלכע זיין פרוי האט בעקומען אין נדן, און דערביי האט ער זיך שטארק צושניטען די הענד.

וועגען דעם, וואס עס איז וייטער פארגעקומען, פערשוויינט די געשיכטע. מ'ווייסט נאר, אז מיסטער קומב האט פערענדיגט דעם רייכען פארבינגען אווענד אין טיעפען שלאף אין א קעלער פון קויהלען...

איבערזעצט: יוכבד.

משה טײַטש.

אויף אַ קאַלמאַשקע.

(בילדער פון ליטאָ)

ווייניג שהיות האָט גאָט געמאַכט, אַז ער האָט געהאַלטען בײַ דעם שטיקעל ערד, וואו עס ליעגט די צעוואָרפענע, צושטרײַטע ליטאָ. אַזוי ווי כלאחר־יד האָט ער אַ שמיר געטהון אַ טאָל, אַ באַרג, אַ בערגעל, און אין מיטען אַ טײַכעל, און אויבען האָט ער אַ ציה געטהון אַ שטיק פער׳חושכ׳טען צוגעלעגענעם הימעל — אַבי פון דער האַנד אַרויסגעלאָזט, און דאָס איבעריגע — קערעוועט אײַך שוין אַלײן און זאָלען זיך אײַערע פּאָעטען אַנ׳עצה געבען ווי זיי קענען. נאָך ווייניגער אַכט האָבען לײַט געלעגט אויף דער ליטאָ און אַבי זיי האָבען דורכגעלעגט אַ שטיקעל וועג, אַבי זיי האָבען אַוועקגעלאָזט אַ קאַלמאַשקע אויפ׳ן וועג. און וועגען עפּעס בעסערס, בעקוועמליכערעס האָבען זיי אפילו נישט אַ טראַכט געטהון. ווייסט די ליטאָ, אַז זי האָט זיך נישט מיט וואָס אי־בערצונעהמען, פון תרעומות צו גאָט איז נישטאָ וואָס צו רײַדען, ליעגט זי אַ שטילע, אַ פערטרויליכע, אַזוי ווי אַנ׳עלענדע יתומה, אין די אָרעמס פון רער קאַפּריז־פולער נאַטור, ווי איינער זאָגט:

— אַפּריהער דו און נאָכדעם גאָט — דו ביזט מײַן איינציגער פערזאָרגער און טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט.

און די אָרימע ליטווישע נאַטור קערעוועט זיך ווי זי קען: ווינטער טוליעט זי די ערד צו איהר אײַזקאַלטער ברוסט, שוין אמת אַ ביסעלע צו שטאַרק, ווי דאָס וואָלט למשל געווען אַ שטיף־מאַמע, וואָס מיינט כלומרשט נאָר יענעמס טובה, אַזוי אַז עס געהט דורך אַ ציטער דורך דער שטיף־טאָכטערס לײַב, און קוים־קוים וואָס זי חאַפּט אָב איהר פער־גליווערטען אָטעם. זומער בעווײַזט שוין די נאַטור כלומרשט אַ פרײַע־

דע מינע און קוקט אויף איהר צווילינג מיט ליעבליכערע אויגען און ברײנגט איהר אַ מתנה אַ בוקעט פון דראָבנע פעלד־בלומען און גרײט איהר צו אַ סעודה אויפ'ן פעלד, אַזוי ווי אויף אַנ'אָרימע חתונה, קאַרטאָפעל געבראָטענע אויף אַ פײַער, טאַקע דאָ אין פעלד גופא, און גריבע אַרבעס־סטרוטשקעס לרוב, און די אָרימע ליטאָ נעהמט אַלץ אָן פאַר גוט און בע'חנ'ט און בעשײַדען איז איהר שמײַכעל און זי דאַנקט און זי קען זיך נישט אָנדאַנקען פאַר די ליכטיגע טעג און קיהלע נעכט פון דעם זומער. אָבער אין פריהלינג און אין הערבסט עפענט פּלוצלונג די נאַטור אַלע איהרע זאַסטאַווקעס און וואו זי האָט נאָר ערגעץ אַ וואַסער, לאָזט זי איהם אַרויס הוליען אויף דער פרײַער וועלט און עס ווערען פערפלײַצט די גערטנער, די וועגען, דער זאַמד צושווימט זיך אין אַ שיטערער בלאָטע און פאָהרט וואו אַ פוהרעל, קריכען די וועגען ביז איבער דער העלפט אין דער בלאָטע אַרײַן און דאָס פערדעל פּאָכעט מיט זײַנע אײַנגעפאַלענע זײַטען און קען זיך קײַן עצה נישט געבען און עס ווערט איבערגעריסען די בעוועגונג צווישען דאָרף און דערפעל, דאָרף און שטעדטעל. און ווער רעדט אויף אַ בערג פון אַ טײַך אָדער אַ טײַכעל אפילו קענסטו אָבשטעהן טעג און טעג און וועסט זיך אויף דער צווײַטער זײַט נישט קענען אַריבערפעקלען. און פאָלג מיך: ווען די פערפלײַצטע, פערשוואָומענע ליטאָ האָט איהרע חשבונות מיט די בלאָטעס און געוויסען, ריהר זיך דאַמאָלס בעסער ניט אַרויס פון דער היים!

מיר זענען געפאָהרען אויף אַ געדונגענער קאַלמאַשקע, אונזערע דרײַ פּאַרשוין: איך, אַ יונגעל פון פינפטען שיעור אין ראַמאַליעס ישיבה — אויף פּסח אַהיים, אַ הויכער דאַרער יוד מיט אַנ'אונטערגעשוירען בערדעל אין אַ פערשמאַלצענער קאַפּאָטע אויף דעם נײַעם פּאַפּירענעם קראַגען מיט אַ ווײַסען באַלאָווען שלײַפעל, מיט אַ נײַעם קאַפּעליוש אויפ'ן קאָפּ — אַ בדחן, וואָס האָט געדאַרפט נאָך דעמזעלבען טאָג אָנגיהען אין ל א ט י ע ל ע צו אַ רײַכען ישובניק אויף אַ חתונה, וואו ער האָט געדאַרפט בעקומען — האָט ער זיך בערימט — צעהן זילבערנע רובל פאַר בעזעצעניש, און פאַר'ן זאָגען בײַם טיש וועט ער בײַ דער חופה־וועטשערע שטעלען בעזונדער אַ טעלער. דער דריטער פּאַרשוין איז געוועזען אַ ירושלמי, אַ משולח פון אַנ'ארץ־ישראל'דיגער ישיבה מיט לאַנגע געקרײַזעלטע פּאוה און אַ שיטער אַזוי ווי אויסגעצופּט בערדעל, וואָס האָט געהאַלטען אַ גרויסען בלויען שירם אין דער האַנד, האָט אַלע ווײַלע געשמעקט טאַבאַק פון זײַן פירקאַנטיגען פּאַפּירענעם פּאַקעטעל,

האָט געגאָסען און כסדר געשוויגען, ווי איינער זאָגט: מעג זיין וואָס עס איז... איך גיב זיך מיר אַ שמעק טאַבאַק און גיב איך מיר אַ ניס: אַפּטשי! און דאָס איבעריגע — וואָס די צדקה=פּושקע וועט זאָגען.

עס איז געווען אַ וואָך אין ניסן. דאָס יאָהר איז געווען אַן׳עיבור, האָט זיך די זון געאײַלט — שוין אַזוי אויך פערשפּעטיגט — אָברוימען די שיריים פון די אָבגעניצטע ווינטערדיגע בגדים אויף דער וועלט און אַרויפציהען אויף איהר אַן׳אַנדער איבערשלאַג לכבוד יום=טוב. האָט זי געטריבען דעם שניי, ער זאָל מאַכען וואָס גיכער אַ וואַרע און זאָל עפּעס ווערען אַ שטיקעל טאָלק מיט די פעלדער, מיט די וועלדער און מיט דער גאַנצער זינדיגער וועלט. דער שניי האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען — אַ ברירה האָט ער געהאַט — איז ער געפלויגען פייל פון בויגען אינ׳ם געשטאַלט פון אַ שטראָמיגען וואַסער פון וואַלד און באַרג און האָט פערגאָסען וועג און שטעג. אָבער נישט אומעטום. וואו ער האָט נאָר געהאַט אַ מקום=מקלט אין די גריבער און אין די שאָטענס, וואו די זון האָט קיין צוטריט נישט געהאַט, איז ער געלעגען אַזוי ווי אַן׳אופאַר אַ פּעראַייזטער, אַ צובלויטער, ווי איינער זאָגט: און ביז מיר עפּעס! און עס האָט געהאַט אַ פּנים — אויף לײַטיש געלעכטער! ווי שמוציג=ווייסע לאַטעס אויף אַ שוואַרצען בגד. און אין דער לופטען זענען געפלויגען די פרייע פּאַטריאָטען פון די ליטווישע וועלדער, די פויגעל, מיט אַ ליאַרם, אַ געפילדער, ווי פון עפּעס אַ גוטען יריד, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָ די גרעסטע מציאות איינגעהאַנדעלט... אָבער דער וועג איז געווען — אמת׳ע קאַטאָרגע.

פון וואָקזאַל זענען מיר אַרויסגעפאָהרען איינס נאָך האַלבען טאָג. ביי אַ גוטען וועג זענען מיר אין וואַראָנע אַ זייגער זעקס און אין לאַטיעלע זיעבען. דער וועג איז אָבער דאָ און דאָרט געווען דורכגעריסען, די בריקלעך אַראָבגעטראָגען, די קלענסטע טייכלעך און ריינעס, וואָס זומער האָבען זיי דרך=ארץ פאַר דער קלענסטער אָנצוהערעניש פון דער זון, זענען געוואָרען גאַנצע יאַ=טעביע=דאַמ׳ס, און ווער רעדט נאָך ביים אויסמיידען זיך, ווען מען האָט געדאַרפט אַראָבפאָהרען חאָטש אויף אַ שפּאַן פון שליאַך אַראָב, האָט עס געצויגען אַלץ טיעפער אין דער בלאָטע אַריין, ווי אַ קליפּה רחמנא=לצלן. הייַנט געה שריי: קאַראַאול!

— חאָטש אויף דער חתונה נישט פערשפּעטיגען! — האָט זיך געבעטען ביי עמיצען דער בדחן, אַזוי ווי ביי אַ גזלן, צורעכטמאַכענדיג

זײַן באַלאָווע שניפּסעל און אַרומווישענדיג דעם נײַעם קאַפּעליש מיט׳ן פערשמאָלצענעם אַרבּעל.

— אַבּי אַ שנאַפּס זאָל נישט פעהלען! — האָט געזאָגט דער בעל־עגלה און האָט אַ שמועס געטהון מיט׳ן פערדעל מכוח:

— נאָ, פאַדלע מײַנע, נאָ!

אָבער דער מכוח האָט וועניג געהאָלפען. אויף וויפיעל דאָס אויג האָט געקענט פערחאַפּען, האָט די בלאָטע געבלישטשעט, ווי אַ חאַליעווע פון אַ שטיוועל, וואָס מען האָט נאַר־וואָס אויסגעשמירט און מען האָט איהם אַרויסגעשטעלט אויף דער זון צום טריקענען. דער ווינד איז געשווינד אומגעפלויגען דאָ און דאָרטען, אַזוי ווי מען וואָלט איהם בעצאָהלט דערפאַר, און האָט געטריקענט דעם וועג.

— ווען איהר פאָהרט מיט אײנע צוויי־דרײַ טעג שפּעטער, וואָלט איהר דאָך געפאָהרען ווי די גראַפען — זאָגט דער בעל־עגלה.

אַ חכם אַ יוד. זיצט מען און מען שווײַגט אַ שעה און צוויי און דרײַ. מען וועט זיך נאָך אָנרײַדען: דער וועג ציהט זיך ווי דער יודישער גלות.

— וואַ — איז אַרויס דער שווײַגענדיגער משולח מיט׳ן לשון — שטעלט אָב דאָס פערד.

מהיכי־תיתי, אָבגעשטעלט דאָס פערד, דער משולח איז אַרויסגעקראָכען פון דער קאַלמאַשקע, האָט זיך אײַנגעבויגען, אַ שמיר געטהון די הענד אין אַ שיטערער בלאָטקע און האָט אָנגעהויבען:

— נ־נ־נאַ, אשרי יושבי ביתך...

דער בדחן האָט זיך, ווײַזט אויס, מתקנא געווען אָן דעם משולח, וואָס האָט זיך ענדליך אויסגעפונען אַ שטיקעל צײַט־פערטרײַב און האָט גענומען אוגטערברומען אונטער דער נאָז אַ ליעד פון אליקום צונזערס ליעדער. וואָס מיר געהערט, בין איך פערזאָרגט געווען מיט אַ מלאכה אויפ׳ן גאַנצען וועג. אַלס דער יונגסטער אויף דער קאַלמאַשקע, וואָס איך האָב פערנומען דעם שמאָלען פאַסיקעל אָרט צווישען די איבעריגע צוויי פאַרשוינען און האָב שוין עטליכע מאָל אײַנגעשלעפערט אַ פוס, האָב איך געהאַלטען אין אײַן „פּערוואָיעווען״ עפּעס אַ בעסערע פּאָזיציע אויף דער שטרויענער „סעדזעניע״.

מיר זענען דורכגעפאָהרען דערפער, דערפלעך, הינד האָבען געבילען, העהנער האָבען זיך נאָך היהנער געיאָגט, חזירים זענען אָבגעקומען זייער גן־עדן אויף דער וועלט, פויערים האָבען זייערע הענד אָנגע־

שטעלט איבער די אויגען: וואָס זענען דאָס פאַר אַזעלכע? די אַלטע בעקאַנטע אונציילטיגע פּײַזאַשען, גאָט האָט מיט דעם אונערפאַהרענעם פענזעל אין די יונגע יאָהרען זײַנע כחות געפּרובט...

די זון האָט זיך דערווײַל מישב געווען, אַז מאָרגען איז אויך אַ טאָג בײַ גאָט, האָט זי זיך גענומען אַראָבזעצען נידעריגער, דער ווינד האָט חרטה געהאַט אויפ'ן גאַנצען געשעפט — צו וואָס לוינט דאָס איהם — און איז אַוועק שלאָפען.

דער משולח האָט שוין לאַנג זײַן מנחה אָבגעדאַווענט. דער בעל-עגלה האָט ווידער אַרויסגענומען זײַן הילצערנע טאַבאַק-פושקע מיט די ביבאָלע-פּאַפּיר און האָט גענומען צונויפדרעהען אַ פּאַפּיראָס, האָט דער משולח אויך אַרויסגענומען זײַנע שמעק-טאַבאַק און האָט מכבד געווען זײַנע נאָזלעכער מיט אַ שענער פאָרציע יעדערע בעזונדער, קײַנע נישט גע'עול'ט.

— אַפּטשי! אַפּטשי! וויפיעל האָבען מיר נאָך ביז וואָראָנע?

אָנשטאָט אַנ'ענטפער, נעהמט דער בעל-עגלה אַרויס פונ'ם שטרוי אַ פּעקעל אין אַ רויטער פאַטשײַלקע אײַנגעוויקעלט און הויבט אָן פּאַמעליך אויפצופּאַקען: אַ האַלבען לאַבען קאָרענע ברויט, עטליכע געבראָטענע קאַרטאָפּעל, אַ זויערע אוגערקע און פון חאַליעווע ציהט ער אַרויס אַ קוואַטירעל 57_0^0-ער.

— לחיים, יודען!

עס איז שוין געווען פינסטערליך, אַז מיר זענען פאַרבײַגעפאָהרען אַ מאָהילניק, דערנאָך אַ גרעבליע און מיר זענען ענדליך געקומען אין וואָראָנע.

דאָ האָט מען זיך געמוזט אַ ביסעלע אָברוהען, עפּיס איבערכאַפּען, און די „פערדלע", — זאָגט דער בעל-עגלה — וויל אויך אַ ביסעל סעטשקע.

אויפגענומען האָט מען אונז ווי געווינשטע געסט:

— אורחים!

דער קרעטשמער האָט פאַר אונז אויסגערעדט זײַן גאַנץ האַרץ:

— זינט ער האָט דאָ געהאַט צו קויפען עטליכע טעפּ אין אַ דערפעל, קען ער זיך פון אָרט נישט ריהרען — אַ שפּאַס די בלאָטעס!

— אונזערע בלאָטעס דאַרפט איהר וויסען — האָט ער מיט גדלות געזאָגט — האָבען אַ שם אין דער וועלט.

און ער דערצעהלט אונז אַ לאַנגע מעשה, ווי אַזוי דאָס דערבײַאיגע

שטעדטעל האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געדונגען אויף ימים-נוראים אַ חזן, וואָס האָט געדאַרפט דורכפאָהרען דורך וואַראָנע.

— און אין וואַראָנע, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי אונז שבת און יום-טוב אַ מנין, טאַקי דאָ אין קרעטשמע. האָבען זיך אָבער עטליכע ישובניקעס מישב געווען, אַז זיי פאָהרען אויך אין שטעדטעל הערען דעם חזן.

— ס'טייטש יודען, איהר צושלאָגט דאָך אַ מנין!

זאָגען זיי:

— איהר וועט דאַוונען מיט אַ צירוף.

וואו אַ צירוף? אַז עס זענען געווען געצעהלטע צעהן מענשען. אָבער וואָס, ווען? זיי ווילען ניט הערען. צוויי דאַוונער האָבען פערנומען ווייב און קינדער און — האָבען זיך אפילו נישט געזעגענט, איז אָבער געווען אַ טאַטע און שיקט אונז צו צוויי אָרימעלייט אויף יום-טוב, איז דאָך שוין דאַכט זיך גוט. הערט זשע ווייטער. זענען מיט אַמאָל געוואָרען די וועטערן שלעכט און שלעכט און ערגער, דאָס טייכעל האָט זיך צוגאָסען, אַז עס איז נישט מעגליך געווען אריבערצופאָהרען. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז צוויי טעג פאַר יום-טוב, עס גיסט און עס פליוכעט פון אין דער פריה ביז ביינאַכט. און מיט אַמאָל — מזל-טוב! עפּעס אַ יוד אָנגעפאָהרען מיט אַ פּאָר יונגליך.

— דער חזן מיט די משוררים?

אודאי.

אַ שענער יוד מיט אַ ברייטען קאַרק און אַ האַלז זעהט זיך אָן — אַ כלי. ווערט אַ רייד וועגען פאָהרען ווייטער. אָט — טראַכטען מיר — וועלען דאָס דאַרטען אונזערע הנאה האָבען! — געווען אַ גוי און נאָך איינעם — וואו? סכנות-נפשות, קיינער וויל זיך נישט איינשטעלען אריבערצופאָהרען דאָס טייכעל. וואַרט ער נאָך אַ טאָג, ווערט ערב יום-טוב, דער רעגען האָט זיך נאָך געשטאַרקט. דער חזן קוקט אין הימעל אַריין, ווי אַן'אָבגעמשפּט'ער. דערווייל האַלט שוין ביי מעריב. מילא, צו מעריב טשעפּעט איהם קיינער נישט, מען זעהט בחוש, אַז דאָס האַרץ איז איהם פערביטערט. אָבער אויף מאָרגען, ווי עס איז נאָר געקומען צו „המלך", טראָגט איהם אונטער דער שמש אַ קיטעל:

— אַזוי און אַזוי, רב חזן, דער עולם בעט, וויזט עפּעס פיינקייט.

— מילא-מילא, צייט וואַראָנע איז וואַראָנע... נאָך יום-טוב

קומען אונזערע ישובניקעס אהײם, שעמען זיך די אויגען צו װײַזען.

— אַ, װאָס װעט איהר עפּעס זאָגען גוטס?

— מילא, װאָס װערט דערפון? אפשר װאָלט מען זיך שוין װײַטער געלאָזט? — דערמאָהנט דער בדחן.

— אודאי װעט מען פאָהרען. אין אָנדערטהאַלבען־צװײ שעה אַרום זענען מיר אין לאַטיטשעװע.

דער בדחן האָט אַרױסגענומען אַ קלײן שפּיגעלע, האָט פערריכט דאָס שניפּסעל, האָט נאָכאַמאָל אַ רײַב געטהון דעם קאַפּעליש מיט'ן אַרבעל, האָט אַ דרעה געטהון אַ װאָנסע.

— נו, געגאַנגען.

און געהענדיג, האָט ער זיך בעצײַטענס גענומען מסדר זײַן אויפ'ן קול און מיט אַ ניגון:

אַזוי װי אַ שענע װאָזאָנע

האָסטו געבליהט און געבליהט און געבליהט...

עס איז שוין געװען נאַכט, אָבער לעטיטשעװע איז געװען נישט װײַט — אַ פּאָר װיאָרסט.

מיר האָט דערעסען מלחמה צו האַלטען פאַר'ן זינדיגען שטיקעל אָרט צװישען די צװײ פאַרשױנען, האָב איך זיך געזעצט מיט'ן בעל־עגלה אויפ'ן פאָדערשטען ברעטעל.

עס האָט װידער געבלאָזען אַ װינד, אָבער שוין אַן'אַנדערער, אַ קאַלטער, אַ פראָסטיגער. דער עולם האָט זיך אײַנגעדרעהט אין די פלאַשטשען און האָבען געשװיגען, װי אײנער זאָגט: לאָמיר זעהען אויף טשיקאַװעס מיט װאָס דאָס װעט זיך אויסלאָזען. דער בעל־עגלה אויפ'ן פאָדערשטען ברעטעל האָט גענומען דרעמלען — 57־גער איז נישט קײן װאַסער. — און די פאַרשױנען זענען איבערגעבליבען אויף גאָטס בעראָט און דער פאַדלע'ס יושר. און אַזוי בײַ אַ שעה און אפשר מעהר.

איך, װאָס בין געװען אַ ביסעל בעקאַנט מיט'ן װעג, גיב זיך פלוצלונג אַ כאַפּ און עס איז מיר קשה: װי קומט אַהער אַ װאַלד?

— רב בערעל — װעק איך דעם בעל־עגלה — עפּעס געפעלט מיר נישט דער װאַלד.

גיט ער זיך אַ כאַפּ פון שלאָף:

— אודאי, װאו קומט אַהער אַ װאַלד? די פאַדלע מײַנע האָט מיר שוין װידער אָבגעטהון.

— נאַ, פערדעל, נאַ — גיט ער אַ שמיץ דעם פערד איבער

די אויסגעדאַרטע ביינער.

— וואָס, פערבלאָנדזשעט? — גיט זיך אַ חאַפּ דער בדחן נישט מויט נישט לעבעדיג. — אוי־וואַ, דאַרט געהט מען שוין געווים צו דער חופּה.

— נישקשה — מאַכט דער בעל־עגלה אַ פרעהליכע מינע — אבי מיר וועלען אָנציהען צו דער חופּה־וועטשערע.

דורכגעפאָהרען דאָס וועלדעל, האָט זיך דער בעל־עגלה אַ חאַפּ געטהון:

— איך קען שווערען, אַז דאָס איז פאַרט אונזער וועג.

אָבער זיין רוהיגקייט איז באַלד ווידער פערשוואונדען.

— וואָס פאַר אַ פּאָהבעל... דאָס שטיקעל וועג האָבען מיר שוין לאַנג געלאָזען הינטער זיך.

און טאַקי אַזוי: נאָך אַ האַלבע שעה פאָהרען זענען מיר ווידער געווען אין וואַראָנע, ביי דער קרעטשמע, וואו עס איז שוין געשטאַנען אַ צווייטע קאַלמאַשקע.

— אַ קרעטשמע טאָר מען נישט אויסמיידען, דאָס איז אַ כלל — זאָגט דער בעל־עגלה — און מיר געהען ווידער אריין אין דער קרעטשמע.

אריינגעגאַנגען, האָבען מיר געפונען די בעל־הבית'טע שטעהט מיט פערקאַשערטע אַרבעל און זעצט גרויסע לאַבענס ברויט אין אויווען, ביים טיש זיצען אַ פּאָר אורחים און דער בעל־הבית דערצעהלט:

— געקומען צו „המלך", געהט צו איהם צו אונזער שמש:

— אַזוי און אַזוי, פּאַניע חזן...

דאָס האָט דער קרעטשמער ווי'ער איבערדערצעהלט — ווער ווייסט צום וויפיעלסטען מאָל פאַר די עטליכע יאָהר — דעם גם פון די גרויסע בלאָטעס אין וואַראָנע.

י. בלײַכער.

שטערן און מענשען.

אַ שטערן גלאַנצט בעת זײַן פאַל
מעהר ווי אין לאַנגען לויכטען;
מיר אָטמען מיט די גרעסטע קוואַל
ביים צוג לעצט אויסגעהויכטען.

— דאָך ווערט די זעל אויפשטײַגען גיך,
דער שטערן פאַלט אַנידער;
אויך — יעדער שטערן איז פאַר זיך,
מיר אָבער זענען ברידער...

אַך, ווי אַ שטערן זײַן וויל איך
צו לויכטען אין מײַן פאַלען;
אָ, לאָזט מיר, לאָזט מיר זײַן פאַר זיך
אין זעליגקײַט און קוואַלען!

מ. ברכהן.

* *
*

נִיט וועק ! —
מִיט איין פון דיינע קלאַנגען,
מִיט דיין פליגעל־קוֹל;
נִיט וועק, נִיט וועק
די ווייטע, ווייטע טעג...

נִיט ריהר! —
מִיט איינס פון דיינע אויגען,
מִיט דיין הימעל־בליק;
נִיט ריהר, נִיט ריהר
מיין יוגענד־שמערץ אין מיר. —

נִיטאָ! —
נִיטאָ פאַר אונזער פריהלינג,
נִיטאָ קיין „צווייטעס מאָל";
נִיטאָ, נִיטאָ
די אָבגעלעבטע שעה...

דער וועג,
וואָס איינמאָל דורכגעגאַנגען,
ער פיהרט שוין נִיט צוריק;
דער וועג, דער וועג
ער פיהרט צום צווייטען ברעג!... —

(פאָרטזעצונג פון 34-טען העפט)

פ אַ ו ס ט (ערשטוינט, מיט שרעק)

ניִשט דיִר?
טאָ וועמען?
איִך, דאָס עבּענבּיִלד פון גאָט,
גלײַך דיִר אפילו ניִשט! (מיִט קלאַפּט איִן טיִר)
מײַן גאָט! ס'איִז מײַן בּעהע[illegible]ער — כ'ווייס — ס'איִז ער!
עס וועט מײַן שענסטעס גליִק פערוועהען,
עס וועט דער גײַסט פאַר איהם זיִך שייען,
און דורך דעם קריִכער דאָ ניִשט ווערען מעהר.

(וואַגנער איִן שלאָפראָק און נאַכט-מיִץ מיִט אַ לאָמפּ איִן האַנד, טרעט אַרײַן, פאַוסט קעהרט זיִך אָב אומצופריִעדען).

וו אַ ג נ ע ר.

פערצײַהט, איִך הער אײַך דעקלאַמיִרען
אַ גריִכיִשע טראַגעדיע, וויִ מיִר שײַנט;
איִך וואָלט געלוסט דערפון וואָס פראָפּיִטיִרען,
דיִ קונסט קען פיִלעס אויפטהאָן הײַנט.
איִך ווייס אַ ווערטל אַ בּעקאַנטען:
אַ פּאַסטאָר מעג זיִך לערנען בּײַ דיִ קאָמעדיאַנטען.

פ אַ ו ס ט.

ווער רעדט נאָך, ווען עס איִז דער פּאַסטאָר נאָר
אַ שטיִקעל קאָמעדיאַנט, וויִ סקומט ניִט זעלטען פאָר.

וו אַ ג נ ע ר.

אַך! לעבּט מען איִן פיִער וועַנד דיִ יאָהרען אָב
און זעהט דיִ וועלט קוים אײַנמאָל איִן אַ שמיטה,
פון ווײַטען נאָר, וויִ דורך אַ טעלעסקאָפּ.

ווי האָט מען איבער מענשען דאַן אַ שליטה ?

פ אַ ו ס ט .

איהר וועט קיינמאָל צו דעם נישט קומען ,
אויב וואָס איהר רעדט איז נישט פון זעעל געפיהלט ;
קוים האָט איהר נישט די הערצער איינגענומען ,
מיט ליעבשאַפט זיי בעצוואונגען מילד .
זיטצט וואו איהר זיצט ! פון פרעמדע טעלער
גיסט אַלץ צונויף און מאַכט אייך אַ געריכט ;
דעם בערגעל אַש צובלאָזט אייך העלער ,
עס וועט געניעגען אייך זיין ליכט .
פון קינדער און וואָס שוואַך בייס זינען
וועט איהר בעוואונדערט ווערען גלייך ,
דאָך האָפט נישט הערצער צו געווינען ,
אויב נישט פון הארצען קומט ביי אייך .

וו אַ ג נ ע ר .

ס׳גליקט נאָך זיין דרשה נאָך דעם רעדנער דאָך ;
נאָר כ׳פיהל , אַז כ׳בין ווייט הינטערשטעליג נאָך .

פ אַ ו ס ט .

דאָס אמת׳ע זוך און געפין !
שאַל נישט מיט גלעקלעך פון פאַיאַץ .
פאַרהאַן פערשטאַנד און קלאָהרע זין ,
איז גוט מיט וועניג קונסט דער זאַץ .
און ווילסטו אויף ריכטיג וואָס זאָגען
בעדאַרפסט דיך דען נאָך ווערטער יאָגען ?
אַך , פון די דרשות שעהן פערפאַסט ,
וואָס הילכען פון טעאַטער־ברעטער
ווערט קאַלט דאָס האַרץ ווי ווען עס רעשט
הערבסט־צייט דער ווינד דורך דאַרע בלעטער !

וואַגנער.

מײַן גאָט! ס׳האָט קונסט קײַן ברעג
און קורץ איז אונזער לעבען;
מיט קריטיזירען אָבגעגעבען,
ווי קרענקט דער קאָפּ און ס׳הארץ מיר גאַנצע טעג.
ווי קומען שווער די מיטלען אָן,
וואָס העלפען אונז אַ תּיך דערגרייכען.
האָסט קוים העלפט אַרבייט אָבגעטהאָן
קומט שוין דער טויט זיין האַנד דיר רייכען,

פאוסט.

ווערט פון׳ם פּאַרמעט דען אַ לעבענס-קוואל זיך גיסען
און שטילען ווערט דיין דאָרשט פון איהם אַ שלוק?
ניין, קיינמאָל ווערסט נישט פרייד געניסען
קוים שלאָגט זי נישט פון זעעל מיט יעדען אָטהעם-צוג!

וואַגנער.

פערצייהט! ס׳קען פרייד אונז געבען
אין גייסט פון אַלטערצייט זיך איינצולעבען,
צו זעהן ווי האָט אַ חכם דאָן געטראַכט
און ווי מיר האָבען יעצט אַלץ וויים געבראַכט.

פאוסט.

יאָ יאָ, ביז צו די הימלען וויים!
מיין פריינד, די צייט פון דער פערגאַנגענהייט
איז אונז אַ בוך מיט זיעבען זיעגלען;
וואָס איהר רופט אין דעם גייסט פון צייט,
איז בלויז דער גייסט פון יענע לייט,
וואָס שרייבען, כדי די צייט אייך אָבצושפּיעגלען.
אַן אומעטהה וועהט פון אַל די רייד!

ביים ערשטען בליק געלוסט מען זיי אויסמיידען.
אַ הויפען מיסט, אַן אַלטווארג-קליים,
און קעניגס, העלדען-טהאַטען שיידען.
מיט הויכע ווערטער זעהט איהר זיי אויפטרעטען,
גוט צוגעפאַסטע צו די מאַריאָנעטען.

ו אַ ג נ ע ר.

די וועלט אָבער! דעם מענשענס האַרץ און גייסט!
ס'גלוסט יעדער דאָך פון אַלעם דעם וואָס וויסען.

פ אַ ו ס ט.

וואָס הייסט עס וויסען דען, צוערשט בעווייזט!
ווער קען איהם געבען דען אַ נאָמען אַ געוויסען?
די פאַר, וואָס האָבען זיך מיט דעם בעקענט
און האָבען נישט געוואוסט ווי זייער האַרץ צו שטילען,
און צום המון געערעדט פון וויסען און פון פיהלען.
האָט מען פון אויבין אָן געקרייציגט און געבריענט.
איך בעט אייך, פריינד, עס איז שוין שפעט אין נאַכט,
מיר וועלען דאָס מאָל מוזען זיך גיך שיידען.

ו אַ ג נ ע ר.

און איך וואָלט גערן לענגער נאָך געוואַכט
כדי מעהר מיט אייך פון אַלעם דעם צו ריידען.
דאָך מאָרגען איז דער ערשטער פסח-טאָג
כ'וועל דאַן דאָס יענעם פרעגען, אויב איך מאָג.
מיט פלייס שטודיר איך שוין פון פיעלע יאָהר;
איך ווייס אַ סך, דאָך וויל איך וויסען גאָר.

(ג ע ה ט אָ ב)

(פ אָ ר ט ז ע צ ו נ ג ק ו מ ט)

פֿאַוסט אויף יודיש.

ס'איז צוגעקומען אַ הונדערט פּערזען אין דער יודישער ליטעראַטור. פערשטעהט זיך, אַז מ'האָט זיי ניט בעמערקט: טויזענדער פּערזען ערשײַנען יעדען טאָג און קײנער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. אָבער די צוגעקומענע הונדערט פּערזען זענען געטהע'ס; זיי גיבען איבער צום ערשטען מאָל פאַוסט'ן אויף יודיש, — און דאָס איז שוין גאָר אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. צו זיי זענען גוט, צו שלעכט, זיי מוז מען בעמערקען, ווײַל די איבערזעצונג פון פאַוסט איז אין יעדער ליטעראַטור אַן ערשט-קלאַסישע ערשײַנונג.

קײנע פון די נײַעסטע ליטעראַטורען קאָן זיך ניט רעכנען פאַר פאָלקאָם, אויב זי בעזיצט ניט איהר פאַוסט, ווײַל פאַוסט איז דאָס גרעסטע, טיעפסטע און פערענדיגסטע ווערק, סײַ לויט דעם אינהאַלט, סײַ לויט דער פאָרם, וועלכע די וועלט-ליטעראַטור האָט ווען בעשאַפען.

געטהע, וועלכער קאָן דינען פאַר אַ סימבאָל פון אַ פאָלקאָמען, פערענדיגטען פּאָעט מיט גאָט'ס גנאַדען, איז אַלײן אויסגעוואַקסען אויף זײַן פאַוסט, און דאָסזעלבע קאָן מען זאָגען וועגען יעדען ליטעראַטור: זי מוז דערוואַקסען ביז פאַוסט'ן, כדי דערנאָך צו וואַקסען אויף איהם, אָננעהמענדיג זיך פון איהם די טיעפקײַט פון געדאַנק, די ברײטקײַט פון די פּראָבלעמען און די פאָלקאָמענהײַט פון דער פאָרם.

און אין דעם זינן קאָן פאַוסט דינען פאַר אַ פּראַקטיגען פּראָבע-שטײן פאַר יעדער יונגער ליטעראַטור: לויט דעם ווי פאַוסט ווערט איבערגעגעבען אין אַ געוויסער שפּראַך קאָן מען אורטײלען דעם גראַד פון טיעפקײַט און די רײַכקײַט אין פאָרם, וועלכע איהר ליטעראַטור האָט דערגרײכט.

דערפאַר האָט יעדער מאָדערנע ליטעראַטור פיעל איבערזעצונגען פון פאַוסט. די רוסישע ליטעראַטור אַלײן האָט אין משך פון דעם 19-טען יאָהרהונדערט געגעבען ניט ווענינער ווי זעקס בעוואוסטע איבערזעצונגען פון פאַוסט אין פּערזען און פּראָזע. יעדער נײַע עפּאָכע אין דער ליטעראַטור נוצט אויס איהרע עשירות אין דענקען און פאָרמען, כדי וואָס נעהנטער איבערצוגעבען פאַוסט'ן אַזוי ווי ער איז בעשאַפען געוואָרען פון געטהע.

דערפאַר איז יעדע איבערזעצונג פון פאַוסט אַן ערשײַנונג, בעזונדערס אין אונזער יונגער ליטעראַטור, וואו זי איז די ערשטע.

און דערפאַר מוז די קריטיק פון אַזאַ איבערזעצונג זײַן זעהר אַ שטרענגע, ווײַל ניט וועגען דער פאָרם אָדער אינהאַלט פון ווערק קאָן זיך דאָ האַנדלען, נור וועגען דעם אויף וויפיעל נאָהענט דעם איבערזעצער האָט זיך אײַנגעגעבען צוצוגעהן צום אָריגינאַל, צו האָט ער ריכטיג איבערגעגעבען אַלע זײַנע געדאַנקען, צו האָט ער אײַנגעהאַלטען דעם נאַטירליכען קלאַנג און ריטם פון דעם ווערק, צו האָט ער ניט אָבגעוואָרפען געטהע'ס אַן'אויסדרוק אָדער אַ שורה, און צו האָט זיך איהם ניט פערוואָלט קאָריגירען געטהע'ן, אויסטײַטשענדיג, וואָללגאַריזירענדיג דעם שעפער פון פאַוסט און אַרײַנלעגענדיג איהם אין מייל ווערטער, וועלכע געטהע האָט ניט געקאָנט, אָדער ניט

געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען.

פאַוסט איז ניט קיין ליאַדע ווערק, וועלכע מ'קאָן איבערזעצען אַבי ווי, נור כדי יוצא זיין פאַר'ן ארויסגעבער. דאָס מוז געדענקען יעדער ווער עס נעהמט זיך פאַר פאַוסט'ן. איבערזעצען מוז מען איהם מיט אַ מין הייליגקייטס-געפיהל, געדענקענדיג, אַז יעדעס וואָרט האָט זיין אָרט און זיין ווערד, און אָהן דער עקסטער נויטווענדיגקייט וועט אַנדערש ווערט די איבערזעצונג ווערען אונפערשטענדליך אָדער וועט אָנ-הויבען קלינגען צו פרעמד, קאָן מען זיך ערלויבען אַ קליינע ענדערונג אין וואָרט און אָרט.

דער ה' בלייבער, וועלכער האָט אָנגעהויבען אין 32-טען נומער פון די „אייראָפּעאישע ליטעראַטור" צו געבען די איבערזעצונג פון פאַוסט האָט בעוויזען, אַז אין אַלגעמיין איז ער פעהיג צו אַן ערנסטער איבערזעצונג און האָט זיך בעצויגען ערנסט צו דער איבערזעצונג. ערנסט, אָבער דאָך ניט גענוג ערנסט.

געטהע'ס פּאָעטישע הקדמה און דער „פאָרשפּיעל" אין וועלכען ער מאַכט קלאָר וואָס ער וויל געבען אין פאַוסט, — אַ זאַך, וועלכע איז פאַר דעם יודישען לעזער נויטיג אין העכסטען גראַד, — איז אינגאַנצען אָהן אַנ'ערקלערונג ארויסגעלאָזען. די איבערזעצונג הויבט זיך אָן גלייך פון פראָלאָג.

אָבער שוין אין דער ערשטער שורה בעגעגנען מיר אַנ'אונאַנגענעהמע „אויס-טייטשונג".

געטהע שטעלט אַזוי פאַר די סצענע: דער הער, די הימלישע חילות, דערנאָך מעפיסטאָפעל.

ה' בלייבער'ן איז דאָס ניט גענוג קלאָר, און ער זעצט איבער: גאָט, מלאכים שרפים (?), נאָכהער מעפיסטאָפעלעס.

צו וואָס ניט פערגינען געטהע'ן זיינע „הימלישע חילות" מיט'ן „הער", וועלכע זענען דאָך זיך גאַנץ קלאָר, און פערטייטשען זיי מיט די אונגוויטיגע מלאכים, שרפים א. ז. וו? און צו וואָס איז דער דייטשער „נאָכהער מעפיסטאָפעלעס", אַז „דערנאָך מרפיסטאָפעל" איז ניט ווייניגער קלאָר?

דאָס זענען פערשטעהט זיך קלייניגקייטען. האַראַקטעריסטישע, וועלכע בעווייזען אַ געוויסע נאַכלעסיגקייט, וועלכע טאָר בשום אופן ניט ערלויבט ווערען ביי אַזאַ ערנסטער זאַך, ווי די איבערזעצונג פון פאַוסט.

ערגער איז, וואָס אַזעלכע נאַכלעסיגקייטען, וועלכע מ'וואָלט לייכט געקאָנט בעזייטיגען בעגעגענען זיך זעהר אָפט אין דער איבערזעצונג גופא

אין 12-טען פערז פערביים געטהע „די גן-עדן העלקייט" מיט „דער טיעפער ציטערדיגער נאַכט". ה' בלייבער, וועלכער וואָלט גאַנץ בעקוועם געקאָנט באַזאָגען געטהע'ן וויל איהם אויסטייטשען. ער פערוואַנדעלט די „ציטערדיגע" (ניט צי-טערענדע) אין אַ „מורא'דיגע" און טרעפט מיט'ן פינגער אין הימעל, ווייל געטהע גיט אונז דאָ אַ בילדליכע פאָרשטעלונג (די נאַכט ציטערט, הוידעט זיך רוהיג) און ה' בלייבער לעגט אין איהר אַריין אַ שרעק, אַמורא ׳ קיינער ווייס ניט פאַר וואָס און פאַר וועמען.

אָדער אַזאַ זאַך: געטהע זאָגט (פּערז 25—26): „דײַן (גאָטס) אויסזעהן שטאַרקט דײַנע מלאכים, אָבוואויל ס'בעגרײַפט דיך קײנער ניט". ה' בלײַכער'ן געפעלט דאָס ניט, און ער נוצט די מלאכים צו זאָגען: מיט איהר (מיט דער זונן!) דערקוויקען זיך מלאכים, אָבוואויל ס'ווייס קײנער ניט איהר חק.

מעפיסטאָפעל זאָגט בײַ געטהע'ן: „האָסט ווידער, הערר, געלאָזט זיך זעהן" שטעלט דער איבערזעצער אַרײַן „הער דער וועלט" — דײַטשמעריש און לחלוטין איבעריג.

גאָט זאָגט [פּ. 51—53], דו האָסט מיר מעהר ניט וואָס צו זאָגען? קומסט נור שטענדיג זיך קלאָגען? איז אויף דער ערד דיר אייביג גאָרניט רעכט?"

מאַכט דער איבערזעצער איבער: „האָסט ניט אַנדערש וואָס צו זאָגען, ווי נאָר אויף מענשען [?] זיך בעקלאָגען? געפינסט אויף דר'ערד קײן זאַך ניט עכט[?]-„אויף מענשען" זענען דאָ גאַנץ איבעריג, און „עכט" אַבסאָליוט ניט ריכטיג.

מעפיסטאָפעל ענטפערט: „נײן, הער, כ'געפין דאָרט אַלץ ווי שטענדיג הערצליך-שלעכט, עס טהוט מיר לייד אויף די מענשליכע צרות און איך אַלײן דאַרף זיי אפילו ניט פּלאָגען." דער געדאַנק איז דאָ פאָלקאָם קלאָר. געפעלט ער אָבער ניט דעם איבערזעצער און ער מאַכט איבער: „נײן אַלץ איז דאָרט ווי תמיד שלעכט, איך האָב אויף מענשען יעצט אַ יאַמער [?], איך האָב קײן לוסט זיי פּלאָגען, אָנטהון יאַמער[!?]"

און ס'בעקומט זיך אַ געשמאַקלאָזער, שלעכט-קלינגענדער אונזינן..

אָדער אַזאַ זאַך. גאָט זאָגט וועגען מענשען [פּ. 68] „ווען ר'וועט מיר טרײַ זײַן אין זײַן בלאָנזשען, וועל איך איהם פיהרען אין דער קלאָרהײַט". ה' בלײַכער מאַכט איבער די בעדינגונגס-פאָרם אין אַ פּאָזיטיווער, דאָרט וואו ס'איז אַבסאָליוט ניט נויטיג און בײַט די שאַטירונג און דעם זינן פון דעם אויסדרוק, און זײַן איבערזעצונג קומט אוים: „ער דיענט מיר טרײַ שוין אין זײַן בלאָנזשען, ער וועט געפונען וואָס ער זוכט"

געטהע זאָגט [פּ. 81]: פאַר אַ בר-מנן בין איך ניטאָ צו הויז". פערטײַטשט דאָס ה' בלײַכער: פאַר אַ בר-מנן געפין מיך ניט [ווער?] אין הויז", און פערטײַטשט שלעכט, ווײַל ס'בעקומט זיך אַנ'אונפערשטענדליכע פראַזע אָנשטאָט געטהע'ס קלאָרען אויסדרוק.

מעפיסטאָפעל שטעלט אַ בעדינגונג [פּ. 92]: אויב ס'וועט מיר געלינגען". דער איבערזעצער מאַכט דערפון אַ זיכערהײַט: דאָך וועט מיר געלינגען".

מעפיסטאָפעל זאָגט [פּ. 95] ווי מײַן מומע, די בעריהמטע שלאַנג", מאַכט דער איבערזעצער איבער „ווי יענע קרובה מײַנס די שלאַנג".

גאָט ערלויבט מעפיסטאָפעל'ן: „דו מעגסט בײַ מיר דאָ פרײַ ערשײַנען", דערבאַרימט זיך ה' בלײַכער אויפ'ן שטן: „דו מעגסט דעם אָרט דאָ פרײַ בעוואוינען", —אָבער ס'איז דאָך דאָ עפּעס אַ שטיקעל אונטערשיעד צווישען ערשײַנען צו גאַסט און בעוואוינען מעשה בעל-הבית?.

איך וועל דורכלאָזען נאָך צעהנדליגער אַזעלכע נאַכלעסיגקײַטען, וואו די פערבײַטונג פון געטהע'ס בעגריף דורך אַ ניט-געלונגענער אויסטײַטשונג שטאַמט ניט פון דער שווערקײַט צו פערשטעהן דעם אויסדרוק, ניט פון דער פאָדערונג ס'זאָל זיך גראַמען, נור גלאַט פון אַנ'אונערלויבטער נאַכלעסיגקײַט. איך וועל נור נאָך ברענגען אײַן בײַשפּיעל, וועלכער ווײַזט צו וואָס די נאַכלעסיגקײַט ברענגט דעם איבערזעצער.

גאָט זאָגט בײַ געטהע׳ן [פּ. 102]: איך גיעב איהם [דעם מענשען] גערן פאַר אַ חבר צו דעם טײַוועל וועלכער ווירקט און רייצט, און מוז דאָך שאַפען"

דער איבערזעצער איז ווי ס׳ווײַזט אויס אונצופריעדען מיט׳ן טײַוועל און „פּער ריבט" געטהע׳ן: דרום גיעב איך איהם אַ חבר צו, דער טײַוועל ווירקט און שאַפט ניט [?] בלויז, נור פטר׳ט [!?]". דער זינן פון זאַץ איז אינגאַנצען אַ פערקעהרטער. פון וואַנען האָט איהם דער איבערזעצער בעקומען?

— פון נאַכלעסיגקײַט.

זעהר פּאָעטיש קלינגט בײַם ה׳ בלײַכער דער פערז 105: „פריידט אײַך די שענהייט שטראַלט ניט מינדער [?]" אָנשטאָט געטהע׳ס „צו אײַנפאַכען און ניט קלאָרען" אויסדרוק: דערפרעהט אײַך מיט דער לעבענס-רײַכער שענהייט"...

אין אײַניגע פאַלען קאָן זיך דער איבערזעצער פערגעטפערען: ער דערלאָזט אַנ׳אונזין צוליעב דעם גראַם. נור ערשטענס קאָן קײן אונזין צוליעב קײן זאַך דערלאָזען ווערען, און צוליעב׳ן גראַם ווענינער פאַר אַלץ. דער איבערזעצער איז אונז מחויב בענוי איבערצוגעבען דעם אינהאַלט פון יעדער פראַזע, ער מוז אײַנהאַלטען דעם נאַטירליכען ריטהם, וועלכער איז פאַר יעדער פראַזע דאָסועלבע וואָס דער טאָן פאַר דער מוזיק. גראַמען — דאָס איז שוין אַ זײַטיגע זאַך. גראַמען זענען אַנ׳אָרנאַמענט אַרום דעם בילד, וועלכע ערקלערען ניט און פערשטאַרקען ניט אַ בילד, גראַמען זענען ניט קײן קונסט-ווערק, נור אַ קונצ-שטיק פון דעם אויטאָר, און אַזוי ווי דער איבערזעצער קאָן אונז סײַ ווי קײנמאָל ניט איבערגעבען דעם אויטאָר׳ס גראַמען און מוז צוטראַכטען אײַגענע, קאָן מען איהם די גראַמען גאָר אין גאַנצען מוחל זײַן: בעזונדערט אין דעם פאַל, ווען דער איבערזעצער פערדרעהט דעם אינהאַלט, און גיט צו צוליעב דעם גראַם אײַגענע ווערטער, וועלכע בײַטען איבער דעם בעגריף, וועלכען דער אויטאָר האָט געוואָלט אויסדריקען.

די מלאָכים זאָגען למשל: „און אַלע דײַנע גרויסע ווערק זענען העררליך ווי אין ערשטען טאָג". דער איבערזעצער שטעלט אַרײַן: גאָטס גרויסע ווערק איז פול מיט שבחים". פון וואַנען האָבען זיך אַהער גענומען די „שבחים"; אײַנפאַך אַלס גראַם צו „מלאָכים"..

מכאל זאָגט וועגען דעם שטורמדיגען ים: „זיי [די שטורעמס] בילדען בזוזענדיג אַ קייט פון טיעפסטע ווירקונגען אַרום". דער איבערזעצער מאַכט איבער: „און נאָכאַנאַנד דורך זייער צאָרן געוועלטיגט איבעראַל אַ שרעק". דער „צאָרן" מיט׳ן „שרעק" זענען ספּעציעל צוגעטראַכט אַלס גראַם צום „ברעג,"

אָדער אַזאַ זאַך. מעפיסטאָפעל האַראַקטעריזירט דעם מענשען [פּ. 39—40]:

„דער קלײַנער גאָט פון דר׳ערד בלײַבט אַלץ פון זעלבען שניט
און וואונדערליך פערבלײַבט ער ווי דעם ערשטען טאָג"
מאַכט דאָס דער איבערזעצער איבער:
דער קעניג פון נאַטור טראָגט אַלץ די זעלבע פלאָג [?]
אַמאָדנע בריאה הײַנט גראָד ווי אין ערשטען טאָג".

שוין ניט רײדען וועגען דעם וואָס דעם איבערזעצערס פאַר פערזען קלינגען וואולגאַר סײַ לויט׳ן אינהאַלט, סײַ לויט דער פאָרם, גיעבען זיי אײַנפאַך ניט ריכטיג ריבער דעם געדאַנק. „פון זעלבען שניט" [שטײַגער] „און די זעלבע פלאָג" זענען פּויט ניט אײנע און דיזעלבע זאַכען. ס׳איז קלאָר אַז די פלאָג איז ספּעציעל ערפונדען

געוואָרען אַלס גראַם צום „טאָג“

אין איין אָרט הייסט דער איבערזעצער מעפיסטאָפעל'ן זיך „א ו י ף מ ע נ ש ע ן“ צו בעקלאָגען, [פ. 52] אין אַנ'אַנדערן אָרט „דאָרט און קוואָרט“ ביי איהם דער מענש. אין אַ דריטען אָרט [פ' 76] לעגט ער אָנשטאָט גאָט פאָר דעם שטן "פּרוב איהם, הייס איהם", און דאָס אַלץ איז גאָר ביי געטהע'ן ניטאָ, און איז אַריינגעשטעלט ווי אַנ'אַרבעט אין וואַנד נור צוליעב דעם גראַם. און האָטש דעם איבערזעצער גיעט זיך איין דורך אַזעלכע מיטלען אויסצוהאַלטען דעם גראַם אין דער גאַנצער איבערזעצונג, בלייבט אָבער דאָך אַ גרויסער ספק, צי ס'וואָלט ניט בעסער געווען, ווען דער איבערזעצער בעגעהט זיך גאָר אָהן גראַמען, מיט ווייסע פערזען.

צום שלום נאָך אַ בעמערקונג וועגען אַ טעות, וועלכער איז אפשר וויכטיגער פון אַלע אַנדערע.

געטהע איז אויסגעוואַקסען אויף פאַוסטען און האָט אין איהם אַריינגעלעגט ניט נור זיין פּאָעטישען נור אויך זיין פילאָזאָפישען דענקען; זיין גאָט דענקט דעריבער אַזוי ווי ס'האָט געדענקט דער גרעסטער פילאָזאָף פון יענער צייט, קאַנט, דורכגעלעבט מיט געטהע'ס פאַנטאַזיע, אַל-פערגעטערנדען געדאַנק. און אַזוי ווי ק אַ נ ט, טיילט ער אָב דאָס, וואָס האַלט אין וועלט, די אונבעגרענצטע מ ע ג ל י כ ק ייט, פון דער בעגרענצטער פעראיינצעלטער ע ר ש יי נ ו נ ג, וועלכע ווערט בעפעסטיגט און בעקומט אַנ'אייביגען ווערט נור מיט דער הילף פון דעם מענשליכען געדאַנק.

געטהע'ס גאָט זאָגט דעריבער צו די מענשען:

„דאָס ו ו ע ר ד ע נ ד ע, וואָס ווירקט אייביג און ל ע ב ט
זאָל אייך בעוועבען מיט דער ווייכער נעץ פון ליעבע
און דאָס וואָס שוועבט אין שוואַנקענדער ע ר ש יי נ ו נ ג
בעפעסטיגט מיט דעם דויערנדען געדאַנק.

דער איבערזעצער האָט פון די שענע און זעלטען טיעפע שירות געמאַכט אַזאַ באַנאַליטעט: די מ אַ כ ט ו ו אַ ס ש אַ פ ט [?] וואָס ווירקט און ש ט ר ע ב ט [וואוהין?]
זאָל געבען ליעבע אייך און קר ע פ ט ע ן [?]
און וואָס אין ב י ל ד [?] ניט זיכער שוועבט
זאָלט איהר עס דורך געדאַנק ב ע ה ע פ ט ע ן“ [מיטוועמען?]

הייסט דאָס, אַז זיין איבערזעצונג טויג אויף גאָרניט? בעשטימט ניין. וועניגסטענס אַ העלפט פון דער איבערזעצונג איז אַזוי גוט און נאָהענט צום אָריגינאַל ווי נור מעגליך. פון דער איבעריגער העלפט וואָלט אויך די גרעסטע טייל געווען גוט ווען ניט די נאַכלעסיגקייט. אויב דער איבערזעצער וועט זיך מעהר דורכדרינגען מיט'ן געדאַנק וועגען דער טיעפער ערנסטקייט פון דער אַרבייט וואָס ער טהוט און וועט זיך אָבזאָגען פון דער אומזיסטיגער יאָגעניש נאָכ'ן גראַם, וועלכען ער ברענגט פאַר אַ קרבן דעם ריטם און דעם געדאַנק פון געטהע'ס פערזען, קאָנען מיר האָפען אַז די ערשטע איבערזעצונג פון פאַוסט אויף יודיש וועט זיין אויך די בעסטע.

מ. ב—ץ

Ред. Изд. Я. ЛИДСКIЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшова Ул. Сѣраковская № 4.

אײראָפּעאישע ליטעראַטור

די ליעבע נאָכ'ן טויט.

די ליעבע איז שטאַרקער ווי דער טויט, האָט געזאָגט שלמה המלך. יאָ, איהר געהײמע מאַכט איז אָהן אַ גרעניץ.

דאָס איז געווען אין אַ געוויסען פאַרנאַכט אין אַ הערבסט=טאָג אין פּאַריז. צו דער טונקעלער פאָרשטאָדט סען=זשערמען זענען געפאָהרען שורות עקיפּאַזשען מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, נאָך אַ שעה שפּאַ=ציער אין בולאָנער וואַלד. אײנער פון זײ האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן גאַנעק פון אַ גרויסאַרטיג אַריסטאָקראַטיש הויז, וועלכעס איז געשטאַנען אין מיטען אַנ'אַלטען שענעם גאָרטען; איבער דער אַרקאַדע איז געווען אויסגעמאָהלט אַ פאַנצער מיט'ן הערב פון דער גרעפליכער פאַמיליע ד' אַטאָל: אַ לויטערער גרונד פון אַ רײנעם הימעל=קאָליר מיט אַ זיל=בערנעם שטערן אין מיטען און אַ פירשטען=קרוין אַרומגעזוימט מיט בלו=מען. די שווערע טהירען האָבען זיך ברײט אויפגעפּראַלט און אַ מאַן פון אַ יאָהר דרײַסיג — פינף=און=דרײַסיג, אין טרויער, מיט אַ טויט=בלאַסען פּנים, איז אַרויסגעגאַנגען פון עקיפּאַזש. אויפ'ן גאַנעק זענען געשטאַנען אומעטיגע, שווײַגענדיגע לאַקײַען און געהאַלטען פאַקעלן. ײַשט בעמערקענדיג זײ, איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ און אַרײַנ=געגאַנגען. דאָס איז געווען גראַף ד' אַטאָל.

וואַקלענדיג זיך אויף די פיס, איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף די ווײַ=סע מאַרמאָרנע טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט אין יענעם צימער, וואו ער האָט נאָך אין דער פריה אַרײַנגעלעגט אין אַ סאַמעטענער טרומנע און בעדעקט מיט פיאַלקעס זײַן הערצליך=געליעבטע, בלאַסע, טויטע וויערא, זײַן גאַנץ לעבען, זײַן טיעפען שמערץ, זײַן פערצווײַפלונג.

אויפ'ן ערשטען שטאָק האָט זיך אַ שטילע טהיר געעפענט; ער האָט אויפגעדעקט דעם פאָרהאַנג.

אלע זאכען זענען געווען אויף דעמזעלבען ארט, וואו נעכטען האט זיי די גרעפין איבערגעלאזט. דער פלוצלינגער טויט האט איהם אזוי ווי א דונער געטראפען. פאריגע נאכט איז זיין געליעבטע געבליעבען אהן כוח אין זיינע הייסע צערטליכקייטען, און איהרע קרעפטען זענען אזוי אויסגעגאנגען פאר מתיקות און ליידענשאפט אין זיינע ארעמס, אז איהר הארץ האט נישט מעהר אויסגעהאלטען און האט געפלאצט פון איבערפלוס פון ליעבשאפט און גענום: איהרע ליפען האבען זיך פלוצלונג פערטונקעלט מיט א טויטליכען פורפור-קאליר. זי האט קוים אוספעיעט געבען איהר מאן א געזעגנונגס-קוש, מיט א לעצטען שמייכעל, נישט קענענדיג ארויסרעדען קיין איין ווארט; און באלד האבען זיך איהרע לאנגע ברעמען אראבגעלאזט אזוי ווי א טרויער-שלייער אויף דער שענער נאכט פון איהרע אויגען.

עס איז אוועקגעגאנגען א טאג, וועלכער האט פאר איהם קיין נאמען נישט געהאט. ארום מיטאג האט גראף ד' אטיל, נאך דער שרעקליכער צערעמאניע אין דעם פאמיליען-קבר, אוועקגעשיקט פון בית עולם די טרויעריגע און פינסטערע פראצעסיע, בלייבענדיג אליין מיט דער בעגראבענער צווישען די פיער מארמארנע ווענד פון דעם קברים-סקלעפ, האט ער פערמאכט הינטער זיך די אייזערנע טהיר פון דעם אהל.

פערטיעפט אין געדאנקען, פול מיט א געפיהל פון א האפנונגס-לאזע צערטליכקייט, איז דער גראף דארט געבליבען, שטעהענדיג, א גאנצען טאג. ארום זעקס דעם זייגער פארנאכט, אין דער אבענד-דעמערונג, האט ער פערלאזען דאס הייליגע ארט. פערמאכענדיג דעם אהל, האט ער ארויסגענומען פון שלאס א זילבערנעם שליסעל און איז ארויפגעגאנגען ביז'ן לעצטען טרעפיל פון שוועל, דארט האט ער גענומען דעם שליסעל און איהם אריינגעווארפ׳ן אין אהל אריין דורך דער עפנונג, וואס איז געווען אויבען. — פארוואס האט ער דאס געטהון?... מסתמא ווייל ער האט אין הארצען בעשלאסען מעהר אהער נישט צו קומען קיינמאל.

און איצט האט ער ווידער דערזעהן דעם פער'אלמנ'טען צימער.

דאס פענסטער, אונטער ברייטע קאשמיר-פארהאנגען מיט גאלד פערזוימט, איז געווען אפען. דער לעצטער אבענד-שטראהל האט בעלויכטען דעם גרויסען פארטרעט פון דער פערשטארבענער, וואס איז געווען איינגעפאסט אין א ראהם פון אלטע טייערע שניצערי. דער גראף

האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און האָט דערזעהן: דאָס קלייד, וואָס זי האָט נעכטען אַנידערגעלעגט אויפ'ן שטוהל; אויפ'ן קאַמין איהר ציהרונג: אַ בריליאַנטענער האַלזבאַנד, אַ האַלב-פערמאַכטער פעכער, פלאַקאָנען מיט פערפום, וועלכען זי וועט שוין מעהר אין זיך נישט איינאָטמען. אויפ'ן בעט פון שוואַרצען עבענהאָלץ, וועלכעס איז געבליבען נישט פערבעט, ביים קישען, אויף וועלכער ס'איז נאָך געוועזען צו בעמערקען צווישען די פיינע קאָראַנקעס, סימנים פון דעם שענעם, פערגעטערטען קאָפּ, — האָט ער דערזעהן דאָס טיכעל בעפאַרבט מיט טראָפּענס בלוט, דאָס לעצטע בלוט, אין וועלכען עס האָבען געצאַפּעלט פאַר'ן טויט די פליגלען פון איהר יונגער זעעלע. ער האָט דערזעהן די אָפענע פּיאַנינע, וועלכע האָט פערבאָרגען אין זיך אויף אייביג די נישט-פערענדיגטע מעלאָדיע; די אינדישע בלומען, וואָס זי האָט אָבגעריסען אין אָראַנזשעריע, און וועלכע זענען אָבגעשטאָרבען אין אַלטע, טייערע וואַזען; און צופיסענס פון איהר בעט, אויף אַ שוואַרצען פוטערנעם דיוואַן, איהרע קליינע פּאַנטאָפעל פון אָריענטאַלישען סאַמעט; נאָך נעכטען אין דער פריה האָבען די נאַקעטע פיס פון דער געליעבטער אין זיי געוויילט, און די שוואַנען-פעדערן האָבען זיי נאָך געקושט אויף יעדען טריט! און דאָרט, דאָרט אין שאָטען, — דער זייגער, וואָס ער האָט צובראָכען זיין ספּרענזינע, כדי ער זאָל מעהר קיין אַנדערע שעה'ן נישט שלאָגען!

אַזוי, זי איז אַוועקגעגאַנגען... וואוהין?... זאָל ער ערשט לעבען? צו וואָס?... דאָס איז געוועזען אונמעגליך, נישט עהרליך.

און דער גראַף האָט זיך פערבלאָנדזשעט אין אונבעקאַנטע געדאַנקען.

ער האָט איצט געטראַכט וועגען זיין גאַנצען פאָריגען לעבען. — זעקס חדשים זענען אַריבער זינט זיי האָבען חתונה געהאַט. ער דערמאָהנט זיך דאָס אַזוי ווי ערשט, דאָס איז געוועזען אין אויסלאַנד, אויף אַ באַל ביי אַ געוויסען באָטשאַפטער, דאָרט האָט ער דערזעהען וויערא'ן צום ערשטען מאָל. יענער אויגענבליק איז לעבעדיג געוואָרען און זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגען. אין יענעם אָווענד האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט. זיי האָבען מודה געוועזען איינער דעם אַנדערן, פערשטאַנען איינער דעם צווייטען, געפיהלט אין די טיעפסטע ווינקעלעך פון זייער זעעלע, פון זייער האַרץ, אַז זיי זענען — נאָהענט איינס צום אַנדערן, אַז זיי דאַרפען ליעב האָבען איינער דעם אַנדערן — אייביג.

די פאַלשע אָנצוהערענישען, דאָס טײַטלען מיט די פינגער, דאָס מענשליכע געריעד און אַלע שוועריגקײַטען, וואָס די וועלט שטעלט אין וועג די וואָס געהערן אײנער צום אַנדערן, כדי אויפצוהאַלטען און אָבצוּלענען אויף שפּעטער זײער אמת'ן גליק, זענען פערשוואונדען געוואָרען פאַר דעם רוהיגען און פעסטען צוטרוי פון אײנעם צום אַנדערן, וואָס האָט זײ אַרומגענומען אין אײן אויגענבליק.

ווערא, וועלכע איז מיד געוואָרען פון די פער'צבוע'טע בעדינגונגען פון איהר ספערע, איז באַלד, אָנשטויסענדיג זיך אָן די ערשטע שוועריגקײַטען גלײַך געגאַנגען צו איהם און האָט מיט אַזאַ פעסטען געהויבענעם און מאַיעסטעטישען שריט אָבגעשײַרט פון וועג אַלע געוואָהנטע פוסטע און אָבגעשמאַקטע נוסחאות, אין וועלכע עס געהט פערלאָרען די טײַערע צײַט פון לעבען.

און אַלע פוסטע קלאַנגען, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אויף זײער רעכנונג דאָס גלײַכגילטיגע פובליקום, האָבען באַלד בײַ די ערשטע ווערטער, וואָס זײ האָבען איבערגעוועקסעלט, געקריגען בײַ זײ א צורה פון א מחנה נאַכט-פויגעל, וואָס ווערען אין דער פינסטער פערשוואונדען! מיט וואָס פאַר א שמײכעל האָבען זײ זיך אײנער מיט'ן אַנדערן פערשטענדיגט! מיט וואָס פאַר אַנ'אויסדריקליכע צערטליכקײַט!

דעם אמת זאָגענדיג, זענען זײערע הערצער, זײערע זעעלען, געװען פון די זעלטענסטע און אונגעוועהנליכסטע! — דאָס זענען געווען צווײ נפשות, וואָס זענען בעגאַבט געוואָרען מיט א וואונדערבאַרען שאַרפען חוש צו פיהלען, אָבער נאָר ערדישע געפיהלען. די דאָזיגע געפיהלען האָבען זײ אינגאַנצען אײַנגעשלונגען און איבערלעבענדיג זײ האָבען זײ זיך אָן זיך אַלײן פערגעסען. דערפאַר אָבער זענען געוויסע אידעען, די אידעע פון דער זעעלע, צום בײַשפיעל, פון אונענדליכקײַט, אפילו די אידעע פון גאָטהײַט, זענען געוועזן אַזוי ווי פרעמד פאַר זײער פערשטאַנד. דער גלויבען פון דאָס רוב מענשען אין איבערנאַטירליכע זאַכען איז געוועזן בײַ זײ נישט מעהר ווי אַנ'אונפערשטענדליכער געגענשטאַנד, אַנ'ענין וואָס מ'דאַרף זיך אויף איהם וואונדערן, א בעהאַלטענער סוד, אין וועלכען זײ האָבען נישט אַרײַנגעקלערט, ווײַל זײ האָבען נישט געהאַט די מעגליכקײַט נישט אָבצוואַרפען, נישט אָנצונעהמען איהם. און דעריבער, ווײַל זײ האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, אַז די וועלט איז פרעמד פאַר זײ, האָבען זײ זיך באַלד נאָך זײער חתונה דערווײַטערט, אין דעם אַלטען און אָבגעזונדערטען הויז, וואו דאָס רוישען פון גאָרטען

האָט געליִנדערט די מהומה פון נאַכט.

דאָרט זענען בײדע געליִעבטע פערטריִנקען געוואָרען אין דעם אָקעאַן פון איינשלעפּערנדע, בערוישענדע און איינוויִעגענדע הנאות, אין וועלכע דער גייסט מישט זיך אויס מיט'ן געהיימנים פון קערפּער. זיי האָבען אויסגענייגט ביז'ן דנאָ דעם גאַנצען כוח פון פערלאַנגען, פון חשק, אַלע צאַפּלונגען פון דעם גלוסטענדען פלייש, אַלע אונגעוועהנליכע, כמעט נישט־נאַטירליכע ליִעבקאָזונגען. יעדער פון זיי איז געוואָרען אַ לעבענסצאַפּעל, אַ לעבענס־נערוו פון צווייטען, און זיי איז אַזוי שטאַרק דער גייסט דורכגעדרונגען דעם קערפּער, אַז די פאָרמען, די שטריכען פון זייער קערפּער, האָבען זיי אויסגעוויזען ווי בעגייסטערט, און די קושען האָבען אַזוי ווי פייערדיגע רינגען פון אַ קייט זיי געשמידט און צונויפגעגאָסען אין אַן אונצערייסבאַרער צוזאַמענשמעלצונג. אַ לאַנגער צויבער! אַ לאַנגע פאַנטאַזיע וועלכע איז צו ווירקליכקייט געוואָרען! און פּלוצלונג איז דער צויבער פערשוואונדען; אַ שרעקליכער טראַף האָט זיי צוריסען, זייערע הענד האָבען זיך אָבגעלאָזט. וואָס פאַר אַ שאָטען האָט פון איהם צוגענומען די טייערע פערשטאָרבענע? פערשטאָרבענע! ניין, שטאַרבט דען דער גייסט פון דעם וויאָלאָנטשעלי אין דעם זיפץ פון דער פּלאַצענדער סטרונע?

שעה'ן זענען אַריבער.

ער האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער אין דער נאַכט אַריין, וועלכע האָט ערשט געקעניגט אין די הימלען, און די נאַכט האָט זיך פאַר איהם פאָרגעשטעלט ווי לעבעדיג, — זי האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, ווי אַ קעניגין, וואָס בלאָנדזשעט אַרום מעלאַנכאָליש אין גלות, און דער איינזאַמער שטערן ווענעראַ, וועלכער האָט געבלישטשעט איבער די בוימער, זיך פערליערענדיג אין דעם הימלישען לאַזור־תהום, — האָט איהם אויסגעוויזען ווי אַ בריליאַנטענע שפּילקע פון איהר טרויער־קלייד.

„דאָס איז ווענעראַ" איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק.

ביי דעם נאָמען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין דער שטיל, האָט ער אַ צאַפּעל געטהון, אַזוי ווי אַ מענש, וואָס חאַפּט זיך אויף, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

אַלע זאַכען וואָס זענען געשטאַנען אין צימער, זענען ערשט, ווען די נאַכט איז צוגעטרעטען, געוועזען בעלויכטען מיט'ן ליכט פון דער מנורה, וועלכע איז געהאַנגען פאַר'ן הייליגען בילד און האָט געוואָרפען אַ בלויען שיין אויף דער פינסטערניש. זי האָט אויך אויסגעזעהן ווי אַ שטערן אין דער פינסטערער נאַכט.

דער גראַף האָט זיך אַרום געקוקט אויף אַלע זייטען און געריהרט ביז אין די טיעפסטע ערטער פון זיין הארצען, איז ער פּלוצלינג צוגעגאַנגען צום הייליגען פייער, איהם אויסגעלאָשען און אין דער פינסטער האָט ער דערטאַפּט דאָס שנירעל פון גלעקיל און אָנגעקלונגען.

עס איז אַריינגעקומען דער דינער; דאָס איז געווען אַן'אַלטער מאַן געקליידעט אין שוואַרצען; ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ לאָמפּ און האָט זי אַנידערגעשטעלט פאַר דער גרעפינ'ס פּאָרטרעט. אַז ער האָט זיך אומגעדרעהט האָט ער מיט אַ שוידער פון אַן'אַבערגלויביגען שרעק דערזעהען, ווי זיין הער שטעהט און שמייכעלט, פּונקט ווי עס וואָלט אין זיין לעבען קיין זאַך נישט פּאַסירט.

— ריימאָנד, — האָט דער גראַף געזאָגט מיט אַ רוהיגער שטימע, — היינט אין אָווענד זענען מיר זעהר מיעד, איך און די גרעפין; דו זאָלסט דערלאַנגען דאָס אַבענד-עסען צעהן דעם ווינער. מיר האָבען בעשלאָסען נאָכמעהר ווי פריהער צו לעבען אָבגעזונדערט אין דעם שלאָס פון דעם מאָרגענדיגען טאָג אָן. קיינער פון מיינע דינער אויסער דיר, זאָל נישט בלייבען די נאַכט אין דעם הויז. די זאָלסט זיי אויסצאָהלען זייער פּענסיע פאַר דריי יאָהר און זאָלען זיי אווּעקגעהן. דערנאָך זאָלסטו פערמאַכען די טהיר אויפ'ן ריגעל; זאָלסט אָנצינדען ליכט אונטען אין עס-צימער; פאַר אונז וועט גענוג זיין דיין בעדינונג. פון היינט אָן וועלען מיר קיינעם נישט עמפּפאַנגען.

דער אַלטער האָט געציטערט און האָט זיך מיט פאָרשענדע בליקען איינגעקוקט אויפ'ן גראַף.

דער גראַף האָט פערראויכערט אַ ציגאַר און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען.

אין אָנהויב האָט דער אַלטער דינער געמיינט, אַז דאָס שרעקליכע אומגליק, דער צו שווערער עגמת נפש און פערצווייפלונג האָט צורודערט דעם פערשטאַנד פון זיין בעל הבית. ער האָט געקענט דעם גראַף פון קינדהייט אָן, ער האָט גלייך פערשטאַנען, אַז מען טאָר איהם ערשט נישט איבערשפּאַרען, ווייל דער שטוים פון אַ צו געשווינדען אויפהאַפּנע

זיך פון אַזאַ טראַגיש-פאַנטאַסטישען חלום קען איהם אינגאַנצען איבערפיהרען. זיין ערשטע פפליכט איז געווען איצט — צו היטען אַזאַ סוד.

ער האָט אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ. וואָס טהוט מען ערשט? נעהמען אונטערטעניג אַנ'אַנטייל אין דער פיינער און ערהאַבענער אילוזיע? אונטערגעבען זיך?... ווייטער בעדינען זיי ביידע, און דעם טויט גאָרנישט נעהמען אין חשבון? וואָס פאַר אַ ווילדער רעיון!... ווער דען אַזאַ געדאַנק זיך האַלטען איין נאַכט?... מאָרגען, מאָרגען, אוי!... און ווער ווייסט?... אפשר!... נאָר יעדענפאַלס איז דאָס אַ הייליגער איינפאַל! — וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער אַריינצוקלעהרען?...

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, פּינקטליך אויסגעפיהרט די בעפעהלען און פון יענעם אָווענד אָן האָט זיך אָנגעהויבען פאַר'ן גראַף אַנ'אונגעוועהנליכע עקזיסטענץ.

מ'האָט בעדאַרפט בעשאַפען אַ שרעקליכען מיראַזש, אַ צויבערקרייז.

די שוועריגקייטען און אונבעקוועמליכקייטען פון די ערשטע טעג איז זעהר שנעל פערשוואונדען געוואָרען. ריימאָנד'ן איז אַזוי גוט געלונגען אין אָנהויב מיט אַ געוויסער פרעמדקייט און אונפערשטענדליכקייט, דערנאָך מיט רחמנות און צערטליכקייט, — צו זיין גאַנץ נאַטירליך אין זיין איצטיגער אויפגאַבע, אַז עס זענען נאָך נישט אַוועק קיין דריי וואָכען און ער האָט שוין אָנגעהויבען זיך אַליין אָבצונאַרען, זיך אַליין איינצושמועסען. אַלע געגען-געדאַנקען זענען בלאַס געוואָרען. צייטענווייז האָט ער געשפירט אַזוי ווי דער קאָפּ דרעהט זיך איהם און דאַן האָט ער געמוזט זאָגען צו זיך אַליין, אַז די גרעפין איז ווירקליך געשטאָרבען.

ער האָט זיך איבערגעגעבען דער דאָזיגער טרויעריגער שפּיעל און יעדען אויגענבליק האָט ער פערגעסען אָן דער ווירקליכקייט. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער שוין געדאַרפט האָבען עפּעס מעהר ווי אַ פּראָסטע איבערלעגונג, אַז ער זאָל זיך דערמאָהנען, וואו ער איז אין דער וועלט.

ער האָט גאַנץ גוט געזעהען, אַז סוף-כל-סוף וועט ער זיך אינגאַנצען איבערגעבען דעם שרעקליכען מאַגנעטיזם, וועלכען דער גראַף האָט אַריינגעלאָזען אין דער גאַנצער אַרומיגער אַטמאָספערא. איהם האָט געשווינדערט, אַ שרעק איז אויף איהם געפאַלען, נאָר זיין שרעק איז געווען נישט קיין בעשטימטער, אַ שטילער...

אין אמת'ן, האָט ד' אַטאָל געלעבט אין אַ פאָלקאָמענער אונוויסענהייט פון זיין געליעבטער'ס טויט! דאָס בילד פון דער יונגער פרוי איז

אַזוי שטאַרק געווען צוזאַמענגעשמאָלצען מיט זיין אייגען בילד, אַז איהם איז גאָר אַנדערש נישט איינגעפאַלען, נאָר אַז זי איז שטענדיג נעבען איהם. דאָ זיצט ער מיט איהר אויף אַ באַנק אין גאָרטען אין אַ שענעם זומער־טאָג און לייענט איהר פאָר די געדיכטע, וואָס זי האָט ליעב געהאַט; דאָ זיצט ער מיט איהר אין אָווענד פאַר'ן קאַמין, — צוויי גלעזער טיי אויפ'ן טישעל — און רעדט און פערברענגט מיט איהר, מיט זיין געליעבטער, וואָס זיצט אויפ'ן צווייטען שטוהל.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען טעג, נעכט, וואָכען. נישט ער נישט דער צווייטער האָבען געוואוסט, וואָס זיי האָבען אויפגעטהון. עס זענען שוין פאָרגעקומען וואונדערבאַרע ערשיינונגען, אין וועלכע עס איז שווער געווען אונטערצושיידען דעם פונקט, וואו דאָס איינגעבילדעטע, אויסגעטראַכטע, בעגעגענט זיך און ווערט איינס מיט'ן רעאַלען, געשעהענעם. אין דער לופט האָט עפּעס געשוועבט עמיצענס אַ געגענוואַרט; אַ געוויסעס בילד האָט זיך געשפּאַרט צו בעוויזען, זיך אויסצוהעפטען אויפ'ן ווייטען שטח, וואָס האָט פערלאָרען אין זיירע אויגען יעדע גרעניץ. יעדע בעשטימונג.

ד' אַטאָל האָט געלעבט אַ טאָפּעלעס לעבען, אַזוי ווי אַ פאַנאַטיק צוגעקלעבט צו זיין הייליגקייט.

דאָס צאַרטע און כלאַסע געזיכט, וואָס האָט דורכגעפלאַטערט פאַר איהם נאָר איין אויגענבליק; אַ שטילער אַקאָרד, וואָס ער האָט צייטענוויז אַ נעהם געטהון אויפ'ן פּיאַנינאָ; די צאַרטע פיינע פרויענגעדאַנקען, וואָס האָבען זיך ביי איהם ערוועקט אַלס ענטפער אויף זיינע אייגענע רעד; זיין אייגענער טאָפּעלער איך, וואָס ער האָט געזעהן פאַר זיך אַזוי ווי דורך אַ טומאַן; די בערוישענד־צאַרטע פערפום־ריחות פון זיין געליעבטער, וואָס ער האָט געשפּירט אַרום זיך און ביינאַכט, האַלב־וואַכענדיג, האַלב־שלאָפענדיג, די קוים־געהערטע שטילע ווערטער, דאָס אַלץ האָט איהם געדיענט אַלס פאָרערשיינונגען. דאָס איז געווען אַ פערלייקענונג פון טויט, וואָס האָט ביי איהם געשטיגען ביז צו אַנ'אונבעגרענצטער בלינדער מאַכט!

איינמאָל האָט ד' אַטאָל איהר דערשפּירט און דערזעהען אַזוי נאָהענט ביי זיך, אַז ער האָט זי אַרומגענומען און געדריקט אין זיינע אָרעמס. די בעוועגונג האָט איהם גאָר צערשטרייט.

— קינד! — האָט ער איהר איינגערוימט מיט אַ שמייכעל.

און ער איז איינגעשלאָפען, אַזוי ווי אַ ליעבענדער אין געגענ־

ווארט פון זיין לאכענדער און האלב-שלאפענדער געליעבטער.

אין איהר געבורטסטאג האט ער מיט א געלעכטער צוגעטשעפעט אנ'אונשטערבליכקייטס-בלום צום בוקעט, וואס ער האט אנידערגעלעגט אויף איהר קישען.

— דאס איז דערפאר, ווייל זי האלט זיך פאר געשטארבען, — האט ער געזאגט.

א דאנק דעם טיעפען און אלמעכטיגען ווילען פון ד' אטאל, וועלכער האט מיט'ן כח פון ליעבע אויסגעשמידעט דאס לעבען און דאס געפינען זיך פון זיין פרוי אין דעם איינזאמען הויז, האט די זאך ענדליך אנגענומען א כאראקטער פון א פינסטערן, איבערצייגענדען צויבער. אפילו ריימאנד האט שוין אויפגעהערט מורא צו האבען און האט זיך ביסליכווייז צוגעוואהנט צו די דאזיגע איינדרוקען.

דער שווארצער סאמעט-פאלטא, וואס ער האט אפט בעמערקט אין א ווינקעל פון א גארטען-אלעע; די לאכענדע שטימע, וואס רופט איהם אין אויפנאהמ-צימער; דער קלונג פון גלעקיל, וואס האט זיך געלאזט הערען אין דער פריה ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, אזוי ווי פריהער, — דאס אלץ איז געווארען פאר איהם גאר א געוועהנליכע זאך, אזוי ווי די פערשטארבענע וואלט זיך געשפיעלט אין בעהעלטעניש, אזוי ווי א קינד. זי האט געפיהלט, ווי שטארק מען האט זי ליעב! דאס איז געווען גאנץ נאטירליך.

עס איז אוועקגעגאנגען א יאהר.

צום יאהרצייט אין אוועגד, איז דער גראף געזעסען ביים קאמין אין ווערא'ס צימער און האט איבערגעלייענט פאר איהר א פלארענטינישע ערצעהלונג. ער האט פערמאכט דאס בוך, דערנאך האט ער זיך אנגעגאסען טיי.

— מיין טייערע — האט ער געזאגט — געדענקסטו דעם רוויזען-טאל, די ברעגען פון דער לאנא, דעם שלאס מיט די פיער טורעמס? וואס ניין? די ערצעהלונג האט זיי דיר דערמאהנט?

ער איז אויפגעשטאנען און אין דעם בלויליכען שפיעגעל האט ער דערזעהען, אז זיין פנים איז בלאסער ווי געוועהנליך. ער האט ארויסגענומען פון פורעלע דעם מיט פערל-געפאסטען בראנזעלעט און האט אויפמערקזאם בעטראכט דאס ציהרונג. צי האט איהם ווערא נישט נאר-וואס אראבגענומען פון האנד איידער זי האט זיך די קליידער אויסגעטהון? די פערל זענען געוועזען ווארימליך און זייער גלאנץ האט אויסגעוויזען

צאַרטער, לינדער, דערווייכט דורך דער וואַרימקייט פון איהר קערפּער. און דער אָפּאַל פון דעם סיבירער האַלזבאַנד, וואָס האָט אַזוי ליעב געהאַט ווערא'ס שענע ברוסט, אַז ער פלעגט קרענקליך בלייך ווערן אין זיין גאָלדען פודעלע, ווען די יונגע פרוי האָט איהם פערגעסען אויף א ווײַלע! די גרעפין האָט אַמאָל דערפאַר זעהר ליעב געהאַט איהר געטרייען שטיין!... אין דעם אָוועגד האָט דער אָפּאַל אַזוי געשיינט, אַזוי געבלישצעט, אַזוי ווי מען וואָלט איהם נאָר-וואָס אַראָבגענומען פון איהר ברוסט און אַזוי ווי ער וואָלט נאָך געווען דורכגענומען מיט'ן וואונדערבאַרען מאַגנעטיזם פון דער שענער פערשטאָרבענער. אַוועקלעגענדיג אויפ'ן אָרט דעם האַלזבאַנד מיט'ן טייערן שטיין, האָט דער גראַף אומגערן זיך צוגעריהרט צום וועבענעם טיכעל, אויף וועלכען עס האָבען זיך רויט אויסגעצייכענט פייכטע טראָפּען בלוט, אַזוי ווי נעגעלעך-בלומען אויפ'ן שניי!... און דאָרט אויפ'ן פּיאַנינא, ווער האָט עס איבערגעמישט דאָס לעצטע זייטעל פון דער פּרידערדיגער מעלאָדיע? ווי! די הייליגע לאָמפּ ברענט ווידער פאַר'ן הייליגען בילד. און די פרישאָבגעריסענע מזרח-בלומען, וואָס לאָזען זיך אַזוי פונאַנדער אין די זאַקסישע וואַזאָנעס, וועמעס האַנד האָט זיי דאָרט אַזוי שען אויסגעשטעלט? דאָס צימער האָט אויסגעזעהען פרעהליכער און לעבעדיגער ווי פריהער. נאָר קיין זאַך האָט דעם גראַף נישט געקענט איבעראַשען! אַלץ איז איהם געווען גאַנץ נאַטירליך, גאַנץ איינפאַך און ער האָט שוין אפילו נישט בעמערקט, אַז עס איז ווידער געגאַנגען דער זייגער, וואָס ער האָט אַגידערגעשטעלט מיט אַ יאָהר צוריק.

און דאָך האָט מען געקענט זאָגען, אַז אין יענעם אָוועגד האָט זיך ווערא געריסען מיט איהר גאַנצער ליידענשאַפט פון איהר טיעפסטער שאַטענוועלט אומצוקעהרען זיך אין דעם צימער, וואָס איז אָנגעפולט געווען מיט איהר! אַזוי פיעל האָט זי דאָרט איבערגעלאָזט פון איהר זעלבסט, פון איהר פערזאָן, פון איהר וועזען! אַלץ, אין וועלכעס ס'איז בעשטאַנען איהר וועזען, איהר גאַנצער עקזיסטענץ, האָט איהר געצויגען אַהין. די לאַנגע אַרבייט פון איהר מאַנ'ס פייערדיגע ליידענשאַפט און פעסטען ווילען, האָט געמוזט סוף-כל-סוף איבעררייסען די ריינע בענדער פון דער פערבאָרגענהייט, וואָס איז געווען אַרום איהר!...

זי איז געווען געצוואונגען דערצו. אַלץ וואָס זי האָט ליעב געהאַט איז געווען דאָ.

אין איהר האָט געמוזט אויסברעכען א פערלאַנגען — צו קומען

און נאכאמאל אויסשמייכלען זיך צו יענעם נעהעמניספולען שפיעגעל, אין וועלכען זי האט זיך אזוי פיעל מאל געשפיעגעלט מיט איהר ליליען-געזיכט. די שטילע פערשטארבענע האט געמוזט זיך דארט אויפהאפען אונטער איהרע פיאלקעס, די געטליכע פערשטארבענע האט געמוזט אויפצאפלען אין איהר אונטערערדישער וואהנונג, דערזעהענדיג דעם זילבערנעם שליסעל, וואס ער האט דאן אריינגעווארפען אהין. איהר האט זיך אויך פערגלוסט צו קומען צו איהם. דער טויט איז די לעצטע אויפלעזונג פאר דעם, וואס האפט צו קומען אין הימעל אריין; אבער טויט, הימעל און לעבען, דאס אלץ איז געוועזען ביי איהר פעראייניגט אין די געפיהלען און אומארמונגען פון דער ליעבע! און אזוי האט אנ'איינזאמער קוש פון איהר מאן צוגעצויגען איהרע ליפען אזוי ווי אין נעבעל. און די זיסע אבקלינגענדע מעלאדיען, די בערוישענדע ווערטער פון אמאל, די פיינע געוועבען, וואס האבען איהר קערפער בעדעקט, וואס גיבען נאך ארויס די פריהערדיגע פיינע ריחות, די בעצויבערנדע שטיינער, וואס האבען צי איהר ניגלוסט אין זייער בלינדער סימפאטיע, — און איבערהויפט דאס טיעפע און אבסאלוטע שפורען, אז זי איז דא, די זיכערהייט, וואס ווייזען ארויס אפילו די נישט-לעבעדיגע זאכען — אלץ האט איהר גערופען אהין, האט איהר געצויגען אזוי לאנג און אזוי נישט פיהלענדיג, אז עס האט טאקע נישט מעהר געפעהלט נאר זי אליין, וועלכע האט זיך ענדליך אויסגעהיילט פון דעם איינשלעפערנדען טויט!

א, אידעען זענען לעבעדיגע וועזען!... דער גראף האט אויסגעטאקט אין דער לופט די פארמע, די פעריזאן פון זיין ליעבע און עס איז געוועזען נויטיג, אז די דאזיגע פוסטקייט זאל פערפולט ווערען מיט דעם איינציגען וועזען, וואס איז געוועזען איינס און דאס זעלבע מיט איהם און אויב נישט מוז זיך די וועלט איבערקעהרען. אין יענעם אויגענבליק איז אין איהם ענטשטאנען אנ'ענטשליסענדער, פראסטער און אבסאלוטער געפיהל, אז זי וואלט זיך געדארפט בעווייזען דא אין צימער! אין דעם איז דער גראף געוועזען אזוי רוהיג פערזיכערט, אזוי ווי אין זיין אייגענער עקזיסטענץ און אלע חפצים ארום איהם זענען געוועזען אדורכגענומען מיט דער דאזיגער איבערצייגונג. זי איז געוועזען זיכטבאר אין זיי! און אזוי ווי עס האט נישט מעהר געפעהלט, ווי ווערא אליין, די אויסערליכע און מיט'ן חוש געשפירטע, איז נויטיג געוועזען, אז זי זאל זיך דא געפונען און אז די גרויסע טרוים"ערשיינונג פון לעבען און

טויט זאל עפענען אויף איין אויגענבליק איהר אונענדליכע טהירען! דער זועג און מיטלען צום אויפלעבען איז איהר געשיקט געווארען דורכ'ן גלויבען! א פרישער אויסברוך פון א מוזיקאלישען געלעכטער האט בעלויכטען מיט זיין פרייד דאס חתונה־בעט; דער גראף האט זיך אומגעדרעהט. און דארט פאר זיינע אויגען איז ערשינענען, די וואס איז בעשאפען געווארען דורך ווילען און ערזינערונגען, אנגעלעהנט אויף א געהאפטען קישען, אונטערשפארענדיג מיט דער האנד איהרע שווערע שווארצע האהר, די ליפען געעפענט צו אנ'ענטציקענדען שמייכעל, אין וועלכען עס האט זיך אבגעשפיגעלט א גאנצער גן־עדן פון ליידענשאפט און ליעבעסגענוס, שעהן ביז צו אזא מדרגה, אז מען וואלט געקענט שטארבען פאר מתיקות, מיט איין ווארט, — די גרעפין אליין האט אויף איהם געקוקט, נאך נישט אינגאנצען אויפגעהאפט.

— ראזשע!... — האט זי געזאגט מיט א שטימע, וואס האט זיך געהערט פון וויים.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר. זייערע ליפען האבען זיך פעראייניגט אין א געטליכער גליקזעליגקייט, אנ'אלצפערגעסענדער, אונשטערבליכער גליקזעליגקייט.

און דאן האבען זיי בעמערקט, אז באמת זענען זיי נאר איין וועזען.

און די שעה'ן זענען אריבער אונבעמערקט, קוים בעריהרענדיג אזא עקסטאז, אזא הימלישער התלהבות, מיט וועלכער עס האבען זיך אמאל פעראייניגט הימעל און ערד.

פלוצלונג האט דער גראף ד' אטאל א צאפעל געטהון, אזוי ווי איבערראשט פון א פאטאליסטיש־טרויעריגע ערזינערונג.

— א, ערשט געדענק איך!... האט ער געזאגט. — וואס טהוט זיך מיט מיר? דו ביסט דאך געשטארבען!

אין דעמזעלבען אויגענבליק, ביי דעם ווארט, איז די געהיימניספולע לאמפ פאר'ן הייליגען בילד אויסגעלאשען געווארען. א בלאסער פריהמארגען־ליכט, — א ליכט פון א וואלקעדיגען, גרויליכען און רעגענדיגען טאג, — איז איינגעדרונגען אין צימער דורך די שפאלטען פון די פארהאנגען. די ליכט זענען בלאסער געווארען און אויסגעגאנגען; די בלומען זענען פערוועלקט און אויסגעטריקענט געווארען אין עטליכע אויגענבליקען; דער אומרוה פון זייגער האט זיך בייסליכווייז צוריק אבגעשטעלט. די געוויסקייט פון אלע חפצים איז מיט אמאל פער־

שוואונדען געוואָרען. דער טויטער אָפּאַל האָט מעהר נישט געבלישצעט; די טראָפּענס בלוט אויפ׳ן וועבענעם טיכעל זענען אויך פערגאַנגען און פערשווינדענדיג פון די האָפנונגסלאָזע הענד, וואָס האָבען אומזיסט געזוכט נייע אומאַרמונגען, איז די ליידענשאַפטליכע ווייסע ערשיינונג פערשוואונדען געוואָרען אין דעם וויַטען שטח. אַ שוואַכער געזעגענונגס-זיפץ, אויסדריקליך און פון גאַנץ וויַט געהערט, איז צוגעפלויגען צו ראָזשעס זעלע. דער גראַף האָט זיך אויפגעהויבען; ער האָט נאָר-וואָס בעמערקט, אַז ער איז געוועזען אַליין. זיַין איינבילדונג איז מיט איין מאָל צופּאַלען; מיט איין-איינציג וואָרט האָט ער צוריסען דעם פאָדעם פון זיַין הימליש-שטראַהלענדער געוועב. אַרום איז ערשט געוועזען די זעלבע אַטמאָספערע, ווי אין אַ שטוב, וואו עס ליעגט אַ געשטאָרבענער.

— אָ, — האָט ער געזאָגט שטילערהייד צו זיך אַליין, — הייסט עס, אַז אַלעס איז געענדיגט! — זי איז פערפאַלען געוואָרען!... און איך בין גאַנץ אַליין! — מיט וואָס פאַר אַ וועג קען מען ערשט צוגעהן צו דיר? וויַז מיר דעם וועג, וועלכער וועט מיך פיהרען צו דיר!...

פלוצלונג, אַזוי ווי אַלס ענטפער אויף זיַין פראַגע, האָט זיך דערהערט אַ מעטאַלענער קלאַפּ און פון דער ליעבע-בעט איז אַראָבגעפאַלען אויף דער שוואַרצער פעל אַ גלאַנצענדיגער געגענשטאַנד. אַ שטראַהל פון אַ שרעקליכען ערדישען ליכט האָט איהם בעלויכטען!... דער עלענדער און פערלאָזטער האָט זיך איינגעבויגען און איהם אויפגעהויבע און אַ שמייכעל האָט אויף זיַין פנים אויפגעשיַינט, בשעת ער האָט דערקענט דעם דאָזיגען געגענשטאַנד: דאָס איז געוועזען דער שליסעל פון דעם פאַמיליענגראַב.

רוּדיאַרד קיפּלינג.

ווענוס אַננאַדאָמיני. *)

(פון די אינדיאַנער מעשה'לעך)

זי האָט קיין געמיינזאַמעס ניט געהאַט מיט דער סטאַטוע פון דער גריכישער געטין ווענוס, וואָס איז בעצייכענט מיט דעם נומער 18 און שטעהט אין איינע פון די גאַלערעען פון וואַטיקאַן אין רוים, צווישען סירעס, דער געטין פון פעלד-אַרבייט, פון איין זייט, און דעם נאָט פון דער טייך נילוס, פון צווייטען זייט. זי איז איינפאַך געווען אַנ׳-אינדיאַנער געטין — דאָס הייסט אַנ׳ענגליש-אינדיאַנער געטין, און גערופען האָבען מיר זי: ניט ווענוס אַננאַדאָמיני, נור די ווענוס אַננאַדאָמיני, צו אונטערשיידען זי פון די פילע אַנדערע איבּיג-דויערענדע ווענוסען.

עס איז אומגעגאַנגען אַ לעגענדע צווישען די בערג, אַז זי איז אַ מאָל יונג געווען, נור קיין לעבעדיגער מענש האָט זיך ניט אונטערגעשטעלט אַרויסצוטרעטען, און זאָגען דרייסט, אַז די לעגענדע איז אמת.

מענשען זענען געקומען קיין סימלאַ, האָבען געוואוינט דאָרט, און צוריק אַוועק, געמאַכט זיך אַ נאָמען, אָבגעטהון זייער לעבענס-אַרבייט, אַוועקגעפאָהרען און זענען צוריק געקומען, צו געפינען די ווענוס אַננאַדאָמיני, אַקוראַט די זעלבע, ווי זיי האָבען זי איבערגעלאָזען. זי איז זעווען אונפערענדערבאַר ווי די בערג פון אינדיאָ, אָבוואָהל

*) מען דענקט, דאָס די סטאַטוע פון ווענוס אַננאַדאָמיני איז בעשאַפען געוואָרען אין ערשטען יאָהר פון קריסטוס'עס געבורטהה.

איבערזעצער.

ניט גאָר אַזוי גרינג ווי זי!

אַלץ וואָס אַנ׳אַלטצעהן־יאָהריגעס מיידעל קען דורכמאַכען אין רייטען, שפּאַציערען, טאַנצען, און איבער־אָנשטרענגונג אין אַלגעמיין, — האָט די וועגנום אַננאַדראָמין, דורכגעמאַכט, און האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין צייכען פון מידקייט אָדער לאַנגווייליגקייט. אויסער אייביגע יוגענד, האָט זי ענדעקט — אַזוי האָבען לייט געזאָגט — דעם סוד פון אייביגען געזונד.

און איהר נאָמען האָט זיך פערשפּרייט איבער דאָס גאַנצע לאַנד. פון איינפאַך אַ פרוי, איז זי געוואָרען אַ מין אינסטיטוציע. קיין יונגער מאַן האָט זיך ניט געקענט רעכענען ריכטיג אויסגעבילדעט, אויב ער האָט ווען ס׳איז ניט תפילה געטהון פאַר דאָס היילינגטהום פון דער וועגנום אַננאַדראָמיני.

נאָך איינע, ווי זי, איז נישט געווען, אָבוואָהל עס זענען געווען פיעלע, וואָס האָבען זיך בעמיהט צו זיין, ווי זי. זעקס יאָהר זענען פאַר איהר געוויען ניט מעהר, ווי זעקס חדשים פאַר אַ געוועהנליכע פרוי, און צעהן יאָהר האָבען אויף איהר איבערגעלאָזען וועהניגער צייכענס ווי איין וואָך פיבער לאָזט איבער אויף פרויען פון אַלע טאָג. יעדערער האָט זי פערגעטערט, און זי פון איהר זייט, איז געווען אָנגענעהם און פריינדליך במעט צו יעדען איינעם.

יוגענד איז געווען איהר ג ע וו אָ ה נ ה ײ ט פאַר אַזוי פיעל יאָהרען, אַז זי האָט זיך גאָר ניט געקענט שיידען דערמיט — זי האָט ווירקליך ניט בעגריפען די נויטווענדיגקייט צו שיידען זיך דערמיט—. און איהרע אינטומערע פריינד האָט זי אויסגעקליבען צווישען דער גרינער יוגענד.

צווישען די פערגעטערערס פון דער וועגנום אַננאַדראָמיני איז געווען דער יונגער גייערסאָן — דער „זעהר יונגער גייערסאָן" — אַזוי פלעגט מען איהם רופען צוואונטערשיידען איהם פון זיין פאָטער דעם „יונגען" גייערסאָן, אַ בעאַמטער אין ב ע נ ג אַ ל י ע, וועלכער האָט זיך אויך געמאַכט אַ געוואָהנהייט — ער האָט געהאַט דעם מוטה דערצו־צו בלייבען יונג.

דער „זעהר יונגער" גייערסאָן האָט זיך ניט בענוגענד מיט פערגעטערען זי רוהיג און נור פון יוצא וועגען, ווי אַנדערע יונגע לייט פלעגען טהון: לאַפען אַ טאַנץ מיט איהר, דורכפאָהרען זיך רייטענדיג אָדער בלויז רעדען פון דער וועגנום אַננאַדראָמיני מיט רעספּעקט און

דאַנקבאַרקייט. ער איז געווען דרינגענד, און דעריבער האָט איהם די ווענוס אַננאַדאָמיני אונטערדריקט און צוריקגעהאַלטען. ער האָט זיך גענומען די זאַך צום האַרצען ניט אויף אַ געלעכטער; און זיין ערענסטקייט און איבערגעבענהייט האָבען איהם געמאַכט אָדער שעמעוודיג, אָדער שטורמיג אָדער גראָב צו אַלע אַנדערע מענער, אפילו עלטערע, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט איהם געבוקט זיך צו דער ווענוס אַננאַדאָמיני.

עס האָט איהר לייד געטהון פאַר איהם. ער האָט איהר דערמאָנט אָן אַנ'אַנדער יונגען יונגעל, וועלכער האָט מיט דריי-און-צוואַנציג יאָהר צוריק געשוואָרען איהר אין זיין גרענצלאָזער איבערגעבענהייט אין ליעבע, און צו וועלכען זי אַליין האָט אויך עטוואָס מעהר ווי אַ וואָך געפיהלט אַ שוואַכקייט, יענער יונגעל איז אָבגעפאַלען פון איהר און וועהניגער ווי אין אַ יאָהר, נאָכדעם ווי ער האָט זי פערגעטערט, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַנ'אַנדער פרוי. זי האָט שוין אויך כמעט-ניט אין גאַנצען — פערגעסען זיין נאָמען.

דער „זעהר יונגער" גייערסאָן האָט אויך געהאַט די זעלביגע גרויסע, בלויע אויגען, וואָס יענער, און פלעגט אויך אָנבלאָזען די אונטערשטע ליפּ, ווען ער פלעגט זיין אויפגערעגט אָדער אונרוהיג. נור פונדעסטוועגען, האָט איהם די ווענוס אַננאַדאָמיני געוויזען זיין ריכטיגען אָרט, צופיעל ברען איז געווען אַ זאַך, פון וואָס זי האָט ניט געהאַלטען. איהר פלעגט בעסער געפעלען זיין אַ טעמפּעראַמענט-פולע אָבער ניכטערע צערטליכקייט.

דער „זעהר יונגער" גייערסאָן איז געווען אונגליקליך און ער האָט זיך די מיה ניט געגעבען צו בעהאַלטען עס. ער האָט געדיענט אין דער אַרמעע, און אַזוי ווי זיין פנים איז געווען אַ שפּיעגעל, און זיין שטערען — אַנ'אָפען בוך, ווי ביי אַלע אונשולדיגע מענשען, — האָבען איהם זיינע ברידער-אָפיציערען געמאַכט דאָס לעבען צו לאַסט און פערביטערט זיין געוועהנליך מילדע שטימונג.

קיין איין איינציגער, אויסער דעם „זעהר יונגען" גייערסאָן אַליין — און ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט וואָס ער דענקט, — קיין איין איינציגער האָט געוואוסט ווי אַלט מיינט דער „זעהר יונגער" גייערסאָן איז די ווענוס אַנאַדאָמיני. מעגליך, אַז ער האָט זי גערעכענט פאַר פינף-און-צוואַנציג, און אפשר, האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי איז אַלט אַזוי פיעל. ווי די זאַך איז. „זעהר יונגער" גייערסאָן וואָלט צו פום

איבערגעגאַנגען די גאַנגער *) אין רעכטען שטראָם איבערצוגעבען איהר קלענסטען וואָרט. יעדערער האָט איהם ליעב געהאַט און יעדערען האָט באַנג געטהון, צו זעהען איהם אַזאַ שקלאַף צו דער ווענוס אַנאַדיאָמעני. יעדערער האָט אויך געמוזט צוגעבען, אַז דאָס איז נישט איהר שולד; וואָרום די ווענוס אַנאַדיאָמעני איז נישט געווען ווי מיסיס האַאוקסבי אָדער מיסיס ריוועריג. זי האָט קיינמאָל מיט אַ פינגער נישט גערירט, צוצוציהען צו זיך יעמאַנד; נאָר אַלע מענער זענען צוגעבונדען געוואָרען צו איהר אָהן איהר מיה. אַזאַ קראַפט האָט זי שוין געהאַט אין זיך. מען האָט געקענט רעספעקטירען און בעוואונדערן מיסיס האַאוקסבי, פעראַכטען און אויסמייַדען מיסיס ריוועריג, אָבער יעדערער איז געצוואונגען געווען צו פערגעטערן די ווענוס אַנאַדאָמעני.

דעם „זעהר יונגען" גייערסאָנ'ס פאָטער האָט געקאָמאַנדירט מיט אַ דיוויזיע, צי איז ער געווען אַ רעוויזאָר, צי אַזוי עפּעס אַ בעאַמטער, קורץ, ער האָט געטהון עטוואָס אַדמיניסטראַטיוועס אין אַ בעזונדער אונאַנגענעהמע טייל פון בענגאַליע, וואָס איז געווען פול מיט צייטונגען, וועלכע האָבען אויפגעוויזען, אַז „יונגער" גייערסאָן איז אַ „נעראָן" און אַ „סיציליע" און אַ „כאַריבדוס", וואָס פייניגט און שטיקט און ווערגט די בעפעלקערונג... און אַלס צוגאָב צו די צייטונגען, האָט דאָרטען געהערשט אַ היבש ביסעל חאָליעראַ און דיזענטעריע ניין חדשים פון יעדען יאָהר. דער „יונגער" גייערסאָן — ער איז אַלט געווען פינף-און-פיערציג יאָהר — האָט זאָגאַר ליעב געהאַט די זידלערייַ, עס האָט איהם אַמוזירט, אָבער ער איז געווען שטאַרק דאַנעגען דיזענטעריע, און דעראיבער פלעגט ער אַנטלויפען קיין דערדזשילינג, ווען ער האָט נאָר געהאַט די געלעגענהייט.

גראַדע דאָס מאָל איז איהם איינגעפאַלען, אַריבערצופאָהרען קיין סימלאַ זעהן זיין יונגעל, דער זוהן איז געווען נישט-איבעריג צופריעדען פון דעם.

ער האָט געזאָגט דער ווענוס אַנאַדאָמיני, אַז זיין פאָטער קומט זי איז אַביסעל רויט געוואָרען און געענטפערט, אַז זי וועט זיין גליקליך צו מאַכען זיין בעקאַנטשאַפט. נאָכדעם האָט זי לאַנג געקוקט אויף „זעהר

*) אַ טייך אין וועסט-אינדיא.

יונגען" גייערסאָנ'ען ; וואָרום עס האָט איהר זעהר, זעהר לייד געטהון פאַר איהם און ער איז געוועזען זעהר, זעהר אַ גרויסער אידיאָט.

— מיין טאָכטער קומט אין צוויי וואָכען אַרום, מיסטער גייער־סאָן — האָט זי געזאָגט.

— איי־ער וואָס ?! — האָט ער געעפּענט דאָס מויל.

— מיין טאָכטער — האָט געענטפערט די ווענוס אַנגאַדראָמיני — שוין אַ יאָהר, אַז זי איז אין דער היים (ענגלאַנד), און איך וויל זי זאָל זעהן אַ ביסעל אינדיא. זי איז נייגצעהן יאָהר אַלט און איך גלויב — אַ קלוג מיידעל.

„זעהר יונגער" גייערסאָן, וועלכער איז קוים אַלט געוועזען צוויי־און־צוואַנציג יאָהר, איז כמעט אַרויסגעפאַלען פון שטוהל פון וואונדער; וואָ־רום נעגען יעדער מעגליכקייט האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו גלוי־בען אין דער יונגקייט פון דער ווענוס אַנגאַדראָמיני. זי איז געשטאַנען מיט'ן רוקען צום פענסטער און געשמייכעלט אויף דעם איינדרוק, וואָס איהרע ווערטער האָבען געמאַכט.

„זעהר יונגער" גייערסאָנ'ס פאָטער איז געקומען קיין סימלא מיט צוועלף טעג שפּעטער און ער איז נאָך קיין צוואַנציג שעה אין שטאָדט נישט געוועזען, ווי צוויי מענער, אַלטע בעקאַנטע, האָבען איהם שוין דערצעהלט, ווי „זעהר יונגער" גייערסאָן פיהרט זיך.

„יונגער" גייערסאָן האָט שטאַרק געלאַכט און זיך נאָכגעפרעגט, ווער קען זיין די ווענוס אַנגאַדראָמיני ? וואָס דאָס בעוויזט, אַז ער האָט געלעבט אין בענגאַליע, וואו קיינער ווייס קיין זאַך נישט אויסער די בירושע־פּרייזען.

דאַן האָט ער געזאָגט: : „יונגלעך בלייבען יונגלעך" און האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין זוהן וועגען דעם.

„זעהר יונגער" גייערסאָן האָט געזאָגט, דאָס ער פיהלט זיך אומ־גליקליך און צובראָכען און „יונגער" גייערסאָן האָט דערויף געענטפערט, אַז איהם פערדריסט, וואָס ער האָט געהאָלפען ברענגען אַ נאַר אויף דער וועלט. ער האָט געראַטהען זיין זוהן ער זאָל זיך בעסער צוריקנעה־מען צו זיינע פפליכטען. דאָס האָט אַרויסגערופען אַן'ענטפער, נישט ווי פון אַ זוהן און די בעציהונגען זענען געוועזען געשפּאַנט, ביז דער „יונגער" גייערסאָן האָט געפאָדערט, אַז דער „זעהר יונגער" גייערסאָן זאָל מיט איהם מאַכען אַ וויזיט צו דער ווענוס אַנגאַדראָמיני. „זעהר יונגער" גייער־סאָן איז געגאַנגען מיט זיין פאָטער, פיהלענדיג זיך נישט בעקוועם און

אונבעדייטענד.

די ווענוס אַנגאַדראָמיני האָט זי עמפּפאַנגען מיט העפליכקייט און דער יונגער גייערסאָן האָט אויסגעשריִען:

— ביי גאָט, ס'איז דאָך קיטטי!

„זעהר יונגער" גייערסאָן וואָלט געוואָלט הערען אַנ'ערקלעהרונג צו דעם אויסגעשריע, ווען ער וואָלט נישט געווען בעשעפטיגט מיט אונ־טערהאַלטען אַ גרויסע, שענע, רוהיגע און גוט־געקליידעטע מיידעל — פאָרגעשטעלט איהם ביי ווענוס אַנגאַדראָמיני אַלס איהר טאָכטער. זי האָט אויסגעזעהן אַ סך עלטער פון איהם אין איהרע מאַניערען, איהר געזעצט־קייט און האַלטען זיך. ער האָט עס געזעהן און געפיהלט זיך גאָר נישט גוט.

אין גיכען האָט ער געהערט די ווענוס אַנגאַדראָמיני זאָגט:

— איהר ווייסט, אַז איינער זוהן איז איינער פון מיינע פער־געטערער?

— עס וואונדערט מיך נישט — האָט געענטפערט „יונגער" גיי־ערסאָן — ער געהט אין זיין פאָטערס טריט. האָב איך דען נישט פער־געטערט דער ערד, אויף וועלכער איהר האָט געטרעטען, נאָך מיט אַזוי פיעל יאָהרען צוריק, קיטטי? — און איהר האָט זיך גאָרנישט אומגע־ביטען פון דאַמאָלס אָן. ווי זאָנדערבאַר דאָס אַלץ איז!

„זעהר יונגער" גייערסאָן האָט גאָרנישט געזאָגט. זיין געשפּרעך מיט דער טאָכטער פון די ווענוס אַנגאַדראָמיני איז געווען צובראָכעלט און איבערגעריסען אין פערלויף פון דער איבעריגער צייט.

. . . .

— איז, הייסט עס, מאָרגען אום פינף — האָט געזאָגט די ווע־נוס אַנגאַדראָמיני — גערעכנט־זשע זייט פּינקטליך.

— פּונקט פינף — האָט געענטפערט „יונגער" גייערסאָן — איך רעכען, דו קענסט לייהען דיין טאַטע'ן אַ פערד, זוהנעלע, האַ? מיר געהען זיך דורכרייטען מאָרגען נאָך מיטאָג.

— געוויס — האָט געזאָגט „זעהר יונגער" גייערסאָן — איך פערדריִז מאָרגען פריה פון דאַנען. מיינע פּאָניעס *) זענען צו אייער דיענסט, סער.

*) קליינע פערדלעך.

די װענוס אננאדאָמיני האָט א קוק געטהון אויף איהם דורך דער האלב־דונקעלהײט פון צימער און איהרע גרויסע, גרױע אױגען װענען פול געװאָרען מיט א פינקלקייט. זי איז אױפגעשטאַנען און איהם גע־דריקט די האַנד.

— זײַ געזונד, טאָם, — האָט שטיל געזאָגט די װענוס אננאַ־דאָמיני...

ריכאַרד דעהמעל.

גאָטס װילען.

דו הונגערסט, חוה, נאָך דעם גליק
און פאַרבסט דעם עפּעל אָבצורײַסען
װעלכען גאָט האָט דיר פערבאָטען
מיט דרײַ טױזענד יאָהר צוריק,
דו, יונג בעשעפּעניש!

יעדען אָבענד פיהל איך דאָך
װי דו ציהסט אוים דײַנע העמטלעך
אין דײַן אײַנזאַם־קאַלטער בעט
צו דעם גאָט פון אַלטע לײַט:
גיב איהם, גיעב איהם מיר!

דו, אָרמע לײַדענדע!
ר'האָט נאָך קײנמאָל ניט קײן שרעקינגען בעגליקט,
דער אַלטער גאָט.
ער האָט געגעבען דיר דײַן הונגער, דײַנע הענד:
רײַס אָב און עס, — און נאָכדעם לײַד!

ם. ק—ץ.

עדגאר פאע.

זשאַבע=טענצלער.

אַמאָל איז געווען אַ קעניג, וועלכער האָט זעהר ליעב געהאַט שפּאַס און לצנות. אַ שענע לאַכעדיגע מעשה איז געווען זיין גאַנץ לעבען און דאָס בעסטע מיטעל ביי איהם נושא=חן צו זיין איז געווען איהם צו דערצעהלען אַנ׳עכט=קאָמישע און בדחנ׳ישע מעשה. זיינע זיעבען ערשטע מיניסטאָרען, זענען געווען בעריהמט פאַר גוטע לצים און קאָמיקער. זיי זענען אַלע געווען געראָטען אין קעניג, אי מיט זייערע פרעהליכע נאַטורען, אי מיט זייערע דיקע, אויסגעפּאַשעטע בייכער. איך האָב נאָך ביז אַהער נישט געקענט דערגעהן אויף ריכטיג, צי מענשען ווערען דיק פון לצנות, אָדער פערקעהרט, אין די דיקקייט ליעגט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מאַכט אויפגעלעגט צו שפּאַס און וויצלען זיך. נאָר דאָס איז זיכער, אַז אַ מאָגערן לץ איז זעהר זעלטען צו געפינען.

דער קעניג האָט זיך זעהר וועניג געקימערט פאַר דער פיינהייט פאַר דער עדעלקייט פון די וויצען און פון די הלצות, וואָס מען האָט איהם געבראַכט. אדרבא, ער האָט נאָך מעהר הנאה געהאַט פון די גראָבע זייטען פון די הלצות. צו פיינע וויצען און עדעלע איינפאַלען האָבען איהם פערמאַטערט.

אין יענער צייט ווען די מעשה האָט פּאַסירט, איז נאָך אין די קעניגליכע הויפען נישט אונטערגעגאַנגען די מאָדע צו האַלטען ביי זיך אַ הויף=נאַר, וואָס פלעגט אַרומגעהן אין קאָלירטע, געלאַטעטע קליידער מיט אַ יאַרמולקע און גלעקליך; וואָס פלעגט קלויבען די ברעקליך וואָס זענען אַראָבגעפאַלען פון קעניגליכען טיש און ווען דער קעניג האָט נאָר געטהון אַ וואונק, איז ער שוין געווען גרייט מיט אַ געלעכטערל און מיט אַ פרעהליך מעשה׳לע.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אויך אונזער קעניג האָט געהאַט זײַן „נאַר“. ער איז אָבער געװען נאָך מײַערער אין קעניגס אויגען דורך דעם, װאָס ער איז נאָך געװען אַחוץ נאַר אויך אַ קאַרליק און אַ קאַליקע דערצו. אין יענע צײַטען איז געװען אָנגענומען אין די גרויסע הויפֿען צו האַלטען אַ קאַרליק בײַ זיך. אַ סך מאָנאַרכען װאָלט זעהר שװער געװען זײערע טעג צו פֿערברענגען אָהן אַ נאַר, מיט װעלכען זײ האָבען געלאַכט און אָהן אַ קאַרליק, פֿון װעלכען זײ האָבען חוזק געמאַכט.

װי מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, פֿלעגען נײַן־און־נײַנציג פּראָצענט הויפֿנאַרען זײַן פֿעט, מיט קײַלעכדיגע בײַכלעך און האָבען זיך ניט געקענט ריהרען. אונזער נאַר, „דער זשאַבע־טענצלער“ — אַזױ האָט מען איהם אין הויף גערופֿען — האָט זיך אויך ניט געהאַט מיט זײַן בײַכעל װאָס צו שעמען און דער קעניג האָט זיך געקענט שעצען גליקליך אַז ער האָט אין זײַן הויפֿנאַר געפּאַקט דרײַ מעלות צוזאַמען: בלאַזען, קאַרליק, קאַליקע.

דעם נאָמען „זשאַבע־טענצלער“, רעכען איך, האָט ער ניט בעקומען אויף זײַן ברית; ניכער איז ער געקרוינט געװאָרען מיט אַזאַ נאָמען בהסכם פֿון אַלע זיבען מיניסטאָרען צוליעב זײַן אונפֿעהיגקײַט זיך צו ריהרען פֿון אָרט אַזױ װי אַנדערע מענשען. און באמת, זשאַבע־טענצלער האָט זיך אויף גלײַכער ערד ניט אַנדערש געקענט ריהרען פֿון אָרט, סײַדען רוקענדיג זיך מיט אַ שפּרונג צו, און מאַכענדיג אַן׳אַרט בעװעגונג, װאָס איז געװען אַ מיטען צװישען שפּרינגען און רוקען זיך. הײַנט שטעלט אײַך פֿאָר די געלעכטערס און חוכא־װאטלולא׳ס אין הויף, אַז אַזאַ בריה, אַ קאַרליק מיט קרומע פֿיס, האָט געדאַרפֿט אונטערשפּרינגען און מאַכען אַלע מאָל אַ מין רוק־טענציל, אַן׳אַרט זשאַבעשפּרינגערײַ, בשעת ער האָט געמוזט איבערטראָגען זײַן גראָבען נאַרעןבויך פֿון אײן אָרט אין אַנדערען.

דערפֿאַר אָבער האָט זשאַבע־טענצלער געהאַט אַ געװאַלדיגע גבורה אין די הענד, מיט װעלכע ער פֿלעגט פֿלינק און שנעל אַרויפֿקלעטערן אויף אַ בוים אָדער אויף אַ שטריק און װײַזען אַלערלײ קונצען. דאַמאָלס האָט מען איהם גיכער געקענט פֿערגלײַכען מיט אַ װיעװיערקע אָדער אַ קלײנע מאַלפּע אײדער מיט אַ זשאַבע. דער כח פֿון די פֿיס האָט זיך איהם אַרײַנגעלעגט אין די הענד.

איך קען ניט זאָגען אויף זיכער, פֿון װעלכער מדינה זשאַבע־טענצלער האָט געשטאַמט. עס האָט געמוזט זײַן פֿון אַ װיסטער געגענד, פֿון

וועלכער קיינער האָט קיינמאָל נישט געהערט, זעהר ווייט פון דעם הויף פון אונזער קעניג. ושאַבע-טענצלער און אַ יונג מיידעל, נאָר אַ ביסעל וועניגער קאַרליטשקע ווי ער, אָבער מיט אַ זעהר שענעם וואוקס און אַנ׳אויסגעצייכענטע טענצערין, — זענען ביידע געפאַנגען געוואָרען קליינערהייד און אַוועקגעשלעפט געוואָרען פון דער היים אין אַ פרעמד לאַנד און אַזוי זענען זיי מגולגל געוואָרען אין פערשיעדענע גלגולים ביז איינער פון די גרויסע גענעראַלען פון קעניג האָט זיי געשיקט אַלס מתנה אין זיין הויף.

בייַ אַזעלכע אומשטענדען איז קיין וואונדער נישט, אַז צווישען די ביידע קליינע געפאַנגענע האָט זיך באַלד געבילדעט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט און צונעבונדענקייט. זיי זענען איינם דאָס אַנדערע געטריי געוועזען אויף דער העכסטער שטופע. אָבער ושאַבע-טענצלער, האָטש ער פלעגט זעהר פרעהליך און לוסטיג מאַכען דעם הויף, איז ער אין הויף זעהר וועניג געליעבט געוועזען און דעריבער האָט ער מריפּעטאַ׳ן — אַזוי האָט זי געהייסען — נישט געקענט קיין גרויסע טובות טהון. דערפאַר אָבער איז זי געוועזען — נישט-קוקענדיג אויף איהר קליינעם קאַרליק-וואוקס — דורך איהר שענקייט און חן זעהר בעוואונדערט און בעליעבט אין הויף און האָט געקענט גאַר אַ סך פועל׳ן אין דעם דאָזיגען איינפלוס וואָס זי האָט געהאַט אויף די הויף-לייט, האָט זי שטענדיג אויסגענוצט צום גונסטען פון ושאַבע-טענצלער׳ן.

איינמאָל בייַ אַ ווילטיגער זיצונג וועגען אַ ווילטיגען ענין פון רעגירונגס-געשעפטען — איך האָב שוין פערגעסען וועגען וואָס עס האָט זיך אונטערהאַנדעלט — האָט דער קעניג בעשלאָסען מען זאָל מאַכען אַ מאַסקעראַדע אין הויף און ווען אין הויף איז פאָרגעקומען אַ מאַסקעראַדע אָדער אַנ׳אַנדער פערוויילונג, האָט מען דאָך מן-הסתם אויסגענוצט די טאַלאַנטען פון ושאַבע-טענצלער׳ן און טריפּעטאַ׳ן דעם עולם משמח צו זיין. איבערהויפּט האָט זיך ושאַבע-טענצלער זעהר שטאַרק אויסגעצייכענט מיט מערקווירדיגע המצאות און איינפאַלען אין אַלצדינג, וואָס איז נוגע צו די דעקאָראַציעס, נייע קאָסטיומען און פאָרשטעלונגען אויפ׳ן מאַסקעראַדען-באַל. ער איז אַזוי רייך געוועזען אין ערפינדונגען און אויסקלערען נייע שפּאַסען, נייע פערוויילונגען, נייע שפּיעלעכצען אויף די בעלער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָהן איהם וועט מען זיך נישט קענען קיין ריהר טהון.

עס איז געקומען דער טאָג, וואָס אין אָוועגד האָט געדאַרפט פאָר

קומען די מאַסקעראַדע. אונטער טריפּעטאַ׳ס השגחה האָט מען אויסגעפּוצט אַ פּראַכטפולע גרויסע האַלע מיט אַלע שענע זאַכען, וואָס אַ מאַסקעראַדען=באַל בעדאַרף. דער גאַנצער הויף האָט שוין געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דעם בעשטימטען אָווענד. בנוגע צו די קאָסטיומען, מאַסקען און ראָליעס, האָבען זיך שוין אַלע לאַנג צוגעגרייט מיט אַלץ וואָס נויטיג איז. יעדערער האָט שוין מיט אַ חודש פריהער געוואוסט זיין ראָליע, וואָס ער וועט האָבען אויפ׳ן באַל. נאָר דער קעניג און זיינע זיבען מיניסטאָרען האָבען נאָך נישט בעשטימט זייערע ראָליעס. וואָס די סבה דערפון איז געווען ווייס איך נישט, נאָר ווי עס שיינט זענען אין דעם עסק שולדיג געווען זייערע גראָבע בייכער, צו וועלכע עס איז שווער געווען צוצופּאַסען אַ לייכטע פלינקע ראָליע און דעריבער, אַז די צייט האָט אָנגערוקט, האָבען זיי געשיקט נאָך טריפּעטאַ׳ן און זשאַבע=טענצלער׳ן, זיי זאָלען זיי אַרויסהעלפען פון זייער נויט.

בשעת די ביידע קליינע פריינד זענען געקומען צום קעניג, האָבען זיי איהם געטראָפען טרינקענדיג וויין, אַרומגערונגעלט פון זיינע זיבען מיניסטאָרען. דער קעניג, ווי עס ווייזט אויס, איז געווען זעהר ביים שלעכטען הומאָר. ער האָט געוואוסט, אַז זשאַבע=טענצלער האָט נישט ליעב קיין וויין און יעדעס מאָל, ווען ער טרינקט וויין פערליערט ער דעם קאָפּ מיט׳ן פערשטאַנד און ווערט ווילד ווי אַ משוגע׳נער, אָבער דער קעניג האָט זעהר ליעב געהאַט אויף יענעמס חשבון זיך צו בעלוסטיגען און דעריבער האָט ער געפונען אַ פערגעניגען אין דעם, צו צווינגען זשאַבע=טענצלער׳ן צום טרינקען און זעהן, ווי אַזוי דער אָרימער קאַליקע וועט פרעהליך זיין.

— קום אַהער, זשאַבע=טענצלער, — האָט ער געזאָגט, בשעת דער נאַר מיט זיין פריינדין זענען אַריינגעקומען אין צימער. — טרינק אויס דעם בעכער פאַר׳ן געזונד פון דיינע וויטע קרובים (דאָ האָט זשאַבע=טענצלער אַ זיפץ געטהון) און דערנאָך וועסטו אונז דיענען מיט דיין ערפינדונגס=טאַלאַנט. מיר דאַרפען האָבען מאַסקעס, אָבער העכסט אָריגינעלע, אונגעוועהנליכע, חאַראַקטער=מאַסקעס דאַרפען מיר, הערסטו, וואָס איך זאָג דיר? חאַראַקטער=מאַסקעס! עס איז מיר שוין מיאוס געוואָרען אַלע מאָל דאָס אייגענע. איך דאַרף האָבען עפּעס נייעס, וואָס ס׳איז נאָך ביז אַהער נישט געווען.

זשאַבע=טענצלער האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען אָבצוענטפערן אויפ׳ן קעניגס ווערטער מיט אַ וויץ, אַזוי ווי אַלע מאָל, אָבער דאָס

מאָל איז שוין אַריבער די מאָס דעם קעניגס הלימען זיך איבער איהם. עס איז גראָד געווען דעם קאַרליקס געבורטסטאָג און די טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, בשעת דער קעניג האָט איהם געהייסען טרינקען פאַר'ן געזונד פון זיינע קרובים, פון וועלכע ער איז אַזוי ווייט פערוואָגעלט געוואָרען.

— חאַ, חאַ, חאַ! — האָט דער קעניג אויסגעבראָכען מיט אַ ווילדען געלעכטער, בשעת דער נאַר האָט מיט געוואַלט אויסגעטרונקען דעם בעכער ווייַן. — זעהט נאָר וואָס דער ווייַן מאַכט! נו, דייַנע אויגעליך בליצען דיר שוין!

אָרימער קאַרליק! זייַנע אויגען האָבען זיך טאַקי אָנגעצונדען, אָבער זיי האָבען מעהר געברענט, ווי געלויכטען, וואָרום דער ווייַן איז איהם געשטיגען אין קאָפּ אַרייַן און האָט זעהר ווילד געווירקט אויף זייַנע געהירן. מיט אַ ציטערדיגער האַנד האָט ער אַנידערגעשטעלט דעם לעדיגען בעכער אויפ'ן טיש און האָט אַדורכגענומען די גאַנצע חברותא מיט אַ משוגע'נעם, געשטערטען קוק. זיי זענען אַלע געווען אויף דער העכסטער שטופע אויפגערוימט און פרעהליך פון דעם קעניגס „שטיקעל", וואָס ער האָט דאָ אָבגעטהון.

— איצט צו דער זאַך! — האָט געזאָגט דער פּרעמיער-מיניסטער, זעהר אַ דיקער הערר.

— יאָ, געווים, — האָט געזאָגט דער קעניג; — קום זשאַבע-טענצלער, העלף אונז אַרויס מיט דייַן עצה. חאַראַקטערמאַסקען, מייַן פייַנער יונגעל, חאַראַקטערמאַסקען דאַרפען מיר — מיר אַלע! — חאַ, חאַ, חאַ! און אַלע זיעבען מיניסטאָרען האָבען אָבגעענטפערט מיט אַ געלעכטער אַלע אין כאָר.

זשאַבע-טענצלער האָט אויך מיטגעלאַכט, אָבער זעהר שוואַך און פון יוצא וועגען.

— קום אַהער! — האָט געזאָגט דער קעניג מיט אונגעדולד, ווייסטו נישט וואָס אויפצוגעבען?

— איך בעמיה מיך עפּיס נייַעס אויסצוטראַכטען, — האָט געענטפערט דער קאַרליק.

— דו דאַרפסט נאָך ערשט קלערען, זיך בעמיהען? — האָט דער טיראַן אויסגעשריען מיט גרוים כעס — איך זעה, אַז דו ביסט נאָך נישט אין גאַנצען בייַם גוטען הומאָר און דעריבער מוזט דו נאָך חייַן קריגען. נאַ טרינק נאָך! און בייַ די ווערטער האָט איהם דער קעניג

אנגעגאָסען נאָך אַ בעכער און האָט איהם דערלאַנגט דעם אָרימען קאַלי־קע, וועלכען עס האָט שוין פערפעהלט אָטעם, דערוועהענדיג די כוסה, וואָס פאַר איהם איז אָנגעגרייט.

— טרינק! — האָט געשריען דער טיראַן, — אָדער צו אַלדי טייוועל!...

דער קאַרליק האָט דעם בעכער נישט גענומען. דער קעניג איז געוואָרען רויט ווי פייער פאַר כעס. די הויפלייט האָבען געשמייכעלט פאַר נחת. אָבער טריפעטאַ איז צוגעגאַנגען צום קעניגס שטוהל, און אַני־דערגעפאַלען פאַר איהם אויף די קניה און געבעטען, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר פריינד.

דער טיראַן האָט זי אַנ׳אוינגעבליק אָנגעקוקט און געשוויגען, אַזוי ווי פערוואונדערט אויף איהר דרייסטקייט. ענדליך האָט ער נישט־רעדענ־דיג קיין וואָרט, אָבגעשטופט דאָס פריילין פון זיך מיט גרויס חרפה און האָט איהר אָבגעגאָסען דעם פנים מיט׳ן בעכער וויין.

די אָריכע קליינע האָט זיך געשטאַרקט און אויפגעהויבען און נישט וואַגענדיג אפילו אַ זיפץ אַרויסצולאָזען, האָט זי זיך צוריקגעשטעלט אויף איהר אָרט ביים עק טיש.

אַ האַלבע מינוט האָט געהערשט איבער דער גאַנצער חבריא אַ שטיקענדעס שטיל־שווייגען און מ׳וואָלט זיכער דאַמאָלס געקענט הערען דאָס פאַלען פון אַ בלאַט אָדער פון אַ פעדער. פלוצלונג איז דאָס דאָזי־גע שטילשווייגען געשטערט געוואָרען דורך אַ שטילען, אָבער זעהר אַנ׳־אויסגעצויגענעם און מאוים׳דיגען טאָן, וועלכער האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע עקען צימער.

— וואָ—וואָ—וואָס מאַכסטו עפּעס אַזעלכע ליאַרעמס? — האָט דער קעניג געפרעגט מיט גרויס גרימצאָרן.

דער קאַרליק האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, אַ שען ביסעל אויס־געניכטערט פון דעם וויין און קוקענדיג דעם טיראַן פעסט און געלאַסען גלייך אין פנים אַריין, האָט ער נישט מעהר געענטפערט, ווי די ווערטער:

— איך—איך? ווי אַזוי וואָלט איך דאָס געקענט מאַכען?

— מיר ווייזט אויס, אַז דער קול איז געקומען פון דרויסען, — האָט בעמערקט איינער פון די הויפלייט — איך גלויב, אַז דאָס האָט זיך דער פאַפּאַגיי דאָרט ביים פענסטער געריבען דעם שנאָבעל אָן די אייזערנע קראַטעס פון זיין שטייג.

— איך מיין אויך אַזוי, — האָט געזאָגט דער קעניג, פונקט ווי ער וואָלט זיך זורך דער דאָזיגער ערקלערונג געפילט זעהר בערוהיגט.
— אָבער איך וואָלט געשוואוירען, אַז דאָס האָט יענער שלעפער געקריצט מיט די ציין.

דאַן האָט דער קאַרליק אויסגעשאָסען מיט אַ הויכען געלעכטער און האָט דערביי אַרויסגעוויזען אַ פּאָר וואַזשנע און געפעהרליכע שורות גרויסע און שטאַרקע ציין. דער קעניג איז געוואוינט געווען, אַז מען זאָל אויף זיינע וועריטליך לאַכען און האָט נישט פעראיבעל גענאָמען אויפ'ן קאַרליק, וואָס ער האָט געלאַכט. אויסעדיעם האָט דער קאַרליק ערקלערט, אַז ער איז שוין איצט גרייט צו טרינקען ווין וויפיעל מען וועט איהם הייסען. דער קעניג איז געווען צופרידען און נאָכדעם, ווי זשאַבע-טענצלער האָט ווידער אַריינגעכאַפּט נאָך אַ בעכער ווין, איז ער באַלד אַרויס מיט פּראָיעקטען וועגען דער מאַסקעראַדע.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב זיך דאָס דערמאָהנט, — האָט ער אָנגעהויבען גאַנץ רוהיג, פונקט ווי ער וואָלט קיין טראָפּען ווין נישט פערזוכט. — אָבער גראָד נאָכדעם, ווי אייער מאַיעסטעט האָט דאָס מיידעל געשלאָגען און איהר מיט ווין אָבגעגאָסען און פונקט גראָד בשעת דער פּאַפּאַגיי האָט דרויסען ביים פענסטער געמאַכט יענעם וואונדערבאַרען ליאַרים, האָב איך מיך פּלוצלונג דערמאָהנט זעהר אַ שענעם מאַסקענשפּיעל, וועלכעס איז שטאַרק געווען אָנגענומען צווישען די פערוויילונגען אין מיין היים, און וועלכע מיר פלעגען אָפט אויפפיהרען אויף מאַסקענבעלער. אָבער דאָ וועט עס זיין גאָר אַ נייעס. נאָר צום אומגליק פאָדערט די מאַסקעראַדע אַ קאָמפּאַניע פון אַכט פּאַרשוין און...

— דאָ זענען מיר! — האָט אויסגערופען דער קעניג, לאַכענדיג איבער זיין אייגענעם איינפאַל. — דאָ האָסטו פונקט אַכט — איך מיט מיינע זיבען מיניסטאָרען. — זאָג-זשע אַקאָרשט אין וואָס בעשטעהט דיין שפּיעל?

— ביי אונז רופט מען דאָס שפּיעל, די אַכט אוראַנג-אוטאַנגען, וואָס זענען איינס צום אַנדערן צוגעשמיעדט מיט קעטען — האָט געענטפערט זשאַבע-טענצלער — און אַז מען פיהרט עס גוט אַדורך, איז עס באמת אַן אויסגעצייכענטע מאַסקען-פערוויילונג. — דאָס הויפּט-פערגניגען דערביי איז דער פּחד, וואָס אַזעלכע פערשטעלטע וואַרפען אויף די פרויען.

— אויסגעצייכענט! — האָט דער קעניג מיט זיינע מיניסטאָרען,

אַלע מיט איינמאָל אויסגעשריען.

— איך וועל שוין בעזאָרגען אַלעס אין אָרדנונג און וועל אייך אויסשטאַטען, ווי עכטע מאַלפּעס, אוראַנג־אוטאַנגען — האָט געזאָגט דער קאַרליק. — פערלאָזט אייך אויף מיר, די ähnlichkeit זאָל זיין אַזוי שטאַרק, אַז אַלע געסט וועלען אייך ווירקליך האַלטען פאַר אמת'ע בעסטיעס, פאַר אמת'ע חיות און אַלע וועלען זיך פאַר אייך שרעקען און אייך בעוואונדערן.

— דאָס איז דאָך באמת גאָר אַ ממזר'שער איינפאַל! — האָט אויסגערופען דער קעניג. — זשאַבע־טענצלער, דו וועסט פון מיר בע־קומען אַ מעדאַל!

— די קעטען דיענען דערצו, מיט זייער קלאַפּען און קלינגען דעם שרעק צו פערגרעסערן. אַלע וואָס וועלען אייך זעהן וועלען זיכער גלוי־בען, אַז איהר זענט אַלע צוזאַמען אַנטלאָפען געוואָרען פון אייערע וועכ־טער. אייער מאַיעסטעט קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס מאַכען אַזעלכע אַכט צוגעשמידטע אוראַנג־אוטאַנגען אויף אַ מאַסקען־באַל. דאָס רוב געסט וועט זיי האַלטען פאַר אמת'ע בעסט־יעס, היינט שטעלט אייך נאָר פאָר, ווי עס וועט אויסזעהן בשעת איהר וועט זיך אַלע אַכט אַ לאָז טהון מיט אַ ווילדע ריטשעריי צווישען עולם און איהר וועט זיך אַריינפּאַקען צווישען די טאַנצענדע און פיין־געקליידע־טע הערען און דאַמען!

— די זאַך זאָל געמאַכט ווערען! — האָט געזאָגט דער קעניג. און ווייל די צייט איז שוין געוועזען זעהר קורץ, האָט זיך די קעניגליכע חברותא גלייך גענומען צום געשעפט, זשאַבע־טענצלערס פּלאַן, ווי אַם געשווינדסטען אויסצופיהרען.

די אויסשטאַטונג פון די אוראַנג־אוטאַנגען, האָט דער קאַרליק אויסגעפיהרט אָהן גרויסע קונצען. ער האָט דערצו געפונען נאָר אַ פשוט'ען מיטעל: אין דער צייט, וואָס די מעשה קומט פאָר, זענען מאַלפּעס נישט געוועזען אַזוי בנמצא און מען האָט זיי נאָר זעלטען געזעהן אין שטאָדט און דעריבער האָט זשאַבע־טענצלער וועניג וואָס געדאַרפט מורא האָבען, טאָמער וועלען זיך געפונען צווישען די געסט מבינים, וואָס וועלען פערשטעהן, אַז די קאָסטיומען, וואָס זשאַבע־טענצלער האָט אָנגעטהון דעם קעניג מיט זיינע מיניסטאָרען, זענען עפּעס נישט אַזוי עכט מאַלפּיש.

ער האָט גענומען דעם קעניג און זיינע זיבען מיניסטאָרען און

האָט זײ אײַנגעגעהט אין ענגע צוגעצװינגענע העמדער און הױזען פון װאָלצײַג, װעלכע ער האָט דערנאָך גוט בעשמירט מיט סמאָלע, דערנאָך האָט ער גענומען פלאַקס און אַרױפגעקלעבט אױף די סמאָלע אַזױ פיעל, אַז זײ האָבען אױסגעזעהען װי בעװאַקסען מיט האָהר. דערנאָך האָט ער געהײסען ברענגען אַ לאַנגע קעט און האָט מיט איהר אַרומגענומען צום ערשטען די טאַליע פון קעניג און פעסט צוגעשמידט, נאָכדעם האָט ער דאָס זעלבע געטהון מיט די איבריגע פאַרשױנען, ביז זײ זענען אַלע געװען צוזאַמענגעבונדען אױף אײן קעט, אַז ער איז שױן מיט דער מלאכה אינגאַנצען פאַרטיג געװען, האָט ער נאָך אַריבערגעװאָרפען דעם איבערגעבליבענעם עק פון דער קעט צװישען אײנעם און דעם אַנדערן, אַזױ װי די מאַלפּעס-יעגער אױף דער אינזעל באָרנעאָ זענען זיך נוהג בשעת זײ פיהרען שימפּאַנזען אָדער אַנ'אַנדער מין מלפּעס צו פערקױפען.

דער גרױסער זאַל, װאו דער מאַסקענבאַל האָט געזאָלט פאָרקומען, איז געװען זעהר הױך און רונד. בעלױכטען איז ער געװען נאָר דורך אײן אײנציגען פענסטער אין סופיט, װײַל דער עיקר האָט מען זיך בענוצט מיט'ן זאַל בײַ-נאַכט, האָט מען איהם בעלױכטען מיט אַ גרױסען קאַנדעליאַבער, װאָס איז אַראָבגעהאַנגען פונקט אין דער מיט פון פענסטער און האָט זיך אַראָבגעלאָזען און אױפגעהױבען מיט אַ גרױסע קעט, װאָס אין איהר עק איז געװען צוגעשטעפּעט אַ גרױסע װאַגע, װעלכע האָט געהאַלטען די װאָג בײַם אַרױפציהען, נאָר כדי עס זאָל שענער אױסזעהן, איז די װאַגע נישט געהאַנגען אין זאַל אינװעניג, נאָר פון דרױסען פון יענער זײַט דאַך איבער'ן סופיט.

די דעקאָראַציע פון זאַל אױף דעם מאַסקענבאַל, איז איבערגענעבען געװאָרען טריפּעטאַ'ן. עס פערשטעהט זיך, אַז אָהן דעם קאַרליקס דעה האָט זי קײן זאַך נישט געטהון. אױף זשאַבע-טענצלערס בעפעהל, האָט זי געהײסען אַראָבנעהמען אױף יענעם אָװענד דעם קאַנדעליאַבער, כדי עס זאָל נישט אַראָבטריפען פון די ליכט אױף די רײַכע קאָסטיומען פון די געסט און אױף זײַן אָרט האָט מען אױפגעהאַנגען זעהר פיעל לײַכטער אױף די װענד צו בעלײַכטען דעם גרױסען זאַל.

די אַכט אורא‎נג-אוטאַנגען האָבען זיך געלאָזט פיהרען פון זשאַבע-טענצלער'ן און האָבען גערולדיג געװאַרט, ביז האַלבע נאַכט ביז דער זאַל איז געװאָרען פול מיט פערמאַסקירטע געסט און אַזױ װי דער זײגער האָט געשלאָגען צװעלף, האָבען זײ אַרײַנגעטאַנצט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, האָבען זײ זיך אַלע צוזאַמען אַרײַנגעקײַקעלט אין זאַל. זײ האָבען

זיך בײַם אַרײַנגעהן פֿערטשעפּעט אין דער שווערער קעט און דאָס רוב פֿון זיי זענען געפֿאַלען אָדער זיך איבערגעקאַטשעט איינער איבער׳ן אַנדערן.

דער פּחד און די בהלה, וואָס איז געפֿאַלען אויף די מאַסקעראַדניקעס, איז גאָרנישט צו בעשרײַבען און דער קעניג־אוראַנג־אוטאַנג, האָט זיך געשמאָלצען פֿאַר תּענוג. אַזוי ווי מען האָט זיך געריבּט, איז געווען צווישען די געסט אַ סך, וואָס האָבען געהאַלטען די דאָזיגע משונה׳דיגע ברואים פֿאַרווירקליכע ווילדע חיות, אויב נישט דווקא פֿאַר אוראַנג־אוטאַנגען. אַ סך פֿון די דאַמעס זענען געפֿאַלען חלשות פֿאַר שרעק און ווען דער קעניג וואָלט נישט פֿריהער אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז מ׳טאָר נישט קומען אויף דער מאַסקעראַדע מיט אַ רעוואָלווער אָדער אַן אַנדער געוועהר, וואָלט ער און זײַנע חברים מיט׳ן לעבען בעצאָהלט פֿאַר אַזאַ געלעכטער און אַזוי האָבען די געסט אָנגעהויבען צו לויפֿען משוגע׳נערווײַז צו די טהירען, דער קעניג האָט אָבער בעפֿוילען, אַז באַלד נאָך זײַן אַרײַנקומען זאָלען אַלע טהירען ווערען געשלאָסען און אויף זשאַבע־טענצלערס פֿעראָרדנונג, האָט מען די שליסלען איהם איבערגעגעבען.

בשעת דער טומעל און די מהומה האָט דערגרייכט צו איהר העכסטער מדרגה און אין דער שטופּערײַ פֿון דעם צושראָקענעם עולם איז יעדערער געווען אין סכּנה גע׳הרג׳ט צו ווערען און אַלע זענען געווען פֿערנומען מיט דעם געדאַנק, ווי אַזוי קומט מען מיט׳ן לעבען אַרויס — האָט מען געקענט בעמערקען, אַז די קעט, אויף וועלכער עס פֿלעגט שטענדיג הענגען דער קאַנדעליאַבער און וועלכע מ׳האָט אַרויפֿגעצויגען אין דער הויך, נאָכדעם ווי מ׳האָט דעם הענגלייכטער אַראָבגענומען, — אַז די קעט האָט זיך גאַנץ פּאַמעליך ווידער אַראָבגעלאָזט ביז איהר עק מיט׳ן האָק, וואָס איז צוגעטשעפּעט צו איהם איז געבליבען הענגען אין דער לופֿטען דרײַ אַרשין פֿון דער ערד.

דער קעניג און זײַנע זיבען מיניסטאָרען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אַרומגעטאַנצט אין אַלע ווינקעליך פֿון דער גרויסער סאַליע, האָבען זיך פּלוצלונג געפֿונען פּונקט אין רעכטען מיטען, דאָס הייסט גראָד אונטער דער קעט. דער קאַרליק האָט זיי אַ ביסעל אונטערגעשמיסען, זיי זאָלען נאָך עפּעס מאַכען אַ העויה׳לע, כּדי דער עולם זאָל זיך נאָכמעהר דערשרעקען און דער טומעל זאָל נאָך גרעסער ווערען. דאַן האָט ער ווי אַם געשווינדסטען אָנגעטשעפּעט דעם האָק פֿון דער אַראָבגעהאַנגענער קעט

צו דער קעט, וואָס האָט די אַלע אַכט חיות צוזאַמענגעבונדען און דורך אַ פערבאָרגענער קראַפט, האָט זיך די קעט אין איין אויגענבליק אַרויסגעצויגען אַזוי ווייט אין דער הויך, אַז צום האָק איז שוין ניט מעגליך געווען צו דערגרייכען און אַזוי זענען געבליבען די אורנאַנג-אוטאַנגען הענגען אין דער לופטען און זייערע פּנים'ער האָבען זיך געבאָמבעלט און אָנגעקלאַפּט איינער אָן אַנדערן.

דערווייל האָט זיך דער עולם אַ ביסעל בערוהיגט פון זיין ערשטען שרעק און האָט אָנגעהויבען זיך חאַפּען ביי'ן שכל, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט מעהר, ווי אַ גוט שטיקעל אַרבייט פון ליצנות און דעריבער האָט די גאַנצע פערזאַמלונג, דערזעהענדיג די קאָמיש-טרויעריגע לאַגע פון די מאַלפּעס, אויסגעבראָכען מיט אַ הילכדיגען געלעכטער.

— גיט זיי מיר איבער אין די הענד אַריין! — האָט געשריען זשאַבע-טענצלער מיט זיין אָריגינעלער שטימע, וועלכער האָט זיך אַרויסגעהערט דורכ'ן גאַנצען ליאַרים. — לאָזט זיי מיר איבער! מיר דאַכט זיך, אַז איך קען זיי. איך וועל זיי נאָר גוט אָנקוקען, וועל איך אייך שוין זאָגען ווער זיי זענען.

דאַן האָט ער זיך אַ לאָז געטהון דורכ'ן עולם צו דער וואַנד, אַרויסגעחאַפּט אַ ליכט פון אַ לייכטער און האָט זיך אומגעקעהרט אין מיטען זאַל. דאָ האָט ער אַרויפגעקלעטערט גרינג און פלינק אַזוי ווי אַ מאַלפּע אויפ'ן קעניגס קאָפּ, פון דאָרט האָט ער נאָך אַרויפגעקלעטערט עטליכע אַרשין הויך אויף דער קעט און צושטעלענדיג דאָס ליכט צו די פּנים'ער פון דער מאַלפּען-גרופּע, האָט ער אויסגעשריען אין איין אָטעם:

— באַלד וועל איך וויסען ווער זיי זענען!

און איצט, בשעת די גאַנצע געזעלשאַפט און אפילו די מאַלפּעס אויך, האָבען שיער געפּלאַצט פאַר געלעכטער, האָט דער נאַר פּלוצלונג געלאָזט הערען אַ שטאַרקען געוואַלדיגען פייף, נאָך וועלכען די קעט האָט זיך דערלאַנגט אַ הויב מיט אַמאָל דרייסיג אַרשין אין דער הויך די דערשראָקענע און צאַפּעלדיגע אורנאַנג-אוטאַנגס זענען מיטגעצויגען געוואָרען, ביז זיי זענען געבליבען הענגען אין דער מיט צווישען דעם סופיט-פענסטער און דער פּאָדלאָגע. זשאַבע-טענצלער, וואָס האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן דער אַרויפגעצויגענער קעט, איז געבליבען אין דערזעלבער פּאָזע ווי פריהער און אַזוי ווי עס וואָלט קיין שום זאַך ניט געשעהען, האָט ער זיי ווייטער געלויכטען אין די אויגעליך מיט זיין ליכט, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך געוואָלט דערגעהן ווער זיי זענען

די גאַנצע קאָמפּאַני'ע איז געוואָרען ערשטוינט און איבערראַשט אויף דער העכסטער שטופע פון דעם פּלוצלינגען אַרויפציהען פון דער קעט און אַ מינוט צייט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט אין זאַל. אָבער די שטילקייט איז איבערגעהאַקט געוואָרען דורך דעמזעלביגען שטילען, האַרטען און צייןקריצעדיגען טאָן, וועלכער האָט שוין אַמאָל בעאונרוהיגט דעם קעניג און זיינע ראַטגעבער, בשעת ער האָט טריפּעטאַ'ן נעוואָרפען דעם בעכער ווייַן אין פּנים אַריין, אָבער איצט האָט שוין נישט געקענט זיין קיין שום ספק, פון וואַנען דער קול איז געגאַנגען. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם קאַרליקס צייהן, וועלכע האָבען מאוים'דיג געקריצט הינטער די ליפּען, וואָס זענען געווען בעדעקט מיט שוים און דערביי האָט ער געקוקט מיט פייערדיגע אויגען און מיט אַ גיפטיגען כעס פון אַ משוגע'נעם אין די פערריסענע פּנים'ער פון קעניג און זיינע זיעבען חברים.

— אַהאַ! — האָט ענדליך געזאָגט דער הויפנאַר מיט אַ געוואַלדיגען כעס; — אַהאַ! איצט הויב איך זיך אָן צו דערמאָהנען ווער די לייט זענען!

און מיט די ווערטער האָט ער צוגערוקט נאָך נעהנטער דאָס ליכט צום קעניגס פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט איהם וועלען נאָך בעסער בעטראַכטען. ער האָט עס אָבער צוגערוקט אַזוי נאָהנט, אַז די פלאַקס, וואָס האָט אַרומגעוויקעלט זיין קערפּער, האָט זיך אָנגעכאַפּט און אין אַ האַלבע מינוט אַרום זענען אַלע אַכט אוראַנג-אוטאַנגען אַרומגענומען געוואָרען מיט אַ העלישען פייער. אַ טויט-שרעק איז געפאַלען אויף אַלע געסט, זיי האָבען אָבער, אויסער שרייען, נאָרנישט געקענט העלפען; די מאַלפּעס זענען געהאַנגען אין דער לופטען און געברענט.

באַלד האָבען זיך די פלאַמען און אַ געוואַלדיגער רויך אויפגעהויבען העכער און העכער און דער נאַר איז געווען געצוואונגען העכער אַרויפצוקלעטערן אויף דער קעט און וואָס ווייטער זיך אָבצורוקען פון דער ברענענדיגער חבריא. בשעת ער האָט די דאָזיגע פלינקע בעוועגונג געמאַכט, זענען די קולות צווישען די געסט אַ ביסעל שטילער געוואָרען. מיט דער געלעגענהייט האָט זיך דער הויפנאַר בענוצט און האָט אויסגעשריען:

— ערשט דערקען איך שוין גאַנץ דייטליך, צו וועלכער קלאַס מענשען די דאָזיגע מאַסקעס געהערען; דאָס איז אַ גרויסער קעניג מיט זיינע זיעבען יועצים -- אַ קעניג, וועלכער האָט געקענט ביי זיך פילע'ן

צו שלאגען א שוואך קינד און זיינע זיבען מיניסטארען, וואס האבען איהם אנגערייצט דערצו. בנוגע צו מיין אייגענער פערזאן, בין איך נישט מעהר, ווי זשאבע-טענצלער דער הויפנאר, דער לץ, דער לאכער און דאס איז געווען מיין לעצט שטיקעל ארבייט!

קוים האט דער קארליק געענדיגט זיין קורצע רעדע, איז שוין זיין נקמה אויסגעפיהרט געווארען; פון די אלט געשמידעטע קערפערס, וואס זענען געהאנגען אויף דער קעט איז נישט מעהר געבליבען, ווי א שווארצע, מאוס'ע אונקענטיגע מאסע, פון וועלכער עס איז געגאנגען א רויך, דער קארליק האט אראבגעשליידערט דאס ליכט אויף זיי און אליין איז ער ארויפגעקלעטערט ביז צום סופיט און איז דורכ'ן פענסטער פערשוואונדען געווארען.

מען רעכענט, אז פריילין טריפעטא, וועלכע איז געשטאנען אויבען אויפ'ן דאך, איז געווען א מיטהעלפערין פון איהר פריינד בשעת דער פייערדיגער נקמה. געוויס זענען זיי צוזאמען אנטלאפען צו זיך אהיים, ווארום מ'האט זיי שוין פון דאמאלס אן מעהר קיינמאל נישט געזעהען.

א. רייזען.

פון וואנען שטאמט פילאנטראָפּיע?

(א בילד פון די שטורעמדיגע טעג)

חיים שאפּירא, א יוד פון א יאָהר פופציג, און א גביר פון א פּאָר הונדערט-טויזענד רובל, געהט אַרום ווי צומישט. נעכטען איז אין דערזועלבער גאַס וואו ער וואוינט, פאָרגעקומען זעהר א מיאוס׳ע מעשה. אַרבייטער זענען בעפאַלען א פוהר מיט ברויט און האָבען עס צושלעפּט ביז א ברעקיל. ער האָט עס אפילו אַליין נישט געזעהען, נאָר אַלע דערצעהלען עס און צוויי פּריקאַזטשיקעס זיינע האָבען געשוואוירען, אַז זיי האָבען דאָס אַליין מיט זייערע אויגען געזעהען.

— ווי הייסט געחאַפּט? — האָט ער פון אָנהויב גישט געוואָלט פערשטעהן. — ס׳טייטש, ווי אַזוי האָט מען דאָס געלאָזען? איז דען הפקר א וועלט?

— נו, וואָס מאַכט מען מיט הונגעריגע? — האָט איהם איינער צוריק געענטפערט.

— הונגעריגע?! — האָט חיים אויסגערופען און נישט געפונען נאָך דעם וואָס צו זאָגען — נאָר באַלד האָט ער א גלעט געטהון זיין געדיכטער שען-פּערקאַמטער באָרד, נערוועז א טרייסעל געטהון די גאָלדענע קעט פון זיין זייגער, וואָס האָט געפונקעלט אויף זיין ברוסט און האָט צוגעגעבען: אַז מען איז הונגעריג בעט מען, אָבער נישט חאַפּען! וואָס איז? איז דען הפקר א וועלט? איך וואָלט זיי געגעבען פאַר חאַפּען!...

ער שטעלט זיך אָב, חאַפּט דעם אָטעם און גיט א פרעג:

— נו, און פּאָליציי, ס׳טייטש, וואו איז געווען פּאָליציי?...

— פּאָליציי... וואָס קען פּאָליציי טהון? ביז וואַנען זי האָט זיך

געכאַפּט, זענען זיי צולאָפן. אַ פּאָר האָט מען אַרעסטירט.

— איך וואָלט זיי געגעבן! — קומט חיים אַריין אַלץ מעהר אין כעס — כ'וואָלט זיי געוויזען וואָס הייסט כאַפּען... איך וואָלט... ער דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער, עפּעס רעדט ער גאָר היינט נישט ווי אַ יוד. מענשען זענען הונגעריג, געהען אום אָהן אַרבייט, וואָס זאָלען זיי טהון? געהונגערט האָט אפילו חיים קיינמאָל אין זיין לעבען נישט. אָבער דאָך פערשטעהט ער, אַז הונגער איז נישט קיין גוטע זאַך. פון דעסטוועגען טאָר מען דאָס נישט גרינג מאַכען, עס איז אַ סכנה. היינט זענען זיי הונגעריג כאַפּען זיי ברויט, מאָרגען וועלען זיי וועלען כאַפּען אַנדערע זאַכען. איז מען דאָך בכן נישט זיכער מיט דעם פערמעגען.

ביים לעצטען געדאַנק שטעלט ער זיך אָב און האָט מורא ווייטער צו קלערען, נאָר געגען זיין ווילען קומען איהם אַרויף אַלץ געפעהרליכערע געדאַנקען און ער קען זיך נישט בערוהיגען.

ער געהט אַרום אין גאַס און קוקט אין אַלע זייטען, ער וויל עפּעס דערקענען, אַנטאַפּען... די גאַס רוישט ווי אַלע מאָל, די וועלט איז ווי געוועזען. אָט זעהט ער, ווי אַ טרעגער שלעפּט אויף דער פּלייצע אַ גרויסען קאַסטען. — נישקשה — טראַכט ער — אַז מען איז נישט פויל קריגט מען אַרבייט! ער איז מיט'ן טרעגער יעצט שטאַרק צופריעדען, ער ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, ער האָט געוויס נעכטען קיין ברויט נישט געכאַפּט. ער קוקט זיך אין איהם איין, דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זעהט ער גוט אַ טרעגערס פּנים. — אַנ'ערליכער יוד, — טראַכט ער — האָרעוועט געביך שווער... איהם ווילט זיך צו איהם צוגעהן און אַ זאָג טהון איהם:

— אַרבייט, אַרבייט, ר' יוד, וועסטו אַלע מאָל האָבען ברויט...

ער האַלט זיך אָבער איין: עס פּאַסט נישט! ער טראַגט, זאָל ער טראָגען געזונטערהייד, וואָס געהט עס איהם אָן?

ער געהט ווייטער און קוקט ווידער אויף פיעל דורכגעהער. דערהויפּט וויל ער דערקענען אַרבייטער. אַנ'אַנדערער קוקט שאַפּיראָ'ן טיעף אין פּנים אַריין. חיים וואָלט שווערען, אַז דאָס איז געוויס איינער פון די נעכטיגע האַפּער. ער קעהרט אָב דאָס פּנים, האַלט צו דער קעשענע מיט דער האַנד און האָט שוין מורא צו קוקען.

פּלוצים האָט ער בעגעגענט אהרן עפּשטיין, אַ יוד אַ גביר, ווייבער אַ גוטער בעקאַנטער.

— גוט מאָרגען פּאני עפּשטיין ! — שטעלט ער איהם אָב .

— גוט מאָרגען ! — ענטפערט עפּשטיין צוריק . — וואוהין געהט איהר עס פּאני שאַפּירא .

— נישטאָ קיין ארבייט . . . חע־חע־חע . . . — לאַכט כלומר׳שט שאַפּירא .

— יאָ , יאָ ! — מאַכט עפּשטיין אַן ערנסט פּנים . — עס איז אַ שענער געלעכטער . איהר ווייסט וויפיעל ארבייטער עס געהען אום לעדיג ?

— וויפיעל ? — פרעגט שאַפּירא דערשראָקען .

— איבער צעהן־טויזענד . . .

— עס קען נישט זיין ! — וויל שאַפּירא נישט גלויבען און ער ווישט דאָס פּנים מיט׳ן ווייסען טיכעל , ווי ער וואָלט וועלען די גרויסע צאָהל ארבייטער פון דאָרט אראָבווישען .

— איך זאָג אייך ! — פערזיכערט עפּשטיין .

זיי בלייבען שטיל . ביידע האָבען , אַפּנים , איינע טרויעריגע געדאַנ־קען און נישט בעזונדערס סימפּאַטישע און זיי שעמען זיך אונטער . . .

ענדליך קען שאַפּירא זיך נישט איינהאַלטען און ער שיסט אויס :

— זאָגט מיר : מיט נעכטיגען וואָגען ברויט איז טאַקע אַן׳אמת ?

— מיט׳ן נעכטיגען ברויט איז נאָך גאָרנישט — ענטפערט עפּ־שטיין מיט אַ שמייכעל , וואָס שניידט שאַפּירא׳ן ווי מיט מעסערס . — היינט איז געוועזען נאָך אַ שענערע מעשה .

— וואָס ? — שטעלט אויס שאַפּירא די אויגען .

— פרעגט שוין גאָרנישט ! — רעדט עפּשטיין מיט אַ געמאַכטען רוהיגען טאָן און שאַפּירא פיהלט , אַז ער בלייבט אונטער זיינע הענד און ער טרייבט איהם :

— דערצעהלט שוין ! לאָמיך הערען די פרעהליכע נייעס .

— פייערמאַנ׳ס רעסטאָראַציע האָט איהר ווען געהערט ? — פרעגט עפּשטיין .

— עפּעס ווי אין חלום — ענטפערט שאַפּירא — דאַכט זיך אַנ־אָרימע רעסטאָראַציע .

— אַנ׳אָרימע , אַ רייכע , אַ מיטאָג קריעגט מען דאָרט . דאָרטען עסט דער מיטעלער קלאַס . עס קאָסט , דאַכט זיך , אַ פיערטעלע אַ מי־טאָג , זענען געקומען צו געהן היינט אהין דריי־און־דרייסיג ארבייטער , האָבען זיך פיין ארומגעזעצט ביי די טישען און האָבען זיך פיין אָבגעגע־

סען צו מיטאג . . .

— נו ?

— און האבען זיך אלע מיט אמאל אויפגעהויבען און זענען ארויס־געגאנגען.

— און נישט בעצאהלט ? ! — שטוינט שאפירא.

— צאהלען וועלען זיי ! — ענטפערט עפשטיין קאלט, — וואו זאלען זיי נעהמען ? א תירוץ — קריזיס !

— ס׳טייטש, וואו איז פאליציי ? . . . — שרייט שאפירא און האט אייגענטליך גלייך חרטה . . .

— וואס פאליציי ? ביז מען גיט זיך א קעהר ווערען זיי נישט. יאס איז א חברה׳לע, הא ?

— א חברה׳לע ! — זיפצט שאפירא און בלייבט פערטראכט.

— מען איז נישט זיכער מיט׳ן לעבען — זאגט ענדליך עפ־שטיין.

— נישט זיכער . . . נישט זיכער . . . — שטימט איין שאפירא.

— מען האט געדארפט זוכען עפעס א מיטעל. עס איז דאך קיין חכמה נישט. גאט ווייס צו וואס אזוינע מעשיות קענען ברענגען, אומגליקליך קען מען ווערען.

— אודאי, דארף מען זעהן עפעס צו טהון . . .

— מען דארף גרינדען א חברה צו שטיצען זיי ! — רופט זיך ארויס שאפירא.

— אודאי מוז מען זיי העלפען. — זאגט עפשטיין — מען דארף זעהן מאכען אנ׳אסיפה. צונויפרופען אלע גבירים און פערמעגליכע מענשען און זעהען עפעס טהון דערצו . . .

— איך גיב דער ערשטער דריי רובל! — האפט אינסטינקטיוו שאפירא ארויס זיין גרויסען פארטמאנע, זוכט צווישען די אסיגנאציעס א דריי־רובלדיגע נאר ער געפינט נישט, עס איז דורכאויס הונדערטער און פופציגער און פינף־און־צוואנציגער, האטש טהו זיך עפעס ! אפשר האט איהר פאר א פינף־און־צוואנציגער קליין געלד ? — ווענדעט ער זיך צו עפשטיינ׳ען.

— ניין ! צום בעדויערן האב איך אויך בלויז גרויסע געלד — הונ־דערטער און פופציגער. נאר עס מאכט נישט אויס. מיר גיבען צו דריי רובל. עס איז רעכט מארגען.

יא, יא, — בערוהיגט זיך שאפירא. — ביז מען וועט אלעמען אויפקלייבען וועט אודאי געדויערן עטליכע טעג.

און די צוויי גבירים האבען זיך בערוהיגט צושיידט.

אין א וואך ארום איז געגרינדעט געווארען א נייע חברה מיט'ן נאמען „צו שטיצען ארימע ארבייטער". דער הויפט־מאכער איז געוועזען שאפירא. ער האט אויפגעגעבען א פלאן, אז קיין בארעס געלד זאל מען די ארבייטער נישט געבען, ברויט זאל מען זיי געבען. די ערשטע טעג האט ער זיך אנגענומען אליין מתעסק צו זיין אין דעם טיילען.

אין א גרויסען צימער, וועלכען מ'האט עקסטרא צוליעב דעם געדונגען, איז געלעגען אנגעווארפען פיעל ברויט. די טהיר פון צימער איז געווען בעלאגערט פון עלטערע ארבייטער, ווייבער און קינדער.

שאפירא האט זיי בעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען און געהייסען עס זאל זיין ארדנונג.

— איך וועל אלעמען געבען — אלעמען!

איינער אנ'ארבייטער פון א יאהר פינף־און־צוואנציג, אין א לאנגער קאפאטע מיט א בלאסען פנים און אויסגעלאשענע אויגען, האט זיך א רוק געטהון, אידער שאפירא האט איהם גערופען, צו א ברויט און האט עס געוואלט נעהמען.

— נאר נישט געחאפט — האט זיך שאפירא ווי דערשראקען, — חאפען — נישט; דאס טאר מען נישט.

— איך חאפ נישט — האט זיך דער ארבייטער שוואך פערטיידיגט. — ער האט קענטיג פאר הונגער נישט געקענט רעדען העכער.

— זאג מיר דעם אמת. — האט זיך צו איהם שאפירא געווענדעט מיט א פארשענדען שמייכעל. — דו האסט פאראכטאגען פון דעם וואגען ברויט געחאפט, צו נישט? זאג דעם אמת — מען וועט דיר גארנישט טהון, עס טרעפט זיך, אז א מענש טהוט אמאל א נארישקייט.

— וואס רעדט איהר? — האט זיך דער ארבייטער דערשראקען — מיר זענען נישט פון יענער חברה.

— יענע זענען גאר אנדערע... — האט אנ'עלטערער ארבייטער אונטערגעהאלפען. — יענע קומען נישט אהער.

— ווי הייסט יענע קומען נישט? — האט שאפירא זיך געוואונדערט, — פאר וואס?

— דאס זענען גאר אנדערע מענשען... זיי האלטען נישט פון

צדקה... — האט דער ערשטער ארבייטער געוואלט געבען צו פער־שטעהן, נאר ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי.

שאפירא האט אראבגעלאזען די הענד. הייסט עס ער האט אינ־גאנצען א טעות געהאט. ער האט געמיינט, אז ער וועט זיי פערשטא־פען די מיילער מיט א פאר ברייטלעך. ערשט זענען גאר געקומען סתם קבצנים. יענע זענען נישטא.

— וואו זענען יענע?! — האט ער געוואלט א געשריי טהון.

— גיעב שוין מיר, וואס מיר קומט! — האט דער שוואכער ארבייטער אויסגעשטרעקט די האנד.

— וואס קומט דיר?! — האט זיך שאפירא צוהיצט — קיין חלק האסטו דא נישט ארייננגעלעגט, ווערסט אפשר אויך חאפען?

ער האט געהייסען די געדונגענע פון דער חברה, זיי זאלען טרייּ־בען און ער אליין איז אוועק.

— אנ׳עסק! — האט ער געהענדיג געשפיגען. — איך האב גע־מיינט, אז דאס זענען יענע — ערשט עס איז גלאט קבצנים. מיט יע־נע איז טאקע אפנים גאר נישט גוט... צו זיי איז גאר קיין עצה נישטא..

— גאר נישט פרעהליך! — האט ער געהענדיג געזיפצט און געהאלטען די האנד ביי דעם בוזעם־טאש...

דער שופר.

דער שופר האָט אַ בלאָז געגעבען.
און אויפגעציטערט האָט דאָס לעבען —
דאָס פלאַנצען־לעבען אויף די פעלדער;
און אַלע בוימער אין די וועלדער —
דערשראָקען פאַר דעם אָסיען־וועטער,
פערלוירען האָבען זייערע בלעטער:
און אַלע גראָזען, אַלע בלומען,
פערוועלקען, פוילען און פערקרומען,
און בייגען זייערע קעפּ אַרונטער,
און זאָגען אָן: עס קומט דער ווינטער!...
געדיכטע וואָלקען אין געוויימעל,
פערדעקען שוואַרץ דעם גראָהען הימעל;
אין נעמען וויינען, נעמען קלאָגען,
פון בליץ און דינער־קלאַפּ דערשלאָגען...
עס פאַלט אַראָב אַן אָסיען־רעגען
און בלאָטיגט איין אַרום די וועגען,
און וואַשט אַרום די וועלט אין גאַנצען;
און אַלע הייזלעך נעמען גלאַנצען —
בעטריבט ענטקעגען דעם געוויטער,
און אַלע מענשען צווייפלען ביטער,
עס ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגען:
עס ווייזט זיך ניט קיין רעגען־בויגען — —
אַ מבול וועט די וועלט פערגיעסען!
און אַלץ וועט שטאַרבען, אַלץ וועט ליגען,
דערטרונקען, מאַכטלאָז און ענטשוויגען,
אין קיינער וועט דערפון ניט וויסען...
נור וועט אַ נוח זיך דערלייזען,
בעשירעמט דורך אַ תיבה־קאַסטען — —

וועט ער די נייע־וועלט בעלאסטען,
און וועט א נייעם גאט בעשאפען
די נייע מענשהייט צו פערשקלאפען —
און זיך אליין אלס העלד בעוויזען...
און ווידער וועט די מענשהייט גלויבען
און ווארטען אויף דעם גאטס בעגליקער,
און רוהיג דולדען די בעדריקער...
און אין פערשקלאפונג אייביג בלייבען!...

נור שא! א תקיעה האט געגעבען
צי וועקט זי דען צום נייעם לעבען?;
צי איז דער מבול שוין אריבער?
עס ווייזען זיך די שינדעל־דעכלעך.
מיט גרינעם שימעל אין די לעכלעך,
עס עפענט זיך א קליינטשיק שייבעל ——
ווא איז די קראה? ווא איז דאס טייבעל?
וואס ווייזט זיך ניט ארוים דער גיבור?
פאר וועמען האט ער דען צושרעקען?!
צו זעהט ער ניט דער וועג איז טריקען,
ווי פריי ער פיהרט איהם צו די גליקען —
צו הערט ער ניט דעם שופר וועקען?
נור אפשר איז קיין מענש געבליעבען
וואס זאל זיך ווייזען אויס׳ן הויזעל?
עס ווייזט זיך קוים א קליינשיק מויזעל.
און כאפט פון מיר אנ׳עין־הרע ——
און שפרינגט צוריק ארייך אין נארע...
ווי כ׳וואלט עס מיט מיין בליק פערטריעבען!

און דאך, איך הער, דעם שופר שאלען!
צו בין איך דען אליין מחבל,
בעשיצט געבליעבען אינ׳ם מבול?
און פיהל עס ניט, און זעה עס ניט,

-ענגרייף עס ניט, פערשטעה עס ניט,
און וויים עס ניט אליין ?...
איך בין עס דאך, עס איז פערפאלען.
ס'קען אנדערש שוין ניט זיין !...

איך שטעה אליין אין מיטען פעלד,
פערבלאָטיגט ביז די קניהען;
און זעה די וועלט, די גאנצע וועלט,
אין שווארצען איבער ציהען...

א גראָהער הימעל אין דער הויך.
א בלאָטע שווארץ פון אונטען;
אין ביידע זעהען אוים אין טייך
מיט שרעקליכע אָבגרונדטען...

א מבול ווערט! איך מוז אליין
א תיבה מיר אויף בויען;
וואו זוכט מען זיך א האָלץ, א שטיין?
איך קען עס מיר ניט טרויען!...

דו האסט דיך גאט גענארט אין מיר,
דו וועסט קיין וועלט ניט האָבען!
איך מאך קיין תיבה ניט פאר איהר,
זי ווערט מיט מיר בעגראָבען...

אין דיינע וואונדער גלויב איך ניט,
כ'האב לאנג זיי אויפגעגעבען!
איך קען נור זינגען יענעם ליעד,
וואס וועקט צו קאמפף און שטרעבען!...

נור וואַרט! אַ שופר בלאָזט, אַ שופר וועקט!
עס איז קיין מבול ניט געוועןׂ —
איך האָב עס נור אין טרוים געזעהן...
דאָס האָט זיך נור אַנייע וועלט ענטדעקט,
און עפּעס נייעס איז געשעהן!...
דאָס מאַכט זיך גרייט,
די נייע וועלט
צום גרויסען שטרייט
אַלס שטאָלצער העלד,
און ווייזט אַרוים זיין גבורה!...
דאָס אַלטע לעבען ציטערט אויף פון זיין,
און שטאַרבט אַוועק —
אין שרעק!
און ווערט פערגליווערט, ווערט פערשטיינט,
און הילט זיך איין די צורה
אין שוואַרצען וואָלקען פלעק,
און וויינט...
דאָס נייע לעבען געהט פאָראויס
פערוויקעלט אין תּכריכים — —
עס קלאַפּט אַ דונער, ס'פלאַקערט אויף אַבליץ!
עס גוסט אָב דער אַלטער זומער...
און מאַכט אַלץ טריבער
אַלץ טיפלישער דעם הימעל,
און דעקט איהם אין אַנעבעל איבער...
די בלאַסע זון בעווייזט איהר בליק
פון פינסטער'ן געווימעל,
און שמייכעלט שטאַר, און לאַכט זיך אויס,
פון אַל'אומזיסטיגע ויכּוחים;
און כאַפּט זיך שנעל צוריק... צוריק...
און ווערט אַלץ בלייכער און אַלץ שטומער...

אַ שופר בלאָזט! אַ שופר שאַלט!
איך הער איהם גלייך, דערקען איהם באַלד —

דאָס קומט משיח אונז בעפרייהען!
זייט גרייט געשלאָסען פעסט אין רייהען,
מען מוז די אַלטע וועלט בעגייען!...
די פעלדער מוזען ווידער בליהען,
די וועלדער מוזען ווידער שמעקען?
די פייגעל מוזען ווידער פליהען,
די ליעדער מוזען ווידער וועקען...
און ווידער מוז עס זומער ווערען — — —
ווישט אָב איהר וואָלקען אייערע טרעהרען!
זאָל שוין דאָס טרויערען אויף הערען!
ער געהט דער אַלטער,
ער ווייזט זיך דאָרט,
מיט ווייסער באָרד;
עס שופר האַלט ער,
און רופט!
ער פיהרט צום שטרייט,
דאָס שקלאַפען-פאָלק:
מאַרשירט מיט פרייד
צו דעם ערפאָלג!
און שפּאַלט
די לופט,
און שאַאַלט!..

נור ניין, אָה ניין! ער איז ניטאָ!
משיח איז נאָך ניט געקומען...
עס ווייזט זיך קוים,
פאַר מיר אין טרוים,
די אַלטע אַלטע שיהל...
אין יענע געטלעך-גרויסע שעה,
ווען יעדער שטעהט אַרום געגומען
אין היילינען געפיהל —
און וואַרט דעם בעל-תקיעה אָב.
גלייך ווייזט זיך אויף דער בימה,

אַנ'אַלטער יוד געקליידט אין ווייסן,
אַ שופר אין דער האַנד.
עס הערט זיך זיס זיין שטימע
ווי פון דעם כסא הכבוד אַראָפּ,
מיט הימלישען טאַלאַנט —
מיט פרומער מינע: תקיעה!
עס שאַלט אַ שופר אויף און רופט,
און נעמט אַ דורך די גאַנצע לופט
מיט העלדען-גייסט —
מלאָכים — טרייסט
דעם וועג צום הימעל אויף צורייסען!...
און אַלע יודען וואַרטען,
אויף זייער פסק דעם האַרטען,
די געטליכע ישועה...

די וויסטע קיטלען און מלתים,
דערמאָנען מיך יחזקאל'ס-מתים:
דעם גרויסען טאָהל,
וואָס איז אַ מאָל,
געווען מיט טויטע ביינער...
נור דורך זיין רוף,
אין הימעלס-מאַכט;
האָט יעדער גוף
צוריק ערוואַכט...
און גאָטעס-לויב געזונגען!...
עס ווילט זיך מיר אַ נביא ווערען,
זיי מיט מיין גייסט דורכדרינגען;
זאָל זיך פון זיי אויפכאַפּען איינער,
צו צווייפלען וועל איך באַלד אויפהערען!
און מוטהיג וועל איך מיך בעווייזען,
מיט רויטען-פאַקעל אין דער האַנד;

און װעל זײ רעטען, זײ דערלײזען,
און פיהרען זײ צום פרײען לאַנד...

נור אַלץ אַרום דערמאָנט אָן שנײ! —
עס נעמט מיך דורך אַ טיעפער װעה...
װאָס בעט איהר נאָך אויף אײַרע זינד?
פערזאָרגט איז אײער װײב און קינד,
און װעט ניט מעהר שױן פריהרען?
עס ברענגט דאָך אײך קײן ניצען,
מאַכט קײנעם ניט געזינדטער,
און קען פון פראָסט ניט שיצען!...
ניט קײנעם נעמט עס ריהרען.
די לעערע בױמער נור אין פעלד,
פערטוליען זיך צונױף פון קעלט;
און נעמען מיר דערקלעהרען,
מיט זײערע אַסיען־טרעהרען:
דער װינטער קומט, דער װינטער!

הערשעלע.

דער פאספארט-סיסטעם.

דער פאספארט-סיסטעם איז ערשט נישט לאנג איינגעפיהרט געווארען אין דער פוילישער ליטעראטור דורך א. ניעמאיעווסקי׳ן: „די הענד אויף׳ן טיש״, די מעטריקעס וויזום! איהר, פאן סטאניסלאוו, הייסט גאר ר׳ ישעיה, און חבר ראדעק איז גאר א בור-ושנאי מיט א רייכער כלה א. א. וו.

קיין נייעס איז ער נישט, דער פאספארט-סיסטעם! ריכטיג האט מען דאך בעמערקט, אז יעלענסקי עליו השלום האט די מלאכה בעסער געקענט. נור יעלענסקי איז שוין לאנג טויט, און זיין זוהן איז נישט געווען קיין גוטער ממלא-מקום, האט זיך ניעמאיעווסקי גענומען פאר דער מלאכה.

און אזוי ווי מיר זענען גוטע תלמידים, און ס׳איז דאך א כלל, אז וואס ס׳איז דא אויף דער יבשה מוז אויך זיין אין ים, האבען מיר זיך טאקע צוגעאיילט מיט׳ן איינפיהרען דעם פאספארט סיסטעם.

און עס האט זיך אנגעהויבען פון וו. מעדעם.

אנ׳ארטיקעל האט דער שרייבער אנגעשריבען אויף רוסיש אין „יעוו. אבאזריעניע״ וועגען דער יודישער שפראך. און נור מיט צוויי דריי פראזען האט ער דערמאהנט, פערביינגעהענדיג, די פראגע פון דער העברעאישער שפראך און דער העברעאישער קול-טורער האט גוט געזאגט צי שלעכט געזאגט — דאס אינטערעסירט מיך נישט אויף דעם ארט, ווייל דאס האט אויך נישט אינטערעסירט נישט דעם „נאדזיראטעל״ פון „הר הזמן״ און נישט דעם „גאראדאוואי״ פון א ווארשויער יודישער צייטונג.

—דעם פאספארט, ה׳ מעדעם!

דער „נאדזיראטעל״ האט געפונען די פאפירען נישט אין גאנצען אין ארדענונג און האט דעריבער יוצא געווען מיט אנ׳אדמיניסטראטיווער שטראף: משלח זיין דעם הערר מעדעם אויסער דעם יודישען תחום. דער „גאראדאוואי״ פון דער יודישער צייטונג האט גענומען דערצו זירלען אין א שיכורען גאס-טאן: פערברעכער. און עוכר-ישראל און רעדער-שמירער מיט יודיש בלוט און עם-הארץ און גראבער יונג און וואס אין אין דער קארט שטעהט נישט, און די שטראף פערשטעהט זיך, איז שוין פיעל הארבער:

— קיין קאטארגע דעם פערברעכער מעדעם!

אין אַ מזל'דיגע שעה איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער פּאַספּאָרט-סיסטעם אין אונזער ליטעראַטור.

און איך בין בטוח: עס וועט געהן אַ גאַנג.

איך האָב מיך צוגעאײלט און בעשטעלט אין צירקעל אַ שפּאָגעל-נייעם פּאַס-פּאָרט און האָב נעהייסען אַלע מיינע פּאַפּירען בריינגען אין אָרדנונג.

אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אונזערע היימיש-געבאַקענע „נאַדזיראַטעלעס" און „גאָראָדאָוואָי'ס" קאָן זיך פּערוועלען און וואָס זיי קאָנען אַ מאָל אויסזוכען אין די פּאַפּירען.

הייסען הייס איך לייב, מיין טאַטע — משה. איך האָב אייגענטליך פּאַר גאָרנישט מורא. קאָן אָבער נאָך אַמאָל דער שרייבער אין צירקעל מיר וועלען טהון אַ טובה און פּערשרייבען מיך לעאָן, מיינטאַטען — מאָיסיי, אָדער מאָזעס, הײנט קום און וויז דיך מיט אַזוינע פּאַפּירען אין דער יודישער פּרעסע!

משומד, האַלבער-משומד וועל איך הייסען. דער „נאַדזיראַטעל" „פון הד-הזמן" וועט מיך שיקען אויסער דעם תחום, דער „גאָראָדאָוואָי" פון דער יודישער צייטונג — אויף קאַטאָרגע.

און ערגער פּאַר אַלעם: איך וועל מוזען האַלטען דאָס מויל און נישט פּרובען אַרויסצוזאָגען מיין גוטע צי שלעכטע מיינונגען וועגען אַ פּראַגע פון יודישען לעבען.

אַ ביטערע צייט איז דאָס, די צייט פון אַ רעאַקציע. נישט נור אין גאַס, נור אפילו אין ליטעראַטור טאָר מען זיך נישט ווייזען אָהן פּאַספּאָרט.

און זענען דיינע פּאַפּירען עפּיס אַנ'אורזאַך נישט אין אָרדנונג, שפּרינגען אויף דיר באַלד אָן אַלע מיני פון אַלע שוואַרצע לעבער און ציפּען און רייסען און בייסען.

נישט שטערט זיי! ס'איז זייער צייט און זייער חתונה.

„ה. ד. נ."

ליטעראַרישע נייעס.

— עס איז ערשיענען אַ זאַמלונג געדיכטע פון אַ איזגור „שלאָפלאָזע נעכט". די זאַמלונג פערמעגט אייניגע פיין-דורכגעפיהלטע לידער. געדרוקט איז דאָס ביכעל פּראַכט-פאָל. —

— עס פערפערטיגט זיך אַ זאַמלונג „חנוכה" אונטער דער רעדאַקציע פון א. רייזען מיט ערצעהלונגען פון שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, א. רייזען און פיעלע אנדערע.

Ред. Изд. Й. ЛИДСКІЙ, Европейская Литературо То.
Тип. Г. Пимсить Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

37 עס העפט

אייראפעאישע אילוסטראטור

צום סוף — טעניץ.

אין פארצימער האט זיך דערהערט א רוישען פון זייד.

די דיענסט האט מיר דערלאנגט צוויי וויזיט=קארטען!

— צוויי דאמען!

באראנעסע פאן קראקקי און גרעפין טרען=זיגלאץ, לייען איך אויף די קארטען.

— בעט זיי אריין!

— אך, טייערער דאקטאר! ווי גליקליך זענען מיר, וואס מיר האבען אייך געטראפען אין דער היים.

איך האב זיי געבעטען זיצען. די דאמען האבען אבער ערקלערט, אז זיי ווילען זיך נישט זעצען, ביז איך וועל נישט אויסהערען די זאך, צוליעב וועלכען זיי זענען געקומען.

— איהר ווייסט דאך אליין, — האט געפיפסעט ווי א פויגעלע די עלטערע דאמע, די באראנעסע, — אז צו אייך קומען נאר די, וואס דארפען פון אייך א טובה...

— הם, דאס פרעהט מיך זעהר.

— דאס הייסט, — מישט זיך אריין די גרעפין — אלע וואס קומען צו אייך, דארפען האבען אייער טובה. אלע ווייסען, אז ווען איהר קענט נאר העלפען, זאגט איהר קיינמאל נישט אב. איהר האט א נאמען פון א בעל=טובה, א פערטיידיגער פון אונטערדריקטע. העלפט אונז אויך, מיר בעטען אייך!

שווייגענד האב איך זיי אנגעוויזען אויף א פאר שטוהלען. איך האב שוין פערשטאנען, צו וואס זיי זענען געקומען. איך האב פעסט בעשלאסען זיי אבצוזאגען. אין אזעלכע פעלען מוז מען זיין זעהר העפליך, העפליכער ווי געוועהנליך.

— אונזער פֿערײן „דער פֿרײַנד פֿון אָרימע״, מאַכט אַ קאָנצערט. דערמיט איז שוין אַלץ געזאָגט, טײַערער דאָקטאָר, — האָט געזאָגט די באַראָנעסע מיט אַ שמײכעל, װעלכער האָט געזאָלט זײַן בעצױבערנד.

— איהר װעט אונז נישט אָבזאָגען, — האָט מיט התפּעלות אַ געשרײַ געטהון די גרעפֿין — איהר קענט אונז נישט אָבזאָגען! נאָר אײן נומער.

— װאָס זאָל איך דאָרטען טהון? זינגען?

די באַראָנעסע װיל ענטפֿערן מיט אַ װיץ, אָבער די גרעפֿין האָט זיך צולאַכט חנ׳עװדיג, צוזאַמענגעלעגט, װי בעטענדיג, די הענדטעליך אין העל־גרױע האַנדשוה און האָט אױסגעשריען:

— יאָ דאָקטאָר, זינגען! אױף אַזאַ אופֿן דאַרפֿען מיר נאָר דינגען דעם גרעסטען זאַל אין שטאָדט, איהר װעט זינגען! אַך, דאָס װעט זײַן שרעקליך שען!

— איך בין אינגאַנצען אײנשטימיג מיט אײַך, מײַנע דאַמען, איך בעט נאָר אױסצומעקען דאָס לעצטע װאָרט.

איך האָב אָבער באַלד חרטה געהאַט, װאָס איך האָב אָנגעהױבען אין אַזאַ לײַכטען טאָן, דען די דאַמען האָבען אָנגעהױבען אַלץ מעהר צוצושטעהן:

— נײן, מיר רעדען ערנסט. דורך אונז רעדט צו אײַך די גרעס־טע נױט און עלענד. איהר מוזט דורכאױס עפּעס פֿאָרלעזען אױף אונזער קאָנצערט, אין יאָהאַניזאַל, דעם זעקסטען פֿעברואַר.

— אָבער איך פֿערזיכער אײַך, אַז דאָס איז אומעגליך, איך בין הײַזעריג. גראָד דעם זעקסטען פֿעברואַר װעלען קומען צו מיר געסט. איך האָב צוגעזאָגט צו זײַן גראָד דעם אָװענד אין דראָג און, דאַכט זיך, אין קלאַגענפֿורט. אױסערדעם בין איך זעהר קראַנק און װעל דאַמאָלס, מסתמא, שױן ליגען אין קבר. איהר זעהט, ליעבע דאַמען, אַז עס איז מיר אומעגליך צו ערפֿילען אײַער בקשה.

די דאַמען האָבען זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— לאָז זײַן נישט, גיט מעהר נישט נאָר אײַער הסכמה. אײַער נאָמען אױף די אַפֿישען װעט אונז פֿערשאַפֿען אַ פֿולען זאַל און מיר װעלען קענען בעצאָהלען אַ האַלב יאָהר אַרענדע פֿאַר אונזער אַרמען־הױז. זאָגט אונז נישט אָב! נישט מיר בעטען — דאָס בעטען הונדערטער אומגליקליכע, הונגערנדע, פֿריהרענדע, הײמלאָזע!

— װאָס־זשע זאָל איך פֿאָרלעזען?

— וואָס איהר ווילט, מיר וועלען פאַר אַלץ זיין אונענדליך דאַנקבאַר.

— זאָגט ווענינגסטענס, און וואָס פאַר אַ סטיל איז אייער פּראָגראַם? איז עס ערנסט, הומאַניטאַר?

— מיר וועלען זיין דאַנקבאַר פאַר אַלץ. דאָס פּובליקום וועט זיין ענטציקט פון אַלץ, וואָס איהר זאָלט נישט פאָרלעזען.

— וואָס קלערט איהר וועגען „ענאָך"?

— אויסגעצייכענט!

— קען איך פאָרלעזען „דער אַלגעמיינער שטרייק?"

— אַך, דאָס איז נאָך בעסער! נאָר אום גאָטעס ווילען, גיט זיך נישט אַזוי פיעל מיה. אינ'ם ערגסטען פאַל וואָלט פאַר אונז גענוג געווען אויך היינע'ס אַ געדיכט. יעדענפאַלס זענען מיר אייך זעהר, זעהר דאַנקבאַר פאַר דער ערלויבניש אָבצודרוקען אייער געעהרטען נאָמען אויף די אַפישען. מיר דאַנקען אייך טויזענד און מיליאָן מאָל! אַך, ווי ענטציקט אַלע וועלען זיין! היינט נאָך וועלען מיר בעשטעלען די אַפישען. מיר דאַנקען אייך זעהר, זעהר, טייערער דאָקטאָר!

זיי זענען פערשוואונדען.

אין צוויי טעג אַרום האָב איך בעקומען דאָס פּראָגראַם פון דעם קאָנצערט: אַכט נומערן און אַלץ בעריהמטע נעמען פונ'ם ערשטען ראַנג. פּיאַנאָ, געזאַנג, מיין פאָרלעזען, פידעל, פאָלקס-הומאָר און צום לעצט איז געווען אָבגעדרוקט מיט גרויסע בוכשטאַבען:

צום סוף — טענץ.

— הם... „ענאָך" טויג טאַקע נישט... צום סוף — טענץ.

איך האָב ענדליך אויסגעקליבען דאָס געדיכט „דער שטרייק פון די שמידען" און אויף בים — „פאַר דער בלום".

די רעקלאַמע האָט געאַרבייט ענערגיש. אויף די אַפישען זענען געווען אויסגעמאָלט שרעקליכע דעקאַדענטישע קאַליקעס, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט הונגערנדע און פריהרענדע. אין די צייטונגען האָט מען אָבגעדרוקט אַרטיקלען איבער דער שרעקליכער לאַגע פון די אָרימע לייט, וואָס האָבען נישט וואו דעם קאָפּ אַנצושפּאַרען. פון די אומגליקליכע, וואָס דרעהען זיך אַרום אָהן אַ ציעל איבער'ן שטאָדט און אומגעגענד, פון הונגער און קעלט דערפיהרט ביז דער לעצטער שטופּע פון פערצווייפלונג.

עס איז אָנגעקומען דער אָווענד.

אַלע אַרטיסטען אויסער דער פּרימאַדאָנע, האָבען זיך אָבגעזאָגט פון קאַרטען, וועלכע מען האָט געוואָלט נאָך זיי שיקען, ערקלערענדיג, אַז זיי שענקען דאָס געלד פאַר אָרימע לייט. ווען איך בין אַריין אין יאָהאַניס=זאַל, בין איך ערשטוינט געוואָרען, ווי רייך ער איז בעפּוצט געווען; אוי=מעטום גירלאַנדעס, פּאָהנען, שפּריצוועטער. קינסטלער=הענד האָבען פערוואַנדעלט טהירען, פענסטער און נישען, אין אמת'ע גן=עדן=ווינקעליך. אין פּראַכטפולע אַקוואַריום'ס זענען געשוואומען גאָלדענע פישעליך און איבער זיי האָבען געשלאָגען זילבערנע פאָנטאַנען=שטראָמען און אָבגעפרישט די לופט. דער זאַל איז שוין געווען פול, דאָס פּובליקום עלעגאַנט און פאָרנעהם. דאָ האָט מען נישט געזעהן די געוועהנליכע גלייכע שורות שטוהלען; דער עולם איז געזעסען אַרום עטליכע צעהנדליג קליינערינגע טישעליך און פרעהליך צוגעביסען. די קעלנער זענען געלאָפען הין און צוריק און וועהענדיג מיט די פּאָלעס פון זייערע פראַקען, זענען זיי געווען ענהליך אויף הין=און=הער=פליהענדע שוואַלבען. עס האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס פּובליקום איילט זיך אָנצועסען, איידער דער קאָנצערט וועט זיך אָנהויבען.

ראָך אויף דער סצענע האָבען זיך שוין געלאָזט הערען די קלאַנגען פון אַ פּיאַנע. צווישען עולם הערט זיך אַ „שאַ, שאַ!" דאָס ווילען אַפּנים איינינע אָרדנונגסליבענדע מענשען מאַכען שטיל. אָבער די גאָפּלען און מעסער קלאַפּען נאָך אַלץ און מען הערט כמעט נישט, וואָס מען שפּיעלט. ביי איינינע טישלעך קלאַפּען די צוהערער צום טאַקט מיט די פיס, האָטש געשפּיעלט האָט מען נישט קיין וואַלס, נאָר אַ סימפאָניע.

אויף דער סצענע האָט זיך בעוויזען די פּרימאַדאָנע. אין זאַל איז גלייך שטיל געוואָרען. אפילו די קעלנער זענען געבליבען שטעהן אויף זייערע ערטער ווי צוגעשמידט. די פּרימאַדאָנע איז ווירקליך געווען אַ זעלטען=שענע פרוי.

— וואָס פאַר אַ פיגור! וועלכע אויגען.

— אַך, ווי מקנא איך בין דעם מיהל=דינער!

— וואָס? וואָסער מיהל=דינער?

— אָט דעם, פון וועלכען זי זינגט איצטער.

זי האָט טאַקע געזונגען אַ ליעד פון אַ מילנערין און אַ יונגען מיהל=דינער.

אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען.

אַרויסגערופען פון׳ם פובליקום, האָט זיך די פרימאַדאָנע דריי מאָל בעוויזען און יעדעס מאָל האָבען די צוהערער געציטערט. זי זאָל חלילה נישט נאָך עפּעס זינגען, אָבער זייער מורא איז געווען אומזיסט... דערפאַר האָט מען איהר אָבגעדאַנקט מיט אַ פראַכטפולען בוקעט.

זאָל מיך גאָט נישט שטראָפען דערפאַר, נאָר איך האָב אויסגערעכענט, אַז פאַר׳ן געלד וואָס די בלומען קאָסטען, וואָלטען אַ פּאָר צעהנדליג אָרימעלייט געקענט צוויי טעג לעבען.

דעם פאָלגענדען נומער, אַ מוזיקאַלישען, האָט מען געמוזט אַרויסלאָזען: דער מוזיקאַנט האָט געמיינט, אַז מען וועט הערען און נישט פערטויבען זיין שפּיעל מיט אַ קלאַפּעריי פון געפּעס, האָט ער זיך אין דער לעצטער מינוט אָבגעזאָגט.

עס האָט געהאַלטען ביי מיר.

איך בין שוין געווען אַ רעכט ביסעל בעשיידענער און האָב זיך ענטזאָגט פון׳ם געדיכט „פאַר דער בלום" — אויף ביס. בעת איך בין אַרויף אויף דער סצענע, איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרען און מיך געפרעגט, ווי לאַנג מיין פאָרלעזונג וועט דויערן.

— נישט מעהר, ווי אַ פערטעל שעה.

— אַזוי לאַנג? הם... גוט.

נאַטירליך האָט מען מיך בעגעגענט מיט אַפּלאָדיסמענטען. איך בין אָבער געווען איינגאַנצען פערנומען מיט דער אויפגאַבע, וואָס איז מיר פאָרגעשטאַנען: איך האָב זיך געגרייט פאָרצולעזען אַ פראַכטפולעס געדיכט און בעווייזען די דאָזיגע הערערן, אַז עס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט נאָך עפּעס אַ חוץ ביער און פּליזט. איך האָב אויפגעעפענט דאָס בוך און הויך געמעלדעט:

— דער שטרייק פון די שמידען!

אימיצער האָט הויך אַ הוסט געטהון, דערנאָך אָבער איז געוואָרען פערהעלטניסמעסיג שטיל... אויף אַ מינוט-צוויי נישט מעהר. דערנאָך האָט מען אויף ס׳ניי אָנגעהויבען צו הוסטען, קלאַפּען מיט די טעלער, אַרומגעהן. פון צוויישען זאָל האָט זיך געהערט אַ פערטויבטער געוויש פון׳ם אונגעדולדיגען פובליקום. אימיצער ציהט:

— טססס...

נאָר דער ליאַרם הערט נישט אויף, ווערט אַלץ גרעסער, נעהנ־צו דער סצענע, ביי די ערשטע טישלעך, האָט נאָך וועך-נישט-איז גע-

הערט, אָבער ווײַטער... איך האָב געפֿיהלט, אַז אַלץ איז פֿערלאָרען, איך האָב אָנגעוואוירען דעם ריכטיגען טאָן און שוין מעכאַניש אָהן אַ שום געפֿיהל ווײַטער געפֿויקט. איך בין געווען אין דעם שרעקליכען צושטאַנד, ווען אַ מענש פֿיהלט, אַז אונרײַנע כוואַליעס פֿון דער פּראָסטקײַט פֿער־שלינגען איהם אָהן ערבאַרמונג און ער וועט זיך שוין פֿון זיי נישט אַרויס־ראַטעווען. איך האָב שוין כמעט נישט פֿערשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום מיר. איך האָב נישט געהערט די פּלאַכע וויצען, וואָס זענען אַרומגעפֿלויגען אין זאַל אויף מײַן חשבון, איך האָב זיי אָבער געפֿיהלט.

— איך האָב אַלע מאָל פֿײַנט געהאַט די שטרײַקען, — האָט גערעדט אַ יונגער פֿאַבריקאַנט — און איצט לאָזען זיי מיך נישט צורוה אפילו אויף אַ קאָנצערט.

— מיר דוכט זיך, אַז עס וועט גאָר קײַנמאָל קײַן סוף נישט נעהמען, — האָט געזאָגט אַ צווייטער, ווען איך האָב געהאַט דורכגע־לעזען קוים אַ העלפֿט — איך מײַן, אַז ער וויל דאָס פּשוט מאַכען אַ מין דעמאָנסטראַציע.

— מען דאַרף אַ רוף טהון פּאָליציי. אין עסטרײַך וועלען זיך גאַט זיי דאַנק נאָך געפֿינען שטרײַקברעכער. פֿאַר אײַער געזונד. — האָט געזאָגט אַ דריטער אויפֿהויבענדיג זײַן גלאָז ווײַן.

אײַנצעלנע ווערטער האָב איך נישט געהערט, נאָר איך בין זיכער, אַז אַזעלכע הכמות האָבען זיך געהערט אין זאַל. אַזעלכע זאַכען פֿיהלט מען נישט־ווילענדיג. איבריגענס, דעם קלאַנג פֿון די גלעזער האָב איך געהערט גאָר דײַטליך. דער הוסט, דאָס איבערדרוקען פֿון די שטוהלען, די טריט פֿון די קעלנער, וואָס האָבען זיך וואָס ווײַטער אַלץ מעהר אויפֿגעהערט צו שטערען — דאָס אַלץ האָט זיך בײַ מיר אין קאָפּ צונויפֿ־געגאָסען אין אײַן בעשטימטען בעגריף: גענוג, הער אויף, גיכער ענ־דיג, פֿערגעס נישט, אַז נאָך דיר זענען פֿאַרהאַן נאָך צוויי אומגליקלי־כע, ערשט נאָך זיי וועט זײַן דער סוף און ערשט דאַן — „טאַנצען“.

עטליכע האָבען גאָר אָפֿען געקוקט אויפֿ'ן זײַגער. איך מוז זיך מודה זײַן — זעלטען האָב איך זיך אַזוי צוזאַמענגעגאָסען מיט דער מאַסע אין אײַן געפֿיהל: גיכער, וואָס גיכער! אמת, מען האָט געקענט אויפֿהערען אין מיטען ווארט און אַ וואָרף טהון דאָס בוך דעם ליעבען פּובליקום אין פּנים אַרײַן, אָבער איך בין נישט זיכער, אַז אַזאַ דראַמאַ־טישער סוף וואָלט זיי אינגאַנצען צופֿרידען געשטעלט. איך האָב זיך אונטערגעגעבען מײַן שלעכטען מזל און געענדיגט דאָס געדיכט ביז'ן סוף.

לעזענדיג, ווי דער שמיעד דער'הרג'ט דעם אניטאטאר, האב איך בעמערקט, ווי עטליכע מענשען פערדעקען מיט די הענד דאס פנים, פונקט ווי זיי וואלטען וועלען עפעס בעהאלטען — א געניץ, אדער א שאקעל מיט'ן קאפ...

איצט ערשט, האב איך פערשטאנען, ווי אונפאסענד מיין געדיכט איז אויף קאנצערט, וועלכער דארף זיך ענדיגען מיט טענץ.

נאר דערפאר האב איך צום סוף דערהערט א שטורם פון אפלאדיסמענטען. עס ווייזט אויס, אז דאס פובליקום איז מיר דאך דאנקבאר געווען דערפאר, וואס איך האב גנעדיג געענדיגט מיין דעמאנסטראציע. עס האט זיך געדאכט, אז אלע האבען פריי אבגעעטעמט און איך אליין האב אויך געפיהלט, אז ביי מיר האט זיך אראבגעקייקעלט א שווערער שטיין פון הארצען. איך האב זיך שטילערהייד א נדר געגעבען:

גענוג! צום לעצטען מאל!

איצט האט מען געזאלט שפיעלען פיעדעל. דער מוזיקאנט איז אבער געווען נישט קיין נאר און א חוץ דעם האבען איהם אפנים מיינע צרות געלערנט שכל. ער האט זיך שטארק ענטשולדיגט, נאר ער איז פעסט געשטאנען אויף דערויף, אז מיט זיין פיעדעל איז פארגעקומען עפעס אנ'אונגליק... די הערדען און דאמען פון פעראיין האבען עס וועהר בעדויערט, געדאנקט דערפאר, וואס ער איז געווען גרייט צו העלפען... נאר געוועהנליך... עס איז דאך אונמעגליך צו פאדערן אונמעגליכעס א. ז. וו....

עס איז נאך געבליבען דער נומער „פאלקס־הומאר”. איהם האט מען ערוואַרט מיט אונגעדולד: א ביסעל לאכען און דערנאך — טאנצען. אויפ'ן וועג צו דער סצענע פערבייגעהענדיג פארביי מיר, האט מיך דער הומאריסט שטיל א זאג געטהון:

— איך וועל זיך פאר אייך אויך נוקם זיין, דאקטאר!

— וואס? וואס האט איהר בעזאגט?

— איך וועל זיי פארלעזען שטעלצהאמער'ס „אנדל”. דאס איז אנ'ארבייט אויף א שעה דריי.

— אום גאטעס ווילען טהוט עס נישט. — האב איך איהם געזאגט מיט שרעק.

— וואס איז, איהר האט רחמנות אויף דעם נארישען המון?

— גאר, איך האב גיכער רחמנות אויף שטעלצהאמער'ן, בעליידיגט נישט אייער גרויסען שרייבער, ווארפט איהם נישט די טענצער

אונטער די פים.

— האט קיין מורא נישט, איך ווייס שוין ווי און וואס צו טהון.

מיט די ווערטער איז ער ארויף אויף דער סצענע. רוהיג האט ער זיך אנידערגעזעצט, ארויסגענומען פון טאש א גראבען מאנוסקריפט, פונאנדערגעלעגט איהם און רוהיג אנגעהויבען לעזען:

— מיינע הערדען און דאמען! מיט גרויס פערגניגען ערפיל איך די בקשה פון די ארגאניזאטארען פונ'ם היינטיגען אווענד, וואס האבען מיר פארגעלעגט צו געבען א כאראקטעריסטיק פונ'ם פאלקס-הומאר בכלל און פון דעם זשארגאנישען פאלקס-הומאר פון דער אבערעסטרייכישער בעפעלקערונג בפרט. איך האלט, אז פילאלאגיע איז איינע פון די וויכטיגסטע וויסענשאפטען, — נאך מעהר, איך וואלט געזאגט, אז זי איז די מוטער פון אלע וויסענשאפטען. עס איז שוין זעהר שפעט און דערפאר איז עס מיר אונמעגליך צו געבען אנ'אויספיהרליכע סיסטעמאטישע איבערזיכט פון דעם רייכען מאטעריאל, וועלכער פערדיענט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט, נאר דאך מוז איך איצט צוזאמען מיט אייך זיך ווענדען צו דעם איינציג-ריכטיגען וועג, צום וועג פון פערגלייכנים-פארשונג, איידער איך וועל איבערגעהן צו דער אויספיהרליכער ערפארשונג פון איינצעלנע ווערק פון דער פאלקס-שאפונג.

נאך דער דאזיגער פאררעדע האט ער געמאכט א קורצע פויזע. דאס פובליקום איז געזעסען ווי פערשטיינערט. ביי איינעם פון די נאהענטסטע טישלעך האט א פריילין שווער און לאנג אבגעזופצט, פונקט ווי מען וואלט איהר אריינגלאזען אין הארצען א קאלטע שווערד. די גרעפין טרען-זיגלאץ האט פערבראכען די הענד און געווארפען ארום זיך פערצווייפעלטע בליקען.

דער הומאריסט האט ווייטער גערעדט:

— צוליעב פערשיעדענע אומשטענדען בין איך געצוואונגען צו רעדען קורץ, וועל איך פריהער בעווייזען אויף א ביישפיעל די בילדליכקייט, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר'ן לאקאניזם פון דער פאלקס-שאפונג. איך וועל נעהמען א קליין געדיכט „באלל-מוזיק", געשריבען אין א ליטערארישער שפראך. זיין אינהאלט איז פאלגענדער:

צו וואס דעם דיכטערס רוח-הקודש,
אין ווילדען שטורעם פון אייער טאנץ?
אייך ציהט דאך נאר צו פלירט באנאל,
און נאר די תאוה הערשט אויף אייערע בעלער גאנץ.

אין אַנדערע וועלטען, אַנדערע ספערען
זאָל דעם משורר׳ס שטימע קלינגען:
פערגעסט אָן אונז אין אייער דראַנג דעם וויסטען,
ווי מיר פערגעסען אייער ווילדען שפרינגען!

יעצט, מיינע הערען און דאַמען! קוקט זיך נאָר צו, ווי דאָס פאָלק מיט זיין געזונדטען הומאָר, האָט די אַלט שורות, דעם דאָזיגען שווערען ליטעראַרישען בנין, אויסגעדריקט אין דריי ווערטער, אונזגעדריקט קלאָר און דייטליך מיט דריי ווערטער, וועלכע דערמאָהנען אונז אין די וואונדערבאַרע צייטען פונ׳ם אַלטען לאַקאָניזם. דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק פונ׳ם געדיכט, וואָס איך האָב פאָרגעלעזען מעהר נישט מיט די ווערטער:

— געהט צום טייוועל!

— — — — — — — — — — — — —

דער הומאָריסט איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך טיעף פערנייגט און איז אַראָב פון דער סצענע, בעגלייט מיט אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען. אין דעם שטורם האָט זיך אויסגעגאָסען דאָס גרויסע געפיהל פון פרייד, וואָס ער האָט פערשאַפט אַלעמען מיט דעם אונערוואַרטעטען גיכען סוף. — ווייניגע פון פובליקום האָבען פערשטאַנען דעם געדאַנק פון דעם וויץ. דער איינציגער פערדיענסט פונ׳ם רעפערענט איז ביי זיי געוועזען דאָס, וואָס ער האָט עס געמאַכט קורץ.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער רעכטער טומעל. פריהער האָט מען מאָראַליש אַרויסגעוואָרפען אַלע די, וואָס האָבען גענומען אַנ׳אַנטייל אינ׳ם קאָנצערט, איצט האָט מען פיזיש אַרויסגעוואָרפען טישען און שטוהלען. דאַמען און הערען האָבען מיט אימפעט געהאָלפען די לאַקייען, ביז דער זאַל איז געוואָרען פאָלשטענדיג פריי. דערנאָך איז אַרויס די גוואַרדיע פון דער גאָטהייט „פלירט״, געפיהרט פון אַנ׳אָרקעסטער מיליטער־מוזיק.

איך האָב זיך געכאַפּט צו מיין הוט און מאַנטעל. ווען מען האָט אין זאַל אָנגעהויבען צו שפּילען דעם ערשטען וואַלס, האָב איך געפרעגט ביים קאַסירער, וואָס עס הערט זיך אין דער קאַסע.

— אַה, — האָט ער מיר געענטפערט, — זעהר גוט: אַ ביסעל וועט מען אפילו מוזען צולעגען.

— וואָס רעדט איהר? צולעגען?

— געוויס. בערעכענט אַליין: דער זאַל, די בעפוצונג, דער אָרקעסטער... איבריגענס איז דאָס נישט אַזוי וויכטיג.

— יאָ, אודאי אַזוי . . .

איצט ערשט האָב איך פערשטאַנען, וואָס דער עיקר איז.

צום סוף — טענץ.

טענץ מיט אַ סאָים פון מענשענליבע, צוגעזאַלצען מיט איינינע בעריהמטע נעמען . . . איבריגענס וואָס קימערט עס מיך? דאָס געלד, וואָס מען וועט צולעגען, וועט מען נעהמען פונ'ם צדקה=קאַפּיטאַל.

אויפ'ן גאַס האָט מיך אַרומגעהאַפּט אַ שניידענדער ווינד. ביים טויער, נעבען דער שענער בודקע פאַר'ן הונד האָט זיך געזעהן עפּעס אַ גרויער קנויל. ביים בלאַסען ליכט פון אַ שוועבעלע האָב איך דערזעהן אַ קליין מענשעלע, וואָס האָט זיך בעמיהט זיך וואַרימער איינצוּוויקלען אין זיינע שמאַטעס. זיין מאָגערער גופ'ל האָט זיך געטרייסעלט פון קעלט און די ציין האָבען איהם געקלאַפּט.

— וואָס איז? דו האָסט גישט וואו צו נעכטיגען? נאַרישקייטען! גענוג גוטע מענשען זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט? דו הערסט די קלאַנגען פון דער מוזיק? הערסט, מיט וואָס פאַר אַ היץ מען טאַנצט פאַר אָרימע לייט?

גיואַי דע מאָפּאַסאַן.

דאָס פעסיל.

הערר שיקאָ, דער בעל אכסניא פון עפּרעוויל, האָט זיך אָבגעשטעלט מיט זיין וועגעלע פאַר'ן הויף פון דער „מוטער מאַגלאָאַר". ער איז געווען אַ קרעפטיגער קערל פון אַ יאָהר פיערציג, רויט, גראָבביי־כיג און מ'האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ כיטרען, ממזר'שען מענשען.

ער האָט צוגעבונדען דאָס פערד צום סלופּ ביים טויער פון הויף און איז אַריינגעגאַנגען אין הויף. ער האָט געהאַט איניגע פּאַסעסיעס, וואָס האָבען זיך געגרעניצט מיט דער פּאַסעסיע פון דער אַלטער מאַג־לאָאַר, אויף וועלכער ער האָט שוין לאַנג געוואָרען אַנ'אויג. ער האָט שוין צוואַנציג מאָל געפּרובט פאַרלעגען דער אַלטער, זי זאָל איהם איהר נחלה פערקויפען, אָבער מוטער מאַגלאָאַר האָט נישט געוואָלט הערען און געדענקען פון אַזאַ פאָרשלאַג.

— דאָ בין איך געבוירען, דאָ וויל איך שטאַרבען. — האָט זי שטענדיג געזאָגט.

היינט האָט ער איהר געטראָפען זיצענדיג פאַר'ן טהיר און שיילען קאַרטאָפליעס. זי איז אַלט געווען צוויי־און־זיעבעציג יאָהר, זי איז שוין געווען פערטריקענט, פערדאַרט און איינגעבויגען, אָבער זי איז נאָך געווען גאַנץ זשוואַווע און מונטער ביי דער אַרבייט ווי אַ יונג מעדעל. שיקאָ האָט איהר פריינדליך אַ קלאַפּ געטהון אויפ'ן רוקען און האָט זיך נעזעצט נעבען איהר אויף אַ בענקעלע.

— נו, מאַמעשי, ווי געהט עס אייך, וואָס מאַכט איהר אין געזונד?

— נישט צו פערזינדיגען. און וואָס מאַכט איהר, פעטער?

— איך האָב מיך אויך נישט וואָס צו בעקלאָגען.

און שיקאָ האָט זיך איינגעקוקט, ווי די אַלטע טהוט איהר אַרבייט.

איהרע אויסגעקרומטע, בייַנערדיגע פינגער, וועלכע זענען פערהאַרטע=
וועט געוואָרען ווי שערען פון אַ ראַק, האָבען אַנגענומען אַזוי ווי צוואַנ=
גען די ברוינע קאַרטאָפּעל פון אַ קאָרב, וואָס איז געשטאַנען נעבען
איהר. שנעל מיט איין ריהר, האָט זי זיי אַרומגענומען מיט'ן מעסער.
וואָס זי האָט געהאַלטען אין דער אַנדערער האַנד און האָט פון זיי אָב=
געשיילט לאַנגע פאַסען און ווען דער קאַרטאָפעל איז אַרויסגעקומען גאַנץ
געל, האָט זי איהם אַרייַנגעוואָרפען אין אַנ'עמער וואַסער. דרייַ חוצפה'=
דיגע היהנער זענען געקומען צולויפען איינע נאָך דער אַנדערער ביז
נאָהנט פון איהר קלייד, אויסגעפיקט אַ שאָלעכ'ץ און אַוועקגעפלויגען
דערמיט ווי אַם שנעלסטען. שיקאָ איז גבזעסען און געקוקט מיט אַ פער=
לעגער, אונזיכערער מינע, אַזוי ווי עס וואָלט איהם עפּעס געלעגען
אויפ'ן צונג, וועלכעס איז איהם שווער געווען אַרויסצואָגען. ענדליך
האָט ער זיך אָנגעטהון אַ כח און געזאָגט:

— זאָגט נאָר, מוטער מאַגלאָאַר...

— וואָס ווילט איהר?

— איהר ווילט מיר נאָך אַלץ נישט פערקויפען דעם הויף?

— ניין, עס קען דערפון גאָרנישט ווערען. איך האָב אייך שוין
דאָס נישט איינמאָל געזאָגט. פערדרעהט מיר מעהר קיין קאָפּ נישט
דערמיט.

— איך האָב אָבער איצט געפונען אַ מיטעל, ווי אַזוי מיר ביידע
זאָלען קענען צופריעדען זיין.

— ווי אַזוי?

— הערט זיך נאָר איין מיט קאָפּ. איהר פערקויפט מיר דעם
הויף און ער בלייבט ווייטער אין אייער רשות. בעשטעהט איהר אויף
דעם?

די אַלטע האָט אויף אַ מינוט אויפגעהערט צו שיילען די קאַרטאָ=
פעל און האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען מיט איינגעקאָרטשעטע ברע=
מען אויפ'ן בעל אַכסניא.

און ער האָט גענומען איהר געבען צו פערשטעהן זיין פּלאַן:

— איך וויל מיר גענויער ערקלערען — האָט ער געזאָגט —
יעדען חודש ברענג איך אייך פופציג רובל. איהר פערשטעהט? יעדען
חודש ברענג איך אייך מיט מיין וועגעלע פופציג רובל! און אַחוץ דעם
זאָל זיך קיין זאַך נישט ענדערן. איהר בלייבט דאָ וואוינען און האָט זיך
נישט דאָס מינדסטע צו קימערן וועגען מיר. אייער דאגה איז גאָרנישט,

איהר דאַרפט נאָר דאָס געלד צונעהמען, מעהר נישט. עס קאָנווענירט אייך דאָס געשעפט?

ער האָט איהר געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין מונטער און מיט אַנ׳עהרליכער גוטער מינע. די אַלטע האָט אויף איהם געוואָרפען פערדעכטליכע בליקען און האָט געזוכט די ווענדטקע, וואָס ליעגט בעהאַלטען אין זיינע ווערטער. דערנאָך האָט זי איהם געפרעגט:

— דאָס איז אַלזאָ אַ געשעפט פאַר מיר, אָבער וואָס וועט איהר האָבען דערפון?

דערויף האָט ער איהר געענטפערט:

— וועגען דעם דאַרפט איהר גאָר קיין עגמת נפש נישט האָבען. איהר וועט דאָ בלייבען וואוינען אַזוי לאַנג, ווי גאָט וועט אייך שענקען דאָס לעבען. איהר זיצט אין אייער אייגענטום. איהר גיט מיר נאָר ביים נאָטאַריוס אַ קליינע אונטערשריפט, אַז נאָך אייער טוידט געהערט דער הויף צו מיר. איהר האָט דאָך נישט קיין קינדער און צו אייער פלעמעניק זענט איהר דאָך וועניג צוגעבונדען. נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין פראָיעקט? איהר וועט האָבען אייער הויף ווי לאַנג איהר וועט לעבען און איך גיב אייך מאָנאַטליך פופציג רובל. דאָס איז דאָך פאַר אייך אַ ריינער פערדיענסט.

די אַלטע איז געוואָרען איבעראַשט, בעאונרוהיגט פון אַזאַ מין פראָיעקט און האָט זיך נישט געקענט בעשליסען. זי האָט נאָר געענטפערט: „איך זאָג נישט ניין. אָבער איך מוז זיך נאָך וועגען דעם מישב זיין. קומט אויף דער צווייטער וואָך ווידער אַריין, דאַן וועל איך אייך שוין געבען אַ קלאָרע תשובה”.

הערר שיקאָ איז אַוועקגעגאַנגען מלא שמחה, אַזוי ווי אַ קעניג, וואָס האָט נאָך אַ קעניגרייך איינגענומען.

די אַלטע מאַגלאָאַר איז געבליבען פערטיעפט אין געדאַנקען. זי האָט יענע נאַכט נישט געקענט שלאָפען און איז פיער טעג נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אין פיעבער. זי האָט געשפירט, אַז עס איז עפּעס נישט גלאַטיג מיט׳ן בעל אכסניא׳ס פראָיעקט, אָבער, אַז זי האָט זיך דערמאָהנט אין די שענע מזומנים, וואָס וועלען אַראָבפאַלען אַזוי ווי פון הימעל אַראָב אין איהר פאַרטוך אַריין, און די פופציג רובל מאָנאַטליך, וואָס זי וועט בעקומען אָהן מיה, אָהן מאַטער, איז אויף איהר אָנגעקומען אַ שטאַרקער יצר הרע, אַ הייסע תאוה צום פערשפּראָכענעם געלד.

זי האָט אויפגעזוכט אַ נאָטאַריוס און האָט איהם דערציהלט די גאַנצע זאַך. ער האָט איהר געראַטען אָנצונעהמען שיקאָ'ס פּראָיעקט, נאָר אָנשטאָט פופציג, זאָל זי פערלאַנגען זיעבציג רובל מאָנאַטליך, ווייל איהר הויף איז ווערט מינימום דרייסיג־טויזענד רובל.

— אויב איהר וועט נאָך לעבען פופצעהן יאָהר, — האָט געזאָגט דער נאָטאַריוס — וועט איהם אַלץ דער הויף נישט מעהר קאָסטען, ווי 12,600 רובל.

די אַלטע האָט אַ ציטער געטהון ביי דעם געדאַנק, אַז זי וועט בעקומען יעדען חודש זיעבציג רובל מזומן. זי האָט אָבער נאָך אַלץ חושד געווען, אַז מען וויל איהר אַריינקריגען אין אַ שווינדעל, זי האָט דעם נאָטאַריוס פערמאַטערט מיט איהרע פראַגען, ביז עס איז געוואָרען פינסטער. ענדליך האָט זי זיך שוין בעשלאָסען אויף דעם געשעפט, בעשטעלט די אַקטען און איז צוריקגעגאַנגען אַהיים זעהר אויפגערעגט.

אַז שיקאָ איז געקומען הערען איהר תשובה, האָט זי זיך געלאָזט לאַנג בעטען, אַזוי ווי זי וואָלט גאָר קיין חשק נישט געהאַט צום גאַנ־צען פערקויף. אָבער אין האַרצען האָט זי גוט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער נישט וועלען איינשטימען צו צאָהלען זיעבציג רובל. ענדליך, אַז ער איז שוין שטאַרק אָנגעזעסען מיט זיין פאָרשלאַג, האָט זי איהם פאָרגעלעגט איהר פאָדערונג פון די זיעבציג רובל.

ער האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג, דערהערענדיג אַזאַ פּראָפּאָזיציע און האָט געזאָגט, אַז אויב אַזוי, ווייל ער שוין נישט דאָס גאַנצע געשעפט.

די אַלטע האָט איהם אָבער אָנגעהויבען איינצורעדען, אַז זי האָט שוין נישט מעהר צו לעבען, ווי פינף אָדער זעקס יאָהר און ער האָט איהר געזאָגט, אַז זי איז נאָך געזונד ווי אַ נוס און זי וועט איהם נאָך איבערלעבען און אַזוי האָבען זיי זיך אַ גאַנצען טאָג געשפּאַרט, ביז דער בעל אכסניא האָט ענדליך איינגעשטימט צו צאָהלען די זיעבציג רובל.

אויף מאָרגען האָבען זיי אונטערגעשריעבען די אַקטען און די זאַך איז געשלאָסען געוואָרען.

דריי יאָהר זענען אַריבער. די גוטע פרוי האָט זיך געהאַלטען פעסט און געזונד. עס האָט אויסגעוויזען, אַז זי איז מיט איין טאָג נישט עלטער געוואָרען און שיקאָ איז געוואָרען אוים מענש פון צער און פער־צווייפלונג. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער צאָהלט שוין די רענטע אַ האַלבען יאָהר־הונדערט, אַז ער האָט זיך גענאַרט און זיך רואינירט און בדלות געשטעלט. פון צייט צו צייט האָט ער בעזוכט די פויערטע,

אַזוי ווי מען גייט אין יולי אויפ'ן פעלד, צו זעהן אויב די תבואה איז שוין צייטיג צום שניט. זי האָט איהם שטענדיג עמפפאַנגען מיט אַ חיט־רען בליק, אַזוי ווי זי וואָלט איהם אָבגעגעבען מזל־טוב אויף אַזאַ גוט געשעפט ווי ער האָט געמאַכט און ער פלעגט שטענדיג באַלד צוריק איינזעצען זיך אין זיין וועגעלע און געשווינד אַוועקפאָהרען מיט אַ קללה אויף די ליפען: „ווילסטו נאָך נישט פגר'ן, אַלטע כלב'טע?“

ער האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבען. ער וואָלט איהר דערשטיקט. ער האָט זי געהאַסט מיט'ן ווילדען, גראָבען האַס פון אַ פויער, וועלכער שפירט, אַז מ'האָט איהם בע'גנב'ט.

דאַן איז איהם איינגעפאַלען אַן עצה.

איינמאָל האָט ער זי ווידער בעזוכט און האָט זיך דערביי זעהר פריינדליך און אויפגערוימט די הענד געריבען, אַזוי ווי ער האָט געטהון דאַמאָלס, בשעת ער האָט איהר צום ערשטען מאָל געגומען איינרעדען, זי זאָל איהם איהר נחלה פערקויפען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען געפלוידערט איניגע מינוטען, האָט ער איהר געזאָגט: „זאָגט נאָר, מאַמעשי, פאַרוואָס עסט איהר איינגענטליך קיינמאָל נישט ביי מיר, ווען איהר קומט קיין עפרעוויל? עס געהען שוין וועגען דעם גאַנצע פּליאָטקעס, מען זאָגט, אַז מיר האָבען געהאַט מחלוקת און דאָס איז פאַר מיר זעהר נישט שען. איהר ווייסט דאָך, אַז אין מיין רעסטאָראַן דאַרפט איהר גאָרנישט בעצאָהלען. וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי מיר אַ מיטאָג?“

די אַלטע האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען און אַז זי איז מאָרגען געפאָהרען מיט איהר פאַראָבעק אין מאַרק אַריין, איז זי אָהן צערעמאָניעס צוגעפאָהרען מיט איהר פערדיל צו שיקאָ'ס שטאַל און האָט פערלאַנגט דאָס פערשפּראָכענע מיטאָג.

דער בעל אכסניא און רעסטאָראַטאָר איז געווען גליקליך פאַר שמחה. ער האָט זי בעהאַנדעלט ווי אַ גרויסאַרטיגע דאַמע און האָט איהר דערלאַנגט פון אַלעם גוטען, וואָס זיין קיך קען אַרויסגעבען. זי האָט אָבער געגעסען זעהר ווייניג, וויַיל זי איז געווען געוואוינט פון קינדווייז אָן צו גאַנץ איינפאַכע מאכלים און האָט נאָר געלעבט מיט אַ ביסעל זופּ און אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער.

שיקאָ האָט איהר געוואָלט מכבד זיין חאָטש מיט אַ גלאָז קאַווע, זי האָט זיך אָבער דערפון אויך אָבגעזאָגט. אָבער ענדליך האָט ער איהר אַ פרעג געטהון: „אָבער אַ קליין גלעזעלע שנאַפּס וועט איהר דאָך נעהמען?“

— דאָס איז שוין גיכער אַ זאַך — האָט זי געענטפערט — פון דעם זאָג איך מיך נישט אָב.

און מיט דער גאַנצער ברוסט האָט ער אַ געשריי געטהון דורך דער רעסטאָראַציע־שטוב: „ראָזאַליע, ברענג נאָר אַריין פון דעם בעסטען, פון דעם מיט די דריי שטערנדליך!“

דאָס פרייליין האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע פלאַש מיט אַ שענעם עטיקעט.

ער האָט אָנגעגאָסען צוויי קליינע גלעזעליך.

— פערזוכט איינס, מאַמעשי, דאָס איז אמת גוט!

און די גוטע פרוי האָט אָנגעהויבען צו טרינקען גאַנץ לאַנגזאַם און אין קליינע שלונגען, כדי די הנאה זאָל לענגער דויערן, אַז זי האָט אויסגעטרינקען דאָס גלעזיל שנאַפּס ביז צום דעק, האָט זי זיך בעלעקט און געזאָגט: „דאָס איז ווירקליך אַ גוטע משקה. איך האָב מיך דערקוויקט“.

און איידער זי האָט נאָך אויפגעהערט צו רעדען, האָט שוין שיקאָ אָנגעגאָסען נאָך אַ גלעזיל. זי האָט געוואָלט דאַנקען און זיך אָבזאָגען דערפון, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט און זי האָט עס לאַנגזאַם טראָפּענווייז אויסגעטרינקען אַזוי ווי דאָס ערשטע.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר זי זאָל נאָך טרינקען אַ דריט גלעזיל. זי האָט זיך אָבגעזאָגט, ער האָט אָבער נישט אָבגעלאָזט און געזאָגט:

— דאָס איז דאָך לייכט און לינד אַזוי ווי מילך. איך טרינק צעהן־צוועלף קעלישקעס און שפּיר גאָרנישט. עס געהט אַראָב אַזוי ווי צוקער און עס צוגעהט אין אַלע גלידער. עס דאַכט זיך, אַז עס צוגעהט אויף דער צונג און נישט דער מאָגען, נישט דער קאָפּ ליידען עפּעס דערביי. עס איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר'ן געזונד.

זי האָט זיך געלאָזט איינרעדען און האָט גענומען נאָך אַ האַלבען קעלישעק.

דאַן האָט שיקאָ זיך געשטעלט ברייט און געזאָגט: „אויב עס שמעקט אייך יאָ אַזוי, שענק איך אייך אַ קליין פעסעלע פון דעם שנאַפּס. איך וויל אייך ווייזען, אַז מיר זענען גוטע פריינד“.

די אַלטע פרוי האָט נישט געזאָגט „ניין“ און איז געפאָהרען אַ ביסעל מבושם'דיג אַהיים.

צומאָרגענס האָט זיך געיאָוועט דער בעל אכסניא אויפ'ן הויף פון דער אַלטער און האָט אַרויסגענומען פון זיין וועגעלע אַ קליין פעסעלע מיט אייזען בעשלאָגען. זי האָט גלייך פערזוכט דעם שנאַפּס כדי זיך צו

איבערציַיגען, צי דאָס איז דערזעלבער פיַינער שנאַפּס, וואָס זי האָט געטרונקען און אַז זיי האָבען שוין ווידער אַריַינגעוואָרפען יעדערער צו דריַי גלעזלך, האָט ער ביַים געזעגענען זיך געזאָגט: „און ווען דאָס פּעקל וועט זיַין לעדיג קריגט מען ביַי מיר נאָך; שעמט איַיך נישט. אַ פּעקל שנאַפּס שפּילט ביַי מיר קיַין ראָליע נישט. וואָס גיכער איהר וועט עס אויסטרונקען, וועט מיר אַלץ מעהר הנאה טהון!" און מיט די ווערטער איז ער אַוועקגעפאָהרען.

אין פיער טעג אַרום איז ער ווידער געקומען. די אַלטע איז גע-זעסען פאַר דער טהיר און אָנגעשניטען ברויט אין זופּ אַריַין.

ער איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהנט צו איהר און האָט איהר גליַיך געריערט אין פּנים אַריַין, כדי ער זאָל קענען שמעקען איהר אָטעם. אַ ריח פון אַלקאָהאָל האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון אין נאָז און זיַין פּנים האָט זיך אויסגעליַיטערט פאַר שמחה.

— קען איך בעקומען אַ גלעזיל משקה? — האָט ער געפרעגט אין אַ מינוט אַרום.

און באַלד האָבען זייערע קעליִשקעס זיך אָנגעקלאַפּט צוויי אָדער דריַי מאָל.

אָבער באַלד האָט זיך פערשפּריַיט איבער'ן גאַנצען געגענד די ידיעה, אַז די אַלטע מאַגלאָאַר שכור'ט זיך אָן שטילערהייד. מען האָט זי שוין אָנגעהויבען צו געפינען טויט-שכור; אַמאָל אין קיך, אַמאָל אויף איהר הויף און אָפט מאָל אפילו אין מיטען וועג און מען האָט איהר גע-מוזט ברענגען אַהיים אין זעהר אַ מאוס'ען צושטאַנד.

שיקאָ האָט איהר שוין אויפגעהערט צו בעזוכען און אַז מ'האָט גע-רעדט פון דער פּוערטע אין זיַין געגענוואַרט, האָט ער נישט מעהר גע-טהון נאָר אונטערגעברומט מיט אַ טרויעריגער מינע: „אַ, ווי טרויעריג איז דאָס אויף דער עלטער זיך אַריַינצולאָזען אין טרינקען! אַז מען איז שוין אַזוי אַלט גיעבט עס שוין נישט מעהר קיַין הילף דערצו. זי איז פערפאַלען און זי וועט קיַין גוטען סוף נישט האָבען".

און זי האָט טאַקי געהאַט אַ שוואַרצען סוף. זי איז געשטאָרבען פאַלגענדען ווינטער אים פּסח, בשעת זי איז געבליבען ליגען טויט-שכור אויפ'ן שניי.

און אונזער בעל אכסניא האָט אָבגעירש'נט דעם הויף און גע-זאָגט: די משוגע'נע! ווען זי וואָלט זיך נישט פער'סמ'ט, וואָלט זי נאָך צעהן יאָהר געקענט האָבען דעם הויף".

צבי כהן.

די פֿיער פֿון נאָרוועגען.

I

ווי אַזוי ווערט געבוירען דער געניוס? ביי וועלכע אומשטענדען קומט ער? אויף וועלכע שוים שאַפֿט ער זיך.

קיינער פֿון אונז ווייסט דאָס נישט. עס איז נאָך קיין מענשען־זוהן נישט געקומען אין די סודות פֿון דער געטליכקייט.

ווער ווייסט דעם וועג פֿון גייסט? ווען איז ענטפּלעקט געוואָרען דער סוד פֿון דער שכינה, ווען זי טהוט רוהען אויף אַ מענשען־קינד?

אַ קליין מדינה׳לע איז דאָ אויף דער וועלט, נאָרוועגען הייסט עס. איז דאָס מדינה׳לע — „דאָס לאַנד פֿון די העלדען". גבורים שאַפֿט עס יעצט.

איהר פֿערשטעהט דאָך, אַז איך מיין דאָ נישט מוסקול־גבורים. כ׳מיין: פֿעדער־העלדען, מענער פֿון גייסט.

פֿיעל גרויסע זיהן האָט דאָס לאַנד דער וועלט געגעבען. איינינגע לעבען נאָך מיט אונז. פֿיער פֿון זיי אָבער, זענען שוין אין דעם ליכטיגען גן־עדן פֿון דער אונשטערבליכקייט.

פֿיער גרויסע זיהן, פֿיער ריזען: איבסען, ביערנסאָן, קילאַנד און לי. זיי פֿערשטעלען די זון. זיי אַליין לייכטען.

ווי אַזוי קומט דאָס אָבער צו יענעם קליינעם פֿישער־פֿאָלק? ווי אַזוי זענען געבוירען געוואָרען אָט די רעוואָלוציאָנ״ע גייסטער אויף׳ן שוים פֿון די רוהיגע איינוואוינער ביים צפֿון־פּאָלוס?

גאָט, מיר זענען נישט געקומען אין דיינע וועגען...

II

טהאָמאַס קראַג, איינער פון די איצטיגע בעדייטענדע יונגע שריפטשטעלער פון נאָרוועגען, שרייבט וועגען זיי:

די פיער גרויסע אייביגקייטס־מענער: איבסען, ביערנסאָן, קילאַנד און לי, וועלכע זענען שוין אלע געשטאָרבען — קומען אָפט פאַר, אין די נאָרדענקליכע שעה'ן, פאַר אונז יונגע נאָרוועגער, ווי אַ רייהע פון ריזען.

זיי זענען געוועזען די גאַנץ גרויסע אין געגענזאַץ צו אונז יונגע מיט וועלכע עס איז נישט אַזוי... זיי זענען אונז פיעל מאָל געווען אין וועג. מיר האָבען צוליעב זיי נישט געקענט געהן פאָרוועַרטס.

יעצט אָבער, ווען זיי אַלע זענען שוין נישטאָ, געהען מיר שטיל אויף אונזער וועג און מיר געדענקען, וואָס פאַר אַ גרויסע בעדייטונג זיי האָבען געהאַט פאַר אונז נאָרוועגער; זיי בעגלייטען אונז דורך דער שולע. מיר האָבען זיך געאַמפּערט איבער זיי אין די שבת'דיגע דיסקוס־יאָנס־קלוב.

אונזער רעקטאָר פלעגט אונז אָפט פאַר זיי צו וואָרענען: „זיי זענען רעוואָלוציאָנערען, זייער גייסט, ווען ער זאָל בעקומען די מאַכט, וואָלט חרוב געמאַכט די גאַנצע געזעלשאַפט.

מיר האָבען אָבער דאָך זיי געלעזען, בגנבה געלעזען. מיר האָבען דיסקוסירט איבער זיי.

אונזער איבסען — ווייט פון זיין פאָטערלאַנד האָט ער געלעבט אין די גרויסע שטעדט פון אויסלאַנד און איין מאָל דורך צוויי יאָהר פלעגט ער קומען צו אונזער ברעג, אַ גוואַלדיגער ריעז פון נעבעל און זון־שטראַהלען געהילט און האָט אונז צוגעוואָרפען אַ מייסטער־ווערק, אַ קונסט־ווערק, וואָס ער האָט אין אויסלאַנד געבוירען און איז ווידער אַמאָל פערשוואונדען.

אונזער ביערנסאָן — דער, וועלכער האָט פאַר אונז פרייהייט אויסגעקעמפּפט און אַזוי שטורמיש, אַז אפילו די רעוואָלוציאָנערע נאָרוועגער האָבען געבעטען גאָט, מ'זאָל זיי בעפרייען פון דעם גרויסען קאַמפּף־פרעדיגער. ער איז דאָס געוועזען, וועמען די קאָנסערוואַטיווע בלעטער האָבען יאָהר־איין יאָהר־אויס געשאָלטען, ביז זיי זענען אַנטשוויגען געוואָרען, דאָס איז געוועזען, ווען ער האָט פערעפענטליכט זיינס אַ ווערק.

ניִשט ווייניג צאָרן האָט ער אָבער אויך פֿערשאַפֿט מיט זיינע ביכער. מיר געדענקען נאָך דעם שוים אויף די ליפּען, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט מיט זיין פֿאָררעדע צום בוך „עס פּלאַנט..."

געווען זענען דאָ אפילו אַזעלכע מענשעליך, וועלכע האָבען איהם פשוט געהייסען לאָזען אַרעסטירען.

אונזער קילאַנד —
אונזער ליד —
אונזערע!"

III

ווער זענען זיי? וואָס האָבען זיי געוואָלט?

איין שטריך־ליניע איז געווים דאָ ביי זיי. זיי זענען געווען רענע־סאַנס־מענשען אין דער קונסט. רענעסאַנס־מענשען ניִשט אין נאַציאָנאַלען זין נאָר אין אוניווערזאַלען. ניִשט אין דער נאָרוועגישער קונסט, נאָר אין דער וועלט־קונסט.

זיי האָבען געזוכט די קונסט. זיי האָבען געוואָלט די קונסט זאָל זאָגען דאָס וואָרט איג׳ם לעבען, דעם לעצער עפּעס זאָגען, ענטפֿערען אויף די וועלט־סודות.

דעם אָרט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע אַמאָל, זאָל איצט פֿערנעהמען די קונסט. אין דער קונסט זאָל דער געוועהנליכער מענש געפֿונען אַ בערו־היגונג צו זיין נשמה און זי ברויזט־אויף און פֿרעגט.

און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן ווייט, ווייט ביז צו דער גרעניץ פֿון לעבען און טויט, זיין און ניִשט זיין און דאָרט אויף דער גרעניץ שאַפֿען זייערע ווערק.

דאָרט, האָבען זיי געקוקט אין ביידע וועלטען; אין דער וועלט פֿון זיין און אין דער וועלט פֿון ניִשט־זיין און וואָס זיי האָבען נאָר געקענט זאָגען — וואָרום מעהר וויפֿיעל זיי האָבען געזאָגט, איז ביי זיי פֿער־בליבען ניש־געזאָגט — האָבען זיי געזאָגט, אַ מאָל אין אַ מעהר רעאַ־לער פֿאָרם און אַ מאָל אין סימבאָלער פֿאָרם.

און געוואָלט האָבען זיי, אַז דאָס זאָל זיך אַזוי ציהען און ציהען, די קונסט זאָל ווערען די הערשערין פֿון לעבען. — אַלע פֿראַגען געהע־

דען דער קונסט. זי האט דערויף א ווארט, אפילו אין א נעבעל נע־הילט אבער דאך גענוג קלאר.

דאס ארימע לעבען פון בארוועגישען מיטעל־מענש איז דעריבער בעוויזען פאר זיי צו וועניג. אין דער ראהם פון אזא ארים לעבען האבען זיי געמוזט איינפאסען די גרעסטע וועלט־פראבלעמען, אבער כדי די די ראהם זאל צופאסען צום בילד, האבען זיי דעם מיטעלען בארוועגער אויך בעשענערט, העכער געשטעלט, אזוי, אז די זאך זאל זיין א גאנצע.

דאס איז בדרך כלל. יעדערער בעזונדער האט אבער געהאט אויסער דעם גרויסען ציעל נאך אנדערע אייגענע מיינונגען און פערשידענע וועגען.

IV

הענריק איבסען — ער איז פריהער פאר אלץ: קינסטלער. ער איז קינסטלער דורך און דורך. ער זעהט אלץ פון זיין קינסטלער־אויג, אנדערש זעהן קען ער נישט.

און וועהן זעהט ער אלץ. ער שטעלט זיך נישט־אב פאר קיין זאך די קונסט — זאגט ער — האט ברייטע האריזאנטען. איהר זאגט, דאס איז א וויסענשאפטליכעס פראבלעם, דאס איז א ריין מעדיצינישע פראגע. נישט ריכטיג, מעדיצינייש איז די פראגע אויף וויפיעל זי איז מעדיצינייש, אבער אויסער די מעדיצינישע זייט — איז דא די סביבה, איז דא דאס לעבען, און אין דעם לעבען זעהן מיר דעם קינסטלער.

און ער נעהמט א ריין מעדיצינישע פראגע, דאס הייסט די סביבה פון דער פראגע און שאפט זיין ווערק „געשפענסטער".

און דאס געלינגט איהם, ווייל איבסען זעהט קיינמאל נישט דאס פובליקום, ער רעדט נישט דערצו. נאך איידער ער האט זיך געזעצט שרייבען האט ער עס מבטל געוועזן. ער דולדעט נישט די „גרייסטע פינסטערע מעהרהייט". ער רעכענט זיך נישט מיט איהר. פאר איהם איז נאר דא דאס פראבלעם, דאס שאפען.

און א דאנק דעם, איז קיינמאל זיינס א ווערק טענדענציעז. ער בעהאנדעלט טענדענציעזע פראגען, אבער דער טענדענציעזער שפיץ, די

טענדענציעזע פערשאַרפונג, ווערט ביי איהם פון זיי אראָבגענומען, ווייל ער איז נישט אויס'ן צו זיין טענדענציעז. ער וויל נישט לערנען די מעהרהייט. איהם אינטערעסירט די זאַך „אַן און פיר זיך". ער לעבט זיך איין אין זיין מענש, אין דער קונסט=וועלט.

איבסען האָט דערמיט געוואָלט עפענען נייע האָריזאָנטען פאַר דער קונסט, זי זאָל נישט האָבען קיין גרעניצען. זי זאָל זאָגען איהר וואָרט אין אַלעם און איבער אַלעם. ער האָט געוויזען, ווי אַזוי מ'קען בעהאַנדלען אַ טענדענציעזע פראַגע אין דער קונסט און עס זאָל דאָך נישט זיין אַ טענדענציעז=ווערק, נאָר אַ קונסט=ווערק.

אַנדערע האָבען איהם געפּרובט דערין נאָכטהון, אָבער זיי איז עס נישט געלונגען, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט די הויכע נשמה פון איהם, זיי האָבען נישט דאָס לעבען אין זיך און מיט זיך, זיי האָבען זיך געמוזט רעכענען מיט דער מעהרהייט און דערמיט זענען זיי אַליין אַוועק פון זייער אָרט אין דער קונסט=וועלט צו דער מאַסע=וועלט, וואו מען דאַרף צו לערנען און נישט צו זינגען.

איבסען אין זיין שאַפען, איז גלייך צו דעם אמת'ן קינסטלער=אַרטיסט, וועלכער שפּיעלט זיין ראָליע וועגען די ראָליע און געדענקט נישט דערביי, אַז אַ ביסעל ווייטער זיצט דאָס פּובליקום, דאַגעגען דער פאַלשער אַרטיסט רעדט נאָר צום פּובליקום.

איבסען לעבט נישט מיט מיט'ן לעבען, ער שטעהט אַלס בעאָבאַכטער איבער'ן לעבען, אָדער פון דער זייט, ביי דער גרעניץ פון לעבען און טויט, אָדער פון הימעל אַראָב. ער קוקט אויפ'ן לעבען ווי אויף אַ וואַלד, וועט ער זיך דען רעכענען מיט די בוימער? וועט ער דען זיי האַלטען פאַר זיינס גלייכען? ער וועט זיי נאָר בעזינגען, זאָגען וואָס ער זעהט ביי זיי, ענטדעקען עפּיס — ווייטער נישט.

דאָך וועט זיין אַ טעות אויב מיר וועלען מיינען, אַז איבסען קען נישט דאָס לעבען, ער זעהט דאָס לעבען מיט אַלע זיינע ווינקעלעך, ליכט און שאָטען.

דער זעלבער קראַג שרייבט: אַלע קענען מיר די ערטער, וואו איבסען'ס דראַמען שפּיעלען. מיר זעהן: אַנ'אַלט כריסטיאַנער הויז, צום ביישפּיעל אויף דער מילער גאַס שפּיעלט זיך אָב „די ווילדע ענטע", דאָרט זיצט היילמאַר עקדאַל רעלינג און די דיאַבאָלישע מאַלוויק.

אין ער ענדיגט:

אַלעם דאָס איז — נאָרוועגען.

אָבער די לעבענס־אויפפאַסונג, וואָס די זאַכען ענטהאַלטען, דאָס איז שוין ניִשט — נאָרוועגען, דאָס איז די העכסטע קונסט, אַזוי, אַז מיילמאָל דוכט זיך, דאָס די פּערזאָנען מיט דער זאַך זענען ניִשט צוזאַמענגעוואַקסען.

איבסען האָט אָבער די פּראָסטע מענשען טיעפער פערשטאַנען.

ער נעהמט זיי אַלס פּשוט׳ע, גרונד־עהרליכע מענשען, אָבער ער מאַכט זיי ניִשט גלייך פאַר העלדען, ער גיט דאָס לעבען זיי צו מאַכען פאַר דאָס, ער איז זיכער אין זייער עהרליכער נאַטור, אַז ביי די און די געשעהעניִשען מוזען זיי דאָס ווערען.

דער פּשוט׳ער אָבער אין גרונד־עהרליכער ד״ר שטאָקמאַן — מוז ווערען אַ „פאָלקס־פיינד". העדאַ גאַבלער — מוז האַנדלען ווי זי האַנדעלט.

אַנדערש קען ניִשט זיין!

איבסען ווען ער איז געווען יונג, ווען ער האָט געשאַפען, האָט ער אויסגערופען צוזאַמען מיט קאַטילינאַ:

— איך מוז, איך מוז! אַזוי געבאָט מיר דאָס קול פון דער נשמה און איך פאָלג עם...

און פאָלגענדיג דאָס קול פון דער נשמה, האָט ער אַזוי געשאַפען אַלע זיינע ווערק, נאָר קומענדיג צום סוף, צום דראַמאַטישען עפּילאָג — קוקט ער זיך ערשט אַרום אויף דעם לעבען ניִשט פאַר׳ן שאַפען, נאָר פאַר זיך — און ער פרעגט זיך „ווען מיר טויטע ערוואַכען?"...

V

ביערנסאָן איז אַנדערש ווי איבסען. אויב איבסען איז אַן אַריסטאָקראַט און ער קוקט אויף די מענשען פון אויבען אַראָב — איז ביערנסאָן — אַ דעמאָקראַט. ער איז צווישען די מענשען און ליעבט זיי אפילו.

ביערנסאָן איז אויך — אַ נאָרוועגער און וויל זיין אַ נאָרוועגער.

ער געפינט פאַר דער קונסט אַנדערע האָריזאָנטען: בערג, וואָלקען, ים. ער ליעבט די סאָסנעס, די טענענבוימער, די בערעזאָווע בוימער און אין לעבען: די יונגע בלאָנדע מיידלעך, וועלכע ער שילדערט אַזוי גערן.

ביערנסאָן אַליין איז אַ שטיק נאַטור, ער ליבט דאָס ווילדע דאָס לײדענשאַפטליכע, דאָס פאַנטאַסטישע „די אינדינע״.

איז ער ווי די נאַטור; ווען עס קומט דאָס אומגליק ביי איהם, אין זיינם אַ ווערק ווען די גאַנצע טראַגעדיע שפּיעלט זיך פונאַנדער — דאָרט בלײַבט איבסען שטעהן, ער קען נישט רוהיג פאַרבײַגעהן. ביערנסאָן אָבער איז רער קאָנטראַסט. ער געהט פאַרביי גאַנץ רוהיג ווי די נאַטור אַליין.

זיין נאַטור איז אָבער נישט נאָר אַ רוהיגע נאָר אויך אַ שטירמישע. ער איז גלײַך צו אַ פײַער־שפּײַענדער באַרג, ווען ער שיט זיין פײַערדיגע לאַווע און מאַכט חרב שטעדט און דערפער אָהן שום געוויסען, ער איז אַ רעוואָלוציאָנער אינ׳ם לעבען, ער וויל איבערמאַכען אַלץ אין לעבען ווי ביי זיך אין דער היים, דאָס שטעלען דאָ, דאָס — דאָרט.

ער איז דעריבער געוועזען אַ פּאָליטיקער, אין דער היים האָט מען איהם געליעבט און געהאַסט. ער איז געוועזען אַ היימישער.

ווען ער איז געוועזען אין דער היים, האָט ער געזינגען: „איבער די הויכע בערג!״ אויסער זיין היים אין דער גרויסער וועלט, זינגט ער: „זינג מיך היים!״

VI

קילאַנד — דער סקעפּטיקער מיט זיין איראָנישען בליק אויפ׳ן לעבען.

ער געהט אין לעבען, קוקט אויף אַלעס מיט זיין בעזונדער אויג און שמייכעלט און ער דערצעהלט עס שפּעטער דעם לעזער מיט דעם זעלבען שמייכעל אויף די ליפּען און אַזוי רוהיג, לאַנגזאַם און אַזוי אַמוזאַנט.

אַזוי איין נאָוועלע נאָך דער אַנדערער. אַט לאַכט ער פון לאַטיין• אַט לאַכט ער פון קליין־בירגערטום און אַזוי כסדר.

שטענדיג איז ער האַרמאָניש, ער לאָזט זיין פעדער, דוכט זיך, פריי לויפען, אָבער ער האַלט זי גענוג איין און דוכט זיך, ווען ער זאָל דאָס נישט טהון, וואָלט זיין פעדער געוועזען זעהר גיפטיג, וואָלט מען איהם נישט געקענט לײענען ביז׳ן סוף.

און ליעב האט ער נאר דעם קאמפף פון די מענשען, דאס ערוואכען צום לעבען, דאס ערוואכען פון דער נאטור אין פריהלינגס-צייט, דאס וועלקען פון די בלעטער אין הערבסט, און פון די בעטריבטע מענשען אין הערבסט.

און אלץ וואס ער דערצעהלט, איז ווי ער וואלט געמאלען מיט א פענזיל, אלץ לעבט. אז ער שילדערט ווי א שיף פאהרט — זעהט מען ווי דער ים שוימט זיך, ווי די שיף רייסט זיך אינ'ם שוים, ווי די שיף כאהדט.

ווי ביערנסאן ליעבט ער אויך זיין לאנד, דעם בלויען ים, איבער וועלכען עס פליהען ווייסע ים-פייגעל מיט שארפע אויגען און שרייען, עפיס אזוי אהן טעם און אהן געשמאק, ווי דער שוים פון ים.

VII

און יאנאס לי — דער דיכטער פון דער לעגענדע-וועלט.

עס האט נאך ביי קיין שום דיכטער, ווי ביי איהם, די לעגענדע אזא ראליע געשפיעלט. ער האט גענומען די לעגענדע אלס גרונד פון שאפען, ער האט איהר געגעבען בלוט און פלייש.

שדים-געשילטען ביים ים, געשפענסטער אין לאנד.

אבער דאס איז נישט געווען בלויז לעגענדע-שאפונגען, דאס איז געווען דאס לעבען, ער האט אזוי געשילדערט דאס לעבען, דאס איז געווען זיין וועג.

און זיינע ים-ראמאנען — עפיס פיהלט זיך דארט עפיס ווילדעס, מערכענהאפטעס. איינס נאך ס'אנדערע האט ער זיי געשריעבען: „דער לאטסע", „ריטלאנד", „דער לעבענס-שקלאף".

שפעטער האט ער ערשט אנגעהויבען צו שרייבען א ביסעל מעהר רעאלער, דאס איז געווען אין זיינע פאמיליען-ראמאנען און דאס האט ערשט איהם געגעבען רוהם אין זיין לאנד. ער איז ערשט דאמאלס געווארען דארט בעקאנט, דער דיכטער פון דער הים.

פון נארוועגען איז אויפגעגאנגען די זון פאר דער קונסט. די פיער פון נארוועגען האבען געזוכט פאר איהר נייע האריזאנטען, און וועגען די האריזאנטען דארף מען נאך א סך רעדען.

ריכאַרד דעהמעל.

דער אַרבייטסמאַן.

מיר האָבען אַ בעט, מיר האָבען אַ קינד,
מיין ווייב!
מיר האָבען אויך אַרבייט אַנגעגרייט,
מיר האָבען אַ זון, אַ רעגען, אַ ווינד
עס פעהלט נאָר אַ קלייניגקייט
אום פריי צו זיין ווי דאָס פויגעל־געזינד:
נאָר צייט.

אין געהען מיר יום־טוב אין פעלד אַוועק,
מיין קינד!
אין איבער די זאַנגען ווייט און ברייט
קוקען מיר נאָך דעם שוואַלבען־געיעג,
דאַן פעהלט אונז ניט קיין שוך, קיין קלייד,
אום שעהן צו זיין ווי דאָס פויגעל־געזינד —
נאָר צייט.

נור צייט. מיר ליידען פון בייזען ווינד,
מיר פאָלק,
נור אַקליינינקע אייביגקייט,
אונז פעהלט קיין זאַך, מיין ווייב, מיין קינד,
נור דאָס, וואָס מיר געבען די דייבע לייט
אום לייטיג צו זיין ווי דאָס פויגעל־געזינד:
נאָר צייט.

ריכארד דעהמעל.

נאָכ'ן רעגען.

זעה, דער הימעל ווערט בלוי,
די שוואַלבען פליהען צרום
ווי פיש איבער'ן וואַסער,
— און דו ווילסט וויינען?

אין דיינע נשמה וועלען באַלד
די בוימער און די בלויע פויגלען
זיך וועבען אין אַ גאָלדען בילד,
— און דו — דו וויינסט גאָר?

מיט מיינע אויגען
קוק איך אין דיינע
צוויי קליינע זונען.
— אַהאַ, דו לאַכסט שוין!

פ. ב—ן

שרה רייזען.

דאָס גרויסע געווינס.

(דיאַלאָגען)

פּערזאָנען:

חיים, אַ געלער יוד פון אַ יאָהר 45 האַנדעלט מיט לאָטערײ-צעטלען.
דבורה, זיין צווייטעס ווייב, אַ יאָהר 30, אַ שענע אָבער אַ בייזע און אַ שרייערין, שטענדיג אומצופריעדען.
ברײַנדעל, די עלטסטע טאָכטער } חיים'ס קינדער פון דעם ערשטען ווייב.
מירל, אַ צעהן יעהריג מיידעל }
עטיל, אַ יונג שען מיידעל, ברײַנדל'ס אַ חבר'טע.
זעליג, אַן'אַלטער מלמד.
ווייבער פון שטעדטיל.

די האַנדלונג קומט פאָר ביי חיים'ן אין שטוב:

אַ קליינשטעדטילדיג-אָרים-בעל-הבתיש הויז, ריין אויסגערוימט, דורך די צוויי פענסטער, וואָס זענען אָפען אין דער הינטער-וואַנד, זעהט זיך צוויי גרינע בוימער, (אַ בלויער הימעל און אַ העלער זומער-טאָג).

ערשטער אויפטריט.

ברײַנדעל און עטיל

ברײַנדעל: (אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנציג, הויך געוואַקסען,

מיט רויטע האָהר ווי ביי דעם פאָטער, אָבער מיט שוואַרצע אויגען און איהר געזיכט איז מילד און חנ'עוודיג. זי זיצט נעבען אַ קליין שפּיגעלע און קעמט, אײַלענדיג, איהרע לאַנגע האָהר, און ווען זי קעמט זיי אינגאַנצען פונאַנדער, קומען זיי אויס ווי אויפגעקליבענע זונען־שטראַהלען, אָדער ווי אַ שטיק מערב־הימעל ווען די זון פערגעהט) איך אײַל מיך זעהר... איך וויל געהן שנעל אָבנעהמען דאָס בלאַט מיט די גרויסע געווינסען. חאַ, חאַ, חאַ! דאָס וועט זײַן געלעכט, אַז מיר וועלען טאַקע האָפען אַ געווינס... חאַ, חאַ, חאַ!

עטיל: (אין דערזעלבער עלטער ווי ברײַנדעל, אָבער גאָר אַנדערש געבויט: נידריג, מאָגער מיט אַ בלאַס־קרענקליך געזיכט. רעדט שטיל) טאָ קום שוין געשווינד...

ברײַנדעל: וועלכען נומער האָלסטו?

עטיל: איך געדענק נישט. (נעהמט אַרויס אַ קלײַנעם צעטיל און לייענט) 8917.

ברײַנדעל: גוט! זיעבענצעהן איז דער טײַטש אויף העברעאיש גוט...

עטיל: (שמײכעלט) מיר וועלען שוין שפּעטער זעהן, אויב ס'איז גוט.

ברײַנדעל: (גלײַכט זיך אויס מיט'ן גאַנצען קערפּער און זי קומט אויס הויך און שלאַנק) וואָס הײַסט, אַז מיר געווינען עפּעס, חאָטש דרײַ־טויזענד רובל, לויף איך אַ טאַנץ איבער'ן גאַנצען מאַרק! (לויפט צו צו עטלען, נעהמט זי אַרום) עטעלע, וואָס וועט דאָס טאַקע זײַן, אויב מיר וועלען געווינען? חאַ, חאַ! גבירים! חאַ, חאַ!... זיך געלעגט שלאָפען קבצנים און אויפגעשטאַנען גבירים! און נאָך אפשר גרעסערע פון מאַלבאַנם. חאַ, חאַ! איך וועל טאַנצען און שפּרינגען!... און קלײדער וועל איך זיך שוין אָננייהען, וואָס זאָלען זיך שעהן פּאַסען צו מײַנע רויטע האָהר... ווי זאָגסטו עטעל, נישט אַזוי?!

עטיל: געווים...

ברײַנדעל: נאַרעלע, אַנ'אָרימאַן קען זיך גאָרנישט אָנטהון ווי ער וויל.

עטיל: דו האָסט געפונען אַמעריקאַ! אַ נײַעם אין שטעטיל!

ברײַנדעל: טאַקע... אַנ'אָרימאַן קען גאָרנישט זײַן, ווי ער איז... ווי נאָט האָט איהם בעשאַפען... ער פערליערט זײַן גאַנצען איך... פע... אַ רוח אין דלות טאַטען אַרײַן!

עטיל: (לאַכט) אַ נייע קללה...

ברײַנדעל: (וואַרפט אַרויף אויף זיך אַ גרויס שוואַרץ טוך און איז גרייט צום גייען) גאָטעניו, דעם גרויסען געווינס אונז!... מיר מיט דיר עטעלע... געלעגט זיך שלאָפען קבצנים! ממש אָהן וועטשערע און קענען באַלד ווערען די גרעסטע גבירים... האַ־האַ־האַ. (עטיל לאַכט נאָך איהר שטילער, גלייך ווי איהר ווידער קול. ביידע אָב).

צווייטער אויפטריט.

עס קומט אַריין דבורה נאָך איהר געהט חיים מיט'ן טלית אונטער'ן אָרעם.

דבורה: (זי זיצט אויס שטאַרק אויפ'ן טיש) אַזוי פיעל צרות, אַזוי פיעל... אַזאַ דלות! חיים! (זעצט זיך בײַם טיש, נעהמט אַרויס פון טאַש דאָס ביכעל, אַ פּאָר לאָטערײַ־צעטעלען, לייענט פאַר זיך) איך וועל זיך די האָהר רײַסען... איך קען דאָס גאָרנישט פערגעסען! פון די הענד האָט ער בײַ מיר אַרויסגענומען דעם אָבגעוואויגענעם לאַבען ברויט! אַזוי מיך מבזה צו זיין!... (זי האַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ).

חיים: (געהט צו איהר צו און בעט זיך בײַ איהר ווי בײַ אַ קינד) דבורה'לע, נאַרעניו, נעהם דיר נישט צום האַרצען, עס וועט דיר נאָך חלילה פערשאַדטען...

דבורה: (שטופּט איהם פײַנדליך אָב) לאָז! לאָז! געה גאָר צו מיר נישט צו!... געה נישט!...

חיים: (רוקט זיך אָב פון איהר, בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב די הענד אַראָבגעלאָזען, געבראָכען).

דבורה: און וואָס האָב איך דאָ צו טהון?! און וואָס זיץ איך דאָ? צוליעב וועמעסטוועגען?

חיים: (געהט ווידער צו צו איהר, שטיל מיט אַ שמייכעל, וואָס פּאַסט נישט צו זיין פער'דאגה'ט פּנים) דבורה'ניו, נאַרעניו, און דאָס קינד, וועט דען נישט זיין מיינס און דיינס?

דבורה: רעד נישט! רעד נישט! איך וויל גאָרנישט הערען! אַלץ איז דאָ דײַנער! (מיט אַ גיפטיגען געלעכטער) אפילו דער דלות איז דײַנער.!.

חיים: (ווי נישט־פערשטעהנדיג און אַלט איהרע זידלערײַען) נאַרעלע, מען קען נאָך גאָרנישט וויסען, סאַראַ שבועות בײַ אונז וועט זיין...

מען קען נאָך גאָרנישט וויסען, זאָג איך דיר... דו שרייסט איצט, זי־
דעלסט מיך מיט׳ן דלות און עס קען גאָר געמאָלט זיין, אז מיר וועלען
שוין גרויסע עשירים. מען קען גאָרנישט וויסען, זאָג איך... ברײנדעל
איז אוועק אויף דער פּאָסט נאָכ׳ן בלאַט, באַלד ברענגט זי עס וועלען
מיר זעהן די נומערען פון די געווינסען! (לוסטיג) דאַמאָלסט וועט שוין
גאָר דיין מערכה ווערען אַנ,אַנדערע... חאַ־חאַ־חאַ!

דבורה: (רוגזה׳דיג) אָ, דו גיעסט מיר שוין גאַנץ לאַנג אוויגע
האָפנונגען!

חיים: לאַנג, לאַנג און ס׳מוז פאָרט קומען די גוטע שעה. זיין
ברכה וועט מקוים ווערען. זי מוז מקוים ווערען! נישט אומזיסט פאָהרט
צו איהם אַ וועלט...

(עס קומט אַריין זעליג דער מלמד, אַ דאַר שמאָל יודעל מיט אַ צוטרי־
קענטער, גרויליבער באָרד, רעדט און הוסט צוזאַמען, דבורה ביי זיין
אָנקומען, געהט שנעל אַרויס אין אַ צווייטען חדר ליגקס).

דריטער אויפטריט.

זעליג און חיים.

זעליג: גוט־מאָרגען ר׳ חיים!... (פערהוסט זיך...)

חיים: אַ גוטער מאָרגען.

זעליג: הע־הע־הע, מ׳האָט בעסער בעדאַרפט זאָגען אַ גוטער
היינט...

חיים: יאָ, בעסער טאַקע אַ גוטער היינט.

זעליג: (פערהוסט זיך) וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?

חיים: מיין טאָכטער איז אוועק אויף דער פּאָסט נאָכ׳ן בלאַט,
זיצט... גאָט איז גוט און ער קען אונז אַלעמען צושיקען! (געהט הין
און צוריק איבער׳ן צימער).

זעליג: הערט איהר, ר׳ חיים, קיין סך פערלאַנג איך נישט...
ניין... דעם גרויסען געווינס לאָז איך אָב, הע־הע־הע, חאָטש פאַר אייך,
ר׳ חיים! איך פערלאַנג נאָר אַ ביסעל... איך זאָל קענען אוועקטראָגען
מיינע ביינער קיין ארץ ישראל, איהר ווייסט דאָך פון מיר נישט לאַבען,
דאָס איז מיין איינציגער בעגעהר, דאָרטען וואָלט איך מיך אַריינגעזעצט

אין אַ שוהל, וואָלט געלערנט צו בּיסלעך . . . בּיז דער, וואָס איך טאָר נישט דערמאָהנען, וואָלט מיך צו זיך גערופען . . .

חיים: גרייליך קען זיין . . . פאַרוואָס דען נישט, ר׳ זעליג? אַ וועלט מענשען געווינען, פאַרוואָס זאָלט איהר נישט זיין איינער פון זיי?

זעליג: (שמייכעלט) כ׳וויי, אַ מזל האָב איך אפילו אַ קליינעם...

חיים: (דרייסט) לאָכט דערפון! לאָכט דערפון! בּיז מ׳לעגט נישט די שערבּלעך אויף די אויגען ווייס מען נישט, אַ גרויסער מזל, אַ קלייגער, מען דאַרף האָבּען בּטחון, בּטהון! — דאָס איז דער עיקר! און אַ קנעלונג האָט איהר?

זעליג: (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) פרעגט שוין בּעסער גאָר־נישט! וואו, העָן! דער חדר מתוקן האָט מיך דער׳הרג׳ט, אינגאַנצען אַראָבּגעזעצט! און טאָמער האָב איך דריי תּלמידים, איז פרעגט שוין גאָרנישט, וואָס איך האָב פון זיי, וואָס איך שטעה זיך פון זיי אויס! חבּוט הקבר אויף דער וועלט! נישט אויסצודערצעהלען!! אוי פערצאַפּען זיי מיר די דמים! און וואָס ווילען זיי? וואָס? מיינט איהר, עס געפעלט זיי נישט מיין לערנען, הלילה! אין חדר מתוקן ווילען זיי, נאָר אין חדר מתוקן צולאָזענע קינדער, זאָל דער אויבערשטער אויס־היטען, דער בּיטערער דלות, די נויט, וואָס זאָל מען טהון! אונטער׳ן בעט בּעהאַלטען זיי זיך פון מיר. קענט איהר שוין, ר׳ חיים, פער־שטעהן מיין נחת פון מיינע תּלמידים. עט . . .

חיים: (מיטפיהלענד) אַ שווערע וועלט!

זעליג: אוי, אַ בּיטערע . . . אוי, אַ בּיטערע . . .

(עס לויפט אריין מירל)

פיערטער אויפטריט.

(זעליג, חיים און מירל, אַ צעהן־יעהריג מיידעל מיט אַ לוסטיג בּעוועגליכען געזיכט מיט אַ געקרייזעלטען קאָפּ געשווירענע שוואַרצע האָהר).

מירל: (דערזעהט זעליגען, שמייכעלט) גוט־מאָרגען רעבּי!

זעליג: (צערטליך) גוט־יאָהר, טאָכטערקע! גערענקסט דיין רבּי׳ן?

מירל: (שעמעוודיג) יאָ.

חיים: איך לערן מיט איהר אַליין צו בּיסליך.

זעליג: ס׳איז מיט איהר געווען א נחת צו לערנען: וויל און האט א גוט קעפיל.

מירל: (שמייכעלט) טאטע, אז מיר וועלען געווינען געלד, וועל איך ווידער לערנען ביי ר׳ זעליג׳ען...

חיים: אודאי, געוויס, מיין טאכטער.

זעליג: (מיט א זיפץ) גארנישט ווי מיינע תלמידים... איך האב גראד יונגלעך צולאזענע... די מאמעס הערט מען נישט, די טא־טעס זענען אמעריקאנער...

מירל: (געהט צום פאטער) איא טאטע, ס׳איז אנ׳אמת, אז באלד קענען מיר געווינען דאס גרויסע געווינס?

חיים: (שמייכעלט) פארוואס נישט?... מיר קענען געווינען, (גלעט איהר געזיכט).

מירל: (ענטציקט) און מיר קענען ווערען די גרויסע גבירים? נאך אפשר גרעסערע פאר מאלבאנס? איא?

חיים: אלץ, קינד מיינס, איז מעגליך, אז גאט וויל...

מירל: דאמאלס וועל איך אויך געהן שען געקליידט... געוויס! קורצע קליידליך נאטוראל, ווי מאלבאנ׳ס מיידעל... אוי איז זי ביי זיך גרויס... (פערטראכט זיך) איך וועל ביי זיך נישט ווערען גרויס...

חיים: (לאכט) דאס זאגסטו נאר איצט.

מירל: (זיכער) וועסט זעהן.

(עס קומען אריין צוויי ווייבער)

פינפטער אויפטריט:

(די זעלבע און די צוויי ווייבער)

בײדע ווייבער אין איין קול:

— — — — — — — — — — — — — —

— א גוטער מארגען, ר׳ חיימ׳ן.

— א גוט יאהר, זיצט.

די ערשטע יודענע: (א קרענקליך געזיכט, אויף וועלכען עס ליגען קנייטשען פון זארג) וואס הערט זיך ר׳ חיים? עס ווילט זיך דעם גרויסען געווינס... די גאנצע זיעבציג־טויזענד. הי, הי!

זעליג: אזוי פיעל איז נאר נישטא...

די ערשטע יודענע: לאז איך איך פאר וועניגער, א מאת

ארויף, א מאה אראב, נאר גיט אהער!

חיים: עפעס זאמט זיך מיין טאכטער, זי איז אוועק אויף דער פאסט נאכ׳ן בלאט...

די צווייטע יודענע: דערווייל לאמיר זיך אקארשט זעצען (ביידע ווייבער צוזעצען זיך)

זעליג: העהע! אין זיסע האפנונגען...

חיים: (געהט אונגעדולדיג הין און צוריק איבער׳ן שטוב) יא, גאט איז א גוטער, ער קען אלעמען העלפען...

די ערשטע יודענע: (ווענדט זיך דא צו חיים׳ען, דא צו זעליגען, דא צו איהר שכנ׳טע) איהר מיינט דאך, ר׳ זעליג, אז איך נעהם א צעטיל, מיין איך, אדער איך האף אויף געווינען... פפי! הויבט זיך גארנישט אן! ברוך השם פון מיין מזל האלט איך קנאפ וואס... נאר חיים זאל געזונד זיין קען צושטעהן... איצטער איז ער, דאכט זיך, גאר קאלטבלוטיג, אבער אז ער קומט מיט׳ן צעטיל, אוי קען ער איינרעדען... מיט ניין מאס רייד — קומט ער, שווער איך אייך... און מ׳מוז נעהמען. (חיים לאכט) איז מילא, וואו ווערט אנ׳ארימאן נישט אן קיין קערביל... קומט צוגעהן אזוי און אזוי, פינפטער קלאס, מ׳קען נתעשר ווערען, אנ׳עושר׳טע, איז מען דאך פארט א יודענע מיט א גרינגער דעה און מען לאזט זיך איינרעדען... כ׳וועס, אפשר וועט דער מזל פארט א שפיעל טהון... אבער אין גרונד האלט איך קנאפ וואס... יעט, עס וועט שוין מסתמא שפיעלען... איך וויל נישט זאגען וואס.

חיים: (ווי בעליידיגט) דאס טויג נישט. מען דארף האבען בטחון, בטחון! פארוואס נישט... מ׳מוז דאך געווינען... און א וועלט מענשען געווינען, א נאווינע דען!

די צווייטע יודינע: (א דינע און א דארע, איינגעוויקעלט אין אנ׳אלטע צוריסענע פאטשיילע) און איך זאג אייך (ווענדט זיך צו דער ערשטער יודענע) אז מען קען גארנישט וויסען, ווייל מען ריכט זיך נישט, וועט איהר גראד געווינען, אט, איהר וועט זעהן!...

די ערשטע יודינע: יא, אמאל אז מען ריכט זיך נישט, קען קומען די ישועה און אמאל, איז פערקעהרט: א ראיה וועל איך אייך ברענגען — מיין אייגענע טאכטער, איהר קענט דאך זי (ווענדט זיך צו אלעמען) נו, איז מיין דוואשע א מיידעל געווען א בריליאנט... א פארשוין, אז ליאלקעס האבען אין איהר צורה געשפיעלט. זי פלעגט

דורכגעהן שפּאַצירען, פּלעגט זיך ברעכען אונטער איהר דער מאַרק! און איך בין געווען טאַקע מיט איהר זעהר תקיף. האָב געהאַפּט, נישט שייך נחת האָבען פון איהר אויפ'ן פּוד, איז לאָזט זיך צום סוף אויס פידראַך! דאַרף דער שלים־מזל ברענגען צו מיר עפּעס מיינעם אַ ווייטען קרוב, צום פריזיוו האָט ער דאָ אין שטעדטיל בעדאַרפט שטעהן.. אַ הונגעריגער דושע... טהוט גאָט אַ נס און ער ציהט אַרויס אַ גרויסען נומער און בלייבט... על כל פּנים איז דעם פריזיוו שוין גע'פּטר'ט, דער בחור איז אַ שענער, אויף אַ שטעל, נעהמט זעכציג רובל אַ חודש, אַלץ דאַכט זיך, בעסער ווי געוואונשען, און מיין מיידעל איז איהם אויך געפעלען, ער וויל אפילו עפּעס מעהר נדן, ווי מיין טאָכטער האָט, אָבער, אַז ס'איז געפעלען, איז דאָך שוין אַנדערע רייד. בקיצור, די אונטערשטע שורה, ס'איז ביי זיי געווען מיט מזל חתונה... און דאָס יונגע פּאָר'ל איז מיט מזל אַוועקגעפאָהרען קיין וואַרשע, וואו ער האָט געהאַט די שטעלע... געוויס רעדט זיך דאָס גיכער, ווי עס טהוט זיך, אָבער די אונטערשטע שורה איז אַזוי... און איך, נאַרישע יודענע, מיין, אַז איך דאַרף שוין נייהען זעק אויף נחת קלייבען. וואָס הייסט, אַ טאָכטער חתונה געמאַכט! און וואָס פאַר אַ טאָכטער: אַ פּאַרשוין! אַ בילד! אַ בריליאַנט! הכלל, איך בעקום דאָס ערשטע בריוועל — גוט! געדונגען אַ דירה'לע, געקויפט מעבעל — גוט! מיט איין וואָרט — מען מאַכט אַ לעבען מיט לייטען גלייך! אַ צווייטעס בריוועל, אויך טייערע נייעס, דער מאַמעס האַרץ וואַקסט!... ביז מ'האָרעוועט אויס אַזאַ טאָכטער. אַליין אָהן אַ מאַנסביל... מיט דער אייגענער האָרעוואַניע. נו, וואָס איז צו רעדען... בקיצור, די אונטערשטע שורה: ס'איז נישטאָ אַ וואָך קיין בריוועל, צוויי און דריי און פיער! אַ דעפּעש קלאַפּען, איז נישטאָ דער האַלבער רובל — נישט קלאַפּען, שפּאַלט זיך דער מאַמעס קאָפּ!... בקיצור, דאַנקען גאָט, זיך דערוואַרט! אַ בריוועל: טייערע מאַמינקע, אַזוי און אַזוי, ער איז קראַנק געווען... אַ זאַפּאַליענע אויף די לונגען! גוט, מיר איז פרעהליך! פערקרענקט דאָס ביסעל געלד... נו, פערקרענקט, פערקרענקט — טראַכט איך מיר — וועלען זיין ביינער, וועט זיין פליייש... וועט ער לעבען, וועט ער פערדינען... קומט אָן נאָך אַ בריוועל. בקיצור, ס'איז אַ סך צו צו דערצעהלען: ער איז געזונד געוואָרען פון דער זאַפּאַליענע אויף די לונגען, איז דאָך שוין דאַנקען גאָט גענוג, אָבער איז מסתמא ניט גענוג און עס פערגלוסט זיך דעם דאָקטאָר — ער האָט דאָך אָבגענומען עטלי־

כּע צעהנדליג קערבּליך , וואָס די טאָכטער האָט נעבּיך דאָס גאַנצע לעבּען געקליבּען פון דער נאָרעלע . . . אַ וועש־נייטערין געווען . . . יאָ , וויל זיך דאָך דער קלוגער דאָקטאָר וויסען וואָס ער קען ! האַ ? וואָס ? ווען ? פון וואָס איז די מאַמע זיינע געשטאָרבּען , פון וואָס די באָבּע , פון וואָס דער זיידע און דער עלטער־זיידע . . . און צום אומגליק דאַרף די מאַמע זיינע גראָד טאָקע שטאַרבּען פון סוכאָטע . . . נו , איז גענוג , דער דאָקטאָר האָט דאָס דערשמעקט און מעהר דאַרף ער נישט ! „אַזוי און אַזוי , איהר מוזט האָבּען אַ דאַטשע , אַ סאָסנאָווען וואַלד , מילך און אייער , ווער קען אויסדערצעהלען ! און ער , דער איידעם , קריגט גרויס שרעק . . . מיינט , אַז די נשמה קריכט שוין , שונאי ישראל , אַרויס . און וואָס מיינט איהר ? (זי שפּאַרט אונטער מיט'ן האַנד דער מאָרדע) וואָס מיינט איהר , ער איז נישט אַוועקגעפאָהרען און נאָך אין אַ פּענסיאָנאַט , אָדער ווער ווייס ווי דאָס רופט זיך ! . . . און זי , מיין טאָכטער , וואָס זאָל זי טהון , איז זי אַ פער'חשכ'טע געקומען צו דער מאַמען אויף קימפּעט . . . און אָט איז אייך נחת . האָב איך , אַזוי ווי מען זאָגט , געלאָזען זיך איינרעדען און גענומען דעם צעטיל . . . אפשר . . . אויף מיין טאָכטערס מזל , איהר מזל איז דאָך נאָך פאַר איהר . . . זי איז נאָך יונג . . .

די צווייטע יודענע : עט . . . מיין פריינד . יעדערער מיט זיין פּעקיל צרות און וועלכער איז שווערער , ווייס קיינער נישט , ווייל אז מען וואָלט אַרויסגעהאַנגען אַלעמענס , וואָלט זיך יעדערער געחאַפּט פאַר זיינעם .

חיים : אַנ'אַלטער כלל . . .

זעליג : אַנ'אַלטער ! (פערהוסט זיך)

(עס קומען צולויפען בריינדעל מיט עטלען , נאָך איהר שטופּען זיך אַריין ווייבּליך און מיידליך , הערען די נומערן פון די געווינסען) .

זעקסטער אויפטריט .

בריינדעל : (קוים אָבּהאַפּענדיג דעם אָטעם) טאַטע , אָט איז דער בּלאַט , איך האָב איהם אָהן דיר נישט געוואָלט עפענען . . . איך האָב זיך געשראָקען . . . אַ געלעכטער , כ'לעבּען . עטיל האָט געבּעטען עפען , עפען — און איך , ניין און ניין . אין דער היים .

(אַלע צושטעלען זיך אַרום חיימ'ן, וואַרטען אונגעדולדיג פּיבערהאַפט)

חיים: (שטעהט אין מיטען שטוב, רופט אוים די געווינסען) 200 טויזענד רובל האָט געוואונען דער נומער 12380. (אַלע לאָזען אַראָב די קעפּ, געדענקענדיג קלאָר זייערע נומערן)

אַלע אין איין קול: ניין!

חיים: פיער-טויזענד האָט געוואונען נומער 9873.

עטיל: (גיט אַ שרעקליכען געשריי) איך!

אַלע: דו? דו?

עטיל: (נעהמט אַרויס איהר נומער, ווייזט איהם חיימ'ן)

חיים: ניין, ביי דיר איז גאָר 8917. (אַלע צופריעדענע, בערו-היגט לאַכען)

חיים. אַכט-טויזענד האָט געוואונען — דער נומער 17430.

די צווייטע יודענע: איך, איך! (זי ווייזט איהר נומער, וועלכער שטימט ווידער נישט. אַלע לאַכען)

חיים: אַכצעהן-טויזענד האָט געוואונען 12360.

(אַלע שווייגען)

חיים: קיינער נישט?

אַלע: (ביז, אונגעדולדיג) קיינער נישט...

חיים: צוואַנציג-טויזענד האָט געוואונען דער נומער 14318.

(ווידער שווייגען אַלע)

חיים: נו, ווער?

אַלע: קיינער נישט.

חיים: (צוטראַגען) וואָס הייסט קיינער נישט... איך האָב גע-האַט דעם נומער. (האַפּט שנעל דאָס טאַשען-ביכעל, זוכט. די אַלע, וואָס שטעהן, קוקען איהם נאָך מיט צופלאַמטע, דורשטיגע אויגען)

חיים: (גאַנץ שטיל, ווי ער האַלט זיך געפּיהלט שולדיג) מאַל-באַנם האָט געוואונען... מאַלבאַנם...

אַלע: (אין איין קול) מאַלבאַנם דער גביר. איי, איי! (בלאַסע פערצווייפעלטע שטעהען די אַלע, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען און ריהרען זיך נישט).

עס קומט אַריין פון צווייטען חדר דבורה.

זיבענטער אויפטריט.

דבורה: (גיט אַ ווילדען פערגאַלטען געלעכטער, מיט צונויפגע-

לעגטע הענד אויפ'ן הארצען, גערט צו צו חיים'ן) חא=חא=חא, דו גרוי=
סער שלימזל, דו האסט גענומען פאר א שותף מאלבאנס גרויסען מזל!
חא=חא! איהם ביסטו געגאנגען צעטלען פערקויפען!..

בריינדעל: (מיט האס) לאכט ניט אזוי און שרייט נישט אזוי!
דער טאטע פערקויפט אלעמען צעטלען און ווער עס געווינט, געווינט...
פערשטעהט איהר, וואס מען רעדט מיט אייך?

חיים: (ווי ער וואלט וועלען בערוהיגען דבורה'ן) נארעלע, איך
וועל חאטש האבען פראצענטען... (קוקט די איבריגע נומערן) די איב=
ריגע זענען קליינע געווינסען, נאר קרנ'ס!...

די ווייבער שטעהען שטומע, פערצווייפעלטע... זעליג [illegible]
שטיל...

(דער פארהאנג פאלט לאנגזאם...)

נאך לערמאנטאוו.

דער נביא.

* *
*

מיט אלוויסען פון א נביא
זינט בעשאנקען האט מיך גאט ;
אין דעם מענשענס־אויג צו לעזען
זינד און פעהלער פיעל עס האט.

זיי געלערענט האב איך ליעבען,
— ליעבען אמתדיג און ריין ;
און צוריצט אין מיר געווארפען
האט יעטוועדערער א שטיין.

כ׳האב דעם קאפ מיט ערד [illegible]שאטען,
און געלאפען וויט פון שטאדט ;
מיט די פויגעל גלייך צו זינגען
מיינע ליעדער נאר פאר גאט.

און, געהארכזאמע, די חיות
הארכען שווייגענדיג מיין שאל,
שטערן פינקלענדיג מיך הארכען,
שטיל זיך שפיעלענד מיט א שטראהל.

לויף איך דורך ווען ווי דערשלאגען
דורך א מענשען־גאס געשווינד ;

הער איך שטאָלץ די טאַטעס זאָגען,
שפּאָטיש רעדענדיג צום קינד: —

„קוקסט: — אַ מוסר זיך צו נעהמען!..
„זעהסט דעם נאַר, ווי שטאָלץ איז ער!..
„וויל אונז אַלעמען איינרעדען: —
— דורך זיין מויל רעדט גאָט דער הערר!..

קוקט שוע, קוקט איהם אָן, איהר קינדער,
זעהט ווי בייז, ווי שלעכט, ווי בלאַס!...
נאַקעט, הונגעריג און אָרים,
און געזעטיגט נאָר מיט האַס!..

ם. ברכהן

אברהם רײזען.

מאַדאַם ברײַנע.

ברײַנע אײדעלמאַן איז אַ פרוי פון אַ יאָהר פיערציג. אַזוי זאָגט זי אַלײן, און מען קען איהר געווים גלויבען, וויַיל זי איז ניט פון די דאַמען, וואָס ווילען פערלײקענען זייערע יאָהרען: מיט דעם מאַן איז זי צופרידען, און ער האָט זי אויך, אויף זײַן שטײגער, ליעב. פון קאָמפּלימענטען האַלט זי נישט, זי בעגעהט זיך אָהן דעם... איהר אַרט אפילו נישט, וואָס איהר טאַליע איז צו גראָב, די באַקען צו רויט.

אין אַלגעמײן האָט זי וואָס מעהר אויסזיכט פון אַ סוחר'טע, איידער פון אַ הײַנטיגער ציוויליזירטער דאַמע. „אַ דאגה מײַנע, טראַכט זי, עס איז אַלץ נאַרישקײט, דער עיקר איז „עולם הזה“.

און „עולם הזה“ זעהט זי אין איהר גרויסער קיך; און האָטש מאַדאַם ברײַנע האַלט אַ רעכטע קעכין, דאָך איז זי אַלײן אויך שטענדיג פערנומען אין קיך, ניט חלילה פאַר גוטסקײט, צו העלפען דער קעכין, נור צוליעב איהר אײגען פערגעניגען: זי האָט אַ גרויסען תענוג שטעהן און קוקען ווי עס באַקט זיך, פרעגעלט זיך און קאָכט זיך, און צו געבען איהר עצה, ווי אַזוי יעדעס געריכט זאָל אַרויסקומען וואָס געראָטענער.

פון יעדען מיטאָגס־געריכט פערזוכט זי פריהער אַלײן טאַקע אין קיך גופא, און ווען עס קומט אַרויס געראָטען, איז זי פאַר שמחה אויסער זיך, זי קען עס אַלײן דאָס גליק נישט פערטראָגען און לויפט גלײַך אין זאַל אַרײַן, אָנצוזאָגען די גוטע בשורה דעם העררן אײדעלמאַן, וועלכער זיצט דאָרט און שמועסט מיט אַ פּאָר געסט.

— וועט הײַנט זײַן אַ זופּ — אײנס אין דער וועלט; פער־

צעהלט זי מיט גרויס התפעלות, — עס האָט זיך זעהר איינגעגעבען. דעם העררן אײדעלמאַן, אַלס סאָלידען מענשען, פּאַסט ניט צו נתפעל ווערען פון אַזא קלייניגקייט, און נאָך פאַר די געסט, נור אַלס טרייער געמאַהל, קען ער עס ניט אַוועקמאַכען מיט'ן האַנד און ער זאָגט איהר אויס העפליכקייט, אַז ער ווייסט שוין לאַנג, אַז זי איז אַבריה; זי קען אַלץ. ניט ווילענדיג פאַלען ביי איהם אַראָב די בליקען אויף זיין רונד בייכעל, ווי ער וואָלט איהם וועלען שטעלען פאַר אַנ'עדות, אַז איהרע מאַכלים שמעקען איהם אַלע מאָל זעהר גוט.

ביים מיטאָג ווייזט זיך אויס, אַז דער זופּ איז ווירקליך גוט. יעדערער ביים טיש לויבט זי דערפאַר, ברייגגע שטראַהלט פאַר פרייד, נור עס איז איהר וועניג, זי וויל בעווייזען איהר גאַנצע השלמה, איהר גאַנצע חריפות אין דעם און איהר פאַלט איין צו פערגעבען נאָר אַזא מין שאלה:

— וואָס האָט אָבער אין דער זופּ געפעהלט? טרעפט!

אַלע פערטראַכטען זיך אַזוי, ווי איבער אַ ערנסטער פראַגע, די עלטערע מאַכטער חאַפּט זיך אַזוי אַרויס פרעהליך:

— איך ווייס.

— וואָס? פרעגט זי, ניט גלויבענדיג, אַז זי זאָל האָבען דערין אַ גרויסע ידיעה.

— וועניג שמאַלץ.

— ביזט אַ נאַר! לאַכט זי — שמאַלץ איז דאָ גראָד אַ סך, מעהר דאַרף מען שוין ניט. נו, דו ווייסט טאַקע אויך נישט, ווענדעט זי זיך צום מאַן.

— איך ווייס?! קוועטשט ער מיט די פּלייצעס, — דאַכט זיך עס איז גאַנץ גוט געווען.

— עט, ביזט נאָר אַ באָבע, אַ קלויזניק בלייבט אַ קלויזניק. ענטפערט זי — גוט — ווייס איך אַליין אַז עס איז גוט, וואָס דען שלעכט וועט זיין? איך מיין אָבער, וואָס האָט דאָ בעדאַרפט זיין, אַז עס זאָל זיין נאָך געשמאַקער. — נאָר איך זעה אַז איהר וועט שוין קיינער נישט טרעפען, פרעגט אייך בחרם. איך וועל אייך שוין זאָגען: דאָ האָט געפעהלט אַ קליין קעפעל קנאָבעל, אָט וואָלט עס געווען אַנ'אַנטיק!...

דאָ געהט זי אַריין אין איהר אמת'ע ראָל און עס שיטען זיך ביי איהר רייד וועגען דעם אָהן אויפהער.

אויף דער צווייטער מדרגה שטעהט ביי איהר דער שלאף, נאר וועגען דעם רעדט זי שוין ווייניג, רעדין איז שוין דער העריר אליין מעהר מושלם. ער קען שלאפען אמאל נאך מיטאג ביז שפעט אין דער נאכט. נאכן עסען גיט זי נאר צוויי מאל א געניע, אזוי ווי עס וואלט איהר שוין נמאס ווערען דאס לעבען און זי רעדט פויל ארוים:

— א=א=א!... איך וועל מיך גיהן צו שפארען זיך.

אז זי שטעהט אויף פון שלאף, איז שוין פערטיג דער סאמאוואר. זי זעצט זיך טרינקען טיי און קוקט אונגעדולדיג צום טהיר, זי ווארט אויף דער קצב'טע. אלע טאג איז זי אין כעס וואס יענע שפעטיגט זיך אזוי, מען דארף זי א מאל אויסזידלען, קלערט זי — עס איז א העזה! ענדליך קומט די קצב'טע מיט א גרויסען קויש פול מיט רויטע פעטע שטיקער פלייש. איהר כעס פערשווינדט און זי בעגעגענט דער קצב'טע מיט א שמייכעל:

— וואס האט איהר זיך היינט אזוי געשפעטיגט.

— ווייס איך... קוועטשט די קצב'טע מיט די געזונדע פליי־צעס, — דאכט זיך איהר האט מיר נעכטען געהייסען קומען זיבען דעם זייגער.

— און וויפעל איז איצט?

— איצט איז זיבען.

מאדאם איידעלמאן גיט א קוק אויפ'ן זייגער און זעהט, אז עס איז טאקע זיבען.

— און מיר, ווען איהר גלויבען, האט זיך געדאכט, אז עס איז שוין ניין... האט זי געלאכט.

זי נעמט זיך גלייך צום קויש. יעדער שטיקעל פלייש בעטראכט זי בעזונדער, אנדערע שטיקער לויבט זי, און אנדערע, פערקעהרט, זעצט זי אויס קליינע חסרונות און מאכט דערביי בעמערקונגען, וואס עס איז גוט אויף בראטען, וואס אויף האקען. די קצב'טע מאכט איהר קאמפלימענטען, אז זי איז ביי איהר די ערשטע מאדאם, וואס פערשטעהט זיך אזוי אויף פלייש און דערפאר טאקע טראגט זי איהר דעם בעסטען חלק.

— מיר מעגען זיך ווינשען דאס וואג גאלד וויפיעל פלייש איך האב שוין אין מיין לעבען איבערגעהאלטען, זאגט די מאדאם איידעלמאן מיט גדלות — שוין צייט זיך אויסצולערנען.

— זאגט דאס נישט, מאדאמעלע' ענטפערט די קצב'טע —

מבינות אויף פלייש איז אַ געבווירעגע זאַך, דאָ העלפט ניט קיין פּראַקטיק. וואָס דאַרפט איהר מעהר — מאַדאַם N. איז עלטער פאַר אייך און נעהמט אויך, ניט צו פערזינדיגען, היבש פלייש און פרעגט איהר בחרם וואָס פלייש איז, זי קען אייך אמאָל אַ זאָג טהון אַזאַ נאַרישקייט, אַז עס שניידט מיר אין האַרצען. איך ווייס ניט, אסור, צי זי ווייס נאָך עד היום, וואָס ברוסט איז און וואָס ריפּ.

מאַדאַם איידעלמאַן איז צופריעדען. זי בעלייט דער קצב'טע ביז'ן טהיר און פערזאָגט איהר, אַז מאָרגען זאָל זי קומען פריהער, און זי געהט נישט אוועק פון טהיר ביז וואַנען זי הערט נישט אַ קלאָרע תשובה פון דער קצב'טע, בשעת יענע איז שוין אויף די טרעפּ:

— מאָרגען, מאַדאַמעלע, האָט איהר מיך האַלב זעקס, גוט!?...

* *

*

נאָכדעם אַז די מאַדאַם ניט אָב דער קעכין דאָס פלייש און זאָגט איהר פונאַנדער, ווי צו בעגעהן זיך מיט דעם, פיהלט זי, אַז עס הונגערט איהר און איז דערפון זעהר צופריעדען. זי קלערט וואָס עסט מען? אין איהר קאָפּ פליהט דורך אַ גאַנצער צעטעל מיט פערשידענע שפייזען, נאָר עס איז אַלטע מאַכלים, עס האָט זיך שוין צוגעגעסען, זי וויל אַן'אָריגינעל מאכל און געפינט עפּיס אַזאַ זאַך, אַז די קעכין בעוואונדערט וואָס דער מאַדאַם קען איינפאַלען...

מאַדאַם איידעלמאַן לעגט זיך שלאָפען עלף אַ זייגער, זי ווערט קיינמאָל ניט אַנשלאָפען ביז זי בעקלערט, ביז זי בעטראַכט ניט, וואָס צו קאָכען מאָרגען.

שאַדע, וואָס מאַדאַם איידעלמאַן האָט ניט ליעב צו פערצעהלען קיין חלומות, זי ווייסט, וועלכע מאכלים זי זעהט אין חלום...

ג. איזען.

וואַנדערער.

I

דער וואָלקען.

אין טרויער אין טיפען פערזונקען,
געדריקט פון אַ שווערען געמיטה,
שלעפט אום זיך דאָס שוואַרץ=גראָהע שטיק
ווי אַן׳אָבגעפליקט גליעד פון אַ ריזיגען קערפּער,
שלעפט אום זיך און בלאָנזשעט אין לופטען אַרום
אָהן וועג, און אָהן ציעל, און אָהן האָפנונג...

ניט לאַנג האָט דער שמערץ אין זיין בוזים געשטורמט,
מיט פייער און שטראָם זיך געריסען אַרויס,
אַ פחד געוואָרפען אויף אַלץ;
און קוים איז דער שטורם אַריבער,
פאַרביי איז דער שרעק,
און קאַלט איז ווי פריהער דער הימעל געבליבען,
און רוהיג — די ערד,
און שמייכלענדיג=פרעך קוקט די וועלט איצט אַרויס,
און וואַרפט איהם אַ שפּאָטישען בליק...

עס קעהרט זיך דער וואָלקען פערצווייפלונגספול אָב,
און רוקט זיך פּאַמעליך און שווייגענדיג שטום
נור בלויז ס׳צאָרניג=פינסטער געזיכט איז אַן׳עדות
פון טיעפען, בעהאַלטענעם שמערץ —
ער טראָגט איהם אין האַרצען פערבויגען,
פון ערד און פון הימעל דערווייטערט...

II

דער ווינד.

בעשאַפען פון לופט און אין אונרוה געבוירען,
יאָגט אייביג דער ווינד זיך פערצווייפעלט אַרום,
און זוכט וואָס — און קען זיך אַליין ניט געפינען,
ער קלעטערט פון צער אויף די ווענד,
און לאָזט זיך אין אָהנמאַכט אַרונטער,
און גיט מיט געשריי זיך צום הימעל אַ הויב
און בלייבט אָהן אָטעם;
דאַן טוליעט ער זיך אַ בעליידיגטער צו
צו ערגעץ אַ ווינקעל און וויינט...
און צייטענווייז שאַפען די אייביגע שמערצען
אַ גרויזאַמען כח אין איהם.
דאַן שפּאַלט ער דעם ים אויף, צורייסט איהם אויף שטיקער,
דעם גרונד צו געפינען;
און אוראַלטע וועלדער דאַן וואָרצעלט ער אויס,
דעם דורות בעהאַלטענעם סוד צו ענטבלעקען;
און הייזער צוואַרפט ער און שטעדט מאַכט ער חרוב,
און גאַנצענע בערג רויסט ער אָב,
אַ וועג זיך צו מאַכען; —
נאָר אָט שטעלט ער פּלוצלונג זיך אָב,
קוקט ווילד זיך אַרום:
אָ, חורבות אומזיסטע!
וואָס האָט אייער אַש מיר געגעבען?
און שטיל בלייבען די חורבות,
און הענגען אין לופטען בלייבט איביג
דער לעצטער פערצווייפלונגס-געשריי. —

קאטאלאג פון פערלאג „פראגרעס" ווארשא.

אברהם רייזענס ווערק.

שריפטען:

	ק'	ר'
I באנד געזאמעלטע לידער.	25	1
II באנד מענשען און וועלטען		
III „ „ געשטאלטען	25	1
ערצעהלונגען און בילדער.	25	—
צייט לידער.	20	—
לידער פון לעבען.	50	—
דאס יודיש ווארט (זאמעלבוך).	75	—
20-טער יאהרהונדערט.	50	—
יאהרבוך „פראגרעס" (זאמעלבוך).	[illegible]	—
קונסט און לעבען (זאמעלבוך).	80	—
רעפעטיציע.	6	—
גוטע ברידער (איינאקטער)	5	—
דער פוילישער גלח.	5	—
פערשפעטיגט.	5	—
ציגיינערין.	5	—

Книжн. маг. Я. Лидскій, Варшава, Налевки 36.

קאטאלאג פון פערלאג „פראגרעס" ווארשא.

שריפטען
יונה ראזענפעלד.

מיט'ן בילד פון אויטאר

ערשטער באנד פרייז 75 קאפ'
צווייטער באנד „ 75 „
געבונדען אין א פראכט באנד נאך 80 קאפ'.

נאוועלען.
פון ל. שאפירא.

אינהאלט:

I אין דער טויטער שטאדט.
II שפוך חמתך.
III דער קוש.
IV שמארקער.
V אויפ'ן ים.
VI דעם צלם.
VII ער און זיין דיענער.
VIII פרינציפען.
IX צווישען פעלדער.
X דער רב און די רביצין.
XI מועד.

פראכטפאל שעהן געדרוקט מיט א אילוסטרירטע הילע.

— פרייז 85 קאפ'. —
אין פראכט-באנד—נאך 40 קאפ.

Русл. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пимситъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

דער פערלאג „פראגרעס" ווארשא
האט יעצט אפ געדרוקט
א נייעם באנד
שריפטען י. ל. פרץ
אונטערן נאמען
„פאלקס טימליכע געשיכטען"
מיט דאס נייעסטע בילד פון אווטאר.
פרייז 1 רובל 25 קאפ׳.
מיט בעשטעלונגען ווענדען זיך צו:
Книгоиздательство „Прогрессъ".
Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36,

ביכער איבער פאליטישע עקאנאמיע.

	ק׳	ר׳
א. באגדאנאוו: „פאליטישע עקאנאמיע" געארבייט דורך א. ש. וואקס.	25	—
א. באגדאנאוו: „די שקלאפעריי" צווישעם העפט פון פאליטישע עקאנאמיע בעארבייט דורך א. ש. וואקס.	15	—
טווידערסקי: „ארבייט און קאפיטאל" איבערזעצט פון א. ברעסלער.	15	—
א. בעבעל: „פאליטישע פערברעכער" און סאציאל דעמאקראטיע.	5	—
מארקס און ענגעלס: די בורזשואזיע און פראלעטאריער.	7	—
רעוואלוציע און קלאסען=קאמפף.	10	—
ק. קאוטסקי: ענטוויקלונג פון רעגירונג און שטאאט.	10	—
פ. לאפארג: די פרוי און די ארבייטער פראגע.	8	—
ק. מארקס: לוין, ארבייט און קאפיטאל.	10	—
ליבעראליזם און דעמאקראטיזם.	5	—
פ. לאסאל: וואס איז קאנסטיטוציע?	8	—
נ. א. רוזשקאוו: פאלקס פערטרעטונג.	7	—
ק. קאוטסקי: מאנארכישע זעלבסטהערשונג.	10	—
א. בעבעל: פאליטישער מאסען שטרייק.	8	—
[illegible]: די מארטירער פון דער קאמונע.	5	—

ענטטוישונג.

(ערצעהלונג)

איך בין זיך מודה, אז די רייד פון דעם דאָזיגען מאָרגעם הערר האָבען מיך זעהר פערווירט און איך האָב מורא, אז אויך איצט וועל איך נישט זיין אימשטאנד איבערצו׳חזר׳ן זיי אויף אזא אופן, זיי זאָלען אויף אנדערע מאכען אַזא׳ן ערהאַבענען איינדרוק ווי אין יענעם אָוועגד אויף מיר אַליין. אפשר ליעגט די אורזאכע פון זייער ווירקונג נאָר אין דער מאָדנער אָפּענהערציגקייט, מיט וועלכער אַ גאנץ אונבעקאַנטער האָט זיי מיר אַרויסגעזאָגט...

דער הערבסט-פאַרמיטאָג, ווען יענער אונבעקאַנטער האָט מיך צום ערשטען מאָל איבערראַשט אויף דער פּיאַצצאַ סאַן מאַרקאָ, ליעגט מיט אַ צוויי מאָנאַטען צוריק. אויף דעם ווייטען פּלאַץ האָט מען געקענט טרעפען נאָר געצעהלטע מענשען, אָבער פאַר דער בונטער געבײַדע, וואָס איהרע רייכע און צויבערהאַפטע סילועטען און גאָלדענע בעפּוצונגען האָבען זיך אין ענטציקענדער קלאָרהייט געהויבען צום צאַרטען העלבלויען הימעל, האָבען אין לייכטען ים-ווינד געפלאַטערט די פאָהנען. גלייך פאַר דעם הויפּט-פּאָרטאַל האָט זיך אַרום אַ יונג מיידעל, וואָס האָט געשאָטען מאַאיס, פערזאַמעלט אַ אונגעהויערע מחנה טויבען, וועלכע האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערגרעסערט מיט נייע פון אַלע זייטען אָנגעקומענע... אַ בילד פון אונפערגלייכליך-העלער און יום-טוב׳דיגער שענהייט.

דאָ האָב איך איהם בעגעגענט, און בשעת איך שרייב שטעהט ער מיר מיט אויסערגעוועהנליכער דייטליכקייט פאַר די אויגען. ער איז קוים געוועזען פון מיטעלער וואוקס און איז געגאַנגען שנעל און איינגעבויגען, האַלטענדיג זיין שטעקעל מיט ביידע הענד אויפ׳ן רוקען. ער האָט גע-

טראָגען אַ שוואַרצען, האַרטען הוט, אַנ׳העלען זומער־מאַנטעל און הויזען אין טונקעלע פּאַסען. אָהן קיין שום גרונד האָב איך איהם אָנגענומען פאַר אַנ׳ענגלענדער. ער האָט געקענט אַלט זיין דרייסיג יאָהר און אפשר אויך פופציג. זיין געזיכט, מיט אַ עטוואָס דיקער נאָז און מיעד־קוקענדע גרויע אויגען, איז געווען גלאַט ראַזירט און אַרום זיין מויל האָט שטענדיג געשפּיעלט אַנ׳אונערקלערליכער און אַ ביסעל שעמעוודיגער שמייכעל. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך פאַרשענד אַרומקוקען אַרום זיך, אויפהויבענדיג די אויגען־ברעמען, דערנאָך פלעגט ער ווידער אַראָבלאָזען די אויגען צו דער ערד, אַ זאָג טהון אַ פּאָר ווערטער צו זיך אַליין, אַ שאָקעל טהון און שמייכלען. אַזוי איז ער אין ערוואַרטונג געגאַנגען הין און צוריק איבער׳ן פּלאַץ.

פון דאַן אָן פלעג איך איהם בעאָבאַכטען אַלע טאָג, ווייל ער האָט זיך אַפנים מיט קיין אַנדערער זאַך נישט בעשעפטיגט, ווי נאָר מיט דעם, וואָס ער פלעגט סיי אין אַ גוטען וועטער סיי אין אַ שלעכטען וועטער, פאַר מיטאָג ווי נאָכמיטאָג, אויסטרעטען אַ מאָל דרייסיג — פופציג די פּיאַצאַ, שטענדיג אַליין.

אין דעם אָוענד, וועלכען איך האָב אין זינען, האָט קאָנצערטירט אַ מיליטער־אָרקעסטער. איך בין געזעסען ביי איינעם פון די קליינע טישלעך, וועלכע דאָס קאַפע פלאָריאַן האָט אַרויסגעשטעלט ווייט אויפ׳ן פּלאַץ אַרויס און ווען נאָך דער ענדע פון קאָנצערט האָט דער עולם, וואָס האָט זיך ביז אַהער אין געדיכטע שטראָמען בעוועגט הין און צוריק, האָט אָנגעהויבען זיך פונאַנדערצוגעהן, האָט דער אונבעקאַנטער, שמייכלענדיג ווי שטענדיג צוטראָגען און פערריקט, זיך געזעצט נעבען מיר ביי איינעם פון די פריי געוואָרענע טישען.

די צייט איז געגאַנגען, אַרום און אַרום איז געוואָרען שטילער און שטילער און ווייט און ברייט אַרום זענען די טישען שוין ליידיג געשטאַנען. וועניגער ווי נאָר פלעגט פאַרביי געהן אַ מענש; אַ מאַיעסטעטישע רוה האָט געלאַגערט איבער׳ן פּלאַץ, דער הימעל האָט זיך מיט שטערן בעדעקט און איבער דעם פּראַכטפולען טעאַטראַלישען פּאַסאַד פון סאַן מאַרקאָ, איז געשטאַנען די האַלבע לבנה.

איך האָב געלעזען מיין צייטונג, זיצענדיג צו מיין שכן מיט׳ן רוקען און האָב שוין שיער נישט געהאַט בדעה איהם אַליין צו לאָזען, ערשט איך האָב מיך דערפיהלט געצוואונגען, האַלב זיך צו איהם אָבצוקעהרען, ווייל נישט הערענדיג פון איהם ביז אַהער קיין איין מאָל דאָס

געריוש פון א בעוועגונג, האב איך איהם פלוצלונג רעדען דערהערט.

— איהר זענט צום ערשטען מאל אין ווענעדיג, מיין הערר? — האט ער געפרעגט אויף א שלעכטער פראנצויזישער שפראך; און ווען איך האב מיך א פרוב געטהון צו ענטפערן איהם אויף ענגליש, האט ער ווייטער גענומען רעדען אויף א פרייער דייטשער שפראך מיט א שטילער און הייזעריגער שטים, וועלכע ער האט אפט געפרובט אבצופרישען דורך א הוסטען.

— איהר זעהט דאס אלץ צום ערשטען מאל? עס שטימט מיט אייערע ערווארטונגען? — און אפשר שטייגט עס זיי זאגאר אריבער? — א! איהר האט זיך עס שענער ניט פארגעשטעלט? — איז דאס אמת? — איהר זאגט עס ניט צוליעב דעם, נאר כדי ארויסצושטעלען זיך פאר א גליקליכען, וועלכען מען מעג מקנא זיין? — א! — ער האט זיך אנגעלעהנט אויף צוריק און מיך בעטראכט מיט א שנעלען פינטלען מיט די אויגען און א גאנץ אונערקלערליכען געזיכטס־אויסדרוק.

די פויזע, וועלכע איז איינגעטראטען, האט לאנג געדויערט און ניכט־ויסענדיג ווי אזוי פארטצוזעצען דעם דאזיגען מאדנעם שמועס, האב איך ווידער געהאט בדעה זיך אויפצוהויבען, נאר ער האט זיך האסטיג צוגעבויגען צו מיר.

— ווייסט איהר, מיין הערר, וואס דאס איז: ענטטוישונג? — האט ער געפרעגט שטיל און דורכדרינגענד, אנשפארענדיג זיך מיט ביידע הענד אויף זיין שטעקעל. — ניט דאס אונגעלונגענע און שלימזלדיגע אין קלייניגקייטען און איינצעלהייטען, נאר די גרויסע, די אלגעמיינע ענטטוישונג, די ענטטוישונג, וועלכע אלצדינג, דאס גאנצע לעבען גרייט אן פאר איינעם. געוויס קענט איהר זי ניט. איך אבער בין פון יונגוויי אויף אומגעגאנגען מיט איהר, און זי האט מיך איינזאם, אומגליקליך און א ביסעל וואונדערליך געמאכט, איך לייקען עס ניט.

— ווי זאלט איהר פערשטעהן, מיין הערר? אפשר אבער וועט איהר מיך אויסהערען א צוויי מינוט, אויב איך דארף בעטען. ווייל אויב עס קען געזאגט ווערען, איז עס שנעל געזאגט...

ערלויבט מיר אייך אויפמערקזאם צו מאכען, אז איך בין אויפגעוואקסען אין א זעהר קליינער שטאדט אין א פאסטאר־הויז, וואס אין זיינע זויבערע חדרים האט געהערשט אנ׳אלטמאדיש פאטעטישער אפטימיזם פון למדנים, און וואו מען האט איינגעאטעמט אנ׳אייגענטימליכע אטמאספערע פון גלחישע דרשות — פון יענע גרויסע ווערטער וועגען גוט און

ביז, שען און מאוס, וועלכע איך האס אזוי פערביטערט, וויל זיי אפשר, זיי אליין, זענען שולדיג אין מיינע ליידען.

דאס לעבען איז פאר מיר דורכאויס בעשטאנען פון גרויסע ווערטער, וויל איך האב פון גארנישט געוואוסט אויסער ווי פון די אונגעהויערע און רוחניות׳דיגע פארגעפיהלען, וואס די דאזיגע ווערטער האבען אין מיר ארויסגערופען. איך האב ערווארט פון די מענשען דאס געטליך גוטע און דאס האהר-קאפויר-שטעלענד טייוועלשע; איך האב ערווארט פון לעבען דאס ענטציקענד-שענע און דאס העסליכע און א בעגעהר נאך דעם אלעם האט מיך דורכגענומען, א טיפע, אנגסטפולע בענקשאפט נאך דער ברייטער ווירקליכקייט, נאך דער איבערלעבונג, גאנץ גלייך פון וואסער ארט, נאך דעם פער׳שכור׳נד הערליכען גליק און דעם פערפלוכטען, אונאויסדריקליך אימה׳דיגען ליידען.

איך דערמאהן זיך, מיין הערר, מיט א טרויעריגער דייטליכקייט אן דער ערשטער ענטטוישונג פון מיין לעבען און איך בעט אייך צו בעמערקען, אז זי איז אין קיין פאל נישט בעשטאנען אין דעם נישט מקוים ווערען פון א שענער האפנונג, נאר אין דעם אנקומען פון אנ׳אומגליק. איך בין נאך ממעט געווען א קינד, ווען ס׳האט אויסגעבראכען א שרפה אין מיטען נאכט אין מיין פאטערס הויז. דאס פייער האט זיך געהיימניספול און טיקיש פערשפרייט, ביז מיין קאמער-טהיר האט געברענט דאס גאנצע קליינע געביי, און ס׳איז נישט געווען ווייט, אז אויך די טרעפ זאלען אויפגעהן אין פלאמען. איך בין געווען דער ערשטער, וואס האט דאס בעמערקט און איך געדענק, אז איך האב מיך א לאז געטהון דורך דאס הויז, נישט אויפהערענדיג צו שרייען: „עס ברענט! עס ברענט!“ איך דערמאהן מיך אין די דאזיגע ווערטער זעהר גענוי, און איך ווייס אויך, וואס פאר א געפיהל האט זיי ארויסגערופען, חאטש דאמאלס האב איך עס קוים געקענט בעגרייפען מיט מיין בעוואוסטזיין. דאס איז, אזוי האב איך דערפיהלט, א שרפה; איצט לעב איך זי איבער! ערגער איז עס נישט? דאס איז גאר?...

גאט ווייס, אז ס׳איז געווען נישט קיין קלייניגקייט. דאס גאנצע הויז האט אבגעברענט, מיר אלע האבען זיך מיט גרויס מיה געראטעוועט פון א שרעקליכער סכנה און איך אליין האב בעקומען זעהר בעדייטענדע פערלעצונגען דערפון. אויך וואלט עס זיין נישט ריכטיג צו זאגען, אז מיין פאנטאזיע וואלט אריבערגעשטיגען דאס געשעהעניש און וואלט מיר א שרפה אין מיינע עלטערנס הויז אויסגעמאלט שרעקליכער

אָבער אַ דרייסטעם פּאָרגעפיהל, אַ געשטאַלטלאָזע פֿאָרשטעלונג פון עפּעס נאָך פיעל מעהר העסליכערס האָט אין מיר געלעבט און אין פער־גלייך דערמיט האָט די ווירקליכקייט אויסגעזעהן בלאַס. די שרפה איז געווען מיין ערשטע גרויסע איבערלעבונג: אַ שרעקליכע האָפנונג איז גע־וואָרען דערמיט ענטטוישט.

שרעקט זיך נישט, אַז איך וועל אייך אויך ווייטער איינציגווייז אויסרעכענען מיינע ענטטוישונגען. איך וועל מיך בעגנוגענען דערמיט, וואָס איך וועל זאָגען, אַז איך האָב מיט אַן׳אומגליקליכער התמדה גע־שפּייזט מיינע גרויסאַרטיגע ערוואַרטונגען פון לעבען דורך טויזענד ביכער דורך די ווערק פון די דיכטער. אַך, איך האָב געלערנט זיי צו האַסען, די דאָזיגע דיכטער, וועלכע וואָלטען אויף אַלע ווענד געשריבען זייערע גרויסע ווערטער און מיט אַצעדער, געטונקט אין וועזוף, וואָלטען זיי אין הימעלסדעק געמאָלט — אין דער צייט, ווען איך פיהל אין יעדען גרויסען וואָרט חוזק און שקר.

עקזאַלטירטע פּאָעטען האָבען מיר געזונגען, אַז די שפּראַך איז אָרים, אַך, זי איז אָרים — אָ ניין, מיין הערר! די שפּראַך — בין איך איבערצייגט — איז רייך, איז רייך אָהן אַ מאָס אין פערגלייך מיט דער אָרימקייט און בעגרענצטקייט פון לעבען. דער שמערץ האָט זיינע גרעניצען: דער קערפּערליכער אין דער אָהנמאַכט, דער זעעלישער אין דעם טעמפּזין, — דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם גליק! אָבער דאָס מענשליכע בעדערפניש פון טיילען זיך איינער מיט׳ן אַנדער׳ן האָט ערפונ־דען ווערטער, וועלכע ליגען ווייט הינטער די דאָזיגע גרעניצען.

שטעקט עס אין מיר גופא? מאַכען דען געוויסע ווערטער נאָר אויף מיר אַזאַ ווירקונג, אַז זיי ערוועקען אין מיר פאָרשטעלונגען פון אַזוינע איבערלעבונגען, וועלכע עס זענען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ?

איך בין אַריינגעטראָטען אין דאָס בערימטע לעבען אַריין, פול מיט דעם דאָזיגען בעגעהר נאָך אַן׳איבערלעבונג, וואָס זאָל ענטשפּרעכען מיינע גרויסע פאָרשטעלונגען!

איך האָב אַרומגעוואַנדערט, כדי צו בעזוכען די געריהמטסטע גע־גענדען פון דער ערד, כדי צו בעטראַכטען די קונסט־ווערק, אַרום וועל־כע די מענשהייט טאַנצט אַרום מיט די גרעסטע ווערטער; איך בין פאַר זיי געשטאַנען און צו זיך געזאָגט: עס איז שען. און דאָך: שענער איז דאָס נישט? דאָס איז גאָר?

איך האָב נישט קיין זין פאַר דאָס ווירקליכע און רעאַלע; דאָס

ערקלערט אפשר אַלץ. ערגעץ־וואו אין דער וועלט בין איך איינמאָל געשטאַנען אין די בערג ביי אַ טיפען שמאָלען אָבגרונד. די פעלזען־ווענד זענען געווען נאַקעט און ווערטיקאַל און אונטען האָט דאָס וואַסער געבּרויזט איבער די בלאָקען. איך האָב אַראָבגעקוקט אונטען און אַ מוראַכט געטהון: ווי איז, ווען איך פאַל אַראָב? אָבער איך האָב גענוג ערפאַהרונג זיך צו ענטפערן: ווען עס וואָלט געשעהען, וואָלט איך בעת׳ן פאַלען צו זיך געזאָגט: אָט פאַלסטו אַראָב, אָט איז דאָס ווירקליכע! נו, איז וואָס איז דאָס אייגענטליך? —

איהר וועט מיר גלויבען, אַז איך האָב גענוג איבערגעלעבט, איך זאָל אַ ביסעל קענען זיך פונאַנדערריידען? מיט יאָהרען צוריק האָב איך געליעבט אַ מיידעל, אַ צאַרטעס און ליעבעס וועזען, וועלכע איך וואָלט גערן געפיהרט אונטער מיין האַנד און אונטער מיין שוץ; זי האָט מיך אָבער נישט געליעבט, דאָס איז נישט געווען קיין וואונדער, און אַן אַנדערער האָט זי געדאַרפט שיצען... איז פאַראַן אַן איבערלעבונג, וואָס זאָל זיין פיינליכער? איז פאַראַן עטוואָס שמערצליכערס ווי די דאָזיגע שווערע קלעמעניש, וועלכע איז גרויזאַם פערבונדען מיט תאוה? איך בין נישט איין נאַכט מיט אָפענע אויגען געלעגען, און טרויעריגער, פייניגענדער ווי אַלעס איבריגע, איז שטענדיג געווען דער געדאַנק: דאָס איז דער גרויסער שמערץ! אָט לעב איך איהם איבער! — נו, איז וואָס איז דאָס אייגענטליך? —

איז עס נויטיג, איך זאָל אייך אויך פון מיין גליק דערצעהלען? ווארום אויך דאָס גליק האָב איך איבערגעלעבט, אויך דאָס גליק האָט מיך ענטטוישט... עס איז נישט נויטיג; ווארום דאָס אַלץ זענען אומגעלומפּערטע ביישפּיעלען, וועלכע וועלען אייך נישט קלאָר מאַכען, אַז עס איז דאָס לעבען אין גאַנצען און אַלגעמיינעם, דאָס לעבען אין זיין מיטעלמעסיגען, נישט־אינטערעסאַנטען און מאַטען פערלויף, וואָס האָט מיך ענטטוישט, ענטטוישט, ענטטוישט.

„וואָס איז דער מענש, — שרייבט איינמאָל דער יונגער ווערטהער, — דער געריהמטסטער האַלבער גאָט? פעהלען איהם דען נישט די קרעפטען גראַד דאָרט, וואו ער דאַרף זיי אַמנויטיגסטען? און ווען ער דערהויבט זיך אין פרייד אָדער פערזינקט אין ליידען, ווערט ער דען נישט אין ביידע פאַלען אָדער אויפגעהאַלטען, אָדער צוריקגעבראַכט צו דעם טעמפען, קאַלטען בעוואוסטזיין, ווייל ער לעכצט צו פערלירען זיך אין דער אונענדליכקייט און גרענצלאָזיגקייט?"

איך דערמאָהן אָפּט דעם טאָג, ווען איך האָב צום ערשטען מאָל דעם ים דערזעהן. דער ים איז גרויס, דער ים איז ווייט, מיין בליק וואַנדערט פון ברעג אַוועק און האָפּט בעפרייט צו זיין: דאָרט הינטען אָבער איז געווען דער האָריזאָנט. צו וואָס דאַרף איך דעם האָריזאָנט? איך האָב פון לעבען ערוואַרט דאָס אונענדליכע.

אפשר איז ער ענגער, מיין האָריזאָנט, ווי דער האָריזאָנט פון די אַנדערע מענשען? איך האָב געזאָגט, אַז מיר פעהלט דער זין פאַר דאָס ווירקליכע און רעאַלע, — האָב איך אפשר צו פיעל זין דערויף?

איך גלויב דאָס נישט; און איך גלויב די מענשען נישט, איך גלויב די חעניגסטע, וועלכע שטימען איין פאַר׳ן לעבען און די אויגען מיט די גרויסע ווערטער פון די דיכטער — עס איז פּחדנות און ליגען! האָט איהר איבריגענס בעמערקט, מיין הערר, אַז עס זענען פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען אַזוי פוסט און יאָגען זיך אַזוי נאָך כבוד און געהיימניספולער קנאה, דאָס זיי האָבען ליעב זיך אַרויסצושטעלען, אַז זיי האָבען נאָר איבערגעלעבט די גרויסע ווערטער פון גליק, אָבער נישט פון ליידען?

עס איז דונקעל און איהר הערט זיך קוים צו צו מיר, דערום וועל איך זיך היינט נאָכאַמאָל מודה זיין, אַז אויך איך, איך אַליין האָב אַמאָל געפּרובט צוגלייך מיט די דאָזיגע מענשען צו ליגען, כדי פאַר מיר און פאַר אַנדערע זיך אַרויסצושטעלען פאַר אַ גליקליכען. אָבער עס איז נישט איין יאָהר אַוועק, אַז די דאָזיגע פוסטקייט איז צובראָכען געוואָרען און איך בין איינזאַם, אומגליקליך און אַ ביסעל וואונדערליך געוואָרען, איך לייקען עס נישט.

עס איז מיין בעליעבטסטע בעשעפטיגונג צו בעטראַכטען ביינאַכט דעם אויסגעשטערנטען הימעל, ווייל דאָס איז דען נישט דאָס בעסטע מיטעל זיך אָבצוווענדען פון דער ערד און פון דעם לעבען? און אפשר קען מען מיר עס מוחל זיין, וואָס איך ערלויב מיר דערביי מיינע פאָרשטעלונגען חאָטש צו פערהאַלטען? צו טרוימען פון אַ בעפרייטען לעבען אין וועלכען די ווירקליכקייט געהט אויף אין מיינע גרויסע פאָרשטעלונגען אָהן דעם פייניגענדען רעשט פון דער ענטטוישונג? פון אַ לעבען, וואו עס איז נישטאָ קיין שום האָריזאָנט?...

איך טרוים דערפון און איך ערוואַרט דעם טויט. אָך, איך קען איהם שוין אַזוי גאַנץ גענוי, דעם טויט, די דאָזיגע לעצטע ענטטוישונג. דאָס איז דער טויט, וועל איך זאָגען צו זיך אין דעם לעצטען אויגענבליק; אָט לעב איך איהם איבער! — נו, איז וואָס איז דאָס

אײגענטליך? —

אָבער עס איז קאַלט געוואָרען אויף דעם פּלאַץ, מײַן העדר, איך בין אימשטאַנד צו דערשפּירען דאָס, חע־חע! איך האָב די עהרע צו עמפּפעהלען זיך! אדיע...

איבערזעצט: ז. ר.

אַ. קופּרין.

דעמיר=קאַיאַ.

(אַ מזרח-לעגענדע.)

דער ווינד איז געוואָרען שטילער. היינט וועט נאָך אונז פּילייכט אויסקומען נעכטיגען אויפ'ן ים. ביז צום ברעג איז נאָך געבליבען דרייסיג וויאָרסט. דאָס צווייזעגלדיגע שיפעל שאָקעלט זיך נאַכלעסיג פון איין זייט אויף'ן צווייטען; די פּייכטע זעגלען הענגען פויל אַראָב. אַ ווייסער נעבעל האָט געדיכט אַרומגערינגעלט דאָס שיף, מ'זעהט ניט — ניט קיין שטערן, ניט קיין הימעל, ניט דעם ים, ניט די נאַכט...

סעיאַיד=יובלי — דער אַלטער, שמוציגער, נאַקעטער שיפס=קאַפּיטאַן דערצעהלט מיט אַ שטילער, טיעף=ערנסטער שטימע אַן אַלטע געשיכטע, און וועלכער איך גלויב מיט'ן גאַנצען האַרצען. איך גלויב — ווייל די נאַכט איז אַזוי וואונדערבאַר שטיל, ווייל אונטער אונז שלאָפט רוהיג דער אונזיכטבאַרער. אונענדליכער ים — און מיר, איינגעהילטע אין געדיכטען נעפעל, שווימען לאַנגזאַם אין ווייסע וואָלקענס.

און געהייסען האָט ער דעמיר=קאַיאַ. אויף זייער לשון הייסט דאָס — אַן אייזערנער פעלז. אַזוי האָט מען איהם גערופען דערפאַר ווייל ער האָט ניט געוואוסט ניט פון רחמנות, ניט פון מורא.

ער האָט געראַבירט מיט זיין באַנדע אין די אומגעגענדען פון סטאַמבול, אין דעם געבענשטען טהעסאַליען, אין בערגיגען מאַקעדאָניען און אויך אין די פעטע לאָנקעס פון באָלגאַרען. ניין=און=ניינציג נפשות זענען אומגעקומען פון זיינע הענד און אין דעם זענען געווען אויך פרויען, זקנים און קינדער.

איינמאל אבער האבען איהם ארומגערינגעלט דעם פאדישאל'ס באלדאטען — זאל דער וואס לעבט אייביג. זיינע יאהרען מאריך זיין!

דריי טעג האט זיך דעמיר־קאיא אבגעשלאגען, ווי א וואלף פון א באנדע הינד. נאר אויפ'ן פריהמארגען פון פיערטען טאג האט ער זיך דורכגעריסען, — אבער — נאר איינער אליין. א טייל פון זיינע חברים זענען אומגעקומען אין די וויסטע סטעפעם און מדבריות; א טייל האבען זייער טויט בעקומען פון תליג'ס הענד אויפ'ן רונדען שטאדט־פלאץ אין סטאמבול.

א פערוואונדעטער, בעגיסענדיג זיך מיט בלוט, איז דעמיר־קאיא געלעגען ביים פייער אין א געהיימער הייל, וואו ס'האבען איהם פערבארגען די ווילדע בערג־פאסטוכער. פלוצלונג, אין מיטען נאכט, האט ער דערזעהן א ליכטיגען מלאך, וועלכער האט געהאלטען א פלאמענדיגען שווערד. דעמיר קאיא האט אין איהם דעם מלאך־המות — עזריאל דערקענט און רוהיג געזאגט:

— זאל מקוים ווערען אללא'ס ווילען! איך בין גרייט.

נאר דער מלאך האט געענטפערט:

— ניין, דעמיר קאיא, דיין צייט איז נאך נישט געקומען! הער אוים גאט'ס ווילען: אז דו וועסט אראבגעהן פון דיין טויט־בעט, גראב אוים אלע דיינע אוצרות און בייט זיי אוים אויף געלד. נאכדעם זאלסטו זיך אוועקלאזען גלייך צו מזרח־צו און דו זאלסט געהן ביז דו וועסט קומען צו יענעם ארט, וואו ס'געהען זיך צוזאמען זיבען וועגען. דארט זאלסטו אויסבויען א הויז מיט קיהלע צימערן, ברייטע, בעקוועמע זאפאס און זיין זאל ביי דיר דארט שטענדיג קלאר וואסער צום וואשען זיך, עסען און טרינקען פאר וואנדערער, שמעקעדיגע קאפע און דופטיגע נארגיליען פאר ערמידעטע. לאז איין צו זיך יעדע, דורכגעהער און דורכפאהרער און בעדיען זיי, ווי דער לעצטער שקלאף, זאל דיין הויז זייער הויז זיין, דיין געלד — זייער געלד, דיין מיה — זייער רוה. און ווייס, אז ס'וועט קומען א צייט, ווען אללא וועט אלע דיינע שווערע זינד פערגעסען און וועט דיר מוחל זיין דאס בלוט פון זיינע ערמארדעטע קינדער!

ציטערנדיג פאר שמחה האט דעמיר קאיא דאן געפרעגט:

— און וואס פאר א צייכען וועט מיר גאט געבען, אז ער האט מיר מוחל געוועזן מיינע זינד?

און דער מלאך האט געענטפערט:

— געהם אַ שוואַרץ, אַרומגעבראָכענעם שייט-האָלץ פון פייער, וואָס פלאַקערט דאָ אַרום דיר, און זעץ איהם אַריין אין דר׳ערד, און ווען דאָס טויטע האָלץ וועט זיך בעדעקען מיט קאָרע, לאָזען פלאַנצען און פונאַנדערבליהען, — דאַן וויס, אַז ס׳איז געקומען די שעה פון דיין פערגעבונג.

פון יענער צייט אָן זענען צוואַנציג יאָהר אַריבער. איבער׳ן גאַנצען לאַנד פון פּאַדישאַך — זאָל איהם דער אויבערשטער מאַריך ימים זיין! — איז בערימהט געוואָרען דאָס גאַסט-הויז ביי די זיבען וועגען, וואָס פיהרען פון דזשעדי קיין סמירנא. אַנ׳אָרימאַן געהט פון דאָרט אַרויס מיט קליין-געלד אין רייזע-טאַש, אַ הונגעריגער ווערט דאָרט זאַט, אַ מידער — פריש, אַ פערוואונדעטער — געזונד.

צוואַנציג יאָהר, צוואַנציג לאַנגע יאָהר האָט דעמיר-קאַיאַ זיך יעדען אָווענד צוגעקוקט צום וואונדערבאַרען שייט-האָלץ, וואָס ס׳איז געווען פערזייהט ביי איהם אין הויף, נאָר ער איז אַלץ געבליבען שוואַרץ און טויט ווי פריהער. דעמיר-קאַיאַ׳ס אַדלער-אויגען זענען פון אַנגסט און צער פינסטער געוואָרען. זיין מעכטיגער קערפּער האָט זיך אויסגעבויגען און זיינע האָהר זענען געוואָרען וויס ווי די מלאך-פליגלען.

איינמאָל אין דער פריה האָט ער דערהערט פערד-טריט און איז אַרויסגעלאָפען אויפ׳ן וועג. דאָרט האָט ער אַ רייטער דערזעהן, וועלכער איז געפלויגען אויף אַ מידען, אויסגעווייקטען פערד. דעמיר-קאַיאַ האָט זיך גלייך אַ לאָז געטהון צו איהם, אָנגעכאַפּט דעם פערד ביי דעם צוים און זיך אָנגעהויבען בעטען:

— קום אַריין אין מיין הויז, ברודער מיינער! פריש אָב דיין געזיכט מיט וואַסער, שטאַרק זיך אונטער מיט שפּייז און געטראַנק, ערזיס דיינע ליפּען מיט דופטיגען קאַליאַן!

דער רייטער אָבער האָט בייז אויסגעשריען:

— לאָז מיר דעם וועג, אַלטער, לאָז!

און ער האָט אַ שפּיי געטהון דעמיר-קאַיאַ׳ן אין געזיכט, אַ קלאַפּ געטהון מיט׳ן בייטש-שטעקעל איהם אין קאָפּ און ווי אַ בליץ-שנעל געלאָזען זיך ווייטער.

ביי דעמיר-קאַיאַ׳ן האָט זיך אָנגעצונדען זיין שטאָלצעס מערדעריש-בלוט; ער האָט אויפגעהויבען אַ שווערען שטיין פון דר׳ערד, אַ לאָז געטהון איהם גלייך אין זיין בעליידיגער און צושפּאָלטען איהם זיין קאָפּ. דער רייטער האָט זיך אַ שאָקעל געטהון אין זאָטעל, אָנגעכאַפּט זיך

פאַר'ן קאָפּ און אַרונטערגעפאַלען אויפ'ן שטויב פון דר'ערד.

צושראָקען איז צו איהם דעמיר=קאַיאַ צוגעלאָפען און מיט אַ טרויעריגער, פול חרטה און מיטלייד=שטימע האָט ער איהם געפרעגט:

— ברודער מיינער, כ'האָב דיר גע'הרג'ט?

דער שטאַרבענדער אָבער האָט געענטפערט:

— ניין, נישט דו האָסט מיך גע'הרג'ט, נאָר די האַנד פון אַלמעכטיגען. הער מיך אויס. דער פּאַשאַ פון אונזער געגענד איז אַ מערדערישער, גיעריגער, פאַלשער מאַן. מיינע פריינד האָבען איהם בעשלאָסען צו ערמאָרדען, נאָר איך, גאַרענדיג נאָך אַ גרויסער געלד=בעלוינונג צו בעקומען, האָב זיי געוואָלט איבערגעבען דער רעגירונג אין די הענד. און אָט, ווען איך האָב זיך געאיילט מיט מיין פערראַט, האָט מיך אָבגעשטעלט דער שטיין, וואָס דו האָסט געוואָרפען. אַזוי האָט קענטיג געוואָלט דער אַלמעכטיגער. זיי געזונד!

אַ פערטרויערטער איז דעמיר=קאַיאַ צו זיך אין הויף געקומען. דער לייטער פון תשובה און וואוילטעטיגקייט, אויף וועלכען ער איז אַזוי געדולדיג געגאַנגען גאַנצע צוואַנציג יאָהר, האָט זיך פלוצלונג איינגעבראָכען אונטער איהם און איז איינגעפאַלען אין איין קורצען אויגענבליק פון אַ זומער=פריהמאָרגען.

אין פערצווייפלונג האָט ער אַ קוק געטהון אַהין, וואו זיין בליק איז געוועהנט געוואָרען יעדען טאָג צו בעגעגענען זיך מיט'ן שוואַרצען, אַרומגעברענטען שייט=האָלץ. און פלוצלונג — אָ, וואָס פאַר אַ נס! — ער זעהט, ווי פאַר זיינע אויגען לאָזט זיך פונאַנדער דאָס טויטע האָלץ, בעדעקט זיך מיט בליהונג, בעקליידט זיך מיט פרישען גרינס און בליהט אויף מיט צאַרטע, געלבע בלימעלעך.

דאַן איז דעמיר=קאַיאַ אויף די קניה געפאַלען און פאַר פרייד זיך בעגאָסען מיט הייסע, דאַנקבאַרע טרערען. ער האָט פערשטאַנען, אַז דער אַלמעכטיגער און דער אַלגנעדיגער גאָט, האָט אין זיין נישט=אויסשפּרעכענדער חכמה איהם מוחל געווען ניין=און=נייַנציג אומגעבראַכטע לעבענס, פאַר'ן טויט פון איין פערדעטער...

איבערזעצט פון רוסישען: א. קירזשניץ.

עדגאַר פּאָ.

דאָס האַרץ אַלס פערר̈עטער.

ס'איז אמת! נערוועז, מורא'דיג נערוועז בין איך צו יענער צייט געוועזן און איך בין עס נאָך אויך איצט. פאַרוואָס אָבער זאָל איך משוגע זײַן? די קרענק האָט מיר מײַנע חושים פערשאַרפט, אָבער זי האָט זיי נישט צושטערט, נישט פערטעמפּט. צוערשט איז מײַן חוש השמיעה געוואָרען זעהר רייצענד און אײַדעל! כ'האָב געהערט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד; אפילו עטוואָס פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין גהינם, האָב איך אויך געהערט. נו, ווי אַזוי־זשע האָב איך געקענט משוגע זײַן? הערט נאָר, ווי קלאָר און רוהיג כ'קען דערצעהלען דעם גאַנצען גאַנג פון דער געשיכטע.

— ווי אַזוי דער געדאַנק איז מיר אויפ'ן זינען אַרויף, ווייס איך ווירקליך נישט; נאָר בשעת כ'האָב איהם איינמאָל געפּאַקט, האָט ער מיך אָנגעהויבען טאָג אײַן טאָג אויס פערפאָלגען. עפּעס אַ בעזונדער ציעל האָב איך דערבײַ נישט געהאַט, אויך נישט קיין שנאה האָט מיך דערצו געטריבען, וואָרום כ'האָב דעם אַלטען מאַן זעהר ליעב געהאַט. ער האָט מיך קיינמאָל נישט אַ ריהר געטהון. ער האָט מיך אפילו מיט קיין איינציג וואָרט קיינמאָל נישט בעליידיגט. אויך נישט זײַן געלד האָט מיך פערפיהרט — איך גלויב אָבער, אַז זײַן קראַנק אויג האָט מיך גע־רייצט. יאָ, דאָס האָט עס געדאַרפט זײַן! אײַן אויג זײַנס איז געווען ווי אַ אויג פון אַ ווילדען שפּאַרבער. בלוויליך־בלאַס איז עס געווען און מיט אַ הײַטעל איבערגעצויגען; בשעת ער פלעגט אויף מיר דערמיט קוקען, פלעג איך פיהלען, ווי דאָס בלוט ווערט אין מײַנע אָדערן געריננען, און אויף אַזאַ אופן איז לאַנגזאַם, גאַנץ לאַנגזאַם פאַרטיג געוואָרען בײַ מיר אין דער נשמה דער בעשלוס, אומצובריינגען דעם אַלטען, אבי פטור צו ווערען אויף תמיד פון יענעם אויג.

דאָס איז אַלץ פאַרוואָס מ'רעכענט מיך פאַר אַ משוגע'נעם. משוגעים אָבער האַנדלען אָהן איבערלעגונג. און איהר וואָלט נאָר געדאַרפט זעהן, ווי פלאַנמעסיג איך בין צוגעטרעטען צו מיין אַרבייט! מיט וואָס פאַר אַ פאָרזיכטיגקייט, מיט וואָס פאַר אַ אויסגערעכענקייט און מיט וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג איך בין צוגעטרעטען צו איהר אויספיהרונג. קיינמאָל בין איך אַזוי פריינדליך מיט'ן אַלטען מאַן נישט געווען, ווי אין דער לעצטער וואָך, איידער כ'האָב איהם גע'הרג'עט. נאַכט אין נאַכט, ווען ס'פלעגט האַלבע נאַכט ווערען, פלעג איך צו'גנב'ענען זיך צו דער טהיר, אַרויפלעגען די האַנד אויפ'ן דריקער פון שלאָס און עפענען זי — אַך, ווי שטיל, ווי לאַנגזאַם! — און ווען כ'האָב די טהיר אויף אַזוי פיעל געהאַט געעפענט, אַז מיין קאָפּ פלעגט קענען אַריין אין שפּאַלט, האָב איך, פאַר מיר, אַרויסגענומען אַ לאַמטערן, וועלכער איז געווען געשלאָסען פון אַלע זייטען, אַזוי, אַז קיין איינציגער שטראַהל האָט זיך נישט געקענט אַרויסרייסען, און ערשט דערנאָך פלעג איך אַריינשטעקען מיין קאָפּ. אַך! וואָלט מיך עמיצער דערביי געזעהן, וואָלט ער געוויס געלאַכט, ווי פאָרזיכטיג און קונציג כ'האָב דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט. גאַנץ שטיל האָב איך איהם אַריינגעשטעקט, כדי נישט אויפצוועקען דעם אַלטען מאַן פון שלאָף. ס'פלעגט דויערן אַ גאַנצע שעה, ביז איך פלעג מיין קאָפּ אין טהיר אויף אַזוי פיעל אַריינרוקען, אַז כ'האָב געקענט זעהן דעם אַלטען מאַן ליגען אין זיין בעט. נו, פרעג איך אייך, וועט אַ משוגע'נער האָבען אַזוי פיעל געדולד און פאָרזיכט, האַ? און נאָכדעם, ווען מיין קאָפּ פלעגט שוין זיין גליקליך אינוועניג אין צימער, פלעג איך שטיל אויפעפענען דאָס טהירעל פון לאַמטערן. — אַך, ווי שטיל, ווי פאָרזיכטיג, כדי דער שאַרניר זאָל נישט קיין הויכען גריליץ טהון—אָבער נאָר אויף אַזוי פיעל, אַז נישט מעהר איין איינציגער דינער שטראַהל איז געפאַלען אויפ'ן קראַנקען אויג.

אַזוי האָב איך איבערגע'חזר'ט זיבען נעכט נאָכאַנאַנד; יעדעם מאָל פונקט צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. און בסדר איז דאָס אויג געשלאָסען געווען און דורכדעם האָב איך נישט געקענט צוטרעטען צו דער אַרבייט, דען נישט דער אַלטער מאַן האָט מיך געקוועלט, נאָר זיין בלוויליך-בלאַס קראַנק אויג.

און יעדען פריה-מאָרגען, ווי נאָר ס'פלעגט נעהמען טאָגען, פלעג איך דרייסט אַריינקומען אין זיין צימער און האָב מיט איהם גאַנץ ליעבליך גערעדט; מיט אַ הערצליכען טאָן פלעג איך מיך נאָכפרעגען, ווי

ער האָט געשלאָפען. ער וואָלט געדאַרפט זיין זעהר אַ פערדעכטיגער מענש, אום חושד צו זיין, מיט וועלכע געדאַנקען כ׳בעטראַכט איהם גראָד אין מיטען דער נאַכט ווען ער שלאָפט.

אַז ס׳איז געקומען די אַלטע נאַכט, האָב איך געעפענט די טהיר מיט נאָך מעהר פאָרזיכטיגקייט ווי געוועהנליך. דער סעקונדען־ווייזער פון אַ זייגער בעוועגט זיך פלינקער, ווי איך האָב מיין האַנד בעוועגט. כ׳בין נאָך קיינמאָל אַזוי פעהיג און שאַרפזיניג נישט געוועזן, ווי אין דער דאָזיגער נאַכט. וואָס פאַר אַ שמחה קען דיך דורכנעמען, ווען דו קענסט; אַז דו שטעהסט אויף דער שוועל פון זיין צימער, עפענסט פונאַנדער גאַנץ לאַנגזאַם אַלץ מעהר און מעהר זיין טהיר, און איהם חלומ׳ען זיך אפילו נישט מיינע אַבזיכטען! ביי אָט דער פאָרשטעלונג האָב איך לעבעדיג געלאַכט אין זיך.

און אפשר האָט ער מיך פאָרט געהערט, דען אין דער רגע האָט ער זיך פלוצלונג אַ וואָרף געטהון אין בעט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס איבערשרעקען. איהר ווערט מיינען, אַז איך האָב זיך אָבגערוקט אָן אַ זייט. אָ, ניין! אין זיין צימער איז שטאָק־פינסטער געוועזן, וויייל פון פחד פאַר רויבער פלעגט ער שטענדיג די לאָדען פעסט צושליסען. איך האָב אַלזאָ געוואוסט, אַז דאָס עפענען פון דער טהיר וועט ער נישט קענען זעהן און איך האָב פאָרטגעזעצט מיין אַרבייט אַלץ וויייטער און מעהר די טהיר פונאַנדערצומאַכען.

ענדליך האָב איך מיין גאַנצען קאָפּ אַריינגעשטעקט און האָב שוין געהאַט בדעה דאָס טהירעל פון לאַמטערן צו עפענען, נאָר דאָ האָט זיך מיין גראָבער פינגער אַראָבגעגליטשט פונ׳ם צינערנעם העקעל און דער אַלטער מאַן האָט זיך האַלב אויפגעהויבען און אויסגערופען:

— ווער איז דאָ?

איך האָב מיך גאַנץ רוהיג געהאַלטען און גאָרנישט געענטפערט. אַ גאַנצע שעה האָב איך נישט געוואַגט אַ טיעפען אָטעם צו טהון. אפילו מיט קיין ברעם האָב איך קיין פינקעל נישט געטהון. כ׳האָב קיין שאָרך די גאַנצע צייט נישט געהערט, גלייך ווי ער וואָלט זיך נאָכאַמאָל אַנידערגעלעגט. ער איז אָבער געזעסען און האָט זיך איינגעהערט.

מיט אַמאָל האָב איך דערהערט עפּעס אַ מין שטיל קרעכצען. איך האָב אין דעם דערקענט דעם זיפץ פון אַ טויט־שרעק, אַ קרעכץ פון שמערץ אָדער פון דאגות איז עס נישט געוועזן. ס׳איז געוועזן אַ טעמפּער, האַלב־פערשטיקטער זיפץ, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ נשמה,

וואָס איז איבערגעפולט מיט שרעק און פחד. אט דעם קוואַלפולען זיפץ קען איך זעהר גוט. ס'זענען געווען נעכט, ווען אַלץ איז אין טיפען שלאף געלעגען, פונקט אין מיטען דער נאַכט, פלעגט דערזועלבער זיפץ מיט זיין שרעקליכען אומעט פון מיין ברוסט זיך אַרויסרייסען אום די שרעקען צו פערמעהרען, וועלכע פלעגען מיך שיער פון זינען נישט אַראָבפיהרען. איך זאָג, כ'האָב דעם דאָזיגען זיפץ זעהר גוט געקענט און כ'האָב געוואוסט, וואָס דער אַלטער דאַרף איצט פיהלען. כ'האָב אויף איהם רחמנות געהאַט, חאָטש אינערליך האָב איך אַ פערגניגען-געפיהל געשפירט. כ'האָב געוואוסט, אַז זייט דעם ערשטען שטילען שאָרך, צוליעב וועלכען ער האָט זיך אין בעט אויפגעזעצט, אַז ער וועט די גאַנצע צייט וואַכענדיג בלייבען. און אַלץ מעהר ווערענדיג בעהערשט פונ'ם שרעק וועט ער זיך בעמיהען איינצושמועסען זיך, אַז אָט דער שרעק האָט קיין שום יסוד ניט; נאָר צו בערוהיגען זיך דערמיט וועט איהם ניט געלינגען. אומזיסט האָט ער זיך געדאַרפט זאָגען:

„ס'איז גאָרניט; ס'איז נאָר דער ווינד געווען וואָס האָט אַ בלאָז געטהון אין קוימען; און אפשר איז אַ מויז דורכגעלאָפען".

דער אַלטער מאַן האָט זיך געוויס מסתמא געפּרובט, זיך אַליין צו טרייסטען מיט אַזוינע ערקלערונגען.

ס'איז אָבער אַלעס אַרויסגעוואָרפענע מיה געווען; אַלעס אומזיסט! דער טויט איז שוין כמעט פאַר איהם געשטאַנען, אויסשפּרייטענדיג זיינע שוואַרצע שאָטענס איבער דער זעעלע פון זיין קרבן, און די שרעקליכע ווירקונג פון די אומזיכטבאַרע שאָטענס איז די סבה פון דעם געווען, וואָס דער אַלטער מאַן האָט מיין אַנוועזענהייט געפיהלט, חאָטש ער האָט מיך גאָרנישט געהערט און ניט געזעהען.

אין אַ לענגערע צייט אַרום, נאָכדעם ווי איך האָב געדולדיג געוואַרט, האָב איך זיך בעשלאָסען, חאָטש כ'האָב ניט געהערט ער זאָל זיך צוריק אַנידערלעגען, צו עפענען נאָכאַמאָל אין מיין לאַמטערן, אַ גאַנץ שמאָלען שפּאַלט. מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט האָב איך עס געמאַכט, ס'איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען ווי שטיל און ווי לאַנגזאַם כ'האָב דאָס טהירעל געעפענט, ביז איין און איינציג דינן שטראַהלכעל, ווי אַ פאָדים פון אַ שפּינוועבס, האָט פון לאַמטערן אַרויסגעשימערט און איז פונקט אויפ'ן קראַנקען אויג געפאַלען.

ס'איז אָפען געווען; ברייט געעפענט; ווי נאָר כ'האָב אַ קוק געטהאָן דערויף האָט אין מיר דער צאָרן אויפגעקאָכט. גאַנץ קלאָר און

דײַטליך האָב איך עס געזעהען — אַ מאַטע בלויקײַט מיט אַ שרעקליך העסליכען הײַטעל. אַ שווערער האָט מײַן גאַנצען גוף דורכגענומען. דאָס פּנים פֿון אַלטען מאַן אָדער זײַן געשטאַלט האָב איך גאָר ניט געזעהן, ווײַל כ'האָב גאַנץ אינסטינקטיוו דעם שטראַהל גראָד אויפֿ'ן געווינשטען פֿלאַץ אָנגעשטעלט.

— כ'האָב שוין געזאָגט, אַז מײַן משוגעת איז בעשטאַנען נאָר אין אַ שטאַרקער פֿערשאַרפֿונג פֿון מײַנע חושים, און אַרײַנגעדרונגען איז איצט אין מײַן אויער אַ שטילער, דומפּפֿער נאָר אַ שנעל-בעוועגוויכער גערויש, ווי דאָס קלאַפּען פֿון אַ זייגער, וואָס איז מיט וואַטע אַרומגעוויקעלט. אויך אָט דאָס גערויש איז מיר בעקאַנט געווען. ס'איז געווען דאָס האַרצקלאַפּעניש פֿון אַלטען מאַן — און נאָך מעהר האָט מײַן צאָרן אויפֿגעפֿלאַמט.

נאָר אויך איצט האָב איך מיך נאָך בעהערשט און בין רוהיג געבליבען, איך האָב זיך ניט דערוועגט אַפֿילו צו אָטעמען און דעם לאַמטערן האָב איך אונבעוועגליך אין דער האַנד געהאַלטען. דערווײַלע האָט דאָס טײַוועלשע פּאָכען פֿון האַרצען אַלץ מעהר זיך פֿערשטאַרקט. מיט יעדער רגע איז דאָס קלאַפּען ראַשער, מעכטיגער געוואָרען. דעם אַלטען מאַנס פּחד האָט געמוזט צו דער העכסטער מדרגה קומען. כ'האָב געזאָגט, אַז מיט יעדער רגע איז זײַן האַרצקלאַפּעניש אַלץ מעכטיגער און שטאַרקער געוואָרען! וועט מען מיך אויך פֿערשטעהן. כ'האָב פֿריהער געזאָגט, אַז כ'בין נערוועז און דאָס בין איך געווים.

די מורא'דיגסטע טויטע שטילקײַט פֿון דער נאַכט און יענער מאָדנער גערויש האָבען אויף מיר אַ שרעקליכען שרעק אַרויפֿגעוואָרפֿען, און ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום כ'האָב זיך געקענט צווינגען בלײַבען שטעהן רוהיג. דאָס קלאַפּען אָבער איז אַלץ האַסטיגער און שטאַרקער געוואָרען און איך האָב געמיינט אַז דאָס האַרץ וועט בײַ איהם פּלאַטצען. און אַ נײַער פּחד האָט מיך מיט אַמאָל בעפֿאַלען. עס קען נאָך אפשר אַ שכן דאָס גערויש דערהערען, דער געדאַנק האָט צו אַלעמען אַ סוף געמאַכט! די טויטען-שעה פֿון אַלטען מאַן האָט געשלאָגען. מיט אַ הויכען געשרײַ האָב איך די טהירלעך פֿון לאַמטערן אויפֿגעריסען און בין אין צימער אַרײַנגעשפּרונגען. נאָר אײַנמאָל — איין איינציג מאָל האָט ער אַ קרעכץ געטהאָן. מיט איין ריס האָב איך איהם אויף דעם באָדען אַראָבגעשלעפּט און האָב אויף איהם אַרויפֿגעוואָרפֿען דאָס שווערע בעטגעוואַנד. דאַן האָב איך מיט פֿערגניגען געשמײכעלט; צופֿריעדען וואָס כ'האָב אַזוי ווײַט די זאַך געבראַכט. דאָס האַרץ אָבער האָט מיט אַ טעמפּען טאָן

נאָך פֿיל מינוטען געקלאַפּט. ס'האָט מיר אָבער מעהר קײן דאגות נישט פֿערשאַפֿט; דורך דער װאַנד װעט מען דאָס קלאַפּען סײַ װי סײַ נישט הערען; צולעצט האָט עס אינגאַנצען אױפֿגעהערט קלאַפּען.

דער אַלטער מאַן איז טױט געװען.

כ'האָב אַראָפּגענומען דאָס קישען און האָב בעטראַכט דעם גוף; קײן ספקות מעהר; ער איז טױט געװען — טױט, גלײַך װי ער װאָלט גאָר קײנמאָל נישט געאָטעמט. איך האָב מײַן האַנד אױף זײַן האַרץ אַרױפֿגעלעגט און האָב זי עטליכע מינוטען דערױף געהאַלטען. דאָס האַרץ האָט זיך מעהר נישט בעװעגט. ער איז אױף אײביג טױט געװען. זײַן אױג האָט מיך מעהר נישט געקענט מאַטערן.

װער ס'װיל מיך פֿאַר אַ משוגע'נעם האַלטען, װעט זיך פֿון דעם געדאַנק אָבזאָגען, װען כ'װעל איהם דערצעהלען, װאָס כ'האָב אױפֿגעטהאָן בכדי דעם קערפּער צו בעהאַלטען. די נאַכט האָט אָנגעהױבען צו פֿערשװינדען און איך האָב מיט אַ שװײַגענדער האַסטיגקײט געאַרבײט.

איך האָב פֿון באָדען אָפּגעריסען דרײַ ברעטער און האָב אַלעס אונטער זײ בעהאַלטען. נאָכדעם האָב איך די ברעטער אַזױ קונציג צוריק אױף זײער פּלאַץ אַרײַנגעזעצט, אַז קײן מענשליך אױג — אַפילו זײַנס אױך נישט — װאָלט קײן שום אומענדערונג נישט געקענט מערקען. ס'איז נישט געװען דאָ װאָס אָפּצװאַשען, אין ערגעץ איז קײן שום פֿלעקען נישט פֿערבליבען, קײן לײַכטסטער שפּור פֿון אַ טראָפּען בלוט; נישט אומזיסט בין איך זעהר פֿאָרזיכטיג געװען.

פֿיער אַ זײגער איז געװען, בשעת כ'האָב מײַן אַרבײט געענדיגט. ס'איז נאָך שטאָק פֿינסטער געװען. װי נאָר דער זײגער האָט די שעה געשלאָגען, האָט מען אַ קלאַפּ געטהון אין דער גאַס־טהיר.

גאַנץ רוהיג בין איך אַרױס די טהיר עפֿענען. גאַנץ רוהיג, זאָג איך, װײַל װאָס האָב איך איצט געהאַט מורא צו האָבען? דרײַ מענער זענען אַרײַן, װעלכע האָבען זיך מיר זעהר אײדעל פֿאָרגעשטעלט אַלס פּאָליציי־דינער. אײנער פֿון מײַנע שכנים האָט בײַנאַכט אַ געשרײ געהערט און דאָס האָט בײַ זײ אַ חשד אַרױסגערופֿען אױף עפּעס אַ פֿערברעכען. ער האָט געגעבען צו װיסען דער פּאָליציי און דיזע האָט איהרע דינער געשיקט אַהער מ'זאָל אַן אונטערזוכונג מאַכען.

איך האָב געשמײכעלט — דען װאָס האָב איך געהאַט מורא צו האָבען? כ'האָב בעגריסט די הערען. װעגען געשרײ האָב איך אָנגעגעבען, אַז איך אַלײן האָב איהם אין שלאָף אַרױסגעלאָזט און װאָס עס

אנבעלאנגט דעם אלטען מאן האב איך געזאגט, אז ער איז אויפ'ן דארף ארויס-געפאהרען. כ'האב מיינע בעזוכער איבער'ן גאנצען הויז געפיהרט און האב פון זיי פערלאנגט, אז זיי זאלען אומעטום נאכזוכען און אלעס פינקטליך בעזוכען. צום סוף האב איך זיי אויך אין אלטענס חדר אריינגעפיהרט; כ'האב זיי געוויזען אז זיין האב און גוטס איז גאנץ. איך בין אזוי זיכער געווען, אז כ'האב געבראכט אהער שטוהלען און האב די פאליציסטען געצוואונגען אברוהען דא פון זייער מיה. פאר זיך אליין האב איך אומישנע געשטעלט א שטוהל אויפ'ן זעלבען פלאץ וואו איך האב דעם גוף פון מיין קרבן בעהאלטען.

די פאליציי-דינער האבען יעדען חשד פערלוירען. מיין האלטען זיך האט זיי נאך מעהר פערפיהרט. מיר איז זעהר גוט געווען אויפ'ן הארצען, זיי האבען זיך געזעצט, און בשעת כ'האב זיי אויף זייערע פראגען געענטפערט, האבען זיי וועגען אנדערע זאכען צווישען זיך געפלוי-דערט. ס'האט אבער ניט לאנג געדויערט און איך האב דערפיהלט, אז כ'בין בלאס געווארען, איך האב געוואלט זיי זאלען שוין וואס גיכער אוועקגעהן. דער קאפ האט מיר וועה געטהאן און ס'האט מיר אין די אויערן געזשומעט; זיי זענען אבער אלץ געזעסען און וויי'טער געפלוי-דערט. דאס זשומען איז אלץ שטארקער געווארען און האט צום סוף א בעשטימטען טאן אנגענומען. אום פטור צו ווערען פון דעם שרעקליכען געפיהל, האב איך מיך אין זייערע רייד אריינגעמישט. דאס זשומענדע גערויש האט אלץ ניטשט אויפגעהערט און איז וואס אמאל דייטליכער געווא-רען ביז איך האב זיך ענדליך איבערצייגט אז ניטשט אין מיינע אויערען האט עס געזשומעט.

אלענפאלס האב איך יעצט געמוזט זעהר בלאס ווערען; איך האב אבער נאך מעהר גערעדט און מיט א העכערען קול. נאר אויך דאס גערויש איז העכער געווארען. וואס זאל איך אנהויבען טהון?

ס'איז געווען א שטילער, טעמפער, שנעלער טאן — זעהר ענהליך אויף דער טיק-טאק פון א זייגער, וואס איז מיט וואטע ארומגעוויקעלט. ס'האט מיר דעם אטעם פערהאפט — און די פאליציי-לייט האבען עס נאך אלץ ניט געהערט. כ'האב נאך שנעלער גערעדט, נאך לעבעדיגער; און אויך דער רעש איז אלץ העכער געווארען! איך בין אויפגעשטאנען און האב זיך געאמפערט מיט זעהר א הויכען קול. ס'האט ניט געהאל-פען! אויך דאס גערויש האט זיך געהעכערט.

פאר וואס געהען זיי שוין ניט אוועק?

און גלייך ווי די פאליציי-דינער וואלטען מיך מיט זייערע בעאבאכטונגען אין א כעס אריינבערענגען, האב איך מיט שווערע טריט געשפאנט הין און צוריק איבער'ן צימער. אלעס אומזיסט! דאס גערויש איז אלץ העכער געווארען. מיין גאט! וואס האב איך נאך געקענט טהון? כ'האב געפינעט פון כעס. איך האב געשאלטען און געבייזערט זיך, איך האב געטאפט דעם שטוהל, אויף וועלכען כ'בין געזעסען און האב איבער'ן באדען ארומגעשארט; דאס גערויש אבער איז אלץ הילכיגער געווארען, איבערשרייענדיג אלעס. הילכיגער, הילכיגער — אלץ הילכיגער איז עס געווארען. און די מענער האבען זיך ווייטער צופריעדען געפלוידערט און געשמייכעלט.

איז דען מעגליך, אז זיי זאלען עס ניט הערען? אלמעכטיגער גאט! ניין, ניין! זיי האבען עס געהערט! זיי האבען פאראויסגעזעצט דעם צוזאמענהאנג! זיי האבען געקענט די בעדייטונג פון גערויש! זיי האבען געשפאט פון מיין שרעק! דאס זיינען מיינע דעמאלטיגע געדאנקען געוועזען און זענען עס נאך איצט. אלעס אנדערע איז א נארישקייט געוועזען אין פערגלייך מיט דעם דאזיגען זעעלען-פיין! אלעס אנדערע וואלט גרינגער געוועזען אריבערצוטראגען איידער אזא שפעטעריי! דאס צביעות'דיגע שמייכעלע האב איך מעהר ניט געקענט אריבערטראגען! ס'איז מיר געווען גלייך ווי צום שטארבען, ווען איך זאל ניט געווען הויך א געשריי טהון! און איצט הער! הילכיגער, הילכיגער אלץ הילכיגער!

אויסוואורפען! —האב איך אויסגעשריען— פערשטעלט אייך ווייטער ניט. איך בין זיך מתודה אויף מיין טהאט! רייסט אויף די ברעטער! דא, אט דא! דאס איז דאס מורא'דיגע קלאפען פון זיין הארצען.

איבערזעצט בן—חנה.

ליאָנאַרד דעהמעל.

חוה'ס טרויער.

בלייכער אָווענד-שטערן!
הער שוין אויף צו לויערן
לאָז מיך ענדליך רוהיג
וועגען עדן טרויערן.

אָ, מיין שענער גאָרטען,
וויעג פון מיינע טרוימען!
צו וואָס האָט גאָט בעוויזען מיר
דיינע פריהלינגס-בוימען.

דיינע זומער-בלומען
האָט ער ניט בעשירעמט,
אין די שטאָלצע גאַרבען
האָט דער בליץ געשטורעמט.

אין דיין רייכען גאָרטען
איז אַ שטורם געקומען
און האָט פון די צווייגען
פרוכט נאָך פרוכט גענומען!

וואָרום האָט דער פריהלינג
געזונגען וועגען וואַנדערן
איבער בלומען-לאַנקעס
מיט אַ ליעבען „אַנדערן”?

אַך, מיט פלאַם און פייער
איז דער מאַן געקומען
און ער האָט פערשרפּ'עט
אַלע מיינע בלומען.

לאַכענדיג האָט ער מיך
פון מיין אַש פערטראָגען.
אין אַ קאַלטען פרעמד-לאַנד
האָט איהם גאָט דערשלאָגען.

ווינטער איז געוואָרען
אַך, די טרעהרען דריקען.
אָבער זיין נשמה
שיקט מיר שמייכעל-בליקען.

שטיל איבער זיין קבר
וועל איך וואַרטען, וואַרטען.
מיינע קינדער בלאָנזשען
זוכענדיג דעם גאָרטען.

מ. ב—ין

היינריך היינע.

בערג-געשיכטען. (*

ווי זיי טרוימען, די פאעטען,
אויך אפילו די דרעסירטע!
און זיי זינגען און זיי זאגען:
די נאטור איז גאנץ א טעמפעל!

איז א טעמפעל גרויס און פרעכטיג,
וואס דערצעהלט פון בורא'ס וואונדער,
זון, לבנה, שטערן הענגען
דארט, ווי מנורות אין בית=מקדש.

דאך איהר ליעבע גוטע מענשען!
זענט זיך מודה, אין דעם טעמפעל
איז נישטא קיין טרעפ בעקוועמע —
אלע טרעפ שלעכט אונגעוועהנליך.

שטייגען אויבען און באלד אונטען,
דראפען זיך אויף בערג און שפרינגען
איבער קלעצער, — דאס פערמאטערט
מיינע פיס און מיין נשמה.

*) פון היינע'ס פאעמא „אטטא טראל".

נעבען מיר ט׳געשפּרייזט לאַסקאַראַ,
בלאַס און לאַנג אַזוי ווי׳א ליכטעל!
נישט קיין שמייכעל, שטענדיג שטום איז
ער, דער טויטער זוהן פון כשוף.

יאָ, מען זאָגט, ער איז אַ טויטער,
לאַנג געשטאָרבען, נאָר דורך כשוף
פון זיין מוטער זעהט ער אַלץ נאָך
אוים אַזוי ווי ער וואָלט לעבען. —

זייט פערפלוכט איהר טרעפּ פון טעמפּעל!
כ׳קען עד־היום נישט בעגרייפען,
ווי אַזוי איך האָב קיין איין מאָל
נישט געבראָכען האַלז און נאַקען.

ווי די וואַסערפאַלען רוישען!
און דער ווינד — ער פּאַטשט די טאַנען,
אַזש זיי ברומען! פּלוצלונג פּלאַצען
אויך די וואָלקענס — שלעכטעס וועטער!

אין דעם קליינעם פּישערהייזעל
האָבען מיר ביים „לאַק־דע־גאַבע"
שוין געפונען און פאָרעלען,
מיט אַ טעם פון דעם גן־עדן.

אין דעם ווייכען שטוהל געזעסען,
קראַנק און גרוי, דער אַלטער פּישער,
און איהם צוגעזעהען האָבען
צוויי מלאכים — זיינע ניכטען.

צוויי מלאכים — דיק און פלעמיש,
ווי אַנטלאָפען פון די ראַהמען
פון אַ ר ו ב ע נ ס: גאָלדנע לאָקען
און געזונדע, קלאָרע אויגען.

אין די רויטע באַקען גריבליך,
וועלכע לאַכען אַזוי שעלמיש,
און די גליעדער שטאַרק, עלאַסטיש,
לוסט און שרעק צוגלייך דערוועקען.

פיינע, הערצליכע געשטאַלטען
האָבען דיספוטירט מיט פייער:
וואָסער טראַנק דעם שלאַפען פעטער
וועט צום בעסטען וואויל בעקומען?

גיט איהם איינער אַ רפואה
פון געקאָכטע לינדען-בלעטער,
איז די צווייטע איהם מכבד
מיט האָלונדער-בלומען-אויפגוס.

„כ'וויל קיין זאַך אָבער נישט טרינקען", —
זאָגט דער אַלטער אונגעדולדיג:
„בעסער ברייננט די געסט אַ ביסעל
וויין, דאָס איז דער וואוילסטער כבוד!" —

צי ס'איז ווירקליך וויין געוועזען,
וואָס איך האָב געטרונקען דאָרטען,
ווייס איך נישט. אין ברוינשוויינ וואָלט איך
מיינען, אַז דאָס איז גאָר „מוממע". *)

פון דעם בעסטען שוואַרצען באָקפעל
איז געווען דער לאָגעל, וואָס האָט
גאָר אַ וואונדער ווי געשטונקען;
דאָך דעם אַלטען גאָר געגעזען!

ער האָט אונז דערצעהלט די מעשים
פון די שמוגלער און באַנדיטען,
וועלכע לעבען פראַנק און פריי זיך
אין די פירענייען-וועלדער.

*) אַ מאַרט זעהר פשוט'עם ביער.

אויך פון אוראַלטע געשיכטען
האָט ער פיעל געוואוסט. צום ביישפיעל
וועגען די מלחמות צווישען
די גיגאַנטען און די בערען.

יאָ, אַמאָל האָבען געקעמפפט דאָ
ריזען, בערען פאַר דער הערשאַפט
פון די בערג און טאָלען, איידער
ס׳האָט דער מענש זיך דאָ בעוויזען.

ביי דעם אָנקומען פון מענשען
זענען פון דעם לאַנד אַנטלאָפען
די גיגאַנטען; וועניג מח
שטעקט אין גרויסע קעפּ אַזעלכע.

אויך דערצעהלט מען: די גולמים,
צוגעקומען צו דעם ברעג ים
און דערזעהן — אין בלויען וואַסער
איז דער הימעל אָבגעשפּיגעלט, —

האָבען זיי געמיינט, דער ים איז
דאָס דער הימעל, און געוואָרפען
זיך, אויף גאָטס בעראָט, אין וואַסער
און זיך אַלע דאָרט דערטרונקען.

און וואָס אַנבעלאַנגט די בערען,
ווערען זיי פון מענש פערטיליגט
ביסליכוויז, ס׳ווערט וואָס אַ יאָהר אַלץ
קנאַפּער זייער צאָהל אין באַרגלאַנד.

„אַט אַזוי דאָס רעדעל דרעהט זיך״, —
האָט גערעדט דער אַלטער פישער, —
„נאָך דעם אונטערגאַנג פון מענשען
קומט די הערשאַפט פון די צווערגען;

פון די קליינע קלוגע ליכטליך,
וועלכע לעבען אין דעם בארג-שוים,
וואו זיי זאמלען זעהר פלייסיג
אוצרות אין די גאלדנע שאכטען.

כ'פלעג ביים שיין פון דער לבנה
זעהן אליין, ווי ס'פלעגען לויערן
פון די לעכער זייערע קעפליך, —
אך, איך שרעק זיך פאר דער צוקונפט!

פאר דער געלדמאכט פון די שנעקעס!
כ'שרעק זיך: אונזערע קינדס-קינדער
וועלען ווי די קלוגע ריזען
זיך אין וואסער-הימעל ווארפען!"

איבערזעצט זלמן רייזען.

פ. הײַזע.

זשאַן בענוא.

זשאַן בענוא דינט פאַר אַ פּאַסטוך אין באָסאַגאַ, אַ קלײן דערפעל, וואָס ליגט ניט ווײַט פון בעדאַריע אין דעפּאַרטאַמענט עראַ. זײַן טשערעדע בעשטעהט פון זיבען־און־צוואַנציג שעפּסען און דרײַ ציגען: אײן ציג מיט זעקס שעפּסען געהערען דער אַלמנה דיאָראַק, צען שעפּסען — דעם פוהרמאַן סימאָן פּיער — דעם מילנער פּאָמאַ, און די איבעריגע זיבען — דעם זאַלץ־סוחר באָטי.

זשאַן בענוא ווערט אין יאַנואַר מאָנאַט פינף און פערציג יאָהר אַלט, נאָר אָנקוקענדיג איהם, וואָלט איהר איהם געגעבען ניט ווײניגער פון זיבעציג.

יעדען פריהמאָרגען, ווי דער הימעל הויבט אָן בלוי צו ווערען און אַ שוואַכעס ליכט הויבט אָן אַרײַנצודרינגען אין די שמאָלע געסלעך פון באָסאַגאַ, קאָן מען איהם זעהן זײַן עק דאָרף אין דער שפּיץ פון זײַן מיליטער. צוזאַמען מיט איהם געהען ציגען אָנשטויסענדיג זיך אין זײַנע קניה; נאָך זײ פּלאָנטערן זיך שעפּסען; טײלמאָל שטעלען זײ זיך פּלוצלונג אָב, ציהען אויס די העלזער און קוקען נאַריש פאָראויס. ער לאָזט זיך געהן אויף אַ נאָהענטען בערגעל אַרויף איבער אַ שמאָל שטעגעל. פון אונטער זײַנע הילצערנע שיך שיטען זיך שטײנדלעך, ציטענדיג ווײַז דרעהט ער זיך אום און שרײַט: „טשו, טשו, טשו!“ אָדער ער וואַרפט מיט זײַן לאַנגען שטעקען שטיקלעך ערד אין די אָבגעשטאַנענע שעפּסעלעך. זײַן רעכטער פוס איז קירצער פון דעם לינקען, אַזוי אַז בײַ יעדען טריט בײגט זיך שאַרף אָן דער קערפּער אין אַ זײַט. אַלײן איז ער אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַ בײנערדיגער מיט אײַנגעפאַלענע באַקען, מיט אַ שטערן און שלײפען, וואָס זענען אַרומגעצײכענט מיט טיעפע טונקעלע קנײטשען, מיט פערוועלקטע אויגען, מיט אַ גרויסען מויל און

אנ'אָרדערדיגען האלז, איהם איבער די אקסלען איז איבערגעוואָרפען א צוריסענער מאנטעל. ער געהט אלץ העכער און העכער מיט זיינע וואקלענדע טריט. אונטער די אויערן און אויך דעם קארק שיטען זיך אפער פון אונטער דעם בלויען זיידענעם מיצעל גרויע לאָקען פון צונויפגעפלאָנטערטע האָהר. אומגעלומפערטע שמאטעס דיענען איהם אנשטאָט א וועסטעל מיט הויזען; קיין העמד האָט ער אינגאנציען נישט.

צוקומענדיג צום אָרט אויפ'ן שפיץ בארג, שטעלט ער זיך אָב, און זיין בליק בלאָנזשעט אָהן א ציעל איבער דער געגענד; די ציגען און צו שעפסען צוקריכען זיך צווישען די גרויסע גרויע שטיינער און שטשיפען צו שמעקעדיגע בלעטלעך פון די גראָזען.

דערווייל ווערט אינגאנצען ליכטיג און די נאָוועמבער-זון שיקט איהר וואַרעמ ליכט אויף די זייטען פון די בערג און אין די טאָלען. נאָר זשאן בענוא בעמערקט נישט דאָס שטראַהלען-שפיעל; דאָס איז פאַר איהם גאָר נישט אינטערעסאנט; ער פערשטעהט נישט די נאטור שענהייט און אין דער צייט, וואָס זיין טשערעדע פאשעט זיך, חלומ'ט ער וועגען א מיטאג און טאפט אָן דאָס לייווענטענע זעקעל, וואָס וואַרפט זיך ביי איהם אויף דער זייט. דאָרט ליגען געקאָכטע קאשטאַנעס און א פלעשעל פיקעט-וויין, וואָס איז געמישט מיט וואסער. צייטענווייז לאָזט זיך הערען זיין: „טשו, טשו טשו!“ און עס פליהען הויפענס ערד.

נאָר אָט האָט זיך די זון אויפגעהויבען נאָך העכער. דער פאסטוך זעצט זיך אויף א שטיין, עסט אויף א טייל פון זיינע קאשטאַנעס און טרינקט אויס א העלפט וויין; דאָס איבריגע דערענדיגט ער אין האַלבען טאָג. דאָסזעלבע וועט ער אויך האָבען אין אָוונט אויף וועטשערע, נאָר די קאשטאַנעס וועלען זיין הייסער. קיין ברויט בעקומט ער נישט. ברויט איז צו טייער, אויסערדעם האָבען איהם די בעלי-בתים דאָס נישט איינגערעכענט אין די בעדינגונגען. ער האָט נאָר דאָס רעכט אויף קאשטאַנעס און פיקעט-וויין, און אויסער דעם בעקומט ער אויפ'ן יריד אין מאָנאט אָקטאָבער פינף פראנק, פאַר וועלכע ער קויפט זיך קליידער. אין א געראָטענעם יאָהר גיט מען איהם אָפטמאָל א ביסעל קאַרטאָפעל, וועלכע ער באַקט אין הייסע אַש, און דאַן איז ער גליקליך.

נאָכ'ן אָנבייסען טרייבט זשאַן בענוא איבער די טשערעדע אויף אנ'אַנדער אָרט, אויף שטיינערדיגע ערטער און וויין-גערטענער. זיינע

שאף געפינען זיך דא אויך שפייז, אויפקלייבענדיג פערשיעדענע בלעטליך, וואס זענען פערפלאנטערט אין די לאנגע ווייכשעל=צווייגען, און אבבייסענדיג די טרוקענע גראזען, וואס וואקסען צווישען די שפאלטען פון די פעלזען. און ער אליין א מאל זיצט ער, א מאל שטעהט ער, נאר זיין בליק איז אימער טונקעל, כדי צו שרייען: „טשו, טשו!“ אדער צו ווארפען הויפענס ערד. אפטמאל בעגעגענט ער א פויער, וועלכער פעררייבט די שטיינערנע צוים, וואס איז צולעגט געווארען דורכ'ן לעצטען שטורם. און זייער גאנצער שמועס בעשטעהט פון די פאר ווערטער: „גאט העלף!“.

אזוי געהט דורך דער טאג, עס הויבט אן צו ווערען טונקעל זשאן בענוא'ס געדאנקען ערוואכען נישט, ער האט אויסערדעם קיין פעהיגקייט צו דענקען.

די זון איז פערגאנגען. דער פאסטוך קלויבט צונויף די טשערעדע און פיהרט זיי צוריק אין דארף אריין, פון אנפאנג געהט ער אריין צום זאלץ=סוחר אין הויף, דערנאך צום מילנער, דערנאך צום פוהרמאן, און אמענדע צו דער אלמנה דיאראק, ביי וועלכער ער וואוינט, אין א שטאל, וואו עס געפינען זיך דער אלמנה'ס ציגען און שעפסען. דארט איז דא אנ'אלטע, צובראכענע פאדלאגע, אויף דער פאדלאגע ליעגט א א ביסעל שטרוי — דאס איז זשאן בענוא'ס געלעגער.

פערטריבען א היים די שאף, געהט ער אין די הייזקע אריין און זעצט זיך אויף אנ'עמער נעבען קוימען. איבער'ן פייער הענגט אויף א קייט דער קעסעל, עס קאכט זיך דא וועטשערע. מען גיט איהם א שיסעלע מיט הייסע קאשטאנעס, ער שטעלט עס זיך אויף די קניה און עסט פאמעליך. א שעה אדער צוויי זיצט ער שוויגענדיג, אויסגעדרעהט מיט'ן געזיכט צום קוימען, ביז דאס פייער לעשט זיך אוים, דערנאך ווינשענדיג א גוטע נאכט, געהט ער אין זיין שטאל אריין.

אזוי מארגען, אזוי איבערמארגען און אלע איבריגע טעג.

שוין אכט=און=דרייסיג יאהר ווי ער לעבט אזוי. ער איז נאך נישט אלט געוועזען קיין זיבען יאהר, און מען האט איהם שוין געמאכט פאר א פאסטוך. דער פאטער און די מוטער זענען געשטארבען און האבען איהם איבערגעלאזט אליין, אהן א היים, אהן א שוץ, און אהן הילף. איינער פון די ארימע שכנים האט זיך איבער איהם דערבארימט, געגעבען איהם א שטעקען אין דער האנד אריין און געזאגט: „פאשע אונזערע שעפסען, און מיר וועלען דיך דערפאר שפייזען“. און פון דא=

מאָלס אָן איז ער געוואָרען אַ פּאַסטוך.

און יענע צייטען פלעגט ער זיין לעבּעדיג און פרעהליך: ער איז געלאָפען מיט די ציגען, פלעגט שיסען קראָליקעס אין זייערע נאָרעס, אָדער אויסשטעלען נעצען צו פאַנגען פייגעל אויפ'ן ברעג פון אַ טייכעל מיט אַ קלאָר דורכזיכטיג וואַסער. ער האָט אויך געהאַט אַנדערע פערוויילונגען. עס פלעגען אַהער קומען טשערעדעס פון אַנדערע דערפער, אונטער דער אויפזיכט פון אַ מיידעל, מיט זשאַנ'ען אין איינע יאָהרען. די שאָף האָבען זיך פרידליך געפּיטערט, און די קינדער האָבען זיך געשפּיעלט, געשטיפּט און געשלאָגען זיך צווישען די גרינע שטעכעדיגע קוסטעס. ער האָט ליעב געהאַט די שפּיעלעריען: זיי האָבען אין איהם געוועקט אַ שטאָלצען, עטוואָס אונבּעקאַנט געפיהל פון יוגענד און קראַפט.

ווען ער איז אונטער געוואַקסען, האָט זיין נאָהנטקייט מיט דעם מיידעל אָנגעפאַנגען איהם אויפצורעגען. בּעזונדער פלעגט איהם ווערען מחיה'דיג־אָנגענעהם, ווען ער פלעגט אַרומנעהמען עליזען. דאָס איז געווען אַ דערוואַקסענע, רויטע געזונדע מויד, מיט פעסטע גליעדער, מיט אַ דרייסטען בּליק און שטאַרק ווי אַ מאַן. ווען זשאַן האָט זי אָנגעריהרט, פלעגט איהם אַ ציטער דורכנעהמען, אָפט מאָל שלאָגענדיג זיך זיך מיט איהר פלעגט ער אַרויס אַ בּעזיעגטער, נאָר דאָס איז איהם געווען אָנגענעהם. נאָר אָט איז עליזע אַלט געוואָרען אַכצעהן יאָהר, און די עלטערן האָבען איהר אַוועק געפיהרט אויף אַ שטעל קיין מאַנאָפּאָליע, און האָבען זיך בּאַלד אַליין אַהין איבּערגעצויגען. זשאַן בּענגו האָט זיך שוין מעהר נישט בּעגעגענט מיט עליזען. לויט זיינע בּעגריפען, האָט זיך מאַנאָפּאָליע געפונען אין עק וועלט און דערגרייכען אַהין איז געווען אַן אוממעגליכע זאַך; ער איז קיינמאָל נישט געוועזן ווייטער פון דעם נאָהענטען שטעדטעלע, וואוהין ער פלעגט צוויי מאָל אין יאָהר געהען אויפ'ן יריד מיט זיינע שעפּסען.

שפּעטער האָט ער שוין נישט איינמאָל געהאַט אַ פערלאַנג אַוועקצוואַרפען דאָס דאָרף און ערגעץ אַוועקצוגעהען. אָבער וואוהין? ווי אַזוי און מיט וואָס וועט ער זיך שפּייזען? דאָס האָט ער גאָר נישט געוואוסט. ער האָט איינפאַך געוואָלט אַוועקגעהען, און דער פערלאַנג איז בּיי איהם געווען דער דייטליכסטער פון זיינע אונקלאָרע, אונבּעשטימטע שטרעבּונגען. אָבער אויך די שטרעבּונג איז פערשוואונדען, ווי אַ פליהענדער פויגעל, נישט איבּערלאָזענדיג נאָך זיך קיין זכר. ער האָט נישט געהאַט פון קיינעם צו ערוואַרטען קיין עצה, קיין הילף. די מיידלעך, מיט

(העפט 38

וועלכע ער האָט זיך געשפּילט אין דער יוגענד, זענען שוין אונטער געוואַקסען און ווירטינס געוואָרען אָדער זיי האָבען שוין חתונה געהאַט. קיין איינע פון זיי איז ניט איינגעפאַלען צו ווערען זשאַן בענואַ'ס פרוי. די פויערטעס קאָנען אויך בערעכענען, און זיי קוקען זיך בעזונדערעס ניט אום אויף קיין קבצנים. די פּוסטקייט און איינזאַמקייט זענען געוואָרען זשאַנ'ס שטענדיגע בעגלייטער. די קינדערגעזעלשאַפט, וואָס האָבען פערטרעטען דעם אָרט פון זיינע פריהערדיגע פריינדינס, האָט איהם ניט געקאָנט בעפרידיגען. און די יונגע קרעפטען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין אויסוועג, האָבען זיך געריסען אַרויס. בעזונדערס, ווען עס איז אָנגעקומען דער פריהלינג, פלעגט ער, ווי די שאָף זיינע, אַריינפאַלען אין אַ פיבערהאַפטען צושטאַנד. זיינע מוסקולען האָבען געציטערט. ער האָט פלוצלונג אָהן אַ שום ציעל, אָנגעהויבען צו ברעכען די ביימער, אָדער קלאַפּען מיט'ן גאַנצען כח אין די פעלזען גלייך ווי ער וואָלט זיי וועלען אָברוקען פון אָרט. און ווען ס'איז אין אַזאַ מינוט דורכגעגאַנגען אַ פרוי אויף אַנ'איינזאַמען שטעגעל, האָט ער איהר נאָכגעקוקט מיט אַ גיריגען, ריין ברוטאַלישען בליק, פונקט ווי ער וואָלט זיך אויף איהר וועלען וואַרפען... נאָר ביסלעכווייז, ניט האָבענדיג קיין בעפרידיגונג האָט זיך זיין תאוה געשטילט, חאָטש ער איז מעהר ניט אַלט געווען ווי דרייסיג יאָהר. פון דאַן אָן איז זיין מוח פערגליווערט געוואָרען אין פאָלשטענדיגער רוה. געוועהנליך, האָט קיינער קיינמאָל ניט געטראַכט איהם אויסצולערנען שרייבען. זיין שפּראַך איז בעשטאַנען ניט מעהר ווי פון צוויי־הונדערט ווערטער און אויך די זענען געווען צו פיעל אַרויס צוזאָגען זיינע געדאַנקען. טראַכטען וועגען דער צוקונפט, וועגען זיך אַליין, וועגען זיין עקזיסטענץ — איז איהם קיינמאָל ניט אויסגעקומען, אויסער דעם, איז ניט געווען ווער און וואָס, עס זאָל איהם אַרויספיהרען אויף די געדאַנקען. קיין רעליגיע האָט ער ניט געוואוסט, קיין פילאָזאָפישע נייגונגען האָט ער ניט פערמאָגט. יעדעס יאָהר, אום ניי־יאָהר, איז ער געגאַנגען אין קירכע, אָבער צו וואָס — האָט ער ניט געוואוסט, איהם איז גלאַט געפעלען דער גלאַנץ פון נר־תמיד און די ליכט און דאָס שפּיעלען פון אָרגאַן.

די יאָהרען זענען איהם איינס נאָכן צווייטען פערגאַנגען. זומער האָט ער געפיהלט היץ, ווינטער קעלט; דער רעגען האָט גענעצט זיין קערפּער, אַ שטעכעניש האָט איהם געבראָכען די ביינער. פון שטענדיגע, גאַנץ לאַנגזאַמע ווירקונגען פון די געוויסע אַטמאָספערען, איז זיין הויט

געווארען ווי פארמעט, די ציהן זענען איהם ארוים געפאלען. ער יערט אנ׳אמת׳ער זקן, די הענד און די פים ציטערן איהם אימער ווי אין פיבער.

ער לאכט קיינמאל נישט און וויינט נישט. זיינע שאף וויינען אויך קיינמאל נישט, און לאכען נישט.

איבערזעצט רעגינא

ג. איזען.

וואנדערער.

I

די לבנה.

אנ'אומעטיג-בלאסע און איינזאמע, שטילע,
צווישען אונצאהלבארע רייצענדע שטערען,
שווימט אום זי פערטראכט אינ'ם טיעף-בלויען ים
און בענקענדע, זוכענדע בליקען צושיקט זי,
צושיקט אומעטום —
זיי קעהרען מיט לעדיג זיך אום.

אמאל האט פול מיטלייד געקוקט זי
אין ארימע הייזלעך, אין פינסטערע קעלערס,
געוועהטאגט פון מענשליכען עלענד און פיין,
צובראכענע הערצער געטרייסט,
און איגען פערוויינטע
געווישט האט איהר האנד אין דער שטיל;

אפט פלעגט זי זיך באדען
אין וואסערען קלאהרע פון זילבערנע טייכלעך
און שפילען זיך, שטיפען מיט כוואליעלעך קליינע,
און אנטהון זיי קרוינען פון זילבער און גאלד,
און זייערע שנעע-ווייסע שטערענס בעדעקען
מיט בלאנקענדע-פלאמענדע קושען;

אויך פלעגט זי אמאל
בעהאלטען זיך הינטער א בוים
און שמייכלענדיג קוקען אויף פארלעך פערליעבטע,
און זעהען אויף זיי דורך די צווייגען איהר שיין
און פלעכטען פון זילבערנע שטראהלען
א נעץ ארום זיי,
און שטיל זיך אװעקשװימען, שעפּשטענדיג װייך
א ברכה אויף זייערע קעפּ. —

נאר מיעד האט דאס איביגע זוכען געמאכט זי,
דאס איביגע וואנדערען — גלייכגילטיג, קאלט,
און קאלט איז און מיעד איז געװארען איהר בליק,
און בלאס — איהר געזיכט...

II

דער דיכטער.

א, איביגע וואנדערער, איביגע זוכער,
מיין הארץ איז מיט אייך, ליעבע פריינד!
ס'האט ווענעגס א האנד מיט א מאל
אין מיטען דעם לופט־ים געלאזען.
איך ווייס ניט ווען איז עס געשעהן
און ווען די האנד האט געהערט,
איך פיהל נאר אין נאקען איהר שטויס —
עס טרייבט מיך, עס יאגט צווישען הימעל און ערד...

א, איביגע וואנדערער, איביגע זוכער!
אין איינע א בייזע שטאק־פינסטערע נאכט
וועט בלייבען גאנץ איינזאם מיין אונרוהיג גייסט,

פּערלירענדיג ערגעץ אין מיטען אַ מדבר
דעם מידען, פערמאַטערטען קערפּער,
ניט װיסענדיג װאו, ניט געדענקענדיג װען,
ניט נעהמענדיג אָבשײד פון איהם.
און קלאַפּען װעט דאַן מײַן נשמה אין הימעל,
און װעט איהם פערשלאָסען געפינען
אין אָבגרונד — און טרעפען פערמאַכט,
און בלײַבען נע ונד און פערװאָגעלט
אויף אײביג, אויף אײביג —
פערלאָזט זי ניט, טײַערע פרײַנד,
זאָל זי אײַך אַ חבר'טע זײַן...

פלאָנים.

שרה רייזען.

אונפערגעסליכקייט.

אויסער די פיעל מענשען וואס האבען געוואוינט אין דער שטאדט און צווישען וועלכע פיעל זענען געווען געפלאגט פון נויט, ערנידעריגט פון דחקות, זענען דא אויך געווען רייכע מענשען, וואס זייער לעבען איז געפלאסען אזוי לייכט, ווי דאס וואסער פון א טייך וואס ליגט אין א געלען זאמדיגען גלאטען דעק.

אבער רייכער און גליקליכער פון די אלע איז דארט געווען איינער א מענש. דעם נאמען זיינעם איז איבעריג אנצורופען. די שטאדט האט איהם גערופען „דער גליקליכער."

ער האט געוואוינט אין א שענעם הויז מיט גרויסע פענסטער, דורך וועלכע די אויפגעהענדע זון פלעגט שיקען גאנצע בונטען פון איהרע שטראהלען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאס דאזיגע הויז איז געווען ארומגערינגעלט פון א גרויסען געדיכטען גארטען מיט שאטענדיגע בוימער, הויכע און אלטע...

דער דאזיגער גליקליכער מענש האט א ווייב געהאט.

מ'זאל וועלען בעשרייבען די שענהייט, וועט איהר עס דורך ווערטער נישט קענען בעגרייפען. אומזיסט וועלען זיי זיין!

מיר וועלען זאגען — זי האט געהאט שווארצע גליהענדע אויגען, שווארצע, ווי די טיעפסטע און אלטע נאכט, וועלכע האבען געלויכטען ווי די אויפגעהענדע זון, — וועלען דאך די דאזיגע ווערטער ווייניג איבערגעגעבען דעם רייץ פון איהרע זאנדערבארע אויגען,... און די האהר? און דעם גלאנץ פון איהר געזיכט... דעם צויבערקלאנג פון איהר שטים? — שוואך זענען ווערטער צו מאלען די שענהייט — דער פענזעל פון מאלער איז שטארקער פון זיי!...

איז געווארען קראנק די דאזיגע פרוי.

 (המשך 38

די סיבּה דערפון איז געווען אומבּאַוואוסט. איהר מאַן „דער גליק-ליכער" האָט זי זעהר אָבּגעהיט, און אַ שלייער פון טרויער האָט בּעדעקט דאָס הויז פון „דעם גליקליכען"...

די קראַנקע איז געלעגען און האָט אַ שווייגענדיגע געקוקט אויף איהר היים-געליעבּטען מאַן...

בּלאָס איז זי געווען — קאַלטע הענד מיט בּלויע פּאַסען אונטער די נעגעל און דורך דער צאַרטער ווייסער הויט פון געזיכט האָט שוין אַרויסגעקוקט דער קאַלטער שמייכעל פון טויט...

מיט דיקען טרויער זענען געווען די טעג פערשטעלט פון דעם אַלמן. זיי האָבּען זיך געצויגען פּאַמעליך און שווער, ווי גרויסע וואָלקען אין אַ קאַלטען הערבּסט-טאָג. אין דעם צימער, וואו דער טויט האָט זיין ווייבּ'ס אויגען געשלאָסען, האָט דער אַלמן געטאָגט אין גענעכטיגט. און בּיינאַכט, אין שווערער בּיינקשאַפט, פלעגט ער קושען די לופט און זי אומאַרמען, זעהענדיג פאַר זאַגע אויגען נאָר זיין יונגע פרוי...

און פּאַמעליך זענען געגאַנגען די טעג, געגאַנגען, זיך געבּיטען און אין חדשים זיך געפּאַסט...

דער אַלמן האָט פון דער פערשטאָרבּענערס צימער נישט געוואָלט אַרויס. און קיינער — קיינער האָט נישט געוואָגט אַריינקומען צו איהם כּדי נישט צושטערען דעם טרויער פון זיין האַרץ...

איינמאָל — אין דרויסען איז דאַן פריהלינג געווען, בּלומען האָבּען געבּליהט, פויגעל האָבּען געזונגען, און די ערד, דעם פריהלינגס געליעבּטע, האָט מילד און טרוימעריש צום הימעל געשמייכעלט און האָט מיט איהר חתנ'ס מתנות קאָקעטירט... — דאַמאָלס האָט דער אַלמן מיט שוידער און אימה געמוסען בּעמערקען אַז אין האַרצען ווערט בּיי איהם לעדיג, פּוסט, דער וועהטאָג פון אומעט ווי שטומפּפער, און דאָס איז פאַר איהם געווען שרעקליך. ווייט פון מענשען, פון לעבּע האָט זיך מיט יעדען טאָג אַלץ אין אַ געדיכטערן נעבּעל דער אומעט פערוויקעלט, און מיט שוידער האָט דער אַלמן געפיהלט, ווי דער אומעט פערשווינדט. און ער האָט אַ מיטעל געזוכט...

און מיט אַמאָל האָט זיך איבּערן שטאָדט פערשפּרייט, אַז דער

אמאליגער גליקליכער קעהרט זיך אום צום לעבען און מאכט א גרויסען מאהל=צייט.

און יום=טוב'דיגע קליידער איז דער גליקליכער צו די געסט ארויס. ער האט גארנישט דערצעהלט, וועניג גערעדט, נאר די געסט האט ער געבעטען פרעהליך זיין, און די אלטע וויינען פון זיין קעלער האט ער געהייסען דערלאנגען...

און דורך די אפענע פענסטער, וואוהין עס האבען זיך די לוס=טיגע קלאנגען פון די פידלען און פלייטען געטראגען, צוזאמען מיט'ן אטעם פון פריהלינג, האט זיך צוריקגעקעהרט דער אומעט. דורך די קלאנגען פון דער מוזיק האט דער אומעט צוריק זיין וועג געפונען. און מיט איבערגעגעבענקייט פון א הייסען געליעבטען איז איהם דער אלמן אנטקעגען געגאנגען. און אין א ווילדען טאנץ איז ער אוועק. „אליין טאנצט ער, אליין,“ האבען בעוואונדערט די געסט, — און זיי האבען נישט בעמערקט און נישט געקענט בעמערקען דעם גרויסען טרויער וואס איז צוריקגעקומען צו איהם אין הארץ.

און הינטער די פענסטער, אין איהרע ווייסע קליידער, בעדעקט מיט'ן שווארצען מאנטעל איז זי געשטאנען, זיין געליעבטעס ווייב, און האט שטיל געפליסטערט.

„איך דאנק דיר מיין ליעבסטער וואס דו זוכסט די נישט=פער=געסענהייט.“

א. קאַצענעלענבאָגען.

דער אויסלענדער.

זײַן פֿאַמיליען=נאָמען איז געווען גראַין, נאָר אין באַנק=קאָנטאָר האָט מען איהם פֿון דער ערשטער מינוט גערופֿען „דער אויסלענדער". ער איז געווען א הויכער, א גלײַכער מיט שמאָלע אַקסלען און בוימאײל=דיגע אויגען, געגאַנגען איז ער ברוין געקלײדט — אין א האַרטען ברוי=נעם הוט און אין א לאַנגען, פֿון קורצען סטאָן אָן צושפּאָלטענעם, ברוי=נעם מאַנטעל, אין גאַנצען אַרומגעקאַנטעוועט מיט ברוינע טאַשטעס. אפֿילו זײַנע שטײַף=פֿערדרעהטע וואָנסען האָבען אָפּגעשלאָגען א ברוינעם אָפּגלאַנץ, די טיכטיג אָפּגעגאָלטע באָרד איז אויך מאַט=ברוין געווען. די געקנעפּעלטע שיך זײַנע—אָפּגעבלאַקעוועט ברוין. די אויבער=וועש בײַ גראַין'ען זענען געווען בעזונדערס ווײַסע און האַרטע... זײַן שנופּס — א דין ברוין פּאַסיקעל...

זעצענדיג זיך צו דער אַרבײַט, פּלעגט גראַין אַרויפֿשטעקען אויף דער נאָז א פּאָר פֿינקעלדיגע פּענסנע — א פּאָר גלעזער אָהן א פּאַסונג מיט א שטאַרקער דרוק=פֿעדער. אַזוינע פּענסנע רופֿען זיך „ספּאָרט=פּענסנע", און עס פּלעגט ווירקליך אויסדוכטען, אַז אָט שפּרינגט ער אַרויס אַריבער דעם שרײַב=טיש דורך דער פֿאָרטקע אויף א שוימענדען פֿערד צו אַרײַטגעוועט...

אָנגעקומען איז ער אַלס קאָרעספּאָנדענט אויף דײַטש, נאָר זײַן לעדיג=פֿערבליבענע צײַט אויסצופֿילען, האָט מען איהם איבערגעגעבען צו פֿיהרען דאָס אינקאַסע=בוך. אָננעהמענדיג דאָס ערשטע מאָל דאָס בוך, האָט זיך גראַין מיט עקעל אָפּגעטרײסעלט: די ברעגען בלעטער זענען ווי מונדשטוקען געווען צונויפֿגעוויקעלט פֿונ'ם פֿריהערדיגען בוכהאַלטער'ס אַרבעל. גראַין האָט דאַן אויפֿגעהויבען זײַנע נאַקעטע פֿלײשיגע הענד, צו בעווײַזען די אַרומיגע אָנגעשטעלטע, ווי אַזוי מען בעדאַרף ריכט

אַרבעל אויפ'ן אָרעם אַרויפשאַרצען און ווי מען בעדאַרף דעם עלענבויגען אײַנקנײַטשען, און זײַנע הענד האָבען זיך ווי פלעט-אײַזענס אויפ'ן בוך צולעגט.

אַז דער פּרינציפּאַל פלעגט צוגעהן צו איהם, פלעגט ער זיך האַסטיג פון שטוהל אויפהויבען, נאָר אויף אַנ'אָנגעזעהענע ווײַטקייט בלײַבען שטעהן, און באַלד זיך צובויגען אַזוי, אַז דער קורץ-געשאָרענער געלער קאָפּ זײַנער פלעגט אויסקומען בײַ דעם פּרינציפּאַלס אויגען. יענער פלעגט זײַן פּליכעוואַטען קאָפּ צובויגען, און בײדע פלעגען זײ זיך ביז דער וואַנד צושאַרען. גראַץ פלעגט אויף אַלץ געניי אָבענטפערן, אָבער אין קורצען, און מיט אַנ'אַקטאַווע שטילער פלעגט ער זײַן הײזעריגען קול אָנשטעלען. דער פּרינציפּאַל פלעגט אויך אָנפאַנגען רעדען פערשטיקטער. און פיהרען פלעגט זיך זײער געשפּרעך, ווי אַ פּאָר טויבען וואָלטען אויף דער וואַנד אין אַ נעסט וואָרקען...

אויפ'ן דריטען פריהמאָרגען, נאָך גראַצ'עס אַרײַנטרעטען אין קאַנטאָר, האָט זיך דער פּרינציפּאַל אַוועקגעלאָזט שפּרײַזען הין און צוריק איבער'ן קאַנטאָר.

— וועמען איך האַלט?... עזלען... עזלען... האָט ער געמורמעלט און זײַנע אויגען האָבען זיך פערצויגען מיט רויטע אָדערלעך.

באַלד נאָך דעם האָט ער גראַצ'ן פעררופען צו זיך אין קאַבינעט. אויג אויף אויג בלײַבענדיג מיט גראַצ'ן, האָט דער פּרינציפּאַל זיך צולאַכט:

— אײַך מײן איך ניט, הער גראַץ, אַז איך רוף מײַנע אָנגעשטעלטע „עזלען". איהר ווײסט אײַערע פפליכטען — און, זיך אָבשטעלענדיג גראַצ'ן בײַ דער נאָז, האָט ער זיך פערנויגט: איהר זענט פרײַ...

אַז גראַץ האָט זיך צוריקגעקעהרט אין קאַנטאָר, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַנ'אָנגעשטעלטער — אַנ'אויסגעמאָגערטער גרויער מענש מיט בלויע אויגען און זיך צורעדט אין דער שטיל:

— ניט פאַר זיך פלעגט ער, דער פּרינציפּאַל, ביז איצט מורמלען אין קאַנטאָר...

„אַלע האָבען דאָך געהערט" — האָט גראַץ שיער אַרויסגעזאָגט, נאָר געשוויגען און זיך צושמייכעלט...

פאַר אײַך שעמט ער זיך — האָט דער אַלטער געזאָגט — ניט אַזוי פלעגט ער מורמלען זיך...

גראַץ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער וויל דערגעהן, וואָס ס׳איז געווען אין קאַבינעט און ער האָט דעם אַלטען איבערגעשלאָגען:

— אונזער פּרינציפּאַל איז ניט קיין שלעכטער מענש... עס איז אַזאַ אַרט פֿיהרונג...

וואָס דער פּרינציפּאַל שטערט זיך פֿאַר איהם, איז געווען גראַץ׳ן זעהר פֿאַרשטענדליך. פֿאַר אויסלאַנד מוזען זיי זיך בויגען... די זאַך האָט אָבער גראַץ׳ן אויך געפֿרעהט. ער וועט זיך קענען האַלטען ביי זיין שטעל אין קאַנטאָר. גראַץ׳ן האָט זיך פֿריהער גענוג היגע אָנגעליטען. פֿאָהרענדיג אַהער, האָט ער געמיינט, אַז זיך דערשלאָגען צו עפּעס וועט איהם זיין זעהר לייכט. בעזעצען זיך אין אַזאַ אונקולטורעלער גע־גענד, וועט ער ניט נאָר היבש געלד אָנקלויבען און צוריק אין אויס־לאַנד אַרויסציהען. אַ מעדעלשע נאַטור, האָט ער איינגעפֿונען, פֿערמאָגט ליטא: וועלדער געדיכטע, ניט בעאַרבייטע ערד, לאַנקעס גרויטע, און אַלץ בעאַרבייט זיך דאָ מיט די הענד, אויך פֿיעל אויטאָמאַטען מען קען אויסשטעלען אַנשטאַט מענשען: אויף די וואַקזאַלען, אין קאָנדיטערייען, ציימונגס־קיאָסקען, מאַגאַזינען... פֿיעל מאַשינען מען האָט נויטיג אין דאָרף... פֿיעל פֿאַבריקען מען קען אינ׳ם גאַנצען געגענד אויפשטעלען... ער בעדאַרף נור אַ רייכען קאָמפּאַניאָן זיך צוזוכען... פֿיעל קולטור, אונטערנעהמענונגס־גייסט און וואָהלשטאַנד ער וועט אַריינטראָגען... באַלד האָט ער זיך אָבער איבערציינט, אַז קיין רייכע קאָמפּאַניאָנען וואַלגערן זיך היגע נישט... צוקוקען האָט ער זיך אָנגעפֿאַנגען און די מעדעלשע נאַטור האָט זיך אין אַנ׳איינגעשרומפּענע אַלטיטשקע פֿערוואַנ־דעלט... פֿריש בלוט בעדאַרף מען אין איהר אַריינפּליסען, זי יונגער צו מאַכען... אויסגעזויגען איז די ערד; און זומפּיג, און שטיינינג, און זאַמדיג... און די וועלדער? — איי, האַקט מען זיי!.. און ביליגער מאַכט היגע אויס מענשעסע אַרבייט, פֿונ׳ם שמור־איל צו אויטאָמאַטען... ווער רעדט נאָך פֿון דאַמפּף און עלעקטרי?!

גראַץ האָט אָנגעפֿאַנגען זוכען לעקציעס אויף דייטש... פֿיעל האָט ער בעדאַרפֿט זוכען און אויסוואַרטען, נאָר ניט געקענט בענעמען, ווי אַזוי זיי האָבען זיך פֿאַרט איינגעפֿונען... פֿון וואַנען שפּאַרען עס אָט די יודען אָב?.. און ער האָט ניט געקאַרגט זיין מיה — שעה׳ן־לאַנג פֿלעגט ער פֿאַר די שילער זיינע אויף די לעקציעס אַרומרעדען די דייטשע קול־טור. — איהר ערהאַבענקייט, איהר טיעפֿקייט און אַלוועלטליכקייט. מיט טרעהרען אויף די אויגען פֿון זיסען ענטציקונג פֿלעגט ער רעדען פֿון

שילער'ן... דערמאָהנענדיג געטהען, פלעגט ער ציטערן ווי א בלאַט... ערנסט זאָל ער זיין, צו איראָניש, שטיל פליסטערן, צו־מעכטיג שטורמען; וויינען צו לאַכען? — געטהע איז אַלץ, — „גאָט" האָט איהם היינע אָנגערופען... און אַט די אַלע גאָונ'ישע פּאָעטען און פּראָזאַיקער וואָס בעציהרען שילערן און געטהען זייערע פאָרגענגער און נאָכפאָלגער... און די אַלע דייטשע פילאָזאָפען, און מוזיקער, און געלעהרטע... „זונען, זינען, זונען" — פלעגט גראַץ פּאַטעטיש אויסרופען, פאָכענדיג מיט דער האַנד איבער'ן קאָפּ זיינעם — „ווער קען אין זיי אריינקוקען?" יאָ, אויך יודישע געהמען זענען אין דער דייטשער קולטור אויף אויביג איינגעקריצט... זיי האָבען אין די זונען יאָ אריינגעקוקט און בעשטראַהלטע אין גאַנצען זענען זיי זייער לעבען־לאַנג געשטאַנען... פיעל שטראַהלען האָבען זיי אין די זונען איינגעהעבט!... בע'עול'טע זענען זיי אָבער פון דער וועלט אוועק... און אין א טרויעריגער שטימונג פלעגט גראַץ איבערגעהן און מיט די פינגער אָן טיש קלאַפּען:

— יודען, יודען זייט און... אייראָפּעער! —

נאָכ'ן גרויסען פּאַטאָס אָבער פלעגט ווערן גראַץ'ן איפ'ן הארצען זעהר איבעל, ער פלעגט ווישען דעם שוים פון די ליפּען און זיך טראַכטען, אַז אַלץ וואָס ער האָט גערעדט האָט ער הונדערטער מאָל אויסגעלעזען אין זיין פיעל א שענערע פאָרם... אַליין בעדאַרף ער פאָרשען און דערגעהן... פיעל, פיעל!... אראָבגעריטען איז ער פון דייטשלאַנד... כ'ביסעל דייכט וואָס ער האָט מיט שווייס ערלערנט פאַלט פון איהם קווינטעסענזווייז אָב... און די שילער זיינע, האָט ער אָנגעפאַנגען צו מערקען, זוכען אַלץ, איהם ארויסצופיהרען אויף א געשפּרעך וועגען שילער'ן און געטהע'ן, און זיי שמייכלען עפּעס, חוזק'ען... זיי טראָגען זיך אום מיט אַנדערע גאונים אין קאָפּ — סלאַווישע גאונים... און גראַץ האָט טיעף פערגאַכטען אָנגעפאַנגען זיינע שילער... ס'יודישקייט, וואָס זייערע עלטערן האָבען מיט אַזוי פיעל מערטירערי דערהאַלטען ווערט ביי די קינדער פערשוואונדען און... קיין אייראָפּעער ווערען זיי ניט... הויך טראָגט ער, גראַץ, דעם מערטירער־קראַנץ פון זיין פאָלק, און אַנ'אייראָפּעער איז ער... צוועלף יאָהר איז ער אין דייטשלאַנד געוועזען, און וואָלט גאָרניט צוריקגעקומען אַהער, ווען ער זאָל האָט עטוואָס שטיצע האָבען בעקומען פון פאַמיליע... א ביסעל וואָלט ער צוגעליטען און דורכגעלעבט...

איצט אָבער, האָט גראַין זיך געהאַט בעשלאָסען, מוז ער זיך האַלטען פעסט אָן זיין שטעל אין קאַנטאָר. זיין געהאַלט, אויסרעכענענדיג אויפ׳ן דייטשען מאַרק, איז אַ גאַנץ היבשע ער קען נאָך האָפען אָנצוקלייבען עטוואָס געלד אַריינצופאָהרען אויף אַ קורצע צייט אין דייטשלאַנד... יאָ, יאָ — ער וועט אָנפאַנגען קלייבען... דערווייל בעדאַרף ער זיך וועש אייַנשאַפען... אַ קאָסטיום נעהען... ווי ביליג מען קען עס אַלץ אין דייטשלאַנד אייַנהאַנדלען, — ער וואָלט חאָטש אַ דריטעל דאָרטען פערדיענט, — און דאָ איז ער נאָך אין חובות קלייַנע אַריינגעצויגען... אָט אין אויסלאַנד ווייסט מען גאָרניט פון קיין קאַליִעשען, און דאָ וועט ער מוזען קויפען... אין עסען — דאָס אייגענע... פון די אַלע קונציגע דייטשע מעהל־שפּייזען ווייסט מען דאָ גאָרניט... מען עסט פלייש, אַ הינדעל אַ מאָל... און וואונדערליך עפּעס: די גימנאַסטיק־רינגען וואָס ער האָט ביי זיך אין קוואַרטיר אין סטעליע איינגעשרויפט האָט ער באַלד נאָך זיין אַריינטרעטען אין קאַנטאָר אויפגעהערט צו נוצען... און היינט ער אַ ווײַלע צייט — כאַפּט ער אַ דרעמיל... אַלץ דעם חלפנ׳ס בת־יהודה קומט איהם אויפ׳ן זינען אַרויף... אַ צוואַנציג טויזענד קאַרבען גרן האָט זי... איז הינקענדיג? — איז וואָס?.. זומע־שפּרענקלאַך נור — פונ׳ם שטערן איהרען ביז אין האַלז אַריין, אויף די הענד — ביז די נעגעל... אַזוי איז זי אַ גאַנץ היבשע — ער אַ געלער, זי אַ געלע... איהרע געזיכטס־ציגע גאַנץ פיינע... ווידער די זומער־שפּרענקלאַך — ביז אין די אויגען אַריין... ער קען קריגען אַ כלה אַ שענע און אַ יונגע, נאָר מיט וויפיעל נדן? — העכסטענס מיט צוויי — דריי טויזענד קאַרבען, און אָנשפּריכע וועט זי מאַכען מעהר פאַר אָט דער אומגליקליכער... וואָס איז אַזוינס זומער שפּרענקלאַך? — זי קוקט אָבער אָפּט האַרציג אַזוי, ווי אַ גוטע, גוטע הינדעלע...

רוהיג האָט זיך גראַין׳ן אין קאַנטאָר געשלעפּט. דער פּרינציפּאַל האָט אַ חתן אַ יוריסט פאַר זיין טאָכטער גענומען און איז געוואָרען שטילער נאָך, ווי פריהער... אין שטוב שרייען האָט ער זיך געשטערט פאַר׳ן יוריסט, אין קאַנטאָר—פאַר איהם, פאַר׳ן אויסלענדער... נאָך האַלבען טאָג איז געווען — מיט שטילע עלאַסטישע טריט איז דער פּרינציפּאַל איבער׳ן קאַנטאָר אומגעגאַנגען... די אָנגעשטעלטע האָבען מיט די פּענעס געסקריפּעט—גראַין האָט גע׳חלמ׳ט פונ׳ם חלפן׳ס בת יחידה... ער קען זיך ווען אַרויפהייבען... אַ באַנקיר ווערן... קינד=

ערלאַך אַזוינע ליבינקע וועלען זיי האָבען — געלינקע הויכע מיט שמאַלע אַקסלען... אַלעמען זיי אין אויסלאַנד צושיקען... דער פון זיי וועט אַ געלערטער זיין ווער אַ מוזיקער, דער פינאַנסיסט... און ער וועט זיך אויך אין אויסלאַנד איבערפּעקלען... „גראַץ עס זאָהנן״ — וועט זיך אין אייראָפּע לאָזען הער׳ן... „אייער רעליגיאָן — בעט זיך גראַץ — ביטט אָבער ניט״... וועל׳ן זיי אָבער צווישען יודען געפינען גראָד מיט וועמען זיך צופערהייראַטהען?.. איילען זאָלען זי האָטש ניט מיט׳ן שמד; איבערקלערען צו איז זייער פאַמיליען גליק געזיכערט...

— א בריעף שרייבט איהר? האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר גראַץ׳נס פאָרטקע דער פּרינציפּאַל.

— יאָ, אָט דעס..! — האָט גראַץ העפליך געענטפערט...

— גוט, גוט האָט זיך יענער איבער׳ן קאַנטאָר אַוועקגעלאָזט געהן, — פאַר זיך עפּעס צוגעשמייכעלט און זיך ווידער פאַר גראַץ׳נס פאָרטקע געשטעלט.

— איהר — האָט ער לאַכענדיג גראַץ׳ען אָנגעקוקט — קינדער, הערט — האָט ער זיך געווענדעט הין און הער צו די אָנגעשטעלטע — הערט אַלע, איהר זענט, גראַץ.. אַ׳ן עזעל... האַ, חאַ, חאַ!... אַ׳ן עזעל, גראַץ...

— וואָס? — האָט גראַץ זיך מיט בלוט בעגאָסען...

— אַ׳ן עזעל, אַ׳ן עזעל, זענט איהר... חאַ חאַ חאַ... ווי איך וויל אַזוי האַלט איך זיך — קיינער קען מיר ניט איינוויזען, — האָט ער, לאַכענדיג, אויפגעצאַפּעלט...

— אַך, ווער זאָגט? — האָט גראַץ הינטער די פענסנע די אויגען געגלאָצט...

— זאָגען בעדאַרף מען מיר?.. ווי אַז איך וועל וועלען אַזוי וועל איך זיך האַלטען... אַ׳ן עזעל זענט איהר, גראַץ, — אַזוי וועל איך אייך רופען פון היינט אָן, חאַ, חאַ, חאַ,!...

גראַץ׳נס בליק האָט אָנגעפאַנגען אומבלאָנזשען — ער האָט אַרויסגעצויגען די פען פון הינטער׳ן אויער אַ דרעה אין זיין האַנד געטהון, ווי אין פּרינציפּאַל צו וואַרפען, נאָר זיך אָבגעהאַלטען: זי קען טרעפען... אין לייב זיך אַריינשטעכען... בלוט פערגיסונג... מיט אַ ציטערענדע האַנד האָט גראַץ די פען אַוועקגעלעגט.

דער פּרינציפּאַל האָט עס קענטיג, ניט ערוואַרט, נאָר זיך באַלד ווידער צולאַכט...

— צוליעב „עזעל“ וועט איהר אַ שטעל פערלאָזען ?... חאַ, חאַ, חאַ...

— איך וועל ניט ערלויבען — ... האָט זיך גראַץ אויסגעגלײכט...

— טאָ לעגט טאַקי די פּען אַוועק !... חאַ, חאַ, חאַ... אַנ'עזעל וועגט איהר, אַנ'עזעל, אַ דורכגעטריבענער עזעל !... אַרויס !...

גראַץ האָט פון דער וואַנד זײַן ברוינעם מאַנטעל אַראָבגעקראָגען. אַ שווײַם האָט פון זײַן לײַב אַרויסגעוועצט... אַלץ איז פערלאָהרען... מען וועט זיך דערוויסען בײַ'ם חלפן, אַז מען האָט איהם „עזעל“ גערופען...

— צאָהל איהם פאַר צווײ חדשים איבריגע אַרויס — האָט דער פּרינציפּאַל זיך צום קאַסיר געווענדעט — זאָל ער וויסען, אַז אַ באַנקיר האָט איהם דורכגעטריבען...

מיט פערראַכטונג האָט גראַץ אָנגעקוקט דעם פערשטײנערטען פּנים פונ'ם קאַסיר, וואָס האָט רוהיג קופּקעלעך זילבער־געלד אויפגעשטעלט, — בײַ איהם, וויל דער קאַסיר, דאָס זילבער־געלד אַרויס'פּטר'ן — האָט גראַץ געטראַכט.

גראַץ האָט אָבער אָבגעצעהלט פאַר ן צאָהל טעג, וואָס איהם איז אַרויסגעקומען, און ס'איבריגע געלד נאָכגעלאָזט.

— האַ חאַ, האָט דער פּרינציפּאַל איהם נאָכגעלאַכט, נור גראַץ האָט זיך ניט אומגעקוקט, אין קעשענע דאָס געלד פערקוועטשט און, פערגײַגענדיג זיך העפליך צו די אָנגעשטעלטע פון קאַנטאָר איז ער אַרויס...

אַ הערבסט־רעגענדיל האָט אין גאַס געשפּריצט... פערהויכט האָבען זיך בײַ גראַצ'ן די פּענסע... שטאָלץ האָט ער אָבער דעם קאָפּ אויפגעהויבען... אין קאַנטאָר פערבלײַבען מעהר האָט ער נישט געקענט... צופיעל אײראָפּעער איז ער !.. צוריק, צוריק אין אויסלאַנד, האָטש אין גאַס דאַרפען פון הונגער פאַלען — האָט ער געטראַכט אין וועג, ניט וויסענדיג וואוהין ער געהט...

אָהן קאַלאָשען איז גראַץ געגאַנגען, די שיך זײַנע דורכגענעצט און אײַנגעקויטיגט, נאָר זאָל זײַן ! — איהם האָט געדוכט אַז זײַנע פּיס טרײַסלען עס אָב פון זיך דעם שטויב פונ'ם ווילדען באַרבאַרלאַנד...

אברהם רייזען.

די פּערעטערין.

(פראַגמענט).

עס האָט געצוואונגען איהר מיט ווילדען גלוט
צום פרעמדען, פרעמדען פאָלק, צום פרעמדען בלוט...
געקוקט האָט זי פעראַכטליך אויף איהר שטאַם
צום פרעמדען האָט געגליהט איהר ליעבעס־פלאַם.
און ניט דעם פרעמדען נאָר — דעם שונא אויך,
וואָס האָט אין חרבות און אין אַש און רויך
פערוואַנדעלט אַזוי בייז איהר פאָלקס פערמעג,
אין וויסטעניש געבראַכט אויף לאַנגע טעג...
און ווען דער שונא האָט זיין גאַנצען האַס בעצאָהלט,
האָט ער נאָך נוקם זיין זיך אַלץ געוואָלט,
ער האָט אין אינוועניג נאָך אַלץ געפלוכט
און האָט דעם פאָלקס נשמה בייז געזוכט...
און זי אָהן קאַמפף נאָר רוהיג, שטיל און שאַ
האָט איהם געשמייכעלט: ווילסט מיין זעלע, נאַ!
ווען ס'פאָלק האָט שטיל געקרעכצט פאַר וועה און שפּאָט,
האָט זי געקניהט זיך פאַר'ן שונא'ס גאָט...

ליטעראַרישע נייעס.

דאָס ערשיינען פון דעם קינדער-זשורנאַל מיט'ן נאָמען „די קינדער וועלט" אונטער דער רעדאַקציע פון א. רייזען האָט צוליב א טעכנישע אור-זאַכע פערשפּעטיגט. דאָס ערשטע העפט וועט ערשיינען אין אָנפאַנג יאַנואר 1911 א גאָהענטען אַנטייל אין דעם זשורנאַל וועט נעהמען דער טאַלאַנטפאָ-לער יונגער דיכטער דוד אײנהאָרן, וועלכער האָט זיך גענומען צוזבעאַרבייטען א רייהע פאָלקס-מעשיות פאַר קינדער.

— אין צווייטען זאַמעל-בוך „ליטעראַטור", וואָס ווערט רעדאַגירט דורך א גרופּע יונגע שריפטשטעלער אין ניו-יאָרק, געפינט זיך א העכסט וויכטיג און בעלערענדעס אַרטיקעל וועגען די יודישע פאָלקס-לידער, פון י. כהן. פון זעלבען י. כהן ערשיינט אין ניכען א גרויסער באַנד פאָלקס-לידער וואָס ער האָט געזאַמעלט אין פערלויף פון צעהן—יאָהר. די ראָזינגע זאַמלונג וועט אַריי-בער גינזבורגס און מאַרעקס דערמיט, וואָס ה' י. כהן איז א מענש פון פאָלק און ער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו פערשרייבען די לידער פון די ערשטע קוועלען, אויסער א קולטור--היסטאָרישען, וועט דאָס בוך אויך האָבען א גרוי-סען קינסטלערישען ווערט. —

Ред. Изд. А. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пинсонъ Варшава Ул. Сраковская № 4.

אייראפעאישע איליוסטראטור

הער גווידאָ קאַוואַלקאַנטי.

צו צוואַנציג יאָהר איז הער גווידאָ קאַוואַלקאַנטי געוועזען דער שענסטער און סימפּאַטישסטער פון אַלע פלאָרענטישע אדעל. זיינע גאָלדענע שווארצאַפּלען האָבען געלויכטען מיט אַ בלענדענדע שיין. אויפ׳ן שטערן האָבען אַראָבגעהאַנגען געקרייזטע לאָקען, וואָס האָבען איהם צוגעגעבען אַ בעזונדער מין חן. ברייטע פּלייצעס און אַ שלאַנקע געשטאַלט. שטאַרקע מוסקולען ווי ביי אַ הערקולעס, ער האָט מוסטערהאַפט געקאָנט פאָהרען אויף יונגע פערד און גוט געוואוסט ווי צו בעגעהן זיך מיט געוועהר. ווען ער איז דורכגעגאַנגען די גאַסען פון שטאָדט, געהענדיג אַ מאָל הערען אַ תפילה אין דעם טעמפּעל סאַן־דזשיאָוואַני, אָדער בעת ער האָט סתם געשפּאַצירט ביים ברעג אַרנאָ, צווישען שמעקענדיגע פונאַנדערגעבליהטע לאָנקעס — האָט קיין דאַמע, וואָס האָט איהם בעגעגענט, זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און געמוזט זאָגען איהר חבר׳טע:

— אָט געהט הער גווידאָ, דער זוהן פון סעניאָר קאַוואַלקאַנטי. ער איז מילד און שען ווי דער היילינער גאָרג!...

מען האָט אויך דערצעהלט, אַז מאַדאָנאַ דזשעמאַ, סאַנדראַ בואָמאָנטע׳ס פרוי, האָט איהם איינמאָל אָנגעזאָגט דורך עמיצען, אַז מיט׳ן גאַנצען פלאַם פון דער נשמה האָט זי איהם אַזוי שטאַרק ליעב, אַז זי האָט מורא, זי זאָל ניט שטאַרבען פון דעם.

זיין געגענוואַרט איז געוועזען זעהר געוואונשען. אין די געזעלשאַפטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען פיעל יונגע אַריסטאָקראַטען פון פלאָרענציאַ. גאַנץ אָפט פלעגט מען פראַוועז ימים־טובים און בעלער, מ׳האָט איינגעאָרדענט פערשיעדענע געמיינזאַמע שפּיעלען, פערוויילונגען און געיעג, אַמאָל האָט זייער געמיינזאַמע ליעבע אויסגעגאָסען ביז אַזא

מדרגה, אז זיי האָבען זיך אַלע בעמיהט צו אָנקליידען זיך אין די זעלבע זאַכען.

נאָר הערר גווידאָ קאַוואַלקאַנטי האָט אויסגעמידטען אַלע געזעלשאַפטען: סיי פון דאַמען און סיי פון יונגע מענשען. זיין שטאָלצע איינגעשפּאַרטער גייסט האָט געפונען אַ צופרידענהייט נאָר אין איינזאַמקייט.

אָפטמאָל פלעגט ער זיך גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד פערשליסען ביי זיך אין צימער, אָדער איינם דעם זייגער אין מיט'ן נאַכט, ווען די שטערען צוגליהען זיך מיט אַ שטילען סוד'ען איבער'ן גאַנצען בלייכען הימעל, פלעגט ער איינער אַליין אַוועקגעהן שפּאַצירען צווישען די דעמבעס, אויף עמסקער וועג.

אויב ער האָט צופעליג עמיצען פון זיין גלייכען בעגעגענט האָט ער זיך בעמיהט וואָס ווייניגער צו רעדען מיט איהם, יענער פלעגט איהם ניט פערשטעהן.

די ניט נאַטירליכע פיהרונג מיט זיין פיעל־בעדייטענדע רעדען האָבען אַ מאָדנעם איינדרוק געמאַכט אויף זיינע חברים. מעהר ווי אַלע האָט זיך געקימערט הערר בעטטאָ ברונעלעסקי, ווייל ער האָט הערר גווידאָ'ן צערטליך ליעב געהאַט. זיין היימער פערלאַנג איז געווען אַריינצוברענגען גווידאָ'ן אין יענעם קרייז, צווישען וועלכען עס געפינען זיך די מאַטע רייכע און גרויסע אַריסטאָקראַטען פון פלאָרענציע, און פון וואַנען ער אַליין איז געווען. דען הערר בעטטאָ ברונעלעסקי האָט זיך גערעכענט אַלס אַ בלום פון דעם אַדעל און אַלע אַנ'אויסנעהמליכער קאַוואַליער פון גאַנץ טאָסקאַני, נאָך הערר גווידאָ'ן.

איינמאָל, ווען דער לעצטער איז אַריינגעקומען אין פּאָליש פון דער קירך סאַנטאַ־מאַריאַ, וואו די מאָנאַכען פון דאָמיניקאַנער אָרדען האָבען געהיט די ביכער, וואָס גריכען האָבען געבראַכט, — האָט הערר בעטטאָ, וואָס איז פונקט אין דעם מאָמענט פערבייגעפאָהרען, אַ רוף געטהון זיין פריינד.

— עי, מיין גווידאָ! — האָט ער צו איהם אַ געשריי געטהון, — וואוהין געהסט איהר אין אַזאַ פראַכטפאָלען טאָג? דאַכט זיך, אַז עס ציהט גאָר צו געהן אויף געיעג נאָך פויגלעך, איבער בערג און איבער פעלדער, אָדער צו בעהאַלטען זיך אין דעם פינסטערן שאָטען פון דעם דאָזיגען מאָנאַסטיר!... טהוט מיך צוליעב און קומט מיט מיר אין מיין הויז, וואו כ'וועל אייך שפּיעלען אויפ'ן פלייט און וועל דער־

ווייל האָבען אַ פערגניגען צו זעהן אייער שמייכעל.

— אַ שענעם דאַנק, — האָט געענטפערט הער גווידאָ, ניט אַ דרעה־טהוענדיג זאָגאר מיט'ן קאָפּ, — איך געה אויף אַ זעהונג מיט דער דאַמע.

און ער איז באַלד אַריין אין קירך, וועלכע ער איז איבערגעגאַנגען מיט גיכע טריט, נאָרניט קלערענדיג וועגען הער בעטטאַ, וואָס איז שטעהן געבליבען אַ ערשטשטוינטער, הערענדיג גווידאָ'ס ווערטער. דורך אַ ניעוערינע טהיר איז גווידאָ אַריינגעקומען אין מאָנאַסטיר. ער איז דורכגעגאַנגען די לענג פון וואַנד און זיך פערקליבען אין ביבליאָטעק, וואו סימא האָט געמאָהלט בילדער פון מלאכים. גריסענדיג זיך מיט דעם גוטען ברודער, האָט ער פון אַ גרויסען קאַרב אַרויסגענומען איינע פון די ביכער, וואָס זענען נאָר־וואָס געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איהם אוועקגעלעגט אויף אַ שטענדער און גענומען בלעטערן. דאָס בוך איז געווען וועגען ליעבע. אָנגעשריבען אויף דער גריכישער שפּראַך דורכ'ן געטליכען פּלאַטאָן. ער האָט אַ זיפץ געטהון; די הענד האָבען איהם געציטערט, די אויגען זענען פול געוואָרען מיט טרעהרען.

— אָ! — האָט ער אויסגעשריען — אונטער די פינסטערע צייכענס בעהאַלט זיך אַ וועלט, און איך זעה איהר ניט;

ער האָט גערעדט נאָר מיט זיך אַליין, ווייל אין יענע צייטען האָט מען די גריכישע שפּראַך אינ'ם מערב־געגענד אין גאַנצען פערגעסען.

טיעף אָבזיפצענדיג האָט ער גענומען דאָס בוך, איהם אַ קוש געטהון און צוריק אַריינגעלגט אינ'ם אייזערנעם קאַסטען, ווי אַ טויטען אין קבר. נאָכדעם האָט ער ביי'ם גוטען סימאָ געבעטען אַ כתב־יד פון ציצעראָנ'ס רעדעס, וועלכע ער האָט געלייענט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די נאַכט־שאָטענס האָבען, איינוויקלענדיג די אייביגגרינע בוימער פון גאָרטען, גענומען ציטערן מיט זייערע פליגעל אויף די זייטען פונ'ם בוך.

מעססער גווידאָ קאַוואַלקאַנטי האָט אין די אַלטע בעשרייבונגען געזוכט דעם אמת און די שווערע וועגען, דורך וועלכע דער מענש קאָן פערדינען אונשטערבליכקייט. מיט אַ ברענענדען דורשט האָט ער זיך געגריבעלט אין די ווערק פון די אַלטע חכמים און געלעהרטע און געוואָלט שטודירען די אייביגע ליעבע, וואָס פיהרט צו גוטס.

אין עטליכע טעג אַרום האָט בעטטאָ ברונעלעסציי אויסגעקליי־

בעְן אַ צײַט גאַנץ פריִה אויפ'ן מאָרגעְן און איִז געְקומעְן צו גוויִדאָ'ן כּדי איִהם צו פיִהרעְן איִן זײַן הויז.

עְר האָט איִהם געְטראָפעְן נאָך איִן געְלעְגעְר. אַ קוש טהועְנדיִג איִהם, האָט עְר זיִך מיִט צעְרטליִכקײַט געְוועְנדעְט צו איִהם:

— מײַן גוויִדאָ! מײַן גוויִדאָ! פיִהרט מיִך אַרויס פון אַ שווערעְ לאַגעְ. דיִ פעְרגאַנגעְנעְ וואָך האָט איִהר מיִר געְזאָגט, אַז איִהר געְהט איִן קיִרך פון מאָנאַסטיִר סאַנטאַ-מאַריאַ אויף אַ זעְהונג מיִט אַ דאַמעְ פון אײַעְר האַרץ. פון יעְנעְר צײַט אָן ברעְך איִך מיִר שטאַרק דעְם קאָפּ איִבעְר דיִ ווערטעְר, נאָר ווי עְס ווײַזט אויס, קאָן איִך ניִט איִפּפּערעְקעְן זײַעְר סודות'דיִגעְן געְדאַנק. איִך וועְל מיִך אַזוי לאַנג ניִט בעְרוהיִגעְן, ביִז וואַנעְן איִהר וועְט מיִר דאָס ניִשט עְרקלעְרעְן. איִך בעְט אײַך, גיִעְט מיִר דיִ עְרקלעְרונגעְן אויף וויִפיִעל נאָר איִהר קאָנט, ווײַל דאָ האַנדעְלט זיִך דאָך וועְגעְן אַ דאַמעְ...

העְרר גוויִדאָ האָט זיִך אַ וואָרף געְטהון פון געְלעְכטעְר. אָנשפּאַרעְנדיִג זיִך מיִט דיִ עְלעְנבויגעְנס אויפ'ן קיִשעְן, האָט עְר בעְטטאָ'ן אַרײַנגעְקוקט איִן דיִ אויגעְן אַרײַן.

— פרײַנד — האָט עְר איִהם געְזאָגט, — דיִ דאַמעְ, וועְגעְן וועְלכעְר איִך האָב פאַר אײַך געְרעְדט, פעְרמאָגט אַ סך וואוינונגעְן. איִן יעְנעְם טאָג, ווען איִהר האָט מיִך צו זיִך געְרופעְן, האָב איִך זיִ געְטראָפעְן איִן ביִבליאָטעְק פון סאַנטאַ-מאַריאַ. צום בעְדויערן האָב איִך נאָר געְהעְרט אַ העְלפט פון איִהרעְ רעְדעְס, ווײַל זיִ האָט געְרעְדט צו מיִר אויף צווײַ שפּראַכעְן, וועְלכעְ האָבעְן ווי האָניִג זיִך געְגאָסעְן פון איִהרעְ בעְ'כּשוף'דיִגעְ ליִפּעְן; פריִהעְר האָט זיִ פאַר מיִר געְהאַלטעְן אַ רעְדעְ אויף דעְר גריִכיִשעְר שפּראַך וועְלכעְ איִך האָב ניִט געְקאָנט פעְרשטעְהן, נאָכדעְם האָט זיִ אויסגעְדריִקט איִהרעְ שעְנעְ געְדאַנקעְן דורך דעְר לאַטײַניִשעְר שפּראַך, מיִט אַ גוואַלדיִגעְר חכמה. און איִך ביִן אַזוי צופריִעדעְן רעְדעְנדיִג מיִט איִהר, אַז איִך וועְל מיִט איִהר חתונה-האָבעְן.

בעְטטאָ האָט תמימות'דיִג געְזאָגט:

— זיִ מוז מן הסתם זײַן דעְם קאָנסטאַנטיִנאָפּאָלעְר קײַזעְר'ס אַ פּלעְמיאַניִצעְ, אָדעְר אַ „זײַטיִגעְ" טאָכטעְר... ווי רופט מעְן זיִ?

— אויב ס'וואָלט אויסגעְקומעְן צו געְבעְן איִהר אַ צעְרטעְליִכעְן נאָמעְן, ווי אַלעְ פּאָעְטעְן רופעְן זײַערעְ געְליִבטעְ, — האָט געְענטפעְרט גוויִדאָ, — וואָלט איִך זיִ אָנגעְרופעְן דיִאָטיִמאַ, צום אַנדעְנ-

קען דיאָטימאַ מענאַרסקאַ, וואָס האָט געוויזען אַ וועג יענע מענשען, וואָס טהוען גוטעס. נאָר אָפיציעל רופט מען זי „פילאָזאָפיע“, און דאָס איז דאָס בעסטע ווייב, וואָס מען קאָן נאָר געפינען, איך פערלאַנג גאָרנישט קיין אַנדערע, און זאָג צו די געטער, אַז איך בלייב איהר טריי און איבערגעגעבען ביז'ן טויט, וועלכער מאַכט אַ סוף מיט דער איסענשאַפט.

אויסהערענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט בעטטאָ זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן.

— איך גריס באַחוס'ן! — האָט ער געזאָגט, — איך האָב ניט פערשטאַנען די רעטעניש. פריינד גווידאָ, איהר האָט אַ שאַרפען שכל, וואָס האָט ווען עס איז געלויכטען אונטער די רויטע ליליען פון פלאָרענציאַ. איך בעגריס אייך צו דער חתונה מיט אַזאַ ווינענדע דאַמע. פון דעם צוזאַמענבונד וועט אָהן ספק געבוירען ווערען אַ לאַנגע רייהע פון סאָנעטען און פון באַלאַדעס. איך זאָג אייך צו, זאַלבען אייערע ליעבע קינדער אונטער די קלאַנגען פון מיין פלייט. איך בין נאָך מעהר צופריעדען מיט דער גייסטיגער חתונה, וואָס זי וועט אייך גאָר ניט שטערן, ווען די צייט וועט קומען, חתונה צו האָבען פיזיש, מיט אַ וועלכע עס איז וואוילע דאַמע פון שטאָדט.

— מיינט ניט, — האָט געענטפערט גווידאָ — אַז דער וואָס פייערט זיין חתונה פון גייסט, בעדאַרף מפרסם זיין פאַר'ן פראָסטען המון נאַראָנים, וואָס בעשטעהט פון סוחרים און בעלי־מלאכות. אויב איהר וואָלט אויך, אַזוי ווי איך, אַריינגעטראָטען אין אַ פעראייניגונג מיט מיין דיאָטימאַ, וואָלט איהר געוואוסט, אַז זי אונטערשיידעט צווייערליי סאָרטען מענשען. אַנדערע ווייסען אויסשליסליך פון פיזישער שוואַנגערשאַפט און זיי בעמיהען זיך גאָרניט אויפצוהויבען העכער איבער דער אונשטערבליכקייט, וואָס עס ברענגט מיט זיך די ווייטערע משפחה פון די שפּעטערדיגע דורות. און אַנדערע ווידער — די וואָס זענען זיך משדך מיט דער נשמה, ווייסען, אַז זי וועט שטענדיג געבוירען דאָס, וואָס עס פאַסט פאַר אַ נשמה, ד. ה. גוטעס און שענקייט. מיין דיאָטימאַ וויל, כ'זאָל זיין פון די לעצטע, און איך וועל טאַקי ניט טהון געגען איהר פערלאַנג, ווי אַ פרוכטבאַרע חיה.

הערר בעטטאָ ברונעלעסצשי האָט ניט געקענט איינגעהן אויף אַזאַ אויספיהר. ער האָט גענומען טענה'ן צו זיין פריינד, אַז אין לעבען מוז יעדער זאַך צוגעוועהנט ווערען צו דער נאַטירליכער מדרגה. נאָך דער

עפּאָכע פון פרייען בחור׳שען לעבען, קומט א צייט פון כבוד-זוכען און עס ענטוויקעלט זיך די נויגונג צו פערבינדען זיך מיט א וועלכע עס איז רייכע יחוס׳דיגע משפּחה, דורך וועלכע מען קאן דערגרייכען די העכס-טע שטעלען אין דער רעפּובליק, ווי צ. ב. א קאפּיטאן ביי מיליטער, ביים יוסטיץ אדעל.

נאר זעהענדיג, אז גווידא נעהמט אן זיינע עצות מיט אנ׳אויס-דריק פון עקעל, ווי איינער וואס זעהט ביטערע רפואות, האט ער לחלוטין אויפגעהערט צו רעדען אויף דער טעמע; ער האט געטראכט, אז בעסער ווי אלץ איז, צו פערלאזען זיך אויף דער צייט, וואס דורך איהר ווירקונג בייטען זיך הערצער און די הארטסטע געפיהלען.

— ליעבער גווידא, — האט ער פרעהליך אנגעהויבען — ער-לויבט דיך חאטש דיין דאמע צו ווייַלען זיך מיט יונגע מיידלעך און אנ-טייל נעהמען אין אנדערע פערוויילונגען?

— וואס אנבעלאנגט צו דעם, — האט געענטפערט גווידא, — בעמיהט זי זיך פיעל. למשל, ווען די גאס-בענגענישען מיט דעם הינטעל, וועלכען דו זעהסט א שלאפענדיגען נעבען מיין בעטעל, נאר — יא, קיין זאך איז ניט אזוי וויכטיג, אויב מען קוקט ניט אויף דעם.

בעטטא איז האלב-בעליידיגט אוועק געגאנגען. ער האט צו גווי-דא׳ן געפיהלט א טיעפע צערטליכקייט, און האט שוין מעהר ניט גע-קלערט וועגען צושטעהן צו איהם ער זאל אנטייל נעהמען אין די בע-לער און שפּיעלען, וועלכע זיי האבען איינגעאָרדענט אין פערלויף פון גאנצען ווינטער.

ניט ווייניגער ווי בעטטא האבען זיך געפונען בעליידיגט די יונגע-לייט פון זיין קרייז, אין וועמענס געגענווארט גווידא קאוועלקאנטי האט זיך ניט געוואלט געפינען. זיי האבען זיך גענומען חוזק מאכען פון זיין לייענען, און מיט וואס ער פערנעהמט זיך. זיי האבען געזאגט, אז פון די פערשריעבענע פארמעט, וואס איז עהנליך צו מאנאכען אדער מייז און מיט וואס ער שפּייזט זיך שטענדיג, וועט ער אויך ווערען פּונקט ווי זיי. און דאמאלס אז מאדאנא דזשעמא אפילו וועט איהם זעהען, וועט זי אויסשרייען:

— א, ווענערא, מיין בעשיצערין! וואס-פאר-א ווירקונג האבען די ביכער געבראכט אויף מיין שענהייט דעם הייליגען געארגי! איצט זעהט ער אויס ווי א נאכגעמאכטע קאריקאטורע; מ׳דארף איהם נאר געבען האלטען א שטיינערנע פען צווישען די פינגער!

זיי האָבען איהם אָנגערופען אלס אַ פערפיהרער פון געלעהרטע פריילינס און אלס שיק-יונגעל ביי פילאָזאָפען.

דערמיט אליין אָבער האָבען זיי זיך ניט בעגנוגענט, זיי האָבען אָנגעמערקט, אַז ער איז צופיעל געלערנט, ער זאָל בלייבען אַ'נעהרליכער קריסט; דערצו איז ער אָנגעלאָדען מיט דער לעהרע פון כשוף-מאַכעריי און רעדט שטענדיג מיט שדים.

— ער בעהאַלט זיך נאָר צוליעב דעם, — האָבען זיי געזאָגט, — כדי ער זאָל זיך קאָנען טרעפען מיט טייוולאָנים און דורך אַזעלכע שמוציגע מיטלען זיך דערשלאָגען צו גאָלד.

סוף-כל-סוף האָבען זיי איהם בעשולדיגט אין דעם, אַז ער האָט אַריינגעטרעטען אין דער סעקטע פון עפיקורעער, וועלכע האָבען שוין איבערגערעדט דעם נעאָפאָליטאַנישען קייזער און דעם רוימישען פויפּסט און האָבען געדראָהעט צו פערוואַנדלען די קריסטליכע פעלקער אין אַ סטאַדע פון חזירים. אַזוי האָבען זיי זיך אויך בעצויגען צו גאָט און צו דער אונשטערבליכקייט פון נשמה.

— ער וועט נאָך קומען דערצו — האָבען זיי געזאָגט, — אַז אַ דאַנק זיינע לעהרעס, וועט ער אויפהערען צו גלויבען אין די „דריי הייליגע“!

די דאָזיגע קלאַנגען, וואָס זיי האָבען פערשפּרייט, האָבען געקאָנט גווידאָ'ן לייכט אַ'נאומגליק ברענגען.

גווידאָ קאַוואַלקאַנטי האָט גוט געוואוסט, אַז אין די געזעלשאַפטען פון זיינע פריינד און חברים לאַכט מען זיך אויס פון זיין צוגעבונדענקייט צו די אייביגע פראַגען. און אַט צוליעב וואָס פלעגט ער אויסמיידען די לעבעדיגע און געזוכט די געגענוואַרט פון טויטע.

אין יענע צייטען איז די קירך סאַן-דזשיאָוואַנאַ געווען אַרומגערינגעלט מיט רוימישע טרונעס. גווידאָ פלעגט גאַנץ אָפט אַהין אַוועקגעהן און דאָרט אַבזיצען אין טיעפע געדאַנקען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ער האָט געגלויבט דעם פנקס, אַז דער שענער טעמפעל סאַן-דזשיאָוואַני האָט פריהער געהערט צו די געצענדיענער (הײדען), און נאָכדעם איז עס געוואָרען אַ קריסטליכע קירך. און דער געדאַנק איז געפעלען געוואָרען זיין נשמה, וואָס איז פערליעבט געווען אין די אַלטע סודות. זיין בליק האָט בעזונדערס זיך איינגעגראָבען אויף דעם אויסזעהן פון די טרונעס, וועלכע זענען ניט געווען מיט קיין צלמים, נאָר בעשטימטע לייטיינישע אויפשריפטען און בעציהרט מיט מאָהלונגען פון

געטער און מענשען. דאָס זענען געווען ווי לאַנגע פּליטעס פון ווייסען מאַרמאָר און אויף די ווענד פון די פּליטעס האָט מען געקאָנט זעהן בילדער פון סעודות, געיעגען, דעם טויט פון אַדאָניסאַ, דעם גע־פעכט פון די לאַפּיטען מיט די צענטאַווערען און אַנד. גווידאָ האָט מיט גייגיערינקייט געלייענט די אויפשריפטען און זיך בעמיהט צו געפינען דעם זין פון די אַלע אויסגעטראַכטע מעשיות. איינע פון די טרונעס האָט מעהר ווי אַלע דערוועקט זיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל אויף איהר זענען געווען אויסגעמאָלט צוויי בילדער „אַמור", וועלכע האָבען געהאַלטען צו פאַקעל אין האַנד, איהם איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס עס הערייטען די ביידע אַמור'ן.

און איינמאָל ביינאַכט, אַז ער האָט זיך פערטיעפט אין דעם שטאַרקער און איינגעשפּאַרטער ווי שטענדיג, האָט זיך פון אונטער אַ דעקעל פון אַ טרונע אויפגעהויבען ווי אַ שאָטען, און דער שאָטען איז געווען אַ לייכטענדער; מ'האָט געקאָנט זאָגען, אַז דאָס איז די לבנה, וועלכע מען זעהט, דאַכט זיך, פאַר די אויגען, אָדער מען בילדעט זיך איין, אַז מ'זעהט זי דורכ'ן וואָלקען־שלייער.

ביסלעכווייז האָט זי אָנגענומען דעם געשטאַלט פון אַ שען מעדעל און האָט גענומען רעדען מיט אַ מעהר צערטליכע שטים, ווי אַ שפּאַ־ציער־שטעקעל (טראָסטינע), וואָס ווערט געפּאַכט דורכ'ן ווינד:

— מיך, וועלכע רוהט דאָ אין דער טרונע, רופט מען יוליאַ לעטאַ. אין דער צייט ווען מען האָט געפייערט מיין חתונה איז פער־שוואונדען געוואָרען די ליכטיגקייט פון מיר. כ'בין דאַמאָלס אַלט געווען זעכצעהן יאָהר מיט דריי חדשים און ניין טעג. עקזיסטיר איך פון יענער צייט־אָן, צי נישט? איך ווייס ניט... פרעגט ניט, אָ, פרעמדער, די טויטע — דען זיי זעהען גאָרניט און אַ טיעפע פינסטערניש רינגעלט זיי אַרום. מען זאָגט, אַז די, וואָס דערוויסען זיך שוין דאָס גרויזאַמע שפּיעל פון ווענערא, שפּאַציערען אום אין אַ געדיכטען וואַלד פון מירטען־בוימער. פאַר מיר, וואָס איך בין שוין געשטאָרבען, האָט דער שלאָף פערטריעבען די חלומות; אויף מיין טרונע האָט מען אויסגעמאָלט צוויי אַמור'ן. איינער ערשיינט פאַר די מענשען, כדי זיי צו געבען די ליכטיגקייט פון טאָג; דער צווייטער — כדי אויף אייביג צו פערלעשען איהר. ביי זיי ביידען איז איינס און דאָס זעלבע געשטאַלט און דער זעלבער שמייכעל, ווייל דאָס געבוירען און דער טויט זענען נאָהענ־טע ברידער און אַלץ אויף דער וועלט איז נאָר אַ שפּיעל ביי די אונ־

שטערבליכע געטער. איך האָב געזאָגט".

די שטים איז אַנטשוואונדען געוואָרען, ווי דער שאַרף פון בלעטער, ווען דער ווינד ווערט איינגעשטילט. דער ליכטיגער שאָטען איז צושוואו־מען געוואָרען אין די שטראַהלען פון דעם מיט גראָז־בעוואַקסענעם, בלאַנ־קענדיגען בארג. שטום און בלאַס זענען געוואָרען די טרוגעס פון סאַנ־דזשיאַקאָמאָ ביים שיין פון טאָג. און גווידאָ האָט זיך פערטראַכט:

— דער אמת, וועלכען איך האָב פאַרגעפּיהלט, האָט זיך פאַר מיר געעפענט. צי דען איז ניט געזאָגט געוואָרען אין די ביכער, מיט וועלכע די פאַפּעס בענוצען זיך, אַז — „די טויטע וועלען דיך ניט לוי־בען, גאָט!" ? די טויטע האָבען ניט קיין בעוואוסטזיין, און דער געט־ליכער עפּיקור האָט זיך זעהר קלוג בעגאַנגען, בעת ער האָט ער־קלערט די לעבעדיגע די אומזיסטע מורא פאַר'ן צוקינפטיגען לעבען.

א גרופּע רייטער, וואָס איז פערביי־געפאָהרען האָט געשטערט די רוהיגקייט פון זיינע מחשבות. דאָס איז געווען בעטטאָ ברונעלעסטשי מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע, וועלכע האָבען זיך געלאָזט צו די קוואַלען פון פערעטאָלי, כדי צו פאַנגען בושלעס.

— אָט איז דער פילאָזאָף גווידאָ! — האָט איינער פון זיי, באַקי־דראַ לויט'ן נאָמען, אויסגעשריגען — אָט איז דער, וואָס פעראַכטעט אונז פאַר אונזער וואוילקייט, רייכקייט און פרעהליכעס לעבען; סאָראַ אומעטיגען אויסזעהן ער האָט!

— דאָס איז ניט אָהן אורזאַכען, — האָט געענטפערט הערר דאַרע מיט גרוים ליצנות, — די דאַמע פון זיין הארצען — די לבנה — האָט נאָך די צערטליכע קושען אין פערלויף פון דער נאַכט זיך אַוועק געלאָזט איצט הינטער די בערג, צו שלאָפען דאָרט מיט א וועלכען־ניט־איז פאַסטוך. און אין איהם האָט זיך אָנגעצונדען די איפערזוכט, טהוט א קוק ווי ער איז געל!

זיי האָבען א שמייך געטהון די פערד און איהם אַרומגערינגעלט אַרום די טרוגעס.

— פריינד דאַרע — האָט געזאָגט הערר באָקאָ — די לבנה איז צו קיילעכדיג און זויבער פאַר אַזאַ פינסטערן ליעבהאָבער. אויב איהר ווילט זיך בעקענען מיט די דאַמען פון זיין הארצען, טאָ אָט זענען זיי דא. ער טרעפט זיך מיט זיי אויף אַזאַ געלעגער, וואו די פליי בייסען איהם ניט שוואַכער ווי עקדעשען!

— פוי! פוי. דו אָבשטויסענדער אַבערגלויבער! — האָט געזאָגט

הערר דזשיאָרדאַנאָ, — אָט וואוהין עס פערפיהרט די ווּיסענשאַפט! לייקענען אין גאָט און הויבען זיך אָן צו גריבלען אויף די געצענדינער־שע בית־עולם'ס!

צוטוליענדיג זיך צו דער וואַנד פון דער קירך, האָט גווידאָ רוהיג אויסגעהערט די באַמערקונגען וועגען איהם. ווען ער האָט געזעהן, אַז זיי האָבען שוין אויסגעלעדיגט די גאַנצע שוים פון זייערע פוסטע מוחות, האָט ער זיי שמייכלענדיג געענטפערט:

— געעהרטע קאַוואַליערען, איהר געפינט זיך ביי זיך! איך בין אייער גאַסט און לויט'ן כלל פון אַנשטענדיגקייט מוז איך שווייגענדיג אויסהערען אייערע באַליידיגונגען!

דאָס זאָגענדיג, האָט ער איבערגעשפרונגען די טרעפּ (?) און זיך רוהיג דערווייטערט. מיט צווייפעל האָבען זיי גענומען קוקען איינער אויפ'ן אַנדערן. און נאָך אַן'אַלגעמיינעם הילכיגען געלעכטער, האָבען זיי אַ פיהר געטהון מיט די שפּאָרען איבער די פערד און זענען ווייטער גע־פאָהרען. אויפ'ן וועג צו פערעטאָלי האָט הערר באָקאַ געזאָגט צו הערר בעטטאָ:

— איצט קאָנט איהר אפילו ניט צווייפלען, אַז דער דאָזיגער גווידאָ איז פון זינגען אַראָב. ער האָט אונז געזאָגט, אַז אויפ'ן בית־עולם זענען מיר ביי זיך, און צו זאָגען אַזאַ זאַך דאַרף מען קיין פער־שטאַנד ניט האָבען.

— איך מוז מודה זיין, — האָט געענטפערט בעטטאָ, — אַז איך ווייס ניט וואָס ער האָט געמיינט, רעדענדיג אַזוי מיט אונז. שטענדיג דריקט ער זיך אויס מיט רעטענישען; און מיט דער פראַזע האָט ער אונז געוואָרפען אַ ביין, וועלכען מען דאַרף פריהער צוגריזען, כדי צו דערשלאָגען זיך צו זיין מאַרך.

— און איך, — האָט הערר דזשיאָרדאַנאָ געזאָגט, — וועל מיין הונד אָבגעבען ניט נאָר דעם ביין, נאָר אפילו דעם וואַרפער, דעם אפיקורס!

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי צוגעקומען צו די קוואַלען פון פע־רעטאָלי, פון וואַנען די בושלעס הויבען זיך גרופּענווייז אויף אין דער לופט, ווי נאָר עס ערשיינט דער מאָרגענשטערן. די גאַנצע צייט פון גערעג, וואָס איז געווען העכסט געלונגען, האָט הערר בעט־טאָ ברונעלעסקי ניט אויפגעהערט צו טראַכטען איבער גווידאָ'ס ווער־טער. און סוף־כל־סוף איז ער דערגאַנגען צו זייער זין. דאַן האָט ער

זיך געווענדעט צו הערר באקא:

— הערר באקא, קומט אהער! איך בין דערגאנגען דעם געדאנק, וואס הערר גווידא האט אונז געוואלט זאגען. ער האט געזאגט, אז אויפ'ן בית-עולם זענען מיר ביי זיך אין דער-היים דערפאר, ווייל פראסטע מענשען זענען געגליכען צו טויטע, וועלכע האבען ניט, לויט דער מיינונג פון די עפיקורעער, קיין בעוואוסטזיין.

דריקענדיג מיט די פלייצעס, האט הערר באקא געענטפערט, אז ער קאן בעסער ווי אנדערע שפיעלען זיך מיט א מעסער געגען שונאים, אדער פערפיהרען א יונג מיידעל, און די צאהל פון וויסען איז גאנץ גענוג פאר איהם.

הערר גווידא קאוואלקאנטי האט נאך איינינע יאהר פארטגעזעצט צו שטודירען די לעהרע פון ליעבע. ער האט פערקערפערט זיינע געדאנקען אין א ווערק, וועלכע איז ערטעררווייז ניט געוועזען גוט פערשטענדליך און דאס ארויסגעגעבען אין א בעזונדער בוך, וואס האט ארויסגערופען אנ'אונגעהויערע בעגייסטערונג. נאר אזוי ווי די סאמע ריינע נשמות בלייבען ניט שטענדיג אויסער דער ווירקונג פון די ערדישע ליידענשאפטען און דאס לעבען מיט זיין משוגענעם גאנג איז פעהיג פיעל צו פערגלעטען — האט פאסירט אזוי, אז מיט דער צייט האט אויף הערר גווידא געהאט א גרויסען איינדרוק דער ערדישער כח און פון איינענ-ליעבע און כבוד האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון מעניאר פארינאטא אובערטא, דער זעלבער וואס האט א מאל רויט געמאכט א ר ב י א מיט פלארענטיש בלוט. מיט'ן גאנצען פייער פון זיין גאוה'דיגער נשמה האט ער זיך אריינגעלאזט אין א בירגער-קריעג. אלס זיינע דאמען האט ער אויסגעקליבען מאנדעטא און דזשיאוואנא, פון וועלכע איינע איז געוועזען אויף דער זייט פון די אלבינאציעס און די אנדערע — פון די גיבבעלינער.

אין יענער צייט איז די שטאדט חרוב געווארען דורך דער היימישער קריעג, וואס איז פארגעקומען צווישען צוויי צדדים — צווישען די שווארצע און ווייסע. איינמאל, אז די מעהר בכבוד'יגע תושבים פון שטאדט האבען זיך צונויפגעקומען אויפ'ן פלאץ פרעסקאבאלדי: די ווייסע פון איין זייט און די שווארצע פון אנדער זייט, כדי צו אנטייל נעהמען אין דער לויה פון איינע א בערימטע דאמע, האבען

זיך די דאָקטוירים און די פּני אַריפּגעזעצט, לויט׳ן מנהג, אויף הויכע בּיינק און די יונגע=לייט אויף ראָגושעס, וואָס זענען אויסגעשפּרייט ג[illegible]ען אויף דער ערד. און אַז איינער פון די לעצטע האָט זיך אויפגעשטעלט צו פערריכטען דאָס פּאָרהעמדעל, האָבען די קעגענאיבּערדיגע געמיינט, אַז דאָס דראָהעט ער זיי, און זיי האָבען זיך אויך אויפגעשטעלט אין זייער רייהע און זיך גענומען פאַר די שווערדען; אַלע אַנוועזענדע האָבען ענטפּלעקט דאָס געוועהר. די קרובים פון דער געשטאָרבּענער האָט פיעל מיה געקאָסט, כּדי ניט צו דערלאָזען קיין געשלעג.

און פון יענער צייט האָט פלאָרענציאַ אויפגעהערט צו זיין אַ רוהיגע שטאָדט פון שטילער אַרבּייט און געמיינזאַמקייט; זי האָט זיך פערוואַנדעלט ווי אין אַ וואַלד, וואו די וועלף פרעסען איינע די צווייטע. הערר גווידאָ האָט אויך אַנטייל גענומען אין די שרעקען. ער איז געוואָרען פינסטער, אונרוהיג און האָט מענשען פיינד געקריגען. אויף די גאַסען פון פלאָרענציאַ, וואו ער האָט אַמאָל געטראַכט און געטיעפט זיך אין די איינגעשאַפטען פון נשמה, איז איהם איצט יעדען טאָג אויסגעקומען צו וועהרען און שלאָגען זיך מיט די „שוואַרצע". נאָכדעם, אַז די מערדער האָבען איינגעגראָבען איינינגע קינזשאַלען אין זיין לייב, האָט מען איהם אָבגעשיקט אינאיינעם מיט זיין פּאַרטיע אין אַ זיבּערע שטאָדט סאַרצאַנאַ. זעכס חדשים נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געמוטשעט אין פיעבער. און ווען מ׳האָט די „ווייסע" צוריק איינגעליידען, האָט ער זיך אַ שטאַרבּענדער אומגעקעהרט אין זיין איינענער שטאָדט.

דאַמאַלס איז געווען דאָס יאָהר 1300, עטליכע טעג נאָך אַ גרויסען יום=טוב. הערר גווידאָ האָט אָנגעשטרענגט זיינע גאַנצע כּחות און זיך אַוועקגעשלעפּט צו זיין ליעבען טעמפּעל סאַן=דזשיאָוואַני. אַני איינגעבויגענער פון ליידען און פערטאַטערטקייט, האָט ער זיך צוגעלעגט אויף דער טרונע פון יוליאַ לעטאַ, וועלכע האָט איהם אַ מאָל ענטפּלעקט די סודות, וואָס זענען פרעמד די נאַראָנים און אַבּערגלויבּער. ס׳איז פּונקט געווען יענע שעה, ווען די גלאָקען מיט זייער אומעטיגען קלאַנג זאָגען אָן, אַז די זון פערגעהט. הערר בּעטטאָ בּרונעלעסצשי, אומקעהרענדיג זיך פון זיין דאָרפישע הייזעל און פערבּייגעהענדיג דעם דערנעבּענדיגען פּלאַץ, האָט בּעמערקט צווישען די טרונעס צוויי בּרענענדיגע אויגען אויף אַ מאָגער=אויסגעדאַרטען פּנים. ער האָט דערקענט זיין יוגענד=פריינד, און אַ געפיהל פון פרייד און

פערוואונדערונג האָט אַרומגענומען זיין נשמה.

ער איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אַ קוש געטהון, ווי אין דער פערגאַנגענער צייט און אַבזיפצענדיג געזאָגט:

— מיין גווידאָ! מיין גווידאָ! וואָס פאַר אַ פייער האָט דיך אַנגעצונדען ביז אַזאַ מדרגה? פריהער האָסטו מקריב געווען דאָס לע־בען פאַר שטודירען וויסענשאַפט, און נאָכדעם — פאַר קהל'שע זאַ־כען. איך בעט דיך, פערלעש די היציגקייט פון דיין נשמה!

גאָר הערר גווידאָ האָט אַרויפגעלעגט די האַנד אויף זיינע ליפּען:

— שטיל, שטיל! — האָט ער געזאָגט — רעדט מעהר ניט, פריינד בעטטאָ. איך ערוואַרט די דאַמע פון מיין הארצען, יענע, וואָס וועט מיך טרייסטען נאָך אַזוי פיעל אומגליקליכע ליעבעס, וואָס האָבען מיך אויף דער וועלט פערלאָזט און וועלכע איך האָב פער־לאָזט. די זעלבע ליידען, די זעלבע שווערע געדאַנקען. דאָס ווייס איך. דאָס שלעכטס בעשטעהט ניט אין דעם, וואָס מען לעבט, ווייל איך זעה, אַז דו, מיין פריינד בעטטאָ, פיהלסט זיך גאַנץ גוט און אַזוי אויך פיעל אַנדערע. דאָס גאַנצע שלעכטס בעשטעהט נאָר אין'ם דערוויסען־זיך, אַז דו לעבסט. דאָס שלעכטס איז אין'ם וויסען און אין פערלאַנג. צום גליק איז פאַרהאַן אַ רפואה אויך געגען דעם. לאָמיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם: איך ערוואַרט די דאַמע פון מיין הארצען, געגען וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געשולדיגט, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געצווייפעלט אויף וויפיעל טריי און צאַרט זי איז, אויף וויפיעל ס'איז שטיל און רוהיג דער שלאָף אויף איהר ברוסט. פיעל מעשות האָט מען דערצעהלט וועגען איהר געלעגער און וועגען איהר וואוינונג. נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט די אויס־געטראַכטע ליגענס. און מאַקי דעריבער קוממט זי צו מיר ווי אַ פריינד צו אַ פריינד, מיט אַ שטערן, וואָס איז בעצירט מיט בלומען און מיט שמייכלענדיגע ליפּען!...

דאָס זאָגענדיג איז ער אַנטשוויגען געוואָרען און איז געפאַלען אַ טויטער אויף אַנאַלטע טרונע. זיין קערפער איז אָהן שום צערמאָניעס בעגראָבען געוואָרען אין'ם מאָנאַסטיר סאַנטאַ־מאַריאַ.

איבערזעצט א. ז.

א. ס. טורגעניעוו.

וועלט־אונטערגאַנג.

I

אַ חלום.

ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך געפין מיך ערגעץ אין רוסלאַנד, עפּעס אין אַ העק, אין אַ איינפאַכען דאָרפישען הויז.

אַ צימער אַ גרויס, אַ נידעריג, אויף דריי פענסטער; די ווענד ווענען אויסגעשמירט מיט ווייסע פאַרב; קיין מעבעל ניטאָ. פאַר'ן הויז אַ הוילע, גלאַטע שטרעקע; אַלץ נידעריגער און נידעריגער גייעט זי אַוועק אין דער ווייט; אַ גרויער איינפאַרביגער הימעל הענגט איבער איהר, ווי אַ לייליך.

איך בין ניט איינער אַליין; אַ מאַן צעהן געפינען זיך מיט מיר אין צימער. אַלץ פּשוטע מענשען, איינפאַך געקליידט; זיי געהען אַרום הין און צוריק, קריינן און קווער, שווייגענדיגערהייד, גלייך ווי זיי גנב'ענען זיך. זיי מיידען אויס איינער דעם אַנדערן — און דאָך חאַרפּען זיי זיך איבער אָהן אויפהער מיט אונרוהיגע בליקען.

קיין איינער ווייס ניט צוליעב וואָס ער איז אַריינגעפאַלען אין דער שטוב און וואָס פאַר אַ מענשען זענען עס מיט איהם? אויף אַלע געזיכ־טער איז אונרוהיגקייט און אַבהענגיגקייט... איינער נאָך איינעם געהען אַלע צו צו די פענסטער און קוקען זיך אויפמערקזאַם אום, ווי זיי וואָלטען אויף עפּעס וואַרטען פון דרויסען.

דערנאָך הייבט מען ווייטער אָן צו שלייכען זיך הין און צוריק. צווישען אונז דרעהט זיך אַרום אַ קליין יונגעל; פון צייט צו צייט פּישצעט ער אויף אַ דינעם, איינטאָניגען קול: „טאַטינקע, איך האָב

מוֹרא!" — עס איז מיר ניט גוט אויפ'ן האַרצען פון דעם קווײטשען — און איך האָב אויך אָן מוֹרא צו האָבען... פאַר וואָס? ווייס איך אַליין ניט. נאָר איך פיהל: עס געהט און דערנעהענטערט זיך אַ גרויסער, גרויסער בראָך.

און דאָס יונגעל, דאַכט זיך, הערט נאָר אויף — און הייבט דאָך ווייטער אָן צו קווײטשען. אַך, ווי געהט מען אַוועק פון דאַנען! ס'אַראַ שטיקעניש! ס'אַראַ מידיגקייט! ווי שווער... נאָר אַוועקגעהען איז אונמעגליך.

אָט דאָס הימעל — ווי תכריכים-לייוועגט. און קיין ווינד איז ניטאָ... איז דען אָבגעשטאָרבען די לופט, צי וואָס?

פּלוצים האָט דאָס יונגעל אַ שפּרונג געטאָן צו'ם פענסטער און האָט מיט דעם זעלבען וויינענדיגען קול אַ געשריי געטאָן: „קוקט נאָר! קוקט! די ערד איז איינגעזונקען!"

— „ווי הייסט? איינגעזונקען? — אין דער אמת'ען: פריהער איז פאַר'ן הויז געווען אַ גלייכע שטרעקע — און איצטער שטעהט עס אויפ'ן שפּיץ פון אַ מורא'דיגען באַרג! — דער הימעל-קרייז איז איינגעפאַלען, איז אַראָב אין דער נידער — און פון רעכטען הויז אָן לאָזט זיך אַראָב כמעט אַ ווערטיקאַלער ווי אָנ'אָבגעראָבענער, שוואַרצער שפּוע.

מיר האָבען זיך אַלע אַרומגעקליבען אַרום פענסטער... אַ שרעק פערקיהלט אונזערע הערצער. — „אָט איז עס!" מורמעלט מיין שכן.

און אָט הייבט זיך עפּעס צו בעוועגען איבער דער גאַנצער לענג פון דעם ווייטען ערד-גרעניץ, עס הויבען זיך אויף און עס פאַלען קליינע, עטוואָס קיילעכדיגע בערגלעך.

„דאָס איז דער ים!" איז אונז אַלעמען אין איין אויגענבליק איינגעפאַלען. — „באַלד וועט ער אונז אַלעמען פערטרינקען... אָבער ווי אַזוי קען ער עס וואַקסען און הויבען זיך אין דער הויך אויף דעם שפּוע?"

און דאָך וואַקסט ער, וואַקסט מורא'דיג גרויס... שוין ניט קיין איינציגע בערגעלעך שלײַדערן זיך עס אין דער ווייט,.. איין גאַנצע אונגעהויערע חוואַליע האַפּט אַרום דעם גאַנצען הימעל-קרייז.

זי פליהט, זי פליהט אויף אונז! — ווי אַ פראָסט-שטורעם טראָגט זי זיך און דרעהט זיך אין אַ שטאָק-פינסטערניש. אַלץ אַרום האָט אָנגעהויבען צו ציטערן — און דאָרט, אין דער מאַכינע וואָס

פליהט אַן, — פלאַצט עס, און עס דונערט, און אַנ'איינזערנעס געבייל פון מוזענדער העלזער . . .

האַ! ס'איז רעוען און וואָיען! דאָס האָט די ערד זיך צעוואויעט פאַר שרעק . . .

אַ סוף צו איהר! צו אַלץ אַ סוף!

דאָס יונגעל האָט ווידער אַ קוויטשע געטאָן . . . איך האָב מיך געוואָלט אָנהאַפּען אָן די חברים — נאָר מיר זענען שוין אַלע צוקוועטשט, פערגראָבען, פערטרונקען, פערשלעפּט פון יענער, ווי טינט שוואַרצער אייזקאַלטער, דונערדיגער חוואַליע!

חשך . . . אייביגער חשך!

קוים אָבעטעמענדיג, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט.

II

די אַלטע.

איך בין געגאַנגען איבער אַ ברייטען פעלד, איינער אַליין,

און פּלוצים האָט זיך מיר אָבגעדאַכט ווי עפּעס גרינגע, פאַר־זיכטיגע שריט הינטער מיין פּלייצע . . . אימעצער איז מיר נאָכגעגאַנגען פוס־טריט.

איך האָב מיך אומגעקערט — און האָב דערזעהן אַ קליינינקע, איינגעהויקערטע אַלטעשקע, אינגאַנצען איינגעדרעהט אין גרויע שמאַטעס, ס'אַלטעשטקעס געזיכט נור האָט זיך פון אונטער זיי געזעהען: אַ געלס, צוקנייטשטס, מיט אַ שפּיציגעס נעזעל, אָהנציינדיגעס געזיכט.

איך בין צו איהר צוגעגאַנגען . . . זי האָט זיך אָבגעשטעלט. — ווער ביזטו? וואָס דאַרפסטו? דו ביזט אַ בעטלערין? וואַרסט אויף אַ נדבה!

די אַלטע האָט ניט געענטפערט. איך האָב מיך אָנגעבויגען צו איהר און האָב בעמערקט, ווי ביידע אויגען זענען איהר פערצויגען מיט אַ האַלב־דורכזיכטיג, ווייסליכעס הייטעל, ווי עס טרעפט ביי מאַנכע פויגעל: זיי שיצען מיט איהם זייערע אויגען פון אַ צו שאַרפער

ליכטיגקייט.

נאר ביי דער אלטער האט זיך דאס הייטעל ניט בעוויזנט און האט ניט אויפגעדעקט קיין שווארצאפלען... פון וואנען איך האב גע־דרונגען, דאס זי איז בלינד.

— ווילסט א נדבה? — האב איך מיין פראגע ווידערהאלט. — וואס געהסטו מיר נאך? — נאר די אלטע האט מיר ווי פריהער גאר־נישט געענטפערט, און האט זיך נאר איינגעקארטשעט.

איך האב מיך אבגעקעהרט פון איהר און בין אוועק מיין וועג.

ערשט איך דערהער ווידער הינטער זיך די זעלבע לייכטע, גע־מאסטענע, שלייכענדע טריט,

— ווידער די פרוי! — האט זיך מיר א טראכט געטאן: — וואס האט זי זיך צוגעטשעפעט צו מיר? — נאר איך האב גלייך צוגעגעבען אין געדאנקט: — ממתמא, האט זי בלינדערהייד פערבלאנזשעט, און געהט מיר יעצט נאך מיינע טריט לויט'ן געהער, כדי מיט מיר אינאיינעם זיך ארויסצושלאגען צו א ישוב. יא, יא; ס'איז אזוי

נאר עפעס א מאדנע אונרוהיגקייט האט ביסלעכווייז בעהערשט מיינע געדאנקען: ס'האט זיך מיר אנגעהויבען אויסדאכטען, דאס די אלטע ניט נאר זי געהט מיר נאך, נאר זי ווענדעט מיך, זי שטויסט מיך דא אויף רעכטס, דא אויף לינקס, און ניט ווילענדיגערהייט פאלג איך זי.

דאך געה איך ווייטער... נאר אט שווארצט זיך עפעס פון פא־רענט, מיר אויפ'ן רעכטען וועג. און ס'ווערט אלץ ברייטער... עפעס א גרוב... „א קבר!” האט עס מיר א בליץ געטאן אין קאפ. — אט וואוהין זי שטופט מיך!

איך גיב מיך א קעהר אום אויף צוריק. די אלטע איז ווידער פאר מיר... נאר זי זעהט! זי קוקט אויף מיר מיט גרויסע, שלעכטע, בייזע אויגען... אויגען פון א רויב־פויגעל... איך רוק מיך אן צו איהר פנים, צו איהרע אויגען... ווידער די זעלבע פערהויכטע הייטעל, דער זעלבער בלינדער, טעמפער אנגעזיכט...

„אך — קלעהר איך... — די אלטע — דאס איז מיין שיקזאל. דער שיקזאל, וועלכען דער מענש קען ניט אויסמיידען!”

„ניט אויסמיידען! גיט אויסמיידען! — וואס פאר א משוגעת... מען דארף זיך פרואווען.” און איך ווארף מיך אן א זייט, אין אנ'אנדער ריכטונג.

איך געה געשווינד ... נאָר גרינגע טריט שלײַכען ווי פריהער הינטער מיר, נאָהענט, נאָהענט ... און פון פאָרענט ווידער אַ פינ־סטערע גרוב.

איך קעהר מיך ווידער אין אַנ'אַנדער זײַט ... און ווידער דער זעלבער שאָרעך פון הינטען, און דער זעלבער בײַזער פלעק פון פאָרענט.

און וואוהין איך וואַרף מיך נים, ווי אַ פערטריבענער האָז ... אַלץ דאָס זעלבע, דאָס זעלבע!

„שטעה! — קלעהר איך. — איך וועל זי אַקאָרשט אויסנאַרען! איך וועל אין ערגעץ נים געהן! — און אין איין אויגענבליק זעץ איך מיך אויף דער ערד.

די אַלטע שטעהט פון הינטען, פאַר צוויי טריט פון מיר. — איך העהר זי נים, נאָר איך פיהל, אַז זי איז דאָ.

און מיט אַ מאָל דערזעה איך: יענער פלעק, וואָס האָט זיך גע־שוואַרצט פון דער ווײַטען, שווימט, פויזעט אַליין צו מיר!

גאָט! איך קוק מיך אום אויף הינטען ... די אַלטע קוקט גלײַך אויף מיר — און דער מויל אָהן ציין איז אויסגעקרימט אין אַ גע־לעכטעריל ... — וועסט נים אויסמײַדען!

III

מאַשאַ.

וואָהנענדיג — פיעל יאָהרען צוריק — אין פעטערבורג, פלעג איך יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגט זיך מאַכען דינגען אַ פוהרעל, פאַר־פיהרען אַ שמועס מיט'ן פוהרמאַן.

איבערהויפט האָב איך ליעב געהאַט צו שמועסען מיט די נאַכט־איזוואָשציקעס, אָרמע פוירים פון אונטער'ן שטאָדט, וואָס פלעגען אָנ־פאָהרען אין דער הויפּשטאָדט מיט, משטײַנס געזאָנט, אַ שליטעל, מיט אַכרע אָפגעפאַרבט און מיט אַ שטיקעל קלאַטשע, האָפענדיג פאַרדיענען אוי זיך צו'ם לעבען אוי דעם פריז פאָראַטקעס.

אָט, האָב איך אײַנמאָל גענומען אַזאַ מין פוהרמאַן ... אַ יאָט פון

אַ יאָהר צוואַנציג, אַ הויך געוואַקסנער, אַ שלאַנקער, אַ העלד אַ בחור; אויגען בלויע, באַקען רויטע; בלאָנדע האָר קרייזלען זיך רינגלעך־ווייז פון אונטער אַ פערלאַטעטער שטיקעל היטעל, אַנגערוקט איבער די סאַטע ברעמען. — היינט אַנ׳אַרמיאַק! ווי האָט זיך עס נאָר אָנגעצויגען אַזאַ שמאַטע אויף די פּאָר פּלייצקעס.

דאָך האָט דאָס שענע, נאָך ניט בעוואַקסענע געזיכט אויסגעוויזען צו זיין אומעטיג, פערכמאַרעט.

איך האָב זיך מיט איהם פונאַנדערגעשמועסט, ערשט אין זיין שטים הערט זיך אויך אַנ׳אומעט.

— וואָס איז, ברוהער? — פרעג איך איהם. — וואָס ביזטו עפּעס ניט פרעהליך? וואָס פאַר אַנ׳אומגליק דערנעהמט דיך?

ניט גלייך האָט מיר דער יאַט אָפּגעענטפערט.

— ס׳איז דאָ, פּריץ, אַזוינס, פאַראַן, — האָט ער זיך ענדליך אויסגערעדט. — און אַזוי, ראָס מען דאַרף גאָר בעסער ניט... דאָס ווייב איז מיר געשטאָרבען.

— דו האָסט זי ליעב געהאַט... כ׳מיין, דעם ווייב דיינעם?

דער יאַט האָט זיך ניט אומגעקעהרט צו מיר; נאָר דעם קאָפּ אַ ביסעל אָנגעבויגען.

— ליעב געהאַט, פּריץ. שוין אַכטער חדש... קען נאָך אַליץ ניט פאַרגעסען. עס נאָגט ס׳האַרץ... און גאָר! און וואָס, דאַכט זיך, האָט זי געהאַט צו שטאַרבען? אַ יונגע! אַ געזונדע!.. אין איין טאָג די חלירע פערכאַפּט.

— איז זי ביי דיר אַ גוטע געווען?

— אַך, פּריץ! — האָט ער שווער אַ זיפץ געטאָן. — ווי די טייבעלעך האָבען מיר דאָך געלעבט! אָהן מיר, נעבעך, אויסגעגאַנגען. איך האָב נאָר דערהערט דאָ, אַז מען האָט זו, הייסט עס, שוין מקבר געווען, — האָב איך מיך גלייך געלאָזען אין דאָרף אַריין, אַ היים. געקומען צו פאָהרען — איז שוין נאָך האַלבע נאַכט געווען. בין איך אַריין צו זיך אין שטוב, געשטעלט זיך אין דער מיט, און גיעב עס אַ זאָג אַזוי שטיל, קוים מען הערט: „מאַשאַ, אַ מאַשאַ!" אַ גריל נאָר גרילצט. — אָט האָב איך מיך פונאַנדערגעוויינט, געזעצט זיך אויף דער פּאָדלאָגע — און מיט׳ן האַנד אַז איך דערלאַנג עס ניט אַ זעץ אָן דער ערד! — ניט אָנזעטיגען דיין בויך!... — זאָג איך. — אויפגעפרעסען האָסטו זי... פרעס שוין מיך אויך אויף! —

אַך, מאַשאַ!

— מאַשאַ! — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ פּלוצלונג געבראָכע־נעם שטים. און ניט אַרויסלאָזענדיג פון האַנד די שטריקלעך פון די־לײַצעס, האָט ער אויסגעקוועטשט מיט'ן הענטשיקע אַ טרעהר פון אויגען, האָט עס אָפּגעטרײַסעלט, אָבגעוואָרפען אָן אַ זײַט, האָט אַ פּיהר געטאָן מיט די פּלײַצעס — און מעהר האָט ער שוין קײַן וואָרט ניט אַרויס־גערעדט.

אַראָבקריכענדיג פון שליטעל, האָב איך איהם געגעבען אַנ'איבע־ריגען גילדען. — ער האָט זיך מיר גאַנץ נידעריג אַ נויג געטאָן, האַל־טענדיג זיך מיט בײַדע הענד פאַר'ן היטעל — און האָט זיך אַוועקגע־שלעפּט טריט בײַ טריט איבער'ן שנײַ־טישטוך פון דער לעערער גאַס, וואָס איז געווען פערגאָסען מיט אַ גרויען נעבעל פון יאַנואַר־פראָסט.

איבערזעצט פון ט. ק.

אליעזר שטיינבערג.

די צוויי רויזען.

כ'האָב אַמשל פון צוויי רויזען אויסגעטראַכט;
איינע
איז אַ שענע
נור געמאַכט
פון פּאַפּיר און דראָט;
און די צווייטע — געל פערשמאַכט,
כאָטש פון גאָרטען ערשט געבראַכט.
און זיי ביידע גראָד
ליגען אויף איין טיש זיך — „טייערע שכנה!
— זאָגט די ערשטע מיט אַ קרעכץ —
זאָג! וואָס האָסטו אַזאַ פּנים אַזאַ שלעכטס?
ביזט געוועזן אַמאָל, דאָך נאָר אַ שענע
מען דערקענט נאָך אויף דיין פּנים
פון דיין שיינקייט די סימנים.
נו, דערציילסט זשע וואָס דיר פעהלט,
וואָס די ביסט אַזוי פערגעלט
גאָר געוואָרען אויף סכנות,
בנאמנות
כ'קאָן ניט קוקען פאַר רחמנות!
— „גאָרטען... הייסע שטראַהלען... פרישער טהוי...
שטאַמעלט יענע, אוי, עס בענקט זיך מיר אַזוי!
— ס'בענקט זיך? עט — עט! אויך אַצרה!
פרישער טהוי און הייסע שטראַהלען! — מיין כפּרה!
גלויב מיר, שוועסטער, ערגערסט זיך אומזיסט,

איך האב פון די גליקען קיין מאל ניט געוואוסט
און עס האט מיר — דאנקען גאט!
קיינמאל, כ'לעבען, ניט געשאדט
הערסטו? כ'וועל דיר זאגען גאר א סוד:
דאכט זיך, סערדצע, דיינע נערוועען זענען שוואך
און דערפאר, זיי מוחל, רעדסטו גאר ניט צו דער זאך,
פלאפעלסט נארישקייטען... פלוידערסט פוסטע פראזען!
ווען זאלסט האבען נערוועען אט ווי איך פון אייזען!..
— „עט! האקט איבער די פערשמאכטע, — כאטש איך וואינע
שטראף מיך גאט צו בין איך דיך מקנא:
איידער לעבען אייביג טרוקען
און ניט בליהען קיינמאל,
בעסער שטארבען און כאטש איינמאל
מיט אטראפען טהוי זיך קוויקען!..

הערמאַן באַנג.

ער און זי.

(פראַגמענט).

א וואונדערליכער אראמאט האט זיך אין צימער געפיהלט, נאר דאס איז נישט געווען דער גערוך פון היאצינטען, העליאטראפען אדער ראזען, און בכלל נישט פון קיין בלומען — ניין, עס האט זיך אויסגעדאכט, אזוי ווי עס וואלט אין דער אנגעהיצטער לופט פון יעדער גארדינע, פון יעדען פורפורנעם פארהאנג, פון די שווערע טישטיכער אויף די טישען און פון די קישעלעך אויף די שטוהלען, א ליעבליכער אויפרעגענדיגער דופט זיך אויסגעהויכט און ס'איז אט דערפון דושנע, אז עס איז כמעט נישט מעגליך צו עטהעמען...

ארום סוף זומער, אין אויגוסט, טרעפען טעג, ווען די היץ איז אזא פיינליכע, און אין דער לופט טראגט זיך אום א געוויטער, און עס דופטען די בלומען טאפעלט שארפער, און דער פערשפעטיגטער זשאסמין און די העליאטראפען בערוישען דאן און פערשכור'ען מיט זייער אראמאט.

דאס זענען יענע טעג פון זומער, וואס אי ער איז צו בליהט דער זומער אין זיין שענסטען פראכט, אי ער האלט ביים אבשטארבען

דער שיין פון דער גרויסער לאמפ האט זיך צוגאסען איבער די בארדא־אטלעסענע פארטיערען און געלויכטען און געפינקעלט צווישען די קליינינקייטען אויף די עטאזשערקעס און זיך צולעגט איבער די ווייכע צייכנונגען אויפ'ן דיוואן, און דער בארדאר אטלעס האט געשימערט און געשיינט, אזוי ווי די פלאמענדיגע ווייטרויבען פון א ווינשטאק, וואס פינקלען, זיך אבשפיגלענדיג אין די זונען־שטראלען, זאגאר אונטער דעם שאטען פון די בלעטער. און אזוי האבען געגלאנצט ביי דער

ווייכער בעלויכטונג, די פּאַרטיערען איבער די טהירען, די טישטיכער אויף די טישען און דער זיידען־שטאָף, מיט וועלכען די שטוהלען זענען איבערגעצויגען . . . און די אָבגלאַנצען פון די פלאַמען אין קאַמין האָבען זיך צוגליטששט אויף אלע זייטען, לוסטיג זיך שפּיעלענדיג מיט די ראָזען־בוקעטען אויפ'ן טעפּיך. איבער דער פאַנטהערין־פעל פאַר'ן קאַמין בייטען זיך נאָכאַנאַנד שיין און שאָטען, און פון דער טונקעלקייט ציהען זיך אוים די ליניען אמאל פאָראויס און אמאל טרעטען זיי אָב צוריק.

די גרויסע לאָמפּ צוגיעסט א העלע שיין נאָר אויפ'ן טיש ארויף און אויף יענעם, וואָס זיצט דאָרט איבערגעבויגען איבער א בוך, ער — א יונגלינג, מיט ווייכע, כמעט קינדערשע געזיכטסציגע און די בעקעלעך מיט די קלאָרע בעמערקבאַרע הערלעך, ווי ביי פרויען. און ווען דער אנטיקען־קינסטלער זאָל געוועזען דאַרפען שאַפען די סטאַטוע פון יונגען אויגוסט וואָלט ער דאָן אויסגעטאָקט אַזאַ שטערן און אַזעלכע ליפּען.

זיינע גרויסע אויגען קוקען פאַר זיך אַזוי פער'חלומ'ט, פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען שטענדיג אַנ'ענטפער אויף א פראַגע ערוואַרט. ער איז נאָך א יונגלינג — זאָגאַר די שטימע זיינע קלינגט אַזוי שטיל, ווי ביי א פרויענצימער, און צערטליך, ווי ביי א קינד, ווען עס בעט אמאל וואָס . . .

און זי זיצט, אנגעלעהנט אויף די קישענס איבער'ן דיוואַן, און הערט זיך איין, האַלטענדיג דעם קאָפּ אויף א האַנד אנגעשפּאַרט, מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען, — א ריכטיגע י ו נ אָ נ ע.

פון הינטער די שוואַרצע שפּיצען ארום האַלז בלייבט זיך ארויס דאַס קרעם־שטאָף פון העמד, און עס בעוועגט זיך הויך די ברוסט הינטער דעם טונקעלען אטלעס.

די האַנדשוה האָט זיך אראָבגעלאָזט און פון קיילעכיגען גלאַטען אָרעם האָט זיך געזעהן די נאַקעטע רונדע האַנד ביז צום עלענבויגען. איהר געזיכט איז אין שאָטען: פולע רויטע ליפּען, א גלייכע נאָז און א ניעדעריגער שטערן, וואָס איז בעדעקט מיט געקרייזעלטע לאָקען. און די אויגען פינטלען הינטער די אראָבגעלאָזטע וויהעס, אַזוי ווי פערפּיז־רענדיגע פייערלעך, וואָס צינדען זיך פלוצלינג אָן און לעשען זיך פלוצלינג אוים.

זי איז אָבער זעהר צעטראַגט און טרוימט מעהר, ווי זי הערט. זיי לייענען „יאַזאָן מיט'ן גאָלדענעם פליעס".

א שפּאַציער־גאַנג אין די אַלעען. א זעהונג פון א פּאָרעל אונטער

די בוימער פון זאאלאגישען גארטען.

זי ווייסט, אז ער ליינט וועגען ליעבע, און זיין שטימע קלינגט אב אין איהר הארץ, ווי שטיל פליסענדע מוזיק, וואס זי אליין דערפיהלט מיט ווערטער. נאר אז ער מישט איבער א בלעטעל און הויבט אויף זיין בליק, בעגעגנען זיך דאן זייערע אויגען, זיינע מיט אג'אונטערטעניגע במעט שרעקענדיגע פראגע אין זיי, איהרע — פינקעלדיג מיט א שטראהלענדיגער שיין און אויפרייצענדיג. און ביים ליינען פיהלט ער מיט אנגסט, ווי עס קלאפט איהם שרעקליך דאס הארץ און עס שטיקט איהם אין האלז.

ביסלעכווייז הערט זיין שטים וואס אמאל שטילער, דאס גערויטעלטקייט אויף די באקען ענדערט זיך אויף א בלייכקייט, און דער גלאנץ פון די אויגען הויבט אן פייכט און מאט צו ווערען...

ארום איהם שלאגט אב דער באָרדאָר אטלעס, פונקט ווי דער שלומענדער געפעל אין דער טונקעלקייט פון דער קירכע, און אז ער הויבט אויף די אויגען בעגעגנען זיי זיך מיט איהרע בליקען.

מיט א ציטערענדיגער האנד מישט ער די בלעטער פון בוך, פלוצלינג דערפיהלט ער אזא קעלט אין די ביינער, אז עס דאכט זיך איהם, דאס ער פערליערט דאס בעוואוסטזיין.

זי לעהנט זיך נאך בעקוועהמער אן אויף די קישענס איבער'ן דיוואן און קרייזעלט זיך די לאקען מיט די פינגער.

ער האלט שוין אצינד ביי פעליקס טאג-בוך. די בוכשטאבען שווינדלען איהם פאר די אויגען, עס בערוישט איהם די שווערע לופט פון צימער, ער פיהלט, אז ער דארף זיך א ביסעל אבפרישען, אבקיהלען, מיט די צייהן קריצען. און פונדעסטוועגען שוידערט עס איהם פון קעלט. עס דאכט זיך, אז אט-אט גיט ער א מאדנעם הויכען געשריי, כדי צו פערטויבען אין זיך דאס שטורמדיגע בלוט, וואס קלינגט איהם אין די אויערען, נאר די ווערטער בלייבען איהם אבער אין האלז שטעקען... נאך א סעקונדע, צעוויינט ער זיך — יא, ער קען שוין די טרעהרען נישט איינהאלטען.

זי האט אצינד אינגאנצען פערמאכט די אויגען. עס ציטערן ביי איהר די ברעמען און די נאז-פליעגעל ציטערן.

„אזוי ווי דאס גינגאלדענע וואסער קען נישט שטילען דעם דורשט פון דעם, וואס האט פונ'ם שיף-ברוך געליטען, אזוי זעגען מיך נישט אומשטאנד צו בערוהיגען איהרע העפליכע רייד"

„אָרימער פּעליקס“, פלּיסטערט ער.

„פאַרוואָס? ער האָט געדאַרפט דען שטאַרבען?“

„געדאַרפט דען שטאַרבען?“ ער פערמאַכט דאָס בוך און קוקט זי אַן. עס פיהלט זיך איהם עפּעס ווי אַ נעפעל פאַר די אויגען.

„געוויס, זיין ליעבע איז דאָך נאָר אַ טרוים געוועזן“.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און אַ שמייכעל געטהון.

„אָבער וואָס פערשטעהט איהר דען פון ליעבע, — איהר זייט דאָך נאָך אַ קינד!“

אַ קינד, ניין, עד איז שוין נישט קיין קינד, ער ליעבט דאָך ווי אַ מאַנספאַרשוין ליעבט, זי ווייס דאָך עס, זי דאַרף עס דאָך וויסען.

זעהט נאָר ווי פּאַמעליך זי געהט אום איבער'ן צימער, בעוועגענדיג אַזוי גראַציעז מיט די רונדע היפטען, מיט די רונדע קרעפטיגע היפטען.

אין מיטען צימער האָט זי זיך אומגעדרעהט צו איהם און געשמייכעלט. איז דען געמאָלט אַז נאָך אַ פרויענצימער זאָל קאָנען אַזוי שמייכלען? אַזוי פערפיהרעריש, בערוישענדיג. ווי זיעס איין איינציגען קוש אַבצודריקען אויף אַזעלכע שמייכלענדיגע ליפּען... די באַקען זיינע פלאַמען, די ליפּען ברענען, אויפ'ן שטערן האָבען זיך איהם די אָדערן אָנגעצויגען. אָ, ווי עס לעכצען זיינע ליפּען!

זי האָט זיך אויסגעשטרעקט צו איהם האַלב ליעגענדיג אין דער שאָקעל־שטוהל פאַר'ן קאַמין.

„די ליעבע דאַרף צו לעבען“, האָט זי שטיל געפליסטערט, גיכער צו זיך אַליין, איידער צו איהם, „ליעבע — דאָס איז לעבען, און זיין ליעבע איז אַ טרוים נאָר געוועזן“.

זי שווייגט. דאָס בלוט רוישט איהם אין די אויערען, נאָר פונ'ם גערויש אַרוים הערט ער איהרע ווערטער; זיי קלינגען פאַר איהם פרעמד, ווי זיי וואָלטען געקומען צו איהם פון ערגעץ ווייט, ווייט. ער קוקט אויף איהר מיט זיינע גרויסע פער'חלומ'טע אויגען. האַלב ליעגענדיג איז זי אויף דער שטוהל, און עס קושט דער אָבגלאַנץ פון די פלאַמען אין קאַמין איהרע האָר פון קאָפּ. זעהט נאָר, ווי עס גליטשט זיך די שיין איבער'ן צימער!... ווען ער וואָלט אַצינד געקאָנט זעהן איהרע אויגען — אַזעלכע פינקעלדיגע, מיט די פייערלעך, אַזוי ווי פריהער. זי האָט אָבער אָבגעקעהרט פון איהם דאָס געזיכט און זיך פערקוקט אויף די פלאַמען... ווי ער ציטערט; די גאַנצע צייט דאַכט זיך איהם אַז אָטאָט דערוועגט ער זיך, פונקט ווי עס וואָלט איהם וועמענס אַ האַנד מיט

לאַנגע ביינערדיגע פינגער ביים האַלז געשטיקט.

וואָס — זאָל ער אַנטלויפען? אַנטלויפען פון דאַנען, אַנטלויפען אויף דער פרישער לופט... אָדער וואָס — זאָל ער...? ניין, דאָס איז דאָך אונמעגליך, ער וועט עס נישט וואַגען, ער וועט עס נישט וואַגען...

ער מוז אָבער רעדען. דאָס שווייגען דאַרף מען איבעררייסען. עס קען שוין נישט דויערן לענגער. און וואָס עס געהט אַוועק אַ סעקונדע, ווערט עס אַלץ שווערער... און זי רעדט אויך נישט קיין וואָרט, קיין איין וואָרט נישט.

נאָר אינדעם דרעהט זי זיך אום און שמייכעלט צו איהם. ער זעהט זי ווי דורך אַ נעפּעל, אַזוי ווי זי וואָלט געווען ערגעץ ווייט, זעהר ווייט... זי ליעגט ערגעץ ווייט און שמייכעלט צו איהם מיט אַ לויטער שטראַהלענדיג געזיכט.

„יאָ, ליעבע און לעבען״, פליסטערט זי.

נאָכדעם שווייגט זי אַ סעקונדע:

— לעבען.

— לעבען.

— אָטהעם און לעבען.

און אויפ׳סניי קלינגט עפּעס, אָט פונקט אַזוי ווי אַן׳אָבשטאַרבענ־דיגער אַקאָרד אין מיטען דעם פערמוטיגענדען שטורם פון זיינע איבער־לעבונגען. דען ער דאַרף דאָך נאָר די האַנד אויסצושטרעקען, בעריהרט ער שוין גלייך איהרע פּראַכטפאָלע לאָקען...

אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף דער האַנד, קוקט זי אויף איהם אַהינ־שע ווייכע מיט דורכדרינגענדיגע בליקען, און ענדליך זאָגט זי צו איהם: „קינד״.

טויזענדער צערטליכקייטען פערמאָגט דאָס איינע וואָרט; ווי טוי־זענדער קושען איז עס און ווי טויזענדער ליעבעס־ווערטער.

„גרויס קינד — איהר זענט אַ גרויס קינד״. און גלייך ווי זי וואָלט איהם וועלען בערוהיגען, גלעט זי מיט דער האַנד איבער זיינע האָר.

דאָס האָט איהם אינגאַנצען פער׳שכור׳ט. ער האָט אַ חאַפּ געטהון די האַנד, און שטאַמלענדיג עפּעס ווערטער, וואָס ער האָט זיי פּיליכט אַליין אויך נישט פערשטאַנען, האָט ער מיט גיעריגע ליפּען איהרע פינגער געקושט...

יעקב שטײנבערג.

אין װעג.

I

כ׳פֿאָהר פֿאַרטאָג מיט מידע פֿערד
אַלץ איז אומעטיג פֿערקלערט,
חמורע שטעהען הוילע בוימער,
גראָה. דער הימעל, חאָטש עס טאָגט.
ס׳װײנט מײן האַרץ פֿאַר מיר און קלאָגט:
װײַטער שלעפּסטו זיך, דו טרוימער!
ס׳שװעבט אַנ׳אומעט אויף דער ערד,
כ׳פֿאָהר פֿאַר טאָג מיט מידע פֿערד.

כ׳פֿאָהר פֿאַר טאָג מיט מידע פֿערד.
שװײַג, מײַן האַרץ, מיר איז בעשערט:
דאָרט װאו אַלע זוכען רוה
קאָן מײַן בליק נישט זוימען לאַנג;
עפּעס בעסערס טהוט מיר באַנג,
כ׳װײס נישט װאָס דאָס איז און װאו;
עפּעס בעסערס בין איך װערט —
כ׳פֿאָהר פֿאַר טאָג מיט מידע פֿערד.

II

ס'לויפט דער צוג און שיט מיט פונקען,
נאָר עס בלײַבט די הערבסט־נאַכט שוואַרץ;
ס'האָט די פינסטערניש פערטרונקען
גאָר די וועלט און גאָר מײַן האַרץ.
כ'פאָהר און ס'ווערט מײַן אומעט גרעסער;
וואָס? וואוהין? איז דען נישט בעסער
טהון אַ שפרונג אין שניי און רעגען,
גלײַך דער פינסטערניש אַקעגען!

האָסט געפיהלט אַמאָל די פײַן
שטענדיג בײַז און אײַנזאַם זײַן,
דאָס וואָס לעבט און גאָר די וועלט,
זון און שטערען, ליכט און קעלט,
שענע פרויען, קלוגע מענער;
וואָס ס'איז מאוס און וואָס ס'איז שענער,
און די נאַכט איצט און דעם צוג —
האָבען פײַנד...

גענוג, גענוג!

יעקב פאַט.

אין אַ רעגענדיגען טאָג.

(עסקיז)

I

עטליכע טעג האָט זיך שוין געקליבען אויף רעגען. פריהער זענען געווען אַ סך סמנים, אַז דער רעגען וועט אַרויספאַלען, פון פאַרנאַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן האָבען זיך וואָלקען אָנגעטראָגען, אָנקומען אָנגעהויבען וויַיסט אַלײַן ניט פון וואַנען ...

פאַרנאַכט איז שוין די ערד געלעגען אַ אויסגעצויגענע מיט אַ מאָדנעם טונקעלען אומעט אין שוים, אָנגעברייט צו מקבל זײַן עפּעס אַ לײַבליכע שטראָף. אין דערהויך איבער איהר איז אַ מאָדנער געטומעל אין דער שטיל פאָרגעקומען ...

אַז די נאַכט איז שוין געשטאַנען אויפ'ן שוועל, איז דער רעגען אַרויסגעפאַלען. פריהער האָט אַ גאָס געטהון צו ביסלעך און אויפגעהערט. אונגערן און ניט זיכער אַ שפּריץ און מעהר ניט. דערנאָך איז דער רעגען אַרויס. אַלײַן איז די ערד געלעגען, נאַקעט אין פריהמאָרגען, ווען דער רעגען איז אַרויס. קײַן אײַן לעבעדיגער מענש איז דעמאָלסט געווים ניט וואַך געווען. די וואָס האָבען אַ לײַכטען שלאָף, האָבען זיך אויפגעכאַפּט, דרויסען-צו געקוקט און געמאַכט צו זיך:

— אַ היבשער רעגען ...

ביי אַנדערע האָט זיך נאָר עפּעס אין מח געפּלאָנטערט און זיי האָט זיך זעהר געשמאַק געשלאָפען.

ביים ערשטען דונער האָבען זיך פון אונטער אַ קוסט ביי'ם עק וואַלד צושראָקענע אויפגעכאַפּט חיענקע און פלטיאל. דער ערשטער

האָט זיך אַ כאַפּ געטהון פלטיאל! דאָס היטעל איז ניט געווען געבען איהם. ניט ווי׳סענדיג אַליין, וואָס ער טהוט, האָט ער מיט די פינגער איהר אַ זוך געטהון און זי איז אין די הענד ניט אַרייַנגעפאַלען. אַ העלפט האָט ער זיך אויפגעהויבען, פערשלאָפען מיט פערזשמורעטע אויגען אַרויפגעקוקט אין דערהויך, ביַיז כעס׳דיג און פאַרט גלאַט אין דער וועלט אַריין געקוקט און געמאַכט:

— אָ, אַ רעגען, . . .

חיענקע האָט לכתחלה ניט דערפיהלט, וואָס דאָ איז. זי האָט געוואָלט ווידער איַינשלאָפען. פלטיאל האָט איהר אַ שטויס געטהון מיט׳ן פּוס.

— חיענקע . . . חיענקע . . .

זי האָט זיך אַ צווייטען מאָל אויפגעזעצט, מטושטש אַרייַנגעקוקט, די הענד אין די האָר אַרייַנגערוקט, די אויגען נאָך ניט אינגאַנצען אָפּען, איין פּוס וויַיט פערקאַשערט, און געמאַכט:

— אַ רעגען גיסט . . .

מעהר איַינשלאָפען האָט מען שוין ניט געקענט. דער רעגען איז געוואָרען שטאַרקער. ס׳רוישט. אַ דיקער נעבעל וויקעלט אַלץ אין זיך איין. מעהר ווי אַרום צעהן טריט זעהען ניט די אויגען. עפּעס צאַמט און פּענטעט די פּיס. לייַכט שאָקעלט זיך דערנעבען אַ צווייַגעל און אומעטיג צו זיך: אַזוי . . . אַזוי . . .

אַ היבשע וויַילע זענען זיי פערגאַפטע געזעסען: ניט געוואוסט וואָס צו טהון. פעלד. נאַס. דער הימעל בויגט זיך צו דר׳ערד אַראָב און מען קען גאָרניט די אויגען אויפהויבען אין דערהויך אַרייַנצוקוקען. זענען זיי געזעסען ביז פלטיאל האָט זיך אויפגעכאַפּט:

— עט, מיר׳ן געהן . . .

אַז זיי האָבען זיך אויפגעהויבען זענען זיי ביידע געווען אויסגעווייקט.

זי איז געווען אין אַ הוילע דינע, אַלטע קאָפּטקעלע אַריבערגעלאָזען איבער׳ן ציצענעם קלייד. דער קאָפּ איז געווען ביי איהר הויל און ניט צוגעדעקט. דאָס ביסעל האָר — נאַס, צודרעהט, פלעקלעך, דער געלבליכער פּנים האָט געציטערט. חציפ׳יש גלאַט אויף דר׳ערד אַראָבגעקוקט און עפּעס געשמייכעלט. ער — די הויזען פערדרעהט אויף דערהויך, שמאָלע, פערבונדענע מיט אַ שניר׳על. אַנ׳אַלט געקעסטעלט ציצען העמד און אויף אויף דעם אַ טונקעל רעקעל מיט צוריסענע

קעשטעניעס. זענען זײ געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט אײנע די אַנדערע.
דער רעגען האָט זיך שטאַרקער גענומען. דערנאָך איז אַ דונער געװען.
זײ האָבען זיך אונגערן קורץ צולאַכט...

— װאוהין? — האָט זי געפרעגט.

— װײס איך... — האָט ער געענטפערט.

II

טאָג-צו איז שוין די ערד געלעגען אַ אָבגעלאָזענע, אַ אױסגעװײקטע און לופט האָט געחמורעט. געאומערט. אָהן אױפהער האָט דער רעגען געגאָסען. גלאַט אַזױ, אָהן אַ ציעל, נאָר מחמת אומעטיגקײט װעגען...

די קיה האָט מען דעם טאָג צום פעלד ניט געטריבען. אין שטוב זענען מענשען געזעסען. װער ס'קען — אַ אומעטיגען נגון האָט פערצױגען, גלאַט אַזױ געריסען זיך. אַזױ מאָדנע האָבען זיך געשאָקעלט אהין און צוריק צװײַגען און געזשומט, גע'רעש'ש, געפלױדערט:

— פערלאָזען... פערלאָזען...

חיענקע מיט פלטיאל'ן זענען געקומען צו זאָשען. זײ האָבען איהר געטראָפען נאָר אַ שלאָפענדיגע.

— זאָשע, פריצים...

זי האָט זײ אַרײַנגעלאָזען. זאָשע איז אַ גויע פון אַ יאָהר פיערציג, שכור'ט שטענדיג און לעבט פון אײגענע פערדיענסטען.

— דער רוח טראָגט אײַך...

זאָשע האָט זיך אױפגעזעצט אױפ'ן בעט. פערלענט הינטער זיך אַ פוס, די האָר צושױבערט און דאָס האַרץ צוהראַשצעט, אױסגעצױגען און צושפרײט די פינגער פון די הענד, געקלאַפּט, געפּאַטשט איבער די פּים און צושמײכעלט זיך:

— געמײנט פריצים...

דערנאָך האָט זי דורכגעריבען איהר פּנים, די האַנד אַרײַנגע-שטעקט אין די האָר, פערקוקט זיך צום פענסטער, דעם פּנים פער-קרימט:

— ס'אַראַ רעגען...

אָנגעקלאַפּט פלטיאל'ן אױפ'ן פלײצע און געמאַכט:

— אי ליאַ—ליאַ—אַי—אַי —

חיענע האָט זיך אויסגעצויגען אויפן בעטעל. זאָשע האָט, ניט קוקעגריג אויף איהר, געפּאַטשט איהר איבער׳ן פּנים און אָט וואו זי האָט געטראָפען, האַלב זאָרגלאָז און האַלב אומעטיג געמאַכט:

— חיענע, חיענע, אַ בראָך צו דיר...

פלטיאַל׳ן האָט עס אַ טיאָחקע געטהון אין האַרצען: דער שוואַרץ יאָהר ווייס עס... פאַר אַ פאָר יאָהר פריהער איז חיענקע זיין מיידעל געוועז... מאָטעל קלאָפּ׳ס בת־יחידה׳קע...

נאָר צו ער האָט אין דעם גלייך פערגעסען. צו וויל דער רעגען איז שטאַרקער געוואָרען, האָט זי אויסגעצויגען אויף צוויי שטוהלען און געמאַכט:

— אַי—ליאַ—אַי—ליאַ — —

זאָשע מיט חיענקען האָבען אהים אָנגעקוקט. זיין צוריסענער רעקעל האָט אַראָבגעהאָנגען פון שטוהל צו דר׳ערד־צו, דער רעגען האָט געפּאַטשט אין פענסטער און גע׳חוזק׳ט...

— זאָשע, גיב עפּעס העסען...

זי האָט געשאָקעל׳ט מיט׳ן קאָפּ און געשמייכעלט. דער פּנים האָט ביי איהר אויסגעזעהן אַזוי נישט געשטויגען נישט געפלויגען, פוסט און פּאָס. חיענע האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענד און געמאַכט צו פלטיאַל׳ן:

— מאַר, וויבער—וויבער—וויבער—— אַ בראָך צו דיר...

III

אין שטיבעל איז געשטאַנען אַ רויך. זאָשע איז געזעסען אויפ׳ן פענסטער, די באָרפיסע פיס געהאַלטען אויפ׳ן טיש און מיט זיי געהאָרפּען שטיקלעך ברויט צו פלטיאַל׳ן. זי האָט געראויכערט אַ שלעכטען, שטאַרקען טאַבאַק איינגעוויקעלט אין אַ ווייס פּאַפּיערעל. אויפ׳ן בעטעל איז געזעסען פלטיאַל און אויף זיינע קניה — חיענקע.

אַ שווערער טומעל איז אין קאָפּ געשטאַנען. חיענקע וויל נאָך בראָנפען. זי וויל אַליין געהן קויפען. זאָשע קלויבט זיך גאָרניט פורנאַנדער און שרייט און דער הויך גלאַט אַזוי:

— נאָך ! . . . נאָך ! . . .

חיעקע שפּרינגט אַראָפּ פון זײַנע קניה, וואַרפט אַראָפּ זאָסשען פון פענסטער און זעצט זיך אַליין אַרויף. זי עפנט איהם. אַ ווינד מיט אַ רעגען כאַפּען זיך צו. נאַס ווערען איהרע האָר. זי שטעקט דרויסען־צו אַרויס דעם קאָפּ, קלאַפּט מיט די פּיס אָן וואַנד און שרײַט :

אַ רעגען, אַ רעגען,
די כּלה געלעגען . . .

זאָסשע בלײַבט אויפ'ן מיטען שטוב אַ באָרפיסע און ווייס ניט, וואָס צו טהון. ניט דערוויכערט דעם פּאַפּיראָס און זי וואַרפט איהם אַוועק. איהרע אַ ביסעל אויסגעקרימטע אויגען פערקרימען זיך מעהרער און ס'בעווייזען זיך כמעט הוילע ווײַסלען. דערנאָך קריכט זי צו צו פלטיאַל'ן, און זעצט זיך אויף דער ערד. חיענקע פון פענסטער קוקט איהר נאָך די גאַנצע צײַט און צום סוף מאַכט זי :

— שכור . . . שכור . . .

פלטיאַל'ן פּלאָנטערט זיך אין קאָפּ אַ טיפע הויזען־קעשענע... צוויי טײַסטערלעך, איינער אַ גרויסער און איינער אַ קליינער . . . אַ זייגערעל מיט אַ קעטעלע . . . אַ דיקער ביכעל און אַ סך פערשריבען אין איהם .. דוכט זיך איהם, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו חיענקען איהר אַ שטויס געטהון און פון פענסטער אַראָבגעוואָרפען. לאַכט ער. לאַכענדיג דערמאָנט ער זיך אין וואָס ס'איז אַמאָל געווען, ווערט גרויס בײַ זיך און זאָגט אין דער הויך :

— צוויי יאָהר אויפ'ן טראַקט . . .

ער האָט ניעדעריגער אַראָבגערוקט דעם דאַשעק פון היטעל, אײַן פוס אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן ווענדעל פון בעטעל, געזאָגט עפּעס זעהר אַ מאוס וואָרט, צוגעפײַפט, צו חיענקען, עפּעס מיט די אויגען געוואונקען . . .

זאָסשע, וועלכע איז נעבען איהם געזעסען, האָט גלאַט אַזוי, פון גוי'ש־חוזק וועגען ניעדריגער אַראָבגעריסען דעם פוס פון פלטיאַל'ס רע־קעל־קעשענע, געקוקט אויף איהם און אויף אַ מאָדנעם אופן געלאַכט . . .

דער רעגען איז אַ ביסעל לײַכטער געוואָרען. אָהן אַ רעש, דין נאָר געדיכט איז ער שנעל געפאַלען. העלערע וואָלקענס האָבען איינע און די אַנדערע איבער'ן הימעל אומגעלאָפען. אַ ווינדעל האָט אָבער אָנ־געיאָגט פון דער ניעדער אַ גרויסען וואָלקען אַרויסצו, אין דער הויך אויף די הימלען.

חיענקע איז אַראָב פון פענסטער. פּלטיאל האָט זיך אויפגעהויבען פון בעטעל. צוגעשפּיעלעט זיין רעקעל. אויפגעשטעילט דעם קאָלנער און געקליבען זיך צו געהן.

— פּיידיאָם! — האָט געמאַכט זאָסשע.

אַלע דריי זענען זיי אַרויס.

IV

וואָהין צוגעהן איז ניט געווען, זיי זענען אַוועק צום פעלד, פון פעלד — צום וועלדעל. דער וועג אַהינצו איז אַ בעקאַנטער. זונטאָג-טעג איז זאָסשע דאָרט שטענדיג דאָ און טרינקט ביי'ן פעלד ביער מיט נוים, אַמאָל קומט אויך אַהינצו חיענקע.

אויסגעווייקטע, מיט אַראָבגעלאָזטע צווייגען זענען געשטאַנען די בלומען. אַ לאַנגע, ווייטע און חמורע אומעטיגקייט. ס'פּאַלט אַ זאַך ... אין רעגטען מיטען און איז ניט מפסיק! גיסט אָהן אַ תכלית. דער, וואָס פיהרט די וועלט, האָט אַזאַ גרויסען פעהלער געמאַכט, ער קען שוין צוריק ניט כאַפּען און געלאָזען געהן, ווי ס'געהט. אָהן אַ מנהיג איז די וועלט.

פול זענען די הימלען מיט וואַסער. קיין בעזונדערע וואָלקענס זע-נען ניטאָ. איין גרויסע, ברייטע וואַסער-שטיק. לאַנג און ברייט אויס-געצויגען איז שולט אַזוי זיכער, אַזוי פעסט, אויף אַזוי לאַנג. איבער דעם איז גאָר ניטאָ.

ביים וועג פאָהרט דורך אַ פוהר פּאַמעליך. עמיץ געהט נאָך צו-פוס דעם פערד. אַ נאַסער איז דער פערד, אומגעלומפּערט הענגען אַרום די האָר ביי'ן האַלז. שטעלט פּאַמעליכע טריט, לאַנגזאַם, ווייל ער ווייס, אַז פון אייגענעם שטאַהל האָט ער שוין ווייט אָבגעלאָפען, ניט גרינג און גיך איז קומען צו איהם צוריק. זעהט עס אויס אַזוי אומגע-לומפּערט, נאַריש און איבעריג. בעסער ביי זיך אין שטוב, אין ווייטען דאָרף געזעסען. שלעפּט ער זיך נאָך אַזוי פּאַמעליך: איהם איז שוין אַלץ איינס.

פּלטיאל, זאָשע און חיענקע האָבען זיך ביים וועלדעל אָבגע-שטעלט. זאָסשע האָט אַרומגענומען פּלטיאל'ן און שכור'ליך, חצופה'דיש,

אויף אַ גוישען אופן געַ׳טנדעלט. חיענקע האָט אַרײַנגערוצען אין בית-
בודקע. בײַ׳ן טהיר האָבען זײ אַלע דרײַ זיך אָנגעקוקט, צוזאַמען דער-
פיהלט אַ אונבעשטימטע זאַך און זיך הויך צולאַכט. מאָדנע האָט
געלאַכט די אַלטע זאָשע. פון בודקע האָט פלטיאל אַרויסגעקוקט אויף
דער הוידע. ווילט זיך איהם אַרויפשפּרינגען און זיך פונאַנדער וואַר-
פען אין דער הויך. זאָשען מיט חיענקען וואָלט גאָר געלאָזען: ער
דאַרף איהר נויטיג דער אַלטער גויה... חיענקע איז געהען זײַן מײ-
דעל, מאָמעל קלאָפּ׳ס טאָכטער, נאָך נעכטען בײַנאַכט איז געווען בײַ
איהם עפּעס אַזוינס צו איהר. ערשט ניט.

— זי מעג זיך אָברעכען...

אַ רעגען מיט אַ פעסטערן ווינד האָבען זיך דורכגעטראָגען. וואו-
הין? נאָך וואָס? פון ערגעץ אַרויסגעיאָגט, נאָך עמיצען געאײַלט זיך,
יאָמערט עס, רײַסט זיך, שלאָגט קאָפּ אָן בוים, וואויעט:

— וועה, וועה...

פלטיאל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער הוידע, פערנאַנדער-
געוויעגט זיך, שרײַענדיג:

— אָי—דאָ— אוף! אָי—דאָ! — — —

שוין שכור׳ע זענען אַרויסגעלאָפען חיענע מיט זאָשען:

— לאָז אַרויף!

— האַלט!

זײ זענען אַרויף. בײַ איין ברעג האָט זיך געזעצט זאָשע און ניט
געריהרט זיך פון אָרט. פלטיאל מיט חיענע׳ן האָבען זיך געשטעלט
אײַנע ענטקעגען די אַנדערע. זײ זענען געווען שכור און קוים געהאַלטען
זיך אויף די פוס.

זײ האָבען זיך פענאַנדער געוויעגט. זאָשע איז געזעסען און
גלאַט אַזוי געשריען; דער קול איז אָבגעשלאָגען געוואָרען אָן רעגען און
אָבגעריסען זיך. חיענע מיט פלטיאל׳ן האָבען זאָרגלאָז און נאַריש
געריסען זיך:

— אָי דאַ!—אַ רעגען— אַ רע—גען— !

זאָשע האָט נאָכגעשריען:

— אַי! אַי! אַי! ——

בײַ יעדעם מאָל אײַנבויגען זיך, אַ שטוים צוטהון דער וויעג,
האָט חיענע ציניש זיך אַ-זעץ געטהון אויף זאָשעס קאָפּ און צולאַכט
זיך. אויסגלײַכענדיג זיך, האָט זי זיך בעריהרט מיט פלטיאל׳ן, און ער

האט זיך בעמיהט עס זאל ארויסקומען שקצישער . . .

פון ביער־הייזעל האט דער גוי בעמערקט , אז מען הוידעט זיך , איז ער צוגעלאפען :

— פיאטאטשאק !

פריהער האבען זיי גארניט געענטפערט . דערנאך , אז דער גוי האט עס איבער גע׳הור׳ט, האט געמאכט פלטיאל :

— טרעט אב , אוביו . . . .

— אוביו . . — האבען מיט א געלעכטער געשריען חיענע מיט זאשען און ווייטער געוויגט .

דער גוי האט געזעהן , אז ער וועט גארניט אויס פיהרען , האט ער העכער דעם קאלנער ארויפגעצויגען , איינגעטוליעט דעם קאפ , און צוגעלאפען צוריק צום ביער־הייזעל . געשטאנען איז ער און געקוקט . זעהענדיג די תנועות , בעריהרונגען און צערטליכקייטען פון חיענען און פלטיאל׳ן , האבען זיינע אויגען אויפגעלויכטען , ניט אבגעריסען זיך אויף קיין רגע , עפעס זינדיגעס געטראכט און געשמייכעלט . . .

פלטיאל האט עטליכע מאל אבגעלאזען די דראטען־שטריק און ארומגענומען חיענען און געקושט איהר . דער גוי האט געהאט מורא ער זאל ניט אראבפאלען איז ער צוגעלאפען :

— אפאסנא !

דערנאך האט ער געמיינט , אז ער וועט אפשר פון זיי פטור ווערען , האט ער א געשריי געטהון :

— דאוואלנא , דאי פיאטאטשאק !

זיי האבען גארניט געהערט , וואס ער האט גערעדט . געהוידעט זיך און געשריען . זיי זענען שוין געווען אינגאנצען דורכגעווייקט פון רעגען . געוויס האבען זיי עס ניט געפיהלט , זאשע האט שוין פון קיין זאך ניט געוואוסט , געזעסען , געקלאפט מיט די דורכגענעצטע פיס , גע־פאטשט מיט די הענד און געריסען זיך . . .

א רגע איז געשטאנען פלטיאל און גאר ניט געטהון , די הוידע האט נעוויעגט חיענע אליין . דערנאך האט ער זיך א נעהם געטהון מיט א קוראזש און פערנאנדערגעוויעגט גאר הויך .

ניט ווילענדיג , הוידענדיג זיך , האט איהם פערקראכען עפעס אויפ׳ן זכרון וועגען דעם , ווי אזוי מען איז ביינאכט , זייענדיג אויפ׳ן טראקט , א בויד בעפאלען , גע׳הרג׳ט מענשען . ס׳איז א מאדנע זאך דעמאלסט געווען .

פלוצום האָט ער פּעסט אַ נעהם געטהון אַרום חיענען, אַז זי האָט זיך פון שטריק אָבגעריסען. זיי ביידע צוזאַמען זענען פון גאָר דערהויך אַראָבגעפאַלען.

עס איז צוגעלאָפען דער גוי:

— גאַוואַריל אַפּאַסנאָ . . .

ביידע זענען זיי געלעגען, אויפ'ן נאַסען גראָז. פלטיאל האָט געעפענט די אויגען און זיך אַרומגעקוט. דער רעגען האָט איינגעשפּאַרט געגאָסען אויפ'ן פנים. ער האָט וועהטאָגדיג אָבגעקרעכצט. חיענקע איז געלעגען אונבעוועגליך. פלטיאל האָט נעבען זיך בעמערקט דעם גוי, האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאַנט, און געמאַכט:

— ניטאָ קיין צעהנער . . .

דער גוי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און פּאַר עפּעס מודה געוועהאַט. אַ הלאַסק רעגען האָט זיך אַראָבגעגאָסען, זיך ווייט אַוועקגעצויגען און מיט געטראָגען עפּעס זעהער אַ אַלטע, אַ אומעטיגע, אַ גרויסע זאַך. אויף צעהנדליגער וויאָרסטען פון הימעל ביז ערד האָט זיך דער רעגען געטראָגען. אויף דער הוידע איז געזעסען איין זאָסשע, ניט וויסענדיג פון קיין זאַך, אַליין, נאָך פון פריהערדיגען וויגען האָט זיך די הוידע בעוועגט אַהין און צוריק. זאָסשע האָט געפּאַטשט מיט די הענד און די פוס, זי האָט געשאָקעלט רעכט'ס און לינק'ס דעם קאָפּ און געשריען:

— אַ— אָ! אָ! אַ—אַ—אָ! ——

ה. כ—ן

דער וואַלד ברענט.

די פערדלעך זענען פויל געלאָפען איבער דעם צוגראָבענעם וועג, מיט די טיעפע קרומע גראָבענס. די זון האָט געבאַקט, און דער בעל עגלה האָט דרעמלענדיג געשאָקעלט זיך אויפ'ן פאָרענט פונ'ם וואָגען. די לופט האָט פון וויטענס געציטערט, פונקט ווי עמיצער וואָלט פון אויבען געגאָסען אויף דר'ערד עפּעס אַ זעהר לייכטע פליסיגקייט. פון די פעלדער האָבען זיך געטראָגען זיסע און פאַרנע ריחות פון ערשט אָבגעשניטענע תבואה, און פון דערבייאיגען טייכעל האָט געוועהעט מיט אַנ'אַנגענעהמער קיהלקייט.

שוין אַ שטיקעל צייט, זייט מיר זענען אַרויסגעפאָהרען פון הינטער די בערגלעך און דער וועג האָט זיך אויסגעצויגען... אַרום וואַלד, האָט זיך אין דער לופטען עפּעס אָנגעהויבען בייטען. דער פעלד-געדוך איז געוואָרען שווערער, שטיקענדער.

— עפּעס הערט זיך אַ סמאַל, איוואַן.

דער פויער האָט געדרעמעלט און האָט ניט געענטפערט.

— עפּעס אַ סמאַל פיהלט זיך אין דער לופטען, איוואַן. גיעב נאָר אַ קוק צו סמאַלען זיך ניט די אַקס.

— האַ? אַ סמאַל? ס'איז גאָר ניט, פּאַנאָטשעק, מסתמה אַ קוילען-ברענער, ניט ווייט.

די טויטע שטילקייט אַרום האָט מיך אויך פערוויעגט און איך האָב אָנגעהויבען דרעמלען. ווייט הינטער אונז זענען געבליבען די בערגלעך, וואָס האָבען ווי אַ געבויגענע געפאַרבט טעפּיך בעדעקט די ערד, דאָס טייכעל, ביי וועלכער דער וועג האָט זיך געדרעהט איז פערשוואונדען צווישען אַ רייהע זומפּען מיט פערזשאַווערטע רויטע וואַסער, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגען אַ פייכקייט פון אַ קעלער.

רעלטס בײַם װעג ציהט זיך אַן'אונענדליכער טונקעלער װאַלד, אַזאַ געדיכטער, אַז דאַכט זיך, קײן לעבעדיגע בעשעפעניש װעט זיך דורך איהם ניט דורכרײַסען. פון צײַט צו צײַט צורוקט ער זיך און לאָזט פלאַץ פאַר אַ װאַלד־לאָנקע, בעדעקט װאו מיט געדיכטע קופּעס, װאו מיט אײַנציג־צעװאָרפענע װײַסע און געלע בלומען־קעפּלעך.

און עפּעס װי ניט בעמערקטערהײד האָט דער װאַלד אינגאַנצען דעם װעג אין זיך אײַנגעשלונגען, — און אָט געהען שוין פון בײדע זײַטען צװײַ בוימער־װענד, הינטער װעלכע די איבערגעפלאָכטענע צװײַגען און װײַסע שלאַנקע שטאַמען פון די בערעזעס װעבען עפּעס אַ מין פער'כשפ'טען געפעל־נעצען.

פלוצלונג האָבען די פערד אָנגעהויבען אונרוהיג װערען. דערשראָקען האָבען זײ גענומען פיהרען מיט די אויערן און פון צײַט צו צײַט אונרוהיג חראָפּען. דער גערוך פון סמאָל, װעלכער איז געהאַט פערשװאונדען געװאָרען האָט זיך פלוצלינג שאַרף דורכגעזעצט דורך דעם פרישען זיסליכען װאַלד־ריח. איװאַן האָט אויפגעהערט דרעמלען, איז אַראָבגעשפּרונגען פון װאָגען און האָט אָנגעשטרענגט, װי אַ חיה װאָס דערפיהלט אַ שונא, אָנגעהויבען שמעקען די לופט.

— ס'ברענט ערגעץ, פאַנאָטשעק. ס'ברענט סאָסנעס. אין דער לופטען האָט זיך װירקליך געפיהלט דער שװערער ריח פון ברענענדע סמאָלע.

— אָבער מסתמא װײַט פון דאַנען?

— װער װײס, פריצ'ל.

און װי אַן'ענטפער אויף זײַנע װערטער האָט זיך פון װעג, װעלכער האָט פערקירעװעט לינקס, פלוצלינג דערטראָגען אַ הײסער װינט מיט אַ געדיכטען רויך פון אַ שרפה. דער פאַס הימעל, װאָס האָט זיך דורכגעשניטען דורך די שפּיצען פון די בוימער האָט בעקומען עפּעס אַ מאָדנעם בלײַענעם אָבשײַן און די זונענשטראַהלען זענען געװאָרען רויטע װי אָנגעגליהטע אײַזענס. פון ערגיץ האָט זיך דערטראָגען אַ פערטויבטער געראויש,

די פערד האָבען אָנגעהויבען שטאַרקער חראָפּען און געהן לאַנגזאַמער, עפּעס װי ניט װילענדיג. באַלד האָבען זײ זיך אינגאַנצען אָבגעשטעלט, און װידער זיך גענומען געהן, פונקט װי טראַכטענדיג צי לוינט זיך װײַטער פאָהרען. דער פויער איז פלוצלינג אַראָבגעשפּרונגען פון װאָגען.

—ס׳ברענט אַ וואַלד. דאַכט זיך אַז דער וואַלד ברענט.

—וואָס פאַר אַ וואַלד?

—דער פאַדאָמסער וואַלד ברענט דאַכט זיך. דער וואַלד וואו מיר פאָהרען, פריצל.

עפּעס האָט זיך מיר דאָס אויסגעוויזען אונגלויבליך. איך האָב געהערט וועגען וואַלד־שרפות. איך האָב וועגען דעם ניט איינמאָל געגלויבט און געוואוסט, אַז דאָס איז אַ שרעקליכע זאַך. אָבער אַז גראַדע דער וואַלד, וואו מיר פאָהרען זאָל ברענען, אַז די געפאַהר זאָל זיין אזוי נאָהענט, — דאָס איז מיר עפּיס אויף די געדאַנקען ניט אַרויפגעקומען.

—נאַרישקייטען, דאָס האָט דער ווינט אָנגעטראָגען. ס׳מוז ערגעץ וויים ברענען. לאָמיר פאָהרען.

— זאָל זיך דער אויבערשטער דערבאַרעמען. פאַנאָטשעק. די פערד זענען ווייטער געלאָפען, ווי וועלענדיג וואָס גיכער איבערלאָזען הינטער זיך די כמורע שווייגענדיגע בוימער. אין דער לופטען האָט זיך עפּעס אונגעוועהנליכעס געפיהלט, דער וואַלד אַרום איז נאָך שווייגענדיגער געוואָרען, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט איינגעהערט אין עטוואָס געהיימעס, וואָס איז נאָר איהם אַליין פערשטענדליך. און פון ווייטענס האָט זיך אַלץ געטראָגען אַ מאָדנער טומעל, פונקט ווי אַ שטאַרקער ווינט זאָל זיך רייסען דורך די געדיכטע בוימער.

פלוצלינג האָט זיך ווי אונטער די פערדס פיס אַרויסגעריסען אַ פוקס און איז אַ ווײַלע געלאָפען איבער׳ן וועג ניט קוקענדיג אויף אונז. באַלד נאָכדעם זענען דורכגעשפּרונגען עטליכע האָזען, אַ צומישטע קופּע פון פערשידענע פויגעל איז מיט צוטומעלטע קולות איבערגעפלויגען איבער׳ן וועג, דערנאָך נאָך איינע, און ווידער אַ קופּע.

דער פויער האָט גענומען מיט אַלע כוחות שמייסען די פערד, און יענע האָבען זיך געלאָזט לויפען שנעלער, אָבער באַלד האָבען ווידער אַנטלויפענדע וואַלד־חיות איבערגעשלאָגען דעם וועג. ווי אָנגעשלאָגענע הינד, מיט אונטערגעבויגענע עקען און אָפענע מיילער זענען שווער דורכגעלאָפען אַ פּאָר וועלף. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שהערער קגאַקען פון צווייגען אין דער זייט און עפּעס אַ גרויסער שוואַרצער קערפּער איז ברומענדיג פערשוואונדען געוואָרען.

די פערד האָבען אָנגעהויבען אונרוהיג הירזשען און זיך ענדליך אָבגעשטעלט.

ס'איז מעהר קיין ספק ניט געווען, דער פייער איז געווען ערגיץ ניט ווייט און די וואלד-חיות האָבען געזוכט זיך צו ראַטעווען.

אַ טיעפער שרעק האָט זיך אָנגעהויבען אַריינ'גנב'ענען אין האַרצען.

— נו, וואָס שטעהסטו, איוואַן, וואָס טרייבסטו ניט אָן?

— ס'איז אוננוצליך, פּאַנאָטשקו, די פערד וועלען ניט געהן, זיי האָבען מורא פאַר'ן פייער.

זיין אַפּאַטישער קול האָט מיך אויפגערעגט. אַה, דער אַפּאַטישער קול און דער גלייכגילטיגער אויסזעהן פון דעם ליטווישען פּויער! עפּעס אַזאַ אָבגעלאָזענקייט הערט זיך אין איהם, אַזאַ אונבעהאָלפּענקייט, פּונקט ווי אַנ'אָקס וואָס איז איינגעשפּאַנט אין יאָך און טראַכט גאָר ניט צו מ'דאַרף געהן, צו מ'דאַרף שטעהן: וואָס מ'וועט איהם בעפעהלען וועט ער סיי ווי מוזען טהון.

— וואָס זשע, מיר וועלען וואַרטען ביז דער פייער וועט אונז אַרומרינגלען און אָבבראָטען? קירעווע אוים די פערד. גיב זיי עטליכע שמיץ, יאָג צוריק!

אָבער דער פּויער האָט זיך ניט גערירהט פון אָרט.

— זעהט רען ניט דער פּריצ'ל אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו פאָהרען צוריק. ווען דער וועג צוריק וואָלט זיין אָפען, וואָלטען דאָך די חיות אויך געלאָפען.

ער איז געווען גערעכט. די וואַלד-חיות זענען ניט געלאָפען אָן דער זייט פון וואַנען מיר זענען געקומען, זיי זענען געלאָפען וואַלד-איין, אָבערשניידענדיג דעם וועג.

— ס'איז אוננוצליך צו טרייבען די פערד. זיי וועלען אַליין געפינען וואוהין צו געהן.

און ווירקליך, די פערד האָבען זיך אָנגעהויבען ריהרען. מיט אָנגעשטעלטע אויערען און אָנגעשטרענגטע אויגען האָבען זיי אָנגעהויבען פּאַמעליך, אַזוי ווי נאָכדענקענדיג צו איז דער וועג אַ ריכטיגער אַריינצוקירעווען זיך אין וואַלד. באַלד זענען זייערע טריט געוואָרען שנעלער, אַט לויפען זיי, און ווען דער ווינט האָט פון אַ זייט ווידער איבערטראָגען אַ געדיכטען פּאַס שטיקענדיגע ברענענדע לופט, האָבען זיי זיך געלאָזען אין גאַלאָפּ.

— — — — — — — — — — — — —

... אַך, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ לויפען! איך וועל איהם קיינמאָל ניט פערגעסען!

פון הינטען, פון אלע זייטען האט דער ווינט אליץ מעהר און מעהר געיאגט א שטיקענדען רויך און געטעמט אויף אונז ווי פון א קאַלך-אויווען. דער טומעל ארום געוואָרען אליץ שטארקער און פון ווייטענס האָבען זיך דערטראָגען ווי קנאַלען פון הארמאטען. אליץ אָפטער און אָפטער זענען ארויסגעשפרונגען פון אונטער די רעדער, פון אונטער די פים די וואלד-חיות. עטליכע מאָל זענען פאר אונז און אויף אונז געפאַלען דערשטיקטע פויגעל, וועלכע האָבען אנגעוואָרען די כוחות פליהענדיג,

די לופט איז געוואָרען אליץ שטיקענדער. א טרוקענער שווייס האט אנגעהויבען דורכשלאָגען אויפ'ן לייב. אט האָבען זיך אין דער לופטען אויף אונז דערהערט די ערשטע שארכען פון פונקען, ווי עמיצער וואלט ניט א נאָגעל געשנעלט אין א בויגען פאפיער.

די פערד האָבען אנגעפאנגען ווילד ווערען.

מיט פערוואָרפענע אויערן. מיט ברייט צובלאָזענע נעזלעכער, מיט ווייט ארויסגעשטארטשעטע, ניט זעהענדיגע אויגען האָבען זיי זיך ווי ווילדע טייוואָלים געטראָגען צווישען די בוימער. אונזער וואָגען האט געוואָרפען אין אלע זייטען. פיעל מאָל האט איהם א זעץ פון א בוים אָבגעוואָרפען אָן א זייט און מיר האָבען ריסקירט ארויסגעוואָרפען צו ווערען מיט צובראָכענע שארבענם. נידעריגע צווייגען האָבען אונז געשמיסען אין פנים. געריסען די קליידער און אראָבגעוואָרפען די היטלען. דער וואָגען האט געקרעכצעט און געסקריפעט, פונקט ווי ער וואלט אויך אנגעפיהלט געוואָרען מיט א ווילדען שרעק און אנגסט פאר דעם גרויזאמען פייער.

און דער פייער איז אונז נאָכגעלאָפען טריט ביי טריט. געהויכט מיט א פייערדיגען אָטעם אין די רוקענס, בעשאָטען אונז מיט פונקען און מיט קליינע ברענענדע האָלאָוועשקעם.

א קראָה האט זיך פלוצלינג אראָבגעלאָזען אויפ'ן וואָגען און איז געבליבען זיצען, ניט פרוּוועַנדיג זיך פליהען.

אנ'אונצעהליגע צאָהל קליינע חיות, האָזען, פוקסען, באַרסוקעס זענען געלאָפען נאָכ'ן וואָגען ווי א דערשראָקענע סטאַדע, און האָרט נעבען די פערד, פונקט ווי אין א וועט-לויף איז האַסטיג. מיט אנ'ארויסגערוקטען צונג, די געדיכטע הערנער פערוואָרפען אויפ'ן רוקען, געלאָפען א געלער הירש.

די פערד האָבען זיך געטראָגען ווי די טייוואָלים. אנ'אָקס האט

זיך אָנגעהויבן רויבערן, אַ ראָד האָט פֿון אַ זעץ געפּלאַצט און געהאַלבײַם אַראָבפֿאַלן.

— שנײַד אָב, די פּאַסטראָנקעס, איוואַן, לאָמיר זיך זעצן אויף די פֿערד!

נאָר ווער האָט אין אַזאַ טומל! דער וואַלד איז פֿול מיט אַ ווילדער קאָנאַנאַדע. דער הימל אַרום איז קופּעררויט. פֿײַערדיקע שאָטנס פֿון הויכע ברענענדע סאָסנעס שנײַדן דורך דעם וועג, און ס'הערט זיך אַ קנאַל פֿון די זאַפּטיקע הונדערט־יעריקע בוימער וואָס פּלאַצן. ס'הערט זיך אַ רודערן, ווי מ'וואָלט און מיוועד גרויסע באַק־אויוונס אָנגעצונדן סקירדעס שטרוי געמישט מיט אַטשערעט...

און אין קאָפּ איז איין געדאַנק: אָבשנײַדן די פּאַסטראָנקעס, איבערלאָזן דעם וואָגן אַרויפֿשפּרינגען אויף אַ פֿערד, און טראָגן זיך טראָגן זיך ווילד פֿערשטצירענדיק די צען אַזוי ווי ער דורך דעם העלישן פֿײַער־קרײַז.

כ'ווייס ניט ווי לאַנג מיר האָבן זיך אַזוי געטראָגן. אפֿשר אַ שעה, אפֿשר אַ יאָהר. ווער ווייס? ווער קען מעסטן די שעה'ן ווען אַלץ אַרום, ווען די לופֿט, ווען די צײַט אַלײן ברענט!

און ווער ווייס ווי אַזוי מיר זענען איבערגעקומען צו אַ וואַלדאָזערע? מיר האָבן ניט געקוקט, מיר האָבן ניט געזעהן. מיר האָבן זיך געלאָזט פֿיהרען דורך דעם בלינדען אינסטינקט פֿון די פֿערד, און זיי זענען דערלאָפֿן. מיר זענען אַ ביסל צו זיך געקומען, ווען די פֿערד האָבן פּלוצלינג אָבגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און אין אַ רגע אַרום האָט אונז אָבגעגאָסן אַ ברויזענדע געלע חוואַליע, וועלכע די פֿערד האָבן אויפֿגעשלאָגן, אַרײַנשפּרינגענדיק אין אָזערע מיט'ן וואָגן...

— — — — — — — — — — — — —

אַז מיר זענען צו זיך געקומען זענען שוין די פֿערד נעבן אונז ניט געווען. ס'קען זײַן, אַז זיי זענען צו טיף פֿעלאָפֿן און דער וואָגן האָט זיי אַראָבגעצויגן, אָדער אפֿשר האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אין איין האַסט אַרויסצורײַסן זיך פֿון וואַסער, און זיי זענען אין וואַלד פֿערברענט געוואָרן? ווער ווייס? מיר האָבן וועגן אונזערע רעטער נאָר איין מינוט געטראַכט.

געפֿהילט האָבן מיר נאָר איינס: מיר זענען געראַטעוועט. דאָס וואַסער איז דערגאַנגען ביז'ן ברוסט. דער פֿײַער האָט צו אונז ניט געקענט צוקומען.

און אויפגערעגט פון דעם וואָס מיר האָבען זיך פון זיינע הענד אַרויס־געריסען האָט דער פייער אַרום אונז אין אַ טייוועל־טאַנץ געדרעהט זיך.

זייט איהר אַמאָל געווען אין אַ פּאַלאַץ, וואו דער דיעל איז פון בלוט, די סטעליע פון קופּער און די ווענד פון פייער? זעלטען ווען אַ שטערבליכער געהט אַריין אין אַזאַ פּאַלאַץ און נאָך זעלטענער געהט ער פון איהם אַרויס.

אַרום אונז האָט דער פייער געבושעװעט. מיט רויטע זיילען האָט ער אונז אַרומגערינגעלט — ניין, מיט טויזענדער געדיכטע רויטע קאָלאָ־נעס, ווי אין אַ גהנום־טעמפּעל. אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים ברעג און האָט חמורנע בעטראַכט דעם פייער האָט אָנגעהויבען פּלוצלינג בעוועגען זיך. די בלעטלעך האָבען זיך צונויפגעדרעהט אין טייבלעך, די קאָרע האָט זיך צושפּאָלטען און איז אָבגעשטאַנען, דער בוים האָט אָנגעהויבען טרעשטשען און פּלוצלינג, פון זיך אַליין איז ער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ריעזיגע ליכט, מיט אַ ווייסען פייערדיגען קאָפּ און איבער'ן שטאַם האָבען אָנגעהויבען לויפען אַלץ גרעסערע און גרעסערע רויטע און בלאָהע צינגער.

ווי די נאַכט איז אָנגעקומען האָבען מיר ניט בעמערקט. נאָר דאָס וואַסער איז רויטער געוואָרען און די שפּיצען פון די ברענענדע ביימער העלער. די לופט איז אינגאַנצען פערברענט געוואָרען. ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. איבער'ן וואַסער האָט זיך ווי אַ געדיכטער טומאַן געטראָגען אַ געלער שטיקענדער רויך. פון צייט צו צייט פלעגט מיט אַ שטאַרקען זיפּען איינפאַלען אין וואַסער אַ ברענענדער שטאַם דער אַ גרויסע האָלוועשקע, און דעמאָלט פלעגט זיך אויפהויבען אַ דאַמפּף־זייל, דער אויבערשטער פּאַך וואַסער פלעגט וואַרעם ווערען און ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די אָזערע אַליין וועט באַלד אָנהויבען פּלאָקערען.

פּלוצלינג האָב איך דערפיהלט ווי עמיצער זאָל מיר שטאַרק צו־נויפקוועטשען דעם קאָפּ און לייכט, נאָר אונאויפהערליך ציהען אין דער הויך ביי די [illegible]. דאָס האָבען זיך די האָר געשטעלט און דערנאָך גע־נומען זיך קרייזלען אונטער דעם הויך פון דער היץ. איך האָב שנעל אונטערגעטונקט דעם קאָפּ אין האָב זיך געהאַלטען אונטער'ן וואַסער ביז דער אָטעם איז מיר ניט אויסגעגאַנגען.

מיין פויער האָט מיר נאָכגעטאָן, ניט רעדענדיג, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט.

און דער פייער איז אַלץ ניט געוואָרען קלענער. אפשר האָבען

מיר געמוזט אונטערטונקען די קעפ, און יעדעס מאל ווען מיר האבען זיי ארויסגערוקט פון וואסער פלעגט אונז די היץ און דער רויך פער־חאפען דעם אטעם. אבער די נויט לערנט אויס. מיר האבען אראבגע־ווארפען פון זיך די בגדים און האבען זיך מיט זיי איבערגעדעקט די קעפ, אטעמענדיג אונטער זיי ווי אונטער א נאסען דאך. דאס האט געהאלפען.

מיר האבען ניט געפיהלט אונזערע פערגליווערטע קערפער, מיר האבען ניט געפיהלט ווי דער ליימיגער גרונט פון דער אזיערע זייגט א ריין אונזערע פיס, מיר האבען ניט געפהלט די צייט, וואס איז פערגאנגען,

דער פויער האט עפעס שטיל געשעפטשעט און געקרעכצט. מסתמה האט ער געבעטען. איך האב צו גאט ניט גערעדט

יעדער געדאנק. יעדער געפיהל איז געווען צו שוואך אין פער־גלייך מיט דעם ארומיגען פייער־ים.

— — — — — — — — — — — — —

צום פריהמארגען האט אנגעהויבען קאפען א רעגען. שטארקער און שטארקער. און אט איז די גאנצע אזערע פערוואנדעלט געווארען אין א טאנצענדיגע נעץ, די ברענענדע בוימער האבען אנגעהויבען זיפען, דער פייער האט זיך געפרוב׳ט קעמפפען און האט זיך מיעד גע־מוזט אראבלאזען נידריגער צו די אויפגעגעסנע אין פערשרפ׳עטע בוי־מער־שטאמען, און איז ענדליך אויסגעלאשען געווארען. אפשר איז דאס געווען ניט אויף מארגען, נאר אין עטליכע טעג ארום, אדער אין אוואך ארום: איך ווייס ניט, איך האב ניט געצעהלט.

פערגליווערטע, זענען מיר פלומפ אזוי ווי ים־חיות ארויסגעקרא־כען פון וואסער אין זענען אהן כוחות אריבערגעפאלען אויפ׳ן ברעג. נאר לאנג האבען מיר ניט געקענט ליגען אויף דעם שרעקענס־ארט. מיר האבען זיך אהן א פלאן, אהן א ציעל, מיט דער איינציגער שטרע־בונג צו פערלאזען דעם וואלד־בית־עולם, געלאזען געהן.

די ערד איז נאך געווען הייס און צושפאלטען און האט געברענט די פיס. פון אונטער קופעס אש זענען נאך אין איניגע ערטער גע־שפרונגען בלאהע צינגעלעך. אזוי ווי די נשמות פון די טויטע בוימער. ארום און ארום זיינען געשטאנען שווארצע גלאנצעדיגע קוילען־פיענעס, אזוי ווי טויזענדער אלטע צופוילטע תליות.

אין וואלד גופא האבען מיר קיין טויטע קערפער ניט געזעהן.

דער פייער האָט אַפילו די ביינער אויפגעפרעסען. אָבער אויף די גרע־סערע לאָנקעס האָבען מיר זיי יאָ בעגעגענט . . .

אין איין אָרט. אין מיטען וואַלד אויף אַ לאָנקע האָבען מיר בע־מערקט אַ הויפען בערגעל אַש מיט אָבגעברענטע סלופעס. נעבען אַן איבערגעברענטער אייזערנער קייט איז געלעגען אַ הינטישער סקעלעט. פון דער אַנדער זייט שטיבעל זענען געלעגען עטליכע אָנגעבלאָזענע זאַ־בען. מיט רעשטלעך פון צוטליעטע קליידער. ביי איינעם איז געבליבען אַ טייל באָרד און פנים. אויף דער זייט וואָס איז געלעגען צו דער ערד. ס׳האָט זיך געטראָגען אַ ריח פון פערברענטע פלייש.

איוואַן האָט זיך געצלמ׳ט און געריפען צו גאָט און זיין מוטער.

איך האָב צו גאָט ניט געקענט רייידען . . .

ליטעראַרישע נייעס.

אזוי האט גערעדט צאראטהוסטרא פון פרידריך ניטשע.

איבערזעצט פון ר. ראקער.

צי איז פרידריך ניטשע צוגענגליך פאר די יודישע מאסען? אויף דער פראגע איז, נאטירליך, שווער צו ענטפערן. אויב אבער מיר ווילען קוקען אויף דער יודישער ליטעראטור, ווי אויף א ליטעראטור, וועלכע איז ניט נאר פאר די מאסען אליין נאר אויך פאר דער יודישער אינטעליגענץ — און מיר קוקען געוויס אזוי — איז די דאזיגע איבערזעצונג א העכסט פרעהליכע ערשיינונג.

דאס בעווייזט אז די יודישע ליטעראטור הויבט אן ארויסצוגעהן פון די גרעניצען פון פאפולאריזאציע און ביליגער קולטורטרעגעריי. מיר מיינען נישט צו זאגען, אז ביז דעם דאזיגען בוך איז נישט ערשינען קיין ביכער פון ענהליכער הויכער ליטעראַרישער גרויס, אבער דאך איז יעדעס נייעס בוך פון דעם מין ווערט, עס זאל בעגריסט ווערן, ווי עס פערדינט, בפרט אז דאס בוך איז ניטשעס „צאראטוסטרא".

וואס אנבעלאנגט דער איבערזעצונג, איז זי געמאכט געווארען פון רודאלף ראקער. ראקער איז בעקאנט מיט זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט אין די יודישע לאנדאנער אויסגאבען ווי מיט פיעל איבערזעצטע ווערק פון קראפאטקין, מעטערלינק און אנדערע. אז יודען פערלאזען זייער שפראך און פאלק און געהען אוועק צו פרעמדע ליטעראטורען, איז קיין וואונדער נישט. פערקעהרט, א וואונדער רופט ארויס דער, וואס בלייבט ביי זיינע און גיט אוועק אלע זיינע כחות אונז, און דערפאר שעצט מען אזעלכען ביי אונז אב, ווי מיר זענען געוואוינט אבצושעצען.

אבער אז א פרעמדער, אן'עכטער דייטש, א גלענצענדער זשורנאליסט, דענקער און גרויסער רעדנער זאל אוועקווארפען זיין רייכען דייטשען ליטעראַרישען טיש, און אפפערן זיין גאנץ לעבען דער יודישער ליטעראטור. — דאס געהער טאקע צו יענע זעלטענע ערשיינונגען, וואס מוזען אבגעשעצטווערען, בפרט אז זיין גאנצע יודישע ליטעראַרישע טעטיגקייט איז דורכגעדרונגען מיט טיעפער ערנסט, איבערגעבענער ליעבע און הויכען אידעאליזם, אויך די איבערזעצונג פון „צאראטוסטרא" צייכענט זיך אויס מיט די דאזיגע אייגענשאפטען. מיר האבען איצט ניטשעס בעסטעס ווערק אין אן'עכט-קינסטלערישער אמת'ער און טרייער איבערזעצונג, און מיר ווינשען דעם בוך דעם ערפאלג, וועלכען ער פערדיענט.

Ред. Изд. И. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То. 4.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.